STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00209

MILHOME

Peretz Markish

Permanent preservation of this book was made possible by Louis N. & Stefanie Seltzer

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פרץ מאַרקיש

מלחמה

פיר טיילן • אין צוויי בענד

צווייטער באַנד

איקוף פאַרלאַג

נ י ו - י א ר ק

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף פון,

ליפּע און בעלאַ פעלד

אין אָנדענק פון זייער ברודער

ז ל מ ן   פ ע ל ד מ אַ ן

א ו ן   ז י י ן   פ אַ מ י ל י ע

וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די
היטלעריסטישע מערדער אין לאָדז.

PERETZ MARKISH

MILCHOME

Published by
YKUF-FARLAG
New York, 1956

Printed in the U.S.A.

209

III

סטאַלינגראַד

1. ביי דער וואָלגע

I.

דעם דאָן איז דורכגעגאַן סאַדאָווסקי ביי דער נאַכט,
די פינצטערניש אויף זיך געטראָגן, גלייך ווי טרויער.
ס׳האָט פייער נאָכגעיאָגט פון בלאָנדזשענדיקער שלאַכט,
וואָס האָט מעת־לעתן נאָכאַנאַנד געדויערט.
אויף שיפלעך אָנגעלאָדן איילִיק דעם אָבאָז
און פערד אויף קרעכצנדיקע קאָרמעס צוגעבונדן.
צום צווייטן ברעג, דורך פינצטערניש געלאָזט,
איז מען געשוואומען, זעענדיק זיך מיט די גרונטן.
אַ גרייזע האָט געקוקט די וואָלגע אין דער ברייט,
דעם ברעג אין צאָרן וואָיענדיק געביסן.
איבערגעפולט פונקט ווי אַ כוס מיט לייד,
האָט זי אויף גאָרער ווייט געטאָן צו וויסן,
אַז ס׳איז דער הימל ביז צום גרונט ביי איר באַשטאַט,
אַז ס׳וועלן אויספליעסקען זיך שטערן קעגן קלעמער.
געקומען איז סאַדאָווסקיס טייל קיין סטאַלינגראַד —
די שוץ אויף איינע פון די פאָרשטעט צו פאַרנעמען.

II.

אַ שוואַרצער וואַלד האַרמאַטן אויפן סטעפּ,
טאַבונען שוואַרצע לויערדיקע טאַנקען,
די ערד צעקייענדיק מיט גרילציקן געהעפּ,
פאַרוואָרפן אין דער וואָלגע ברענענדיקע אַנקערס.
פון דאָרף צו דאָרף, מיט שרפות אין דער ברייט,
קיין ביימעלע קיין איינציקס ניט געמיטן,
אַ האַלבער הימל כמאַריק זיי באַגלייט
מיט שוואַרצע יונקערסן, מיט שוואַרצע מעסערשמיטן.
פון צען פאַרקנעכטיקטע מדינות דאָס געווער,
פון זייטן דריי מיט פייערדיקע קלאַמערס,
שוין אויפן גאָרגל טרעטנדיק, פאַרטויבט און שווער,
אַראָפּגעלאָזט זיי האָבן אָנגעגליטע האַמערס.
און דריי מאָל הונדערט טויזנט מאַן,
וואָס האָבן זיך געכפלט יעדעס מאָל דאָרט,
זייַען פאַרשיכורט־שטאָלץ און האָפערדיק געגאַן
אַראָפּוואַרפן דאָס רויטע חיל אין דער וואָלגע.

III.

געוואויגן ביי דער וואָלגע האָט זיך דייטשלאַנדס רום,
האַלב־רונדיק אָנגעוואַלגערט, פעסט און אומגעוואַקלט.
מיט גיר פאַרזויגנדיק דעם סטעפּיקן אַרום
אונטערגעפירט האָט גאַווהדיק גערמאַניע דעם סך־הכל
פון לענדער צען דערוואָרגענע אין יאָך,
פון קרוינשטעט אויפגעפרעסענע אין פלאַקער.
אָן אָנגעשיכורטע מיט חורבן און מיט בראָך,
אונטערגעפירט האָט זי דעם טייוולשן סך־הכל
פון גאַנצע געגנטן, פאַרוואַנדלטע אין אַש,
פון קייטן, אָנגעטאָן אויף גאַנצע קאָנטינענטן,
און קוויקנדיק זיך מיט האַרמאַטן־רעש,
האָט זי צו סטאַלינגראַד, אַ זיכערע, געגנע׳נטערט.
פונדאַנען אָט, פון סטאַלינס שטאָט,
וועט זי דער גאַנצער וועלט די געלע לאַטע אָנטאָן.
און פון געוועלטיקייט אָנבערעגיקער זיך האָט
גערייכערט אַרום איר אַזאַ פאַרבלענדנדיקער פלאָנטער.

IV.

און ביט געזען האָט זי, ווי ס׳איז מיט אַ באַזוך
געגאַן שוין פייערלעך דער טויט אַראָפּנעמען אַ מאָס איר.
געבלעטערט האָט זי דאָס בית־עלמין־בוך
פון איר צעבליטער בלוטיקער הכנסה,
און אויסגערעכנט פונקט און אַקוראַט
דאָס בלוט, די קברים און די גרוילן —
אַ צלם אויף אַ זייט, אַ צלם אויף אַ בלאַט:
אָט ליגט טשעכאָסלאָוואַקיע און דאָס דערשטיקטע פּוילן . . .
ווי ציפער רוימישע — די תּליות, דורך אויף דורך.
צי ס׳איז אַ ווינט צי פון די ביינער אַ געהאַווע?
עס רודערט זיך אין דעם בית־עלמין־בוך
ס׳באַזיגטע פראַנקרייך און די שטאָלצע יוגאָסלאַוויע . . .
און זייט נאָך זייט און בלאַט נאָך בלאַט
גיט איינע צו דער אַנדערער אַ ריס זיך.
און איצט, ווי מיט אַ רויטן שטעמפּל „סטאַלינגראַד״,
וועט זי דאָס בלוטיקע בית־עלמין־בוך פאַרשליסן.

V.

זי האָט אין הינערפלעט געקוויקט זיך מיט די פּרוכט
פון אירע זיגרייך־דורכגעגאַנגענע האַרמאַטן.
געשוועבט אין שרפהדיקן אַש האָט איר געבורט
דורך בלוטיק־פייערלעכע ציפערן און דאַטן

פון צוויי יאָרצענדליקער זיך גרייטן צום באַפאַל
און גרינטלעך סדרן פון רויב און מאָרד דעם מאָלצייט.
עס האָט זיין מאַיעסטעט — דער קאַפּיטאַל —
פון איר אַ גולם ביי דעם ריין זיך אויסגעשמאָלצן.
ער האָט זי אויסגעריכט פון גיפט און שטאָל,
אַריינגעהויכט איר מאָרד אין יעדן אָדער.
פון אַלץ, וואָס קאָן פאַרניכטן מיטאַמאָל,
האָט ער זי צו פאַרדאַרבונג אָנגעלאָדן.
געגעבן איר אַ קעניגלעכע האַק האָט ער,
און ביי טרומפייטן־קלאַנג דערלאַנגט אַ שטריק איר,
זי זאָל מיט אים דעם האַלדז פאַרציען פון דער ערד,
די פרייהייט מיט די הענט די שטאָלענע דערשטיקן.

VI.

ער האָט זי אויסגעקנאָטן גרינטלעך און באַדאַכט,
פאַרווענדט די וויסנשאַפט פון דורות גאַנצע —
אימשטאַנד זיין קעפּן לענדער זי באַדאַרף,
זי דאַרף זיין גרויס און גרויזאַם און געפאַנצערט.
עס האָבן איר צו דעם קיין שטאָפן ניט געפעלט,
און ניט געפעלט צו דעם האָט קיין געווער איר.
געגאַנגען זיינען שיפן פון דער נייער וועלט
און פון דער אַלטער בריטישער אימפעריע.
געגאַנגען זיינען שיפן דורך דעם ים
מיט פאָנען אָנגעצויגענע, ווי שטאָרן —
געגאַן, געלאָדענע מיט כראָם און מיט וואָלפראַם,
מיט קאַוטשוק, מיט מאָליבדען און מיט מאָטאָרן.
אָט מאַכט דער גולם שוין דעם ערשטן טראָט,
אָט גיט ער אַ באַלעק זיך שוין, דער גולם,
שוין גרייט געמאַכט אין שפּאַן אים זיין באַשעפער האָט
און אויפגעשפּאַרט צו גיר צו בלוטיקן דאָס מויל אים:

VII.

— גיי פרעס! פאַרדאַרב! רייס אויף!
אויף אומגליק גיי! לאָז מיטן טויט זיך אין געוויכער! —
און אויף דער ערשטער פייערלעכער פּרוּוו
דערלאַנגט מע האָט אים גלייך טשעכאָסלאָוואַקיע אין מינכען.
ער האָט זי איינגעשלונגען. שנעל. מיט דראַנג.
באַקומען איז עס גוט און וואויל אים.
נאָר אויך די האַנט, וואָס האָט עס אים דערלאַנגט,
האָט פון די ציין שוין ניט אַרויסגעלאָזט דער גולם.
ער האָט זיך אויפגעשטעלט אין בליץ פון העק,

דעם קאָפּ פון גאָר דער וועלט דערלאַנגען זיך באַפוילן,
און קיינעם האָט שוין דאָן קיין כוח ניט געקלעקט
זיך צו פאַרמעסטן מיט דעם גאָר און גיר פון גולם.
ס׳האָט דאָס באַשעפעניש — ווי ס׳טרעפט אַמאָל —
איבערגעשטיגן דעם באַטראַכט פונעם באַשעפער
און האָט דעם שוואַרצן פּיסק פון בליי און שטאָל
אויף אים אַליין צעעפנט.

VIII.

ווער שטייט אים נאָך אין וועג צו מאַכט און רום?
פאַר וועמען היטן זיך? וואו לאָקערט די געפאַר אים?
געקוקט אויף אים האָבן פון אומעטום
מיט טויט־אורטייל אויף ערד אויף גאַרער קאַמונאַרן ...
האָט ער פון לאַנד צו לאַנד זיך גיין געלאָזט
מיט פיס מיט אייזערנע זיי וואַרגן און צעטרעטן:
זאָל זיין פון גרויסקייט זיינער — בלוט די מאָס!
און אַש פון שטעט — דער צייכן פון זיין שטח!
פון זיין געוועלטיקייט דער גייסט — זאָל זיין די פעסט!
און פון זיין שטאַם דער גראַד — בית־עלמינדיקער אַפּפאַל!
נאָר ס׳האָט פון אומעטום פאַרפאָלגט אים דאָס געשפּענסט —
ס׳געשפּענסט, וואָס „בלאָנדזשעט אין איראָפּע״,
ס׳געשפּענסט, וואָס דאַרף אים אָפּווישן פון דר׳ערד
און איבערשטרייכן אים אין דער געשיכטע.
דערווייל האָט ער מיט בראַך און חורבן זיך גענערט
און זיך געקוויקט מיט בלוט און מיט פאַרניכטונג.

2. דער קאָבזאַר

I.

געבלאָנדזשעט אַ קאָבזאַר האָט איבער סטעפּעדיקע וויטן
און אַ פאַרבלאָנדזשעט פערד באַגעגנט ביי דעם ראַנד:
— קאָזאַקיש פערד, דו זוכסט דיין טרייען רייטער?
דו זוכסט דיין באַלעבאָס? ער איז פאַראַן!
אַריינגעגאַן אין שטאָט איז ער באַצייטנס,
עס האָבן אָדלערס אויף די פליגל אים אַהין געבראַכט.
ער איז פאַראַן, דיין טרייער, גוטער רייטער,
צווישן די בראָכשטיקער פון שטאָט ער ליגט אין שלאַכט,
און בלוטנדיקערהייט ער טאַפּט דאָרט אָן די ווענט,

איעדער שטעג אַנטפּלעקט זיך אים אַליין,
דריי מאָל ניט צוטריטלעך איז ער אין די געשלעגן
פאַר יעדן איינגעפונדעוועטן סטאַלינגראַדער שטיין. —
קאַפּויר אַ שטעל געטאָן אויף פּיס אויף צווי זיך
האָט לייכט און שנעל דאָס פיבערדיקע פערד
און האָט אַ שפּרונג געטאָן איבער אַ באַרג פון מתים
און צו דער שטאָט — שוואַליאַם, ניט אַנרירנד די ערד.

II.

און ווייטער בלאָנדזשעט דער קאָבזאַר איבער די וועגן,
מיט שטעקן אויסגעשטרעקטן טאַפּנדיק דעם רעש,
עס קומען ווינטן רויכיקע אים אָן אַנטקעגן
און שיטן אים די בלינדע אויגן אָן מיט אַש.
אַנטקעגן שווינדלען דורך די אָפּגעברענטע סטויגן
און קריפּלען שטאָלענע, געצייכנטע פון בראַך;
פון זיינע אויסגעלאָשענע פאַרמאַכטע אויגן
פאַרשווינדט קיין שאָטן ניט אָן אַ פאַרשפּראַך.
אַ בוים אין וועג מיט אָפּגעברענטע צווייגן,
און קראָקוועס טאַרטשענדיקע אָן אַ דאַך,
און קינדער היימלאָזע פאַרדאגהט,
און דער צעגראָבענער דער הוילער שליאַך...
צו גריבער אויפן פעלד קלעפּן די זאַנגען זיך ווי ברעמען,
זיי זיינען אויך ווי אויגן אויסגעשטאָכענע פון דר׳ערד,
און בלינד אַליין זיך אין דער זייט זיי נעמען
פאַר דעם קאָבזאַר, וואָס בלאָנדזשעט דאָ דורך טעג און נעכט...

III.

עס ברענט דער האָס, עס ברענט דער צאָרן,
און דער קאָבזאַר דערזעט דאָ בלינדערהייט
ביים ניט געשניטענעם, צעבליטן קאָרן
פאַרשניטן וואַלגערן זיך די, וואָס האָבן אים געזייט,
מיט מיילער צו דער ערד, ווי עפּעס וואָלטן זיי פאַרטרויט איר
און איינגעגראָבן זיך אין איר מיט בלוטנדיקע קעפּ.
וואוהין זיינען אַוועק די ימען גינגאָלדענע ברויטן?
ווער האָט דאָס ליד דאָס גאָלדענע געפאַנגען פונעם סטעפּ?
בלויז פערד מיט בייכער אויפגעריסענע זיך קאַטשען,
פונקט ווי אויף פאָלעוון פאַריאָגטע, אין געפּענט.
ער זעט אין קאָרן אַ דערמאָרדעטע קאַזאַטשקע,
אַרומגעכאַפּט דאָס פעלד מיט אירע טויטע הענט,
פון פינגער ניט אַרויסגעלאָזט די זאַנגען,
פון האַרצן ניט אַרויסגעלאָזט דעם וויי,

ווי זי וואָלט טויטערהייט פאַר זיי זיך נאָך געראַנגלט
און טויטערהייט ניט צוגעלאָזט דעם פּיינט צו זיי.

IV.

דער סטעפּ זיך וויגט פון וויי און צאָרן,
און ס׳קרעכצט דאָס פעלד פון פרעמדלענדישע טריט.
מע פירט נ׳געפענקעניש די גאָלדענע קאַיאָרן,
אין טרויער גייען נאָך די טעג פון שניט . . .
דאָס גראָז איז גרייז, קיין ביימל מער ניט גרינט דאָרט.
און דער קאָבזאָר דערזעט : צום סטעפּ געשמידט,
צופוסנס ביי די שאָף, צופוסנס ביי די רינדער,
געשאָכטן ליגן די, וואָס האָבן זיי געפּיטערט און געהיט,
און ווי אַ ברענענדיקער דאַך זיך וואַלגערט דער באַגין דאָרט,
איז גיט מיט ווי זיך דער קאָבזאָר איבערן אַש אַ לאָז.
ווער האָט דאָס מילדע פעלד פאַרוואַנדלט אין אַ צווינטער,
וואו ס׳שרעקט זיך די הרוגים צודעקן דאָס גראָז ?
עס לאָזן כמאַרעס זיך, ווי טשערעדעס, פאַריאָגטע אָן,
און ווינטן ברייענדיקע קומען אָן אַנטקעגן.
ציט גייט איר, ווינטן, ניט פון שטילן דאָן ?
צי טראָגט איר ניט מיט זיך קיין מבולדיקן רעגן ?

3. אַש פון סעוואַסטאָפּאָל

I.

עס וועבט אַ נאַכטיגאַל קיין נעסט זיך ניט ביים ים,
דעם ברעג פאַרוויגן ניט קיין טרויעריקע טרעלן,
נאָר אַז קאַרעלין רירט זיך צו צו דעם באַיאַן,
לייגט זיך אַ שטילקייט אויף דעם צושלאָג פון די וועלן.
ער בייסט מיט קוילן־לענטע איין זיך, ווי מיט ציין,
און מיט דער האַנט דער טאַטואירטער אַ צעלאָז זיך :
— נו, גיב זיך, מזל, אַ צעפן און דערצייל,
דערצייל, צוויי־רייאיקע, דעם טרויער פון מאַטראָסן !... —
אויף בערג ווערט שטילער און פאַרקלערטער נאָך דער שניי,
קיין צאַם ז׳אין ערגעץ פאַר קאַרעלינען נישטאָ מער.
די פרימע גיט זיך ווי אַ מעווע אַ פאַרגיי,
און מיט די בעס גיט ער אַ ריס פאַר דער נשמה.
די שלאַכט איז אויך פאַר אים אַזוי ווי דער באַיאַן,
ניטאָ קיין צאַם פאַר אים אין ערגעץ ביזן הימל.

געזעגנט האָט זיך שטיל קאַרעלין מיטן ים,
און מיט די בערג זיך שטיל געזעגנט מיט די קרימער.

II.

אַ װעלכער פויגל לאָזט ביים אַפּפּליען אין האַרבסט
זיין ליד אין װאַלד צװישן די אָפּגעפליקטע ביימער?
געלאָזט קאַרעלין צװישן קברים האָט זיין האַרץ,
אַהער זיך אומקערן צוריק װעט װי אַהיים ער . . .
עס גיט זיין קינדהייט אַ דערמאָן זיך אַלעמאָל,
ער זעט זי איצט — געיאָגט אונטערן עול גיין
איבער די רױשנדיקע װעלדער פון אַריאָל,
װאָס פון געפאַנגענשאַפט זיך רייסן צו דער װאָלגע.
מיטן שינעל האָט ער פאַרדעקט זיך דעם בושלאַט,
די בעסקאָזירקע ער אין בוזעם האָט באַהאַלטן,
און אַלץ דאָס איבעריקע שנעל האָט ער באַשטאַט,
אַז צו דער צייט זאָל עס פונסניי זיך אַ צעשטראַל טאָן.
איז מיט אַ טרער מיט אַ דערװאָרגענער, אָן רעש
האָט אויפגעהאַנגען דעם באַיאָן ער אויף אַ טאָפּאָל,
געטאָן אַ קוש פון באַטאַריי האָט ער דאָס אַש
און אַ פאַרזאָרגטער זיך צעשיידט מיט סעװאַסטאָפּאָל.

III.

פאַרבראַכן אונטערװעגס האָט אים באַגעגנט דאָס געװיקס,
װאו ס'גייט דער האַרבסט מיט גאָלד זיך ערשט אַדורך נאָר.
געגלעט קאַרעלין האָט דעם רימען פון זיין ביקס,
אים האָט געדוכט, ער הערט דעם טרויעריקן „אוכניעם" . . .
װי טיף פאַרהיט דאָס טרויער־ליד דו האָסט
מיט קרעכץ אין כװאַליעס, מאַמע װאָלגע! . . .
דעם טעם פון טרויער און פון פרייהייט אָן אַ מאָס
האָט ער, אַ יונג, פאַרזוכט צום ערשטן מאָל דאָ.
צום ברעג פון װאָלגע האָט ער איילנדיק געשפּאַנט,
איבער די שאַרבנס פונעם דייטש זיך פונדאָסניי אָן איב טאָן.
דאָרט האָט ער אויף זיין מוסקולדיקער האַנט
דעם נאָמען אויסגעטאַטואירט פון זיין געליבטער.
איז אַ מעלויצע טאָן ער װעט פונסניי זייערע קעפּ,
זאָל ער די שטרעקע גיכער שוין אַדורך נאָר.
דעם גאַנצן װעג איבער דעם ברענענדיקן סטעפּ
האָט אים מיט פיין פאַרפאָלגט דער טרויעריקער „אוכניעס" . . .

IV.

צי שפּאַנט דאָרטן ניט איין דאָס גאַנצע פאָלק דער דייטש
אין באַרזשעס, אָנגעלאָדענע מיט רויב און גזילה,

און פון אונטער דער הפקר־שמייסנדיקער בייטש
צי טראָגט זיך ניט דער קרעכץ צום ים איבער די היילן?
צי פירט ער דאָרטן ניט די טעכטער אין געפענג,
די קעפּ אַראָפּגעלאָזט, געשענדט און איינזאַם,
און אויף דער גאַנצער ברייט און אויף דער גאַנצער לענג
צי טראָגט ניט אויפן סטעפּ זייער געוויין זיך?
צי הוליען דייטשן ניט, פאַרשיכורט אין געפּעכט,
מיט בלוט פון טאַטעס, קינדער און פון זיידעס,
און קוויקן זיך ניט סקריפּ פון תליות ביי די נעכט,
וואָס זיי האָבן אויף וועגן פרידלעכע פאַרזייט דאָ?
צי ברענען זיי דאָרט ניט אויף שייטערס לעבעדיקערהייט
מאַטראָסן לייבלעכע, געפלעטע רויטאַרמייער?
אַן אומעט איז אין סטעפּ, קאַרעלין גייט,
און מיט אַ טרער אין האַלדז דערשטיקט אין זיך דעם ווי ער.

V.

דער טייך זיך וויגט אין ברויז און אין באַוועג,
דערוועקט פון אויפרייסן און גרויזאַמיקע שאָסן.
צי איז די וואָלגע ניט אַרויס דאָ פון איר ברעג?
צי האָט די וואָלגע זיך פון צאָרן ניט צעגאָסן?
ער זעט פונוויטן דעם געווימל און געדראַנג —
געקניפּטע פליטן, שיפלעך און פּאַראָמען.
עס שטעלט דאָס פייער דעם מאַטראָס ניט אָפּ אין גאַנג,
אין וועג קיין שטערונג איז קיין אַנדערער ניטאָ מער,
און די פאַרפּלייצונג כוואַליעט זיך, דאָס פייער שטייגט,
ביי יעדער באַרזשע שוויבלט און סע גריבלט,
און מענגעס — פול מיט ביקסן און געצייג.
צי בויט מען זי, די שטאָט, צי אָקערט מען זי איבער?
אויף יענער זייט באַלייגטן, שפּרודלדיקן טייך,
וואו ס׳רייסן זיך געשלעגן בלוטיקע און העלע,
אַהין זאָל מען אים איבערוואַרפן גלייך,
ביים שטאַב אָן ווערטער זיך דערשלאָגן האָט קאַרעלין.

VI.

די וואָלגע דורכגעגאַן איז ער אויף אַ פּאַראָם
באַנאַנד מיט דאַמף־שיפלעך און פאַרמאַסקירטע באַרזשעס.
און ניט באַמערקט האָט ער, אין וועלכער זייט ז׳דער שטראָם —
געשטראָמט האָט ער — דעם צווייטן ברעג געוואָרט שוין . . .
אַן אָנווייזונג צום קאַפּיטאַן סאַדאָווסקי — אין בושלאַט,
פאַרצערנדיקער רויך און פלאַם — אין די שוואַרצאַפּלען.
דער אָנזאָט אויפן טייך האָט אויסגעזען ווי שלאַק,

געהויבן כוואַליעס האָבן זיך, ווי שטאַפּלען,
די שיפלעך אויפגעוויגט, מיט קרעכץ דעם אומרו זיי פאַרטרויט,
פאַרשוועבקט די בייכעדיקע באַרזשעס און די פּליטן,
און מיט אַ טויבן הירזש פון פליענדיקן טויט
געטראָגן איבער זיי זיך האָבן מעסערשמיטן.
נאָר ניט געפּרואווט קאַרעלין אָנבייגן זיך האָט
און ניט געהערט פון שוואַרצע פייגל די מהומה.
אונטער די פייערדיקע פאַרהאַנגען געזוכט האָט ער די שטאָט
און איז צו איר, ווי צו זיין גורל, שטויגענדיק געשוואומען . . .

VII.

געפאַלן איז די נאַכט. נאָר ניט דערלאָזט
דער פלאַם פאַר איר אין ערגעץ האָט קיין רו ניט.
באַרוישט, געזען פון ווייט האָט דער מאַטראָס
צום הימל שטייגן פייערדיקע דיונען,
וואָס עגבערן דעם רוים אין בלענדיקן צעשאָט
און טראָגן זיך אַרום פון פלאַך צו פלאַך דאָרט,
און דאָס איז זי געווען, די ברענענדיקע שטאָט,
די אויסגעכאַוועטע אין אומגעהערטע שלאַכטן —
אָבער פון בליי דער מבולדיקער גאַס,
וואָס האָט געפלעט די שטאָט צופוסנס און צוקאָפּנס,
האָט אויף קיין רגע ניט געקאָנט פאַרהאַלטן דעם מאַטראָס.
געגאַן איז ער דעם טרויער־וועג פון סעוואַסטאָפּאָל,
ניט אָפּגעווישט דעם שטויב, ניט אויסגעטאָן ס׳געווער,
די וואונדן — איינגעוויגט, דעם ברויז — פאַרטייעט,
אַדורך די וואַלגע, ווי פלאַמיקן באַריער,
און איז אַריין אין סטאַלינגראַד ווי אין אַ ים פון פייער.

VIII.

ער האָט ניט אָפּגעשטעלט אין ערגעץ זיך אין וועג,
זיך אויף קיין אויגנבליק אין ערגעץ ניט פאַרהאַלטן.
דער הימל — דורכגעלעכערט פון געשלעג,
די ערד די אַשיקע — צעהריזעט און צעשפּאָלטן.
געשלאָגן האָט זיך הויז מיט הויז,
געשלאָגן האָט אַ גאַס זיך מיט אַ צווייטער,
און ווי אַ ים אין שטורעם האָט דער פלאַם געברויזט
אין גאַר דער לענג, אין גאַר דערברייט דאָרט.
געריסן האָט דאָס פייער כמאַרעס פון דער הייך,
און פלאַם געשפּאַרט האָט פון די טיפן,
און ווענט האָבן געשליידערט זיך אין רויך,
ווי ברענענדיקע מאַסטביימער פון שיפן —

און דער מאַטראָס געגאַן איז גראַד,
די אויגן — בליצנדיק, מיט בלוט פאַרטראָפנט:
אַ גרוס צו דיר פון ימען, סטאַלינגראַד!
פאַרנייגט פאַר דיר ז'דאָס אַש פון סעוועסטאָפּאָל!

4. די ברכה

I.

אַוועק אין קריג מ'איז פון פאָלטאַווע זאַלבעדריט:
וואַסילי דראָזד, זיין ברודער און קאַרעלין.
געהאַלטן זיך אינאיינעם, טריט ביי טריט,
אויפן וואָקזאַל צו צווי קוואַרט ביר געלאָזט באַשטעלן.
נאָר ס'האָט קאַרעלין זיינע פריינט פון אָנהייב אָן פאַרלאָזט,
זיין גורל ערגעץ האָט ביים ים געוואַרט אים.
ער איז געווען אַ הויכער, אַ ברייטבייניקער מאַטראָס
מיט אויגן גרינבלעכע און האַלב־פאַרמאַכטע.
צוויי גלייכע שורות פעסטע ציין,
ווי ווייסע קלאַווישן פאַלירטע,
האָבן מיט בלענדיקן און העלן חן
באַלויכטן שטענדיק דאָס געזיכט אים.
געבוירן ערגעץ אין אַריאָל,
זיך אויסגעכאַוועט ביי אַ וואָלגער האַפן,
איז ער דאָס לאַנד אַדורכגעגאַנגען וויפל מאָל,
נאָר ס'האָט אַ חברטע פאַרפירט אים קיין פּאָלטאַווע...

II.

האָט ער אַליין זיך אָפּגעגעבעטן צו דעם ים,
מיט פריינט מיט האַרציקע מיט אַלע זיך געזעגנט,
אויף אַקסל אָנגעטאָן דעם האַרציקן באַיאַן,
און ס'איז זיין וועלט אַרויס צו אים אַנטקעגן...
באַגעגענען ער וועט אפשר אין וועג אַן עשעלאָן,
וואָס ס'פירט מיט אַ ניט־צוטריטלעכן שטאָלץ זיין פאָטער,
וועט ער אַראָפּנעמען די הוט, אים געבן אַ זאָג אָן,
אַז אומגעקערט מע האָט צוריק אין פלאָט אים!
זיין פאָטער איז אַ גוואַרדיע־מאַשיניסט געווען,
דריי פערטל פון זיין לעבן האָט אין וועג פאַרבראַכט ער.
געזען האָט ער דעם פאָטער זעלטן־ווען,
נאָר כבוד אויסגעהיט צו אים און אַכטונג,
ווי אויסגעהיט האָט כבוד אים דער גאַנצער וועג,

וואָס איבער אים האָט ער געפירט זיינע מאַרשרוטן.
אַרויסבאַקומען שטילקייט פונעם גרעסטן רַעַש ער פלעגט
און זיך מיט איר באַטרינקען, ווי מיט ווײַן מיט גוטן.

III.

אין די בגדים, אויסגעגלאַנציקטע פון אייל,
האָט זיך זיין שטאָלץ און מאַיעסטעטישקייט געלאָזט דערקאָנען.
די סיווע וואָנצעס האָבן שאַרף זיך אויסגעטיילט
אויף זיין, גלייך ווי מיט טוש, באַהויכטן פּנים.
זיינע באַפּעלן קלינגען איבער יעדן שרייפּל אָפּ,
אַ יעטווידער באַפעל — אויף וואָגשאָלן פון צייט איז אָפּגעוואויגן.
און אַז ער גיט אַ שטעק אַרויס דורך פענצטערל דעם קאָפּ,
ציען די רוימען זיך, ווי זיין פאַרמעגן, צו צו זיינע אויגן.
ער גיט צוערשט אַ קוק אויף דעם צעבויטעטן אַרום,
נאָכהער צום עק פון צוג דעם קאָפּ אַ קער'ווע גיט ער,
און מיט צופרידנקייט ער קערט זיך אין דער שטילקייט אום
פונעם באַאָבאַכטן די אומגעציילטע זיינע גיטער.
נאָר מיט באַזונדער ליבע לייגט זיין בליק זיך שטאָלץ
אויף דעם האַרמאָנישן געפלעכט פון זיין מאַשין, אויף טייל אויף יעדן,
און קוויקט זיך מיט די עלנבויגנס מעכטיקע פון שטאָל,
וואָס ברענגען אין באַוועג די הויכע שווינדלדיקע רעדער.

IV.

ער האָט זי ליב געהאַט, זיין קלוגע און גרויסאַרטיקע מאַשין,
געשטיגן זיין פאַרערונג איז צו איר אינאיינעם מיט זיין עלטער;
עס האָט ניט איינגעלייגט זיך אין זיין קלאָרן זין,
אַז עפּעס מער גרויסאַרטיקס איז בכלל נאָך אין דער וועלט דאָ.
ער האָט איר שטאַלטנעקייט ביז טרערן ליב געהאַט,
איר הערשאַפט צו באַוואונדערן איז ער ניט מיד געוואָרן.
אַז לאָקערן מע קאָן נאָך איר אויף אומברענגען זי גלאַט —
זיך אויך ניט איינגעלייגט אין זין האָט אין זיין קלאָרן,
און אויך ניט איינגעלייגט עס האָט זיך אין זיין זין,
ניט אין די קנייטשן פון זיין שטערן אין די טיפע,
אַז מאַלפּעס פון דער שטאָט דער פינצטערער בערלין
דרעסירן זיך אויף פליענדיקע יעגער נאָך לאָקאָמאָטיוון.
געוואָרן איז עס אומגעריכט אים קלאָר,
ווען ער צום פראָנט געפירט אַ צוג האָט אין קאַיאָר
אונטער אַ שלאַקס־האָגל דורכאויסיקן פון בליי און פייער.

V.

געיאָגט האָט זיך נאָך אים אַ יונקערס אין דער הייך.
אַלץ נידעריקער זיך אַראָפּגעלאָזט האָט שוין געהאַט ער.

אים צוגעצויגן האָט די לאַנגע לענטע רויך,
וואָס פון לאַקאַמאָטיוו האָט גריוועדיק געפּלאַטערט.
נאָר ס'האָט דער אַלטער מאַשיניסט געפירט דעם צוג,
געהערט דעם וואָי פון שפּאַרבער איבער זיך שווין.
איעדע וויל דורך פענצטערל — דעם קאָפּ, דערלאַנגט אַ קוק,
דערזען, ווי ס'לויפן זיך פאַנאַנדער פערד מיט אַ געהירזשע.
אַט פליט ער איבער אים שוין, דאַכט זיך, אַקוראַט,
אַט צילעט ער זיך פראַנק־און־פריי שוין צו צום קעסל.
איז מיט אַ וואָלקן דאַמף האָט ער אַ זעץ געטאָן אים גראַד,
נאָר ס'האָט דער שפּאַרבער, זיך פאַרכלינענדיק, אים אויפגעפרעסן.
אַ שלעפּ געטאָן דעם עשעלאָן אויף צ'ריק
און ווידער — אויף פּאַראויס, אין איינס־אויף־איינס מיטן פאַרדאַרבער,
און דורכן פענצטערל — ביז בלוט דעם אָנגעשטרענגטן בליק
ניט אָפּגעווענדט פון דעם צערייצטן, דעם באַפאַלנדיקן שפּאַרבער.

VI.

דער יונקערס האָט אין פיבער זיך געוואָרפן און אין היץ,
די לופט מיט קריציקע זיגזאַגן רייסנדיק געשווינדער.
אַט גיט אים דער געלאַקערטער לאַקאַמאָטיוו אַ בליץ,
און אַט אין פאַסמעס דאַמף צעפליגלטע פאַרשווינדט ער.
געדאַכט האָט זיך, די שטראָמען דאַמף פון דעם לאַקאַמאָטיוו
זיינען די סיוע האָר פון קאָפּ ביים מאַשיניסט ביים אַלטן.
ס'האָט ביז דער ריפּ דער זיבעטער אַ שוויס פון אים געטריפט,
און ביז צו משוגעת אין בלינדקייט דעם פיראַט געהאַלטן.
און דאָך האָט זיך אַ קוילנוואָרפער־ריי
אין זיין לאַקאַמאָטיוו אַריינגעריסן.
די רעדער האָבן זיך געטאָן דעם לעצטן דריי,
דער שפּאַרבער האָט זיין זיג געגעבן גלייך צו וויסן.
אין האַרץ ביים מאַשיניסט האָט אָפּגעהילכט דער בראָך,
פונקט ווי דאָס לעבן זיינס, האָט אויסגעדוכט דער עשעלאָן אים.
ער איז אַראָפּגעגאַן, ביט אויסגערעדט קיין וואָרט,
בלויז שוואַרצער איז ווי אַלעמאָל געווען זיין פּנים.

VII.

ס'האָבן זיך קראָען ניט אַראָפּגעלאָזט אַהער
מיט אַ געקראַ, ווי פאַנאַמאַרעדיקע יורשים.
געלאַקערט האָט דער שפּאַרבער רעגולער
אין איינער, אין דער זעלביקער קאַיאַר־שעה.
ער האָט אַראָפּגעלאָזט זיך נידעריק אַהין,
און ס'האָט אויף צ'ריקוועגס וויסטעניש באַגלייט אים,
ביז אויפן זעלבן אָרט איז איין מאָל אין באַגין

געשטאַנען דער פאַרוואונדעטער לאָקאָמאָטיוו צו שלאָכט אַ גרייטער.
אַוועק אַ טאָג, אַוועק אַ נאַכט און צוויי...
מיט ווייטעק מיט פאַרבאָרגענעם באַוואָקסן,
האָט אים געבראַכט דער מאַשיניסט אַ בינטל היי,
און ס'האָט אַ ביקס געשפּאַרט פון זיינע אַקסל.
אין קעסל אומגעבלאָנקט האָט פינצטערניש און וויי,
און ניט געפלאַטערט האָט קיין רויך שוין איבער אים מער.
און אויפגעפלאַקערט האָט דאָס ביסל היי,
און ס'האָט דער שפּאַרבער זיך אַ פּיק געטאָן פון הימל.

VIII.

ער האָט פּיקירט. ער האָט געשיינט פון גליק.
אים האָט באַגלייט בערלין און גאַנץ גערמאַניע.
געזען ער האָט זיך שוין אַ פליענדן צוריק,
ס'האָבן טריאומפן זיך געגעבן אַ דערמאָן אים.
און אונטן איז געלעגן ביי דעם וועג
דער מאַשיניסט אין הינערפלעט פאַרזונקען,
קיין אָטעם און קיין ריר און קיין באַוועג,
פּונקט ווי באַדאַרפט ער אויף דעם יונקערס וואָלט אַ שפּרונג טאָן,
גלייך מיט זיין האַרץ די ביקס באַלאָדן וואָלט געוועזן —
עס האָט אַ שאָס געטאָן. פאַרביי. עס האָט געמיטן.
און נאָך דעם דריטן שאָס האָט דער פאַרדאַרבער שוין געברענט
און מיט אַ וואָרעק רויך — אין דר'ערד זיך איינגעשניטן.
באַגעג'נען וועט קאַרעלין אפשר איצט אָן עשעלאָן,
וואָס ס'פירט מיט שטאָלץ זיין פאָטער צו די פראָנטן,
וועט ער אַראָפּנעמען די הוט, געגענען צו אים באַ'נט
און אים אַ זאָג טאָן: „בענטש מיך, כ'זאָל דיך ווערט זיין, פאָטער!"

5. סטאַלינגראַד

I.

צו איינס אויף איינס איז גרייט געווען די שטאָט.
צו ווידערשטאַנד האָט זי, אַ שטאָלצע, זיך פאַרטייעט,
ווען אויפגיין זי דערזען אַוואַדיס האָט
צום הימל אין דער הייך, איבערן קאָפּ אין פייער.
געהויבן האָט זיך, וואָרפנדיק, אַ פלאַקערדיקער קאַם,
געשלאָגן האָט דאָס ליכט דעם בליק אויף גאַנצע מיילן.
דערדריקט האָט מיטאַמאָל אים סטאַלינגראַדער פּאַנאַראַם,

און אָפּהענטיק געבליבן שטיין איז ער אַ ווײלע.
וואו איז דאָ דער זאַוואָד ? דער סטאַלינגראַדער ריז ?
וואו איז דאָ סטאַלינגראַד ? זײַן אויסמעסטונג וואו איז דאָ ?
צי ווירקלעך אינעם הימל אײַנגעקלעמט ער איז
מיט זײַנע ברענענדיקע דעכער, דונערדיק־באַגריסטע ?
פונעם זאַוואָד צום ראַנד — אַ גלײַכער וועג,
איוואַן ראַקיטאַ שיצט דאָרט און באַהיט אים.
אַלס אינזשעניער געקומען איז אָוואַדיס אויפן רעכטן ברעג,
און אַלס סאָלדאַט וועט ער זיך פאָרשטעלן איוואַן ראַקיטאַן.

II.

אין פלאַם־טיכער פאַרהילט געשטאַנען זײַנען הײַזער,
באַנאַנד געשלאָסענע, אַ רײ נעבן אַ רײ.
אָוואַדיס האָט געקוקט אויף די פּראָזשעקטאָרס, ווי אויף ווײַזערס,
וואָס האָבן טויב־שטומע אין הימל זיך געדרייט,
און אויף די שטערן די פאָרטויבטע פון געדונער
געצייכנט טיף, עקשנותדיק און גראַד,
ווי די באַגריפן און פאַרשטאַנד זײַנען אַנטרונען ;
דאָרט צו זײַן פּרוואו האָט זיך געמאָלדן סטאַלינגראַד !
ביט אויף צו אויפוועקן די שטאָל־גיסער און שמעלצער
האָבן סירענעס זיך צעיאָמערט אומדערוואַרט ;
איבער דער שטאָט מיט רעש אַדורכגעטראָגן שנעל זיך
האָט דער גיהינום — אויפגעריגעוועט די טראַכט :
צוויי טויזנט לופט־שיפן געגאַנגען זײַנען גרויזאַם
מיט שוואַרצן פײַער, מיט פוגאַסן און טערמיט
די שטאָט אַרויסרײַסן ענדגילטיק און דורכאויסיק
און זי צעטרעטן מיט פאַרניכטנדיקע טריט.

III.

ס'האָבן די דראָטן זיך געגעבן אַ צעשויבער,
אַ שטומער קרעכץ איז בלאָנדזשענדיק אַדורך.
צוערשט דאָס פײַער האָט אַ לעק געטאָן די שויבן,
פונקט ווי מיט בלוטנדיקע צונגען זיי פאַרזוכט
און זיי באַגיטיקט צו פאַרדאַרבונג — גרויזאַם,
און ווי אין היגערפלעט פאַרגאַנגען זיך אין רויך.
עס האָט אַ הויז געטאָן אַ וואַקל צו אַ הויז זיך,
אין שטויב געטאָן זיך פלאַקערדיק אַ טויך.
אַ גאַנצע גאַס שוין קאָרטשעט זיך אין ווײַטעק,
פון פלאַם אַ מבול שפּאַרט מיט צעפּלאָך,
אָט גיט אַ וואַלגער מיט געדונער זיך אַ צווייטע,
אויף איר — אַ דריטע, אַ צעפלאַקערטע, און נאָך !

צווייַ טויזנט לופט־שיפן זיך רונד האָבן צעשאָטן,
מיט שטאָל און בלייַ דערלאַנגט האָבן אַ בראַך.
און אויפגעהויבן ביזן הימל האָט די שטאָט דאָרט
איר שייַן, געזאַמלטע פאַר פינף און צוואַנציק יאָר.

IV.

איר פייַער טראָגט ווי אַ געבאָט זיך איבער ווייטן,
ווי אַ באַפעל איר יעדע פייל גיט דאָרט אַ פאַל!
אַ פעסטונג זייַן זאָל יעטווידע געביידע!
אַ שלאַכטפעלד זייַן זאָל יעטווידער קוואַרטאַל!
עס רופט מיט פאַרשטאָט איבער זיך אַ פאַרשטאָט,
און שטיינער רייסן זיך פון אונטער טיל־און־תל:
אַ פעסטונג זייַן זאָל יעדער בראָכשטיק,
איעדער שטיין זאָל זייַן אַ ציטאַדעל!
פאַראָרד'נונגען: דעם גאַנג פון צייַט פאַרלויפן!
אַדורכגיין, ווי אַ דורכלויכט איז פאַראַן!
אַ שלאַכט זאָל זייַן פאַר ערד איעדער הויפן!
און אַ געשלעג זאָל זייַן פאַר ערד איעדער שפּאַן!
מיט ברויז געגורט זייַנען די ברענענדיקע גאַרנס,
צו דר'ערד די וועגט גיבן אַ פאַל מיט וואוט.
און שוואַרץ די שטאָט פון דייטשישע פגרים,
און שוואַרץ דער סטעפּ פון זייער הינטיש בלוט!

V.

איבער דער שטאָט געהילכט האָט דער געברום,
צעוויכערט אויפרייסן זיך האָבן דאָרט אינדרייען,
און אַ באַזויפענער מיט שרפות אויף אַרום,
האָט זיך דער פיינט געשפיגלט אינעם פייער.
איבער פאַרבראָכענע געביידעס מיט פאַרשווענד,
איבער פאַרוויסטע פלעצער מיט געהוילן
געדרייט זיך נידעריק די שפּאַרבערס האָבן פרעך,
ווי שיכור וואַלטן זיי געטאַנצט אויף אַ בית־עולם.
נאָר מיטאַמאָל פון אונטער בראַך און אַש
האָט זיך די שטאָט פונסניי אַ הייב געטאָן דאָרט,
פונקט ווי אויף אַרבעט זיך געלאָזט זי וואָלט אָן רעש
דורך גאַסן אַפּגעמעקטע, טויטע, ניט־דערקאַנטע...
אין האַרץ געטראָגן יעדער איינציקער האָט בראַנד,
אין בליק — די וואָלגע האָט אַ יעטווידער געהאַט דאָרט.
און יעדער בראָכשטיק — אַ ניט־צוטריטלעכער ראַנד!
און יעדע אויסגעהיטע וואַנט — אַ באַריקאַדע!

VI.

מיט וואָלגער־גרילץ, מיט קריץ פון ציין,
צווישן צעוויגטע פייערדיקע וואָלקנס,
געפרעגט האָט יעדער סטאַלינגראַדער שטיין,
געפרעגט האָט יעדע כוואַליע פון דער וואָלגע:
— פאַרוואָס אין אָט דעם גרויסן און אַנטשיידענעם געשלעג,
וואו אונדזער בלוט מיר גיבן אָפּ דער וועלט, זיינען מיר איינע?
ס'האָט יעדער ברענענדיקער בוים געטאָן אַ פרעג,
מיט וואָי האָט יעדער ווינט דעם פלאַם געגעבן אַ צעוויי נאָך:
— פאַרוואָס איז איצט דער הימל ריין איבער בערלין,
פאַרוואָס הערט מען קיין באָמבעס דאָרטן זיך ניט רייסן,
ווען סטאַלינגראַדער הימל איז פון רויך שוין בלינד
און ס'שרייען שוין מיט לעצטע בראָכשטיקער די הייזער:
— ער וועט זיך אויסקראַצן אַמאָל, דער צווייטער פראָנט?
אויף וויפל בלוט פון רויטאַרמייער האָפן נאָך זיי?
צי וואַרטן זיי ניט, אַז דער סוף זאָל צוקייקלען זיך נאָ'נט,
דעם סערפּ און האַמער איינבויגן, אים צווינגען זיין געהאַרכזאַם?

VII.

צי וועגט דאָרט ניט די וואָגשאָל וואַשינגטאָן?
צי ציילט ניט די מינוטן דאָרטן לאָנדאָן,
ווען מיטן לעצטן קרעכץ אַ וואָלגער וועט זיך טאָן
דער גייסט, וואָס לאָזט זיך ניט פאַרפירן און פאַרפלאָנטען?
צי קאַלקולירן זיי ניט „באַרעמהערציק־מילד"
די טייוולדיקע פרייז פון הילף, גלייך ווי געשאָנקען:
צוויי חרובע קאָלווירטן פאַר אַ באַנקע מילך
און בלוט אַ ליטער פאַר אַ שאַכטעלע טושאָנקע!
צי קוקן זיי מיט חשבון ניט אַרויס געמיין,
אַז בײדע צדדים זאָלן זיך אין בלוט דערטרענקען,
כדי צו פאַרזעצן דערנאָך זיי זאָלן שוין אַליין,
וואָס אָנגעהויבן האָבן זיי מיט הענט פון דייטשע הענקער?
נאָר וואָלגער ברעגן זיינען האַרטער פון גראַניט,
ביי רויטאַרמייער — גרויזאַמער פון שטורעמס זיינען הערצער.
האָבן פון אָרט זיך ניט קיין ריר געטאָן די טריט.
האָט מען מיט פלאַקערדיקן האַס און ווידערשטאַנד געגערט זיך.

VIII.

און דורכגעפלאָכטן זיך געוועער האָט מיט געוועער,
און איינגעשרויפּט אַ טייל זיך מיט אַ טייל האָט
אין לופט, אונטער דער ערד און אויף דער ערד.
עס איז דער ווידערשטאַנד געווען באַשוואוירן, הייליק!

אין יארוסן אין פלאַמיקע געוועלבט
ביז צו די רויכיקע די סאַזשעדיקע וואָלקנס
געלעגן — אַ ניט־צוטריטלעכע שוועל —
איז אַ פאַרטיפטע, אַ צעכוואַליעטע די וואָלגע.
פונקט ווי ס'האָט וויסטקייט זיך צוערשט געשטאַלטן ניט געלאָזט,
האָט זיך געשטאַלט פאַרוואַנדלען ניט געלאָזט אין וויסטקייט,
און אין דעם בראַך פון בליי, פון אייזן און פון גלאָז
באַדאַרפט אַוואַדיס שנעל האָט אַ באַשליס טאָן:
ס'וויזט אויס, — האָט ער אַנטשיידנדיק געטאָן אַ קלער,
ניט ראַנגלענדיק שוין מער זיך מיט דער דעה, —
דאָ דאַרף אַ רויטאַרמייער זיין אַן אינזשעניער,
און ס'דאַרף אַן אינזשעניער דאָ זיין אַ רויטאַרמייער!

6. די שטאָט לעבט!

I.

קאַרעלינען האָט פערעליאַט באַקומען ליב פאַרן באַיאַן
און אַכטונג אָנגעלעבט צו אים פאַר סעוואַסטאָפּאָל.
געהאַלטן זיך לעם אים. צוזאַמען. זאַלבענאַנד.
ס'האָט זיין פאַרערונג זיך צו אים אַליין געטאָפּלט.
ווי נאָר ער גיט די קלאַווישן אויפן באַיאַן אַ ריר,
ווערט גליייך פאַרטויבט פון די האַרמאַטן דער געדונער;
אין דאַרף גיט אים קאַרעלין פאַרן האַרצן אַ פאַרפיר,
צום סאַמע פריזבעלע און צו דעם בענקענדיקן ברונעם...
— קאַרעלין! — גיט ער אים אַ וואונק אויפן באַיאַן, —
נעם לאָז אַרויס פון אים אַ פּאָר ספּירטאַוונע טראָפּן,
די וואָלגע וועט ניט הינטערשטעליק זיין דעם שוואַרצן ים,
און סטאַלינגראַד וועט ניט פאַרשעמען זיך פאַר סעוואַסטאָפּאָל! —
קאַרעלין הערט אים אויס מיט ווייטער זאָרג, פאַרקלערט,
און מיטן קאָפּ גיט ער צו אים אַ שמייכלדיקן שאָקל,
און אונטערן געדונער פון האַרמאַטן זיך דערהערט:
„ראַסקינולאַס מאַריע שיראָקאָ!...”

II.

— ס'איז גוט, — זאָגט פערעליאַט,— באַגלייט פונעם באַיאַן,
אַ בריוו צונויפשטעלן אַהיים דער אַלטער מאַמען.
אינגאַנצן עפּעס אַנדערש גייט די האַנט
אויפן פּאַפּיר, נו, פונקט אַזוי ווי איבער סאַמעט,
און ווערטער גיבן זיך אַזעלכע גאָלדענע אַ גאַס,

וואָס נאָר מיין שוועסטער מאַרפּע קאָן באַנעמען,
און ס'איז עפּעס אַזוי ווי אורלויב אין פאַגאָסט,—
און ס'לאָזן זיך אַראָפּ ביי אים די ברעמען...
— מע וויסט! — האַקט מיט אַ שמייכל אים קאַרעלין אָפּ, —
צו וועמען ס'פּוצן זיך די סאַמעטענע ווערטער. —
און ס'לאָזט ביי פּערעליאַטן זיך אַראָפּ דער קאָפּ,
ער הערט קאַרעלינען אַ וויטער, אַ פאַרקלערטער.
און מיטאַמאָל גיט זיך דער הימל אין דער ערד אַ פּלעט,
דער ראַנד פאַרשווינדט, דער רוים און דער זכרון,
נאָר פון באַיאַן דער אָפּקלאַנג ציטערט נאָך און גלעט
ווי אַ פאַנאַסטער ווינט אַ לייכטער איבער קאָרן . . .

III.

צו אײנס־אויף־אײנס איז גרייט געוועזן די שטאָט,
צום ווידערשטאַנד האָט זי אַ שטאָלצע זיך פּאַרטייעט.
אַרום איר אָנגעזאַפּט איעדער שפּאַן זיך האָט
מיט בראַנד, מיט בליי, מיט שטאָל און פייער,
נאָר יעדער דורכגאַנג שוין ניט מער דאָרט ווי אַ הייל איז,
און יעדעס הויז איז שוין ניט מער ווי אַ צעבויט.
געוויס האָבן געטראַכט די לופטיקע גבלות,
אַז מער קיין שטאָט איז שוין נישטאָ, אַז זי איז טויט.
מיט קרעכץ אַ גאַרן פון אַ גאַרן שוין צעלייט זיך,
און מיט געהילך רייסט אָפּ אַ וואַנט זיך פון אַ וואַנט.
שוין דריי מעת־לעתן נאָכאַנאַנד, ווי אַ פאַרפלייצונג,
געגאָן אַ מבול איז פון פייער און פון בראַנד,
און אויפן פערטן אויפגעוואַכט די שטאָט האָט ווידער
פון אונטער בראָך, פון אונטער אַש, פון אונטער קלעפּ.
און אַ פאַרוואונדעטער געשפּאַנט האָט פּערעליאַט דורך דעם געוויטער:
— פאַראָן, קאַרעלין, סטאַלינגראַד! ער לעבט!

IV.

ער לאָזט זיך ניט דעם האַלדז פאַרשלייפן און פאַרצוקן,
זיך אַנטאָן לאָזט ער ניט דעם שוואַרצן עול.
ער זעט, קאַרעלין, צו דער וואָלגע צוגיין
פון לינקן ברעג דאָס גאַנצע רוסלאַנד — באַרג און טאָל . . . —
די וואונד האָט פּערעליאַט זיך באַנדאַזשירט, ווי אַלע. —
זי לעבט די שטאָט, קאַרעליך, זי געדענקט נאָך יענע טעג,
ווען זי באַערט מ'האָט מיט דעם נאָמען סטאַלין
פאַר ניט־געבויגנקייט און האַרטקייט אין געשלעג.
איצט פוילן קאַסקעס מיט די קעפּ אויף יעדן בראָכשטיק,
ווי גרינע פּרעש מצבהדיק באַרוט;

ס'וועט פונקט אַזאַ מין וואָלגע דורך ביי סטאַלינגראַדער פאַרשטעט
מיט אומווירדיק, מיט ברודיק דייטשיש בלוט! —
ער האָט זיך באַנדאַזשירט. דעם ווי געצאַמט.
און ס'האָבן פון דער וואונד געטריפט זיך העלע טראָפּן: —
די וואָלגע וועט ניט היגטערשטעליק זיין דעם שוואַרצן ים,
און סטאַלינגראַד וועט ניט פאַרשעמען זיך פאַר סעוואַסטאָפּאָל!

V.

ניט איין מאָל שוין איז אַ שפּאַציר זיי דאָ געפעלן,
און שוין ניט איין מאָל דאָ אַוועקגעלייגט די קעפּ,
איז גיב אַ נעם איצט דעם באַיאַן, קאַרעלין,
און זאָל דערהערן עס דער גאַנצער סטעפּ:
ס'וועט קיינמאָל ניט, גיב נאָר אַ בינד מיר נאָכאַמאָל דאָ,
קיין פרעמדלענדער ניט דורכגיין קיינמאָל וועט אַהער.
דאָ איז די רוסישע, די מוטערלעכע וואָלגע,
אויף אירע כוואַליעס זיך געשליפן דאָס געווער
האָט סטענקאַ ראַזין. זיינע שיפלעך די געמאָלטע
שווימען אַרויס, — האָט ער אַ זונג געגעבן מיטאַמאָל, —
זאָלן די דייטשן זען, ווי ביי דער וואָלגע
לאָזט מיט אַ טאַנץ זיך אין געשלעג דער קאָמסאָמאָל!
דו ביסט, קאַרעלין, ניט געווען אין קאָמסאָמאָל דען?
איז גיב אַ נעם, קאַרעלין, דעם באַיאַן,
דאָ איז די רוסישע, די מוטערלעכע וואָלגע,
און פאַרגעדענקען וועט דער דייטש עס שוין אויף לאַנג!

7. אויף אַ דייטשישן טאַנק

I.

איעדער בראַכשטיק האָט קאַרעלינען דערמאָנט
די שטאָט ביים ים, די אויפגעפּרעסענע פון פלאַמען.
דאָ זיינען נאָר קיין טאָפּאָלס ניט פאַראַן,
עס וואַקסן ניט קיין בערג, און ס'זעט זיך ניט דער ים אָן.
דעם גראָבן אויסגעמאָסטן מיט געציילטע שפּאַן
און וויטער — שלאָג כאַטש קאָפּ אָן וואַנט זיך.
דאָ זיינען מער ניטאָ ווי אַכט און צוואַנציק מאַן,
מיט אים איז איצטער ניין און צוואַנציק...
ניט אָפּגעגאַן איז פון דער הייך דער רעש,
אַראָפּגעלאָזט מיט אויפרייס האָט אַ האַמער זיך נאָך האַמער.
דערפילט קאַרעלין האָט זיך ענג אין דעם בלינדאַזש,

פאַרפעלט האָט אים דער רופנדיקער רוים פון ימען.
איז ניט אַראָפּגענומען האָט ער דעם בושלאָט,
און ניט פאַרביטן אויף קיין הוט די בעסקאָזירקע.
ער האָט זיך אויפגעשטעלט, ווי אויף דער פּאַלוב אַקוראַט,
געקוקט אין ווייט, די פּיס צעוואָרפן, ווי אַ צירקל...

II.

איבער דער אויסגעבראָטענער, פאַרקוילטער ערד
געקראָכן איז אַ טאַנק פון ערגעץ פונדערווייטן.
ס'האָט דער פאַרחלשטער אָרום צום גאַנג זיך צוגעהערט,
ס'איז אַלץ אין פעלד געוואָרן שטיל, און אַ פאַרשייטער,
דעם טעמפּן פּיסק פאַרריסן אַלע וויל,
די אויסגעברענטע שטופּלען טאַפּנדיק מיט רויפּן,
געקראָכן איז ער לאַנגזאַם, ניט געאיילט,
מיט זיכערקייט דעם רוים דעם סטעפּישן פאַרטויבנד.
דער הערשער דאָ איז ער! ער איז דאָ באַלעבאָס!
אים וואַרפן אונטער ביימער זיך און גריבער.
און שטיקער ערד אַרויסרייסנד מיט בלוט און מיט צעטראָטן גראָז,
איז ער מיט צ'ריק-טריט, סאָפּענדיק, אַ ריוו אַריבער.
דער גרילץ פון רויפּן איז ווי קייט אין קייט.
פון צייט צו צייט דעם טעמפּן פּיסק גיט נאָך אַ דריי ער.
צעטרעטן אַ סאָוועטישן טראַנשיי ער גייט,
פאַרשיטן אים אינאיינעם מיט די רויטאַרמייער.

III.

קאַרעלין האָט דער ערשטער דאָרט באַמערקט,
אַז ס'קריכט דער טאַנק און נע'נטערט שוין צום ראַנד זיך.
— איז וואָס וועט מען אַצינדערט וואַרטן מער? —
האָבן די אויגן די צעפּאַליעטע אַ וואָרף געטאָן זיך גלאַנציק.
— מירן אים דורכלאָזן דורך דער טראַנשיי, —
האָט דראָזד דעם קאָפּ עטוואָס פאַרבויגן,
און לעווין האָט מיט אַנגסט געגעבן זיך אַ דריי,
די וועלט די גאַנצע אין דעם אויגנבליק געוואויגן . . .
און פערעליאַט געשטאַנען איז באַרוישט,
געקוקט, ווי גרעסער די געפאַר עס ווערט פון וויל צו ווילע.
ס'האָט אין די אויגן אַלץ זיך אים פאַרטוישט,
און פון זיין בליק געפלויגן זיינען פיילן,
געביטן יעדע ווילע אומרואיק די פּיס,
ווי ס'וואָלט אים באַדן אָנגעהויבן פעלן.
— קאַרעלין! — האָט ער פּלוצעם זיך געטאָן אַ ריס, —
נעם דעם באַיאָן און גיב אַ שפּיל, קאַרעלין! —

IV.

אַ זאָג געטאָן האָט ער דאָס מיט אַזאַ מין קול,
מיט אַזאַ איינבילדונג געטאָן אים אַ פּאַרטוואָליע,
אַז ס׳האָט קאַרעלין אים, ניט איבערפרעגנדיק, געפאָלגט,
און ס׳האָט אַ רעד געגעבן דער באַיאַן אויף קלאַווישן אויף אַלע . . .
געגנע׳נטערט האָט זיך גרילצנדיק און שווער דער טאַנק,
געציילטע שפּאַן צום ראַנד האָט שוין געהאַט ער.
איבערן ברוסטווער מיטאַמאָל אַ שפּרונג געגעבן שלאַנק
האָט פּערעליאַט דאָרט מיט דער ביקס און מיט אַ בונט גראַנאַטן,
זיך אין אַן אויגנבליק אַרויפגעדראַפּעט אויפן טאַנק,
אין גאַרגל פון האַרמאַט די שפּיז אַריינגעשטאָכן גרונטיק,
און, קער׳ווענדיק אים אין אַ זייט, אינמיטן גאַנג
האָט ער דערהערט קאַרעלינס קול: „פּאָלונדראַ!“
דער סטעפּ איז ווי אַ רינג. און פּערעליאַט האָט אָן אַ הוט,
אַליין, באַרוישט, זיך מיטן טאַנק געראַנגלט,
און ניט געקאָנט אַליין באַגרייפן, וואָס ער טוט,
געהערט האָט ער דעם רופן־גרילץ, פּונקט ווי אַ כריפּ פון שלאַנגען.

V.

דער איינס־אויף־איינס געדויערט האָט ניט לאַנג,
פּונקט ווי אַ בליץ. אַ דונער האָט דערוואָרט זיך.
געגרעוועט גרילצנדיק און שטומפּיק האָט דער טאַנק
מיט אַ פאַרקרימטן פּיסק, מיט אַ פאַררייכערט־שוואַרצן.
דעם איינס־אויף־איינס האָבן די ווייטן צוגעקוקט,
און פון טראַנשיי האָבן געצויגן אָטעמס זיך צעגליטע.
אַ ריס געטאָן האָט פּערעליאַט דעם ליוק
און — אַ גראַנאַטע! נאָך איינע! אַ דריטע!
און איינס נאָך איינס. מיט חשבון און פּאַרטייטש.
פאַרהילט אין רויך, געשפּענסטיק ווי אַ וואָלקן,
האָט ער געזידלט זיך: — נו, זשליאַקע, דייטש!
אויב ס׳האָט זיך דיר פאַרגלוסט אַ טרונק טאָן פון דער וואָלגע! —
קאַרעלין האָט קיין ווערטער ניט געהאַט,
געזען ער ביי דעם טורעם פונעם טאַנק האָט פּערעליאַטן
און זיך געטראַכט: „אָט איז ער, אָט, דער קאָמסאָמאָלעץ, דער סאָלדאַט,
אָט איז זי, אָט, די רוסישע פּעכאָטע!“

VI.

געפלאַקערט האָט דער טאַנק. געפּלאַצט האָט באָט נאָך באָט.
איעדער אויפרייס האָט מיט ליכטיקס זיך געמאָלדן.
עס איז צו זיך שוין ניט געקומען פּערעליאַט,
ער האָט זיך בלויז אַ וואַרף געגעבן אַלעמאָל דאָרט . . .

פון טאַנק דעם פּאַנצער האָט דער פלאַם געשיילט,
און אים דאָס שוואַרצע אינגעווייד צעשפּליטערט מיט אַ האָגל,
נאָר פּערעליאַטן — אונטער פייער — אין טראַנשיי
האָט מען אַ טויט־פאַרוואונדעטן אַריינגעטראָגן.
פאַרנאַכט האָט אָנגעטאָן אַליין קאָרעלין דעם באַיאַן,
די בעסקאָזירקע, אַלץ, וואָס ס׳איז געקומען אויפן קאָפּ אים:
— נו, קאָמסאָמאָל, האָסטו היינט אַ קאָמאַרינסקע דערלאַנגט,
וואָס שעמען קאָן זיך שוין מיט איר ניט סעוואַסטאָפּאָל! —
געפאַלן שווער און לאַנגזאַם איז די נאַכט,
דער פיינט געדונערט האָט מיט פלאַם און קאַנאָנאַדע.
פון סעוואַסטאָפּאָל האָט קאָרעלין בלוטנדיק געטראַכט,
ווען ער געוועגדט האָט זיך צו ווענט צו סטאַלינגראַדער.

VII.

צווישן די קאָרפּוסן מיט שלאַק געבערגלטן באַוואַכט
אויף אַנטראַציטנער ערד, פון אויפרייסן צעהריזעט,
געוואַרט אין אומגעדולד, אין צודעק פון דער נאַכט,
ידיעות פון סאַדאָווסקין האָט דער שטאַב פון דער דיוויזיע.
ניט אָפּגעשטעלט זיך האָבן צעכן פון זאַוואָד.
מיט אָוטאָמאַט זיך אויף קיין רגע ניט צעשיידנד,
מעת־לעתן קיילעכיקע שטרענג געאַרבעט האָט
איעדער אַרבעטער, ווי אין אַ שוץ־גראָבן, אַנטשיידן,
און מיטן לייב געגרונטפעסטיקט דעם צאַם,
זיך מיט די שטערן אין דערגרייכלעכקייט געמאָסטן.
און אין דער טיף, ביי קאָנעצדיקן צאַנק,
האָט אויף אַ גרופּע אויסשפּירער אַרויסגעקוקט סאַדאָווסקי:
דעם דריטן טאָג, אונטער אַ פייערדיקן גאַס.
אַ צונג ביים שונא אויסצורייסן גאַרנד,
פאַרטייעט לויערט אום אין אויסשפּיר דראָזד
מיט פינף גראַנאַטעס, מיט דער ביקס און מיט גור־אריהן.

8. מאָרזע

I.

האַלב־פּויזענדיק זיך אָפּגעטיילט גור־אריה האָט
מיט דראָזדן פון דער גרופּע אויסשפּירער, אינצווייען,
ווען אומגעריכט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ דראָט
האָט ער, אין פינצטערניש פון נאַכט זיך דרייענד.

פאַרקריצט ביי זיך אין קאָפּ האָט ער געהאַט
פון שונאס חיל פאַרמאַסקירטע ערטער.
האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ס׳געווער באַשטאַט.
אים האָט דאָס דראָט זיך אויסגעדוכט פאַרדעכטיק.
געצויגן האָט עס, לויט זיין חשבון, זיך צוריק.
ס׳איז שווער געווען דערוויל נאָך עפּעס וואָס פאַראויסזען.
ער האָט אַ וואַרף געטאָן אַהין דעם בליק,
צו דראָזדן זיך געווענדט: — נאָך אים מיר פּויזען! —
אין אַ וואַראַנקע, צוגעדעקט מיט גראָז,
געלעגן איז אַ דייטש און קאָרעקטירט דאָס פייער.
— מיר וועלן אים אַרומרינגלען פון ביידע זייטן, דראָזד,
אַ קאָרעקטיר טאָן די נשמה דאָרט פונסנייע אים!

II.

געבענ׳נטערט האָבן זיי זיך פאַרזיכטיק, באַדאַכט,
פון ביידע זייטן — איינס דעם אַנדערן אַנטקעגן.
פאַרטויבט האָט שיסעריי און איינגעהילט די נאַכט.
דער דייטש איז אין אַ קליינעם שוץ־גריבל געלעגן,
אַריינגעטאָן דעם קאָפּ אין אים, ווי אין אַ הייל,
און, האַוקענדיק, געהאַלטן צאָלן דאָרט אין ציילן.
„נו, צייל! — געטראַכט האָט זיך גור־אריה, — צייל!
דו וועסט זיך באַלד דערציילן צו אַ צלם!"
און ווען ס׳האָט דראָזד אַ שפּרונג געטאָן אויף אים
און אים אַריינגעזעצט די שפּיז אין האַלדז־און־נאַקן,
האָט פונעם מאַרזע זיך דערהערט אַ זשום, דערנאָך אַ שטים,
און ס׳האָט דער דייטש געטאָן זיך נאָך אַ וואַקל.
— נו, דראָזד, אַצינדערט שטיי און הער זיך צו, —
האָט מיט די אויגן אים אַ זאָג געטאָן גור־אריה, —
אַצינד וועל איך זיי דינען פאַר אַ צונג,
ס׳וועט באַלד זיי אויך אַביסל ווערן קאַלט און וואַרעם!

III.

„פּאול, סופער!... פּאול, גראַד!..." —
געלאָזט האָבן דורך דראָט פאַראַרד׳נונגען זיך הערן,
ווי אויף אַן אונטערהאַלט אַ רייכן אַקוראַט,
געגרייט האָט זיך הרחבהדיק די דייטשע אַרטילעריע.
צו פּינקטלעכקייט געסטראַיעט יעטווידן האַרמאַט,
צו איינגעוויגטע ווייטן גיט זיך שוין אַ מעסט ער.
און אַלץ איז ווי אויף נאָטן — צוגעשניטן, גלאַט,
דאָס שטעקעלע אַ הייב טאָן דאַרף נאָר דער מאַעסטראָ.
געגאַן די דיריזשור איז ערגעץ אונטער דר׳ערד

פאַרזיגלט און פאַרטויבט, ווי אונטער אַ סורדינקע,
ווי „דויטשלאַנד איבער אַלעס" האָט מען זי געהערט.
און פּלוצעם פאַר די אויגן — פייערדיקע רינגען!
אַ טאַנץ איבערן קאָפּ די פלאַך געטאָן האָט — היפּ!
און ס'האָבן זיך גענומען פלאַנטען די דיסטאַנצן.
„פאול! — האָט דאָס דראָט אַ ריס געטאָן מיט כריפּ, —
מע הערט דיך עפּעס שלעכט! מע הערט דיך ניט אינגאַנצן!..."

IV.

— ער שלאָפט! — האָט דראָזד זיך שטיל אַ בייג געטאָן
און מיט די פּיס געפּרואווט נאָך טאָן אַ וועק אים.
די אויער־רערלעך פון זיין קאָפּ, ווי אַ פּאַמפּאָן,
אַראָפּגעשלעפּט גור־אריה האָט מיט עקל,
און זיך געשטעלט צום אַפּאַראַט ער האָט
און אין די אויער־רערלעך איילִיק איינגעשפּאַנט זיך.
„פאול!" — האָט אַ כריפּ געטאָן דאָס דראָט, —
מע הערט דיך שלעכט. מע הערט דיך ניט אינגאַנצן..."
גור־אריה האָט אויף זיך די קאָרעקטור
גענומען פאַר דער דייטשער שווערער אַרטילעריע,
און יעדע ווילע איינגעשלונגען: „פאול, דו?"
און דעם אָביעקט איעדע ווייל פאַרפינקטלעכט קלערער,
ביז אָנגעשטעלט ער האָט דאָס פייער אויף די קעפּ
פון חייל, וואָס ביי אים אין קאָפּ געוווען פאַרקריצט איז.
עס האָבן איינס נאָך איינס אַ דונער געטאָן קלעפּ,
און ער האָט זיי דעם וועג געצייכנט, ווי מיט בליצן.

V.

יעדער סנאַריאַד האָט זיך געריסן פון זיין האַרץ,
און יעדער ריס געגאַנגען פון זיין מויל איז:
אָט איז זיין שכר! אָט איז דאָס גליק זיינס דאָס געגאַרטס!
זאָל עס געדויערן! מיט קרעכצן און מיט קולות!
צוויי הונדערט אויפרייסן שוין אויסגעציילט האָט ער:
— דערלאַנגען נאָך! ס'גייט אַקוראַט! אין חייל!
זיי לייגן פּונקט זיך אויף די שאַרבנס ווי ס'געהער. —
און אַ געכאַרכל דרייט די דראָטן: „פאול! פאול!"
— ניט פאול, ניין!... גור־אריה... הערט!
גייט קלויבט צונויף אייערע הינטישע פּגרים!
מיר וועלן אָט אַזוי אייך לייגן אין דער ערד
אַ יעדע נאַכט — אַ גאָרן אויף אַ גאָרן! —
ער האָט אין ווייט אַריין געגעבן נאָך אַ קוק
און זיך פאַרנייגט מיט טרייבעלע געפּעליק: —

אויף ווידערזען! אויף היינט וועט זיין גענוג,
אַ דאַנק פאַר אויספילן אַ ידישע באַשטעלונג!

VI.

זיך אויפגעהויבן האָט גור־אריה פונעם אָרט,
אַרומגעקוקט זיך, וואו מע איז דאָ אין דער וועלט אַ ווײַלע,
געוואָרפן דראָזדן אויפן וואונק אַ וואָרט,
און פאַרזיכטיק מ׳האָט זיך גענומען אײַלן.
זיי האָבן וויטער זיך אין וועג אַריין געלאָזט,
צו דר׳ערד זיך צוגעפרעסט מיט עלנבויגנס — ביידע.
און אַלעמאָל האָט זיך אַ דריי געגעבן דראָזד:
— ווי קונציק האָסט, גור־אריה, זיי פאַרדרייט דאָרט!
— ניט איך! — האָט אים גור־אריה איינגעשטילט, — האָט דראָט!
אַ נאַכט אַ גליקלעכע... אַזאַ ווי אַ מתנה! —
און אָפּגעשטעלט זיך מיטאַמאָל ער האָט
און שטילערהייט אַ זאָג געטאָן אים: —
אַצינדערט דאַרף מען ערשט אַ „צונג״,
די נאַכט איז היינט אַ מאַמע אַ געטרייע... —
און אין דער הייך האָט אַ ראַקעטע זיך געטאָן אַ ציִנד,
ווי קערנער פון אַ זאַנג צעשפּריצט דאָס פײַער.

9. פרישטיק אין אַ דייטשישן שטאַב

I.

פונעם תנ״ך האָט ביי גור־אריהן זיך פאַרקריצט: אַמאָל,
ווען גדעון האָט געקליבן חייל קעגן מדין,
האָט ער אַראָפּגעפירט די קריגער אין אַ טאָל,
וואו ס׳האָט געפליצט אַ וואַסער אינדערמיט,
צו זען ביים לינדערן דעם דאָרשט זיי גליך,
ווי דאָס זיי אויסקומען וועט אונטערוועגס נאָכהער נאָך;
בלויז די, וואָס מיט די מיילער וועלן צופאַלן צום טייך,
ניט זוכנדיק קיין כלים און קיין שערבלעך,
און וועלן טרינקען פון דער פליסנדיקער פלאַך
אַזוי ווי פון צעשטעלטע קאַרטעס און קריגן —
די וועלן ווערט זיין גיין אין שלאַכט,
די וועלן זיין אימשטאַנד דעם שונא צו באַזיגן.
און ער געדענקט: פון צווי און דרייסיק טויזנט מאַן
האָט גדעון אָפּגעקליבן בלויז דריי הונדערט.

און ס'איז געווען געבוג אויף איינגעמען אַ לאַנד,
און ס'איז געווען געבוג אויף צו באַווייזן וואונדער.

II.

און פונקט ווי ער געטרונקען וואָלט פון יענעם טייך אַליין,
געפילט פון יענעם וואַסער ער דעם טעם האָט.
ער האָט עס פאַרגעדענקט אינאיינעם מיט דער היים,
אינאיינעם מיטן הימל פון בלאַקיטנעם סאַמעט,
אינאיינעם מיט אַ לאַנגן זומערדיקן טאָג,
וואָס קומט אויך איצט אַהין מסתמא,
נאָר ס'איז קיין היים שוין מער נישטאָ:
געהרגעט ליגט זי זיבן ווערסט פון אַ פאַלסטאַנעק...
ער אין סאַדאָווסקין האָט געזען איצט גדעונען אַליין,
ווי אויסגעפּרואווט מיט לאַסט האָט ער איעדן איינעם,
קיין שטערונג זאָל אין ערגעץ זיי ניט לאָזן שטיין
און אָפּהאַלטן אין שווערן וועג עס זאָל ניט קיינעם...
יאָ, יאָ, ער האָט געטרונקען פונעם טייך ביי גדעונען געהיים,
דאָס מויל אין אומגליק איינגעזויגן זיך אויף יאָרן;
אַצינד וועט ער צום האַרצן צולייגן זיין אָפּגעמעקטע היים,
זי מיטנעמען אין וועג און טראָגן אין זכרון . . .

III.

אין אויסשפּיר איז געגאַן גור־אריה ניט געאיילט,
זיך אויפן וואונק אַדורכגעשמועסט מיט חברים מיט געטרייע.
עס האָט אַ שאַרף פון ערגעץ אָנגעיאָגט אים יעדע ווייל,
נאָר ס'האָט דער שאַרף אַליין פאַר אים געטאָן זיך אַ פּאַרטייע.
פון זינט ער האָט פאַרזוכט דעם טעם פון גרוב
אינאיינעם מיט אַ גאַנצער שטאָט ביי דייטשן אין געפּאַנגשאַפט,
האָט שוין צו אים קיין צוטריט ניט געהאַט די רו,
אים האָט די שרעק אין ערגעץ ניט דערלאַנגט שוין.
געפילט אונטער די טריט ער אומעטום האָט אַש
פון היים זיינער — אויף גאַר דער וועלט צעשאָטן.
ער שטאַפּט מיט אַזאַ שמחה אָן זיין פּאַטראָנטאַש,
וואו יעדע קויל איז פון אַ טויטן דייטש דער שאָטן.
אָט צוליב דעם עפנט זיך אויף פאַר אים דער אינדערפרי,
די אויגן צוליב דעם זיך עפענען פאַנאַנדער.
אַזוי איז אויך געווען אין שפּאַניע אויף דעם קריג —
אין יענע איילבערטיקע טעג זיך מיטאַמאָל דערמאָנט ער.

IV.

אַדורכגעשווענקען מיט אַ זידלוואָרט האָט ער דעם האַלדז,
זיך אָפּגעלאָזט נאָך האַלבער נאַכט מיט טריט מיט ווייכע.

ביים דייטשן מאַרזע האָט ער אויסגעמאָלקן אַלץ
און אַלץ ביי זיך אין קאָפּ פאַרצייכנט.
אַ האָן האָט פון אַ חרוב דערפעלע אַ קריי געטאָן,
ווי פונעם שלאָף וואָלט ס׳דערפעלע געפּרוואווט עפּעס דערמאָנען,
געווען איז מאָדנע־אומדערוואַרט אין דעם פאַרטאָג
דער האָנען־קריי צווישן דעם ווייטן אַפּהילך פון קאַנאָנען...
עס האָט דער קריי זיך נאָכאַמאָל דערהערט, ווידעראַנאַנד,
און ס׳האָט בייזוואונדער אויף אַרום זיך אויפדאָסניי געגאָסן.
גור־אריה האָט זיך פּלוצעם אין אַ שפּאַניש דערפעלע דערמאָנט,
אין אַ פּאַרטאָגעדיקער שלאַכט ניט ווייט פון סאַראַגאָסע, —
ס׳האָט אויך אַ האָן דאָרט אַזוי איינגעלייגט די וועלט,
נאָר חורבות זיינען דאָרט געווען ניט אַזוינע...
געהויקערט האָט אויף ווייט אין טרויער זיך דאָס פעלד,
און ערגעץ אין דער נאַ׳נט געלאָקערט האָט דער שונא.

V.

שוין וויפל צייט — דעם אונטערוועגס מע טאַפּט,
ביינאַכט פאַרהילט, בייטאָג דורך אומבאַמערקטע וועגן.
אין וועלדעלע געשטאַנען איז פאַרשטעלט אַ שטאַב,
געמאַכט מ׳האָט דעם שפּאַציר פאַר־זיינעטוועגן.
שוין באַלד. אָט זעט ער זיך שוין אָן, דער וואַלד,
נאָר ס׳איז אַ טייכל אויסגעוואַקסן פּלוצעם פאַר די אויגן.
עס האָט געטאָגט. איעדער טראָפּן שיין, וואָס פאַלט,
קאָן ווי אַ שטריק זיי ווערן אויפן האַלדז פאַרצויגן.
פון לינקס — אַביסל טרוקענער טשערעט,
פון רעכטס — אויף פּיסלעך הינערשע אַ בריקל.
דאָרט שטייט אַ וואַך. זיך אומקערן איז שפּעט.
האָט אין פּאַלאַטקע זיך געטאָן גור־אריה אַ פּאַרוויקל,
אויף דייטשיש אַ קאָמאַנדע אויסגעגאָרגלט האַרט,
און דורכן בריקעלע מושטרירט זיך לאַזנד, ווי אין פּייער,
האָט ער פון ווייט באַגריסט זיך איידל מיט דער וואַך
און דורכגעפירט די גרופּע, טופּענדיק פאַרביי איר.

VI.

פאַרשלונגען האָט די ערד דאָס שור׳ווען פון די טריט,
דער רעש פון דורכגאַנג האָט אַליין זיך דאָרט דערטרונקען.
אַריינגעגאַנגען זיינען זיי אין וואַלד געהיט
און אויפגענומען די קאָמאַנדע אויפן וואונק נאָר.
עס האָט געדוכט: אַליין צערוקט זיך דאָס געוויקס,
אַז אַלץ זאָל אומגעשטערט און שטיל און גלאַט גיין.
אַרויסגעשפּיצט האָט פון דער נאַכט זיך שוין אַ ביקס,

שוין אַנגעזען האָט זיך די פלאַך פון אַ פּאַלאַטקע.
קיין בוים אין וואַלד האָט ניט געטאָן זיך קיין באַוועג,
ס׳האָט אויף קיין צווייג זיך ניט געהערט קיין שאָרך פון בלעטער,
ווען, שוועבנדיק, זיי האָבן „גלייך פון וועג״
צווי שאַרבנס דייטשישע דער וואָך צעפּלעט דאָרט.
קיין פּיפּס האָט ניט געטאָן קיין פייגעלע אין וואַלד,
דער ווינט אין וואַלד פאַרהאַלטן האָט דעם אָטעם,
ווען ס׳האָבן דאָרט אין שטומען קאָרטש דערלאַנגט אַ פאַל
צווי דייטשע גולמס אויף די אייגענע צעלייגטע שאָטנס.

VII.

און ס׳האָט אין שטאַב געעפנט זיך די טיר.
ראַזירט נאַרוואַס און מיט פּאַרפום באַפּרישטע,
געזעסן זיינען דאָרטן אָפיצערן פיר,
און אַלגעוועלטיק זיגעריש געפּרישטיקט.
קאַקאַאָ האָט געברווינט אין גלעזער פיר,
אַן אָקאָרעק, און קעז, און וואורשטן גאַנצע פּרעגנטן.
געטאָן גור־אריה די גראַנאַטע האָט אַ פיר,
און אויפגעהויבן האָבן אַלע גלייך די הענט דאָרט.
זיי האָבן אויסגעזען באַזאָרגט, די הערשער פון דער וועלט,
די הענט אַרויף און ניט דערקייט דעם ביסן.
און באַלד האָבן זיך דריי אַוועקגעלייגט ביים שוועל
און, כאָרכלענדיק, גענומען שוין פון יענער וועלט געניסן.
דער פערטער האָט געפּרוואווט מיט אַ געהויל
אויף הילף אַריינשרייען די טויטע היטער,
איז האָט אים דראָזד אַן אָנעטשע אַריינגעשטופּט אין מויל:
— נו, קייע, היטלער! און אַ גוטן אַפּעטיט דיר!

VIII.

נאָכהער האָט זיך גור־אריה צוגעזעצט צום טיש
און דעם קאַקאַאָ מיט אַ לעפעלע צעמישט דאָרט:
„ווי גוט אין וואַלד באַגינען איז און פריש!״
איז אַ קאָמאַנדע האָט דערלאַנגט ער: — רויטאַרמייער, פרישטיקט! —
ער האָט געפּאַקעוועט אין טאַשן דאָקומענט נאָך דאָקומענט.
דעם מינדסטן רעש דערטראָגן האָט איעדער בוים אים;
און ער האָט צו זיין אויסגעקוילעט שטעטל זיך געווענדט
איבערן שטאַב, איבערן וואַלד, איבער די רוימען:
— שטיי, טאַטע, אויף פון קבר! קום אַהער
און מיט די טויטע אויגן זע, ווי אָפּגעטאָן די זאַך איז!
וועסט לעבן טויזנט מאָל נאָכהער,
ס׳איז אַזוי פּראָסט, ס׳איז אַזוי גוט, ס׳איז אַזאַ נחת!

שטייט אויף, דערהרגעטע, פון גרוב,
שטיי אויף, מיין גאַנצע שטאָט מיין וויסטע,
און גיב אַ קוק, מיט קברדיקער רו,
ווי די תּלינים דיינע וואַלגערן אין מיסט זיך!

IX.

שטיי, מאַמע מיינע, אינעם שבתדיקן שייטל אויף,
ווי צו מיין חופּה קום אַהער, ביז טאָן די קראַ אַ קראַ וועט,
און טרינק זיך אָן מיט דער געבענטשטער לופט,
וואָס איז מיט הינטיש בלוט מיט דייטשישן פאַרפּראַוועט! —
און אָפּגעקלונגען ס'האָט אין רויש פון וואַלד,
אין די פרימאָרגן־פייגלדיקע צוויטשערייען.
די וויגנליד האָבן עס אויף טרויבן גאָלדענע צעשאָלט,
און אויסגעמורמלט האָבן טייכלעך עס געטרייע.
אַ טויטע פייערלעכקייט האָט אין שטאָב געטריפט,
דער טיש געגרייט מיט אַלע זיבן טעמ'ען,
נאָר ניט געקומען קיינער איז פון קברדיקן ריוו
און ניט די שטאָט און ניט זיין טויטע שבתדיקע מאַמע.
אויף צ'ריקוועגס איז געווען אַ געיעג,
אַ שיסעריי. געגאַן אַנטקעגן איז דאָס לעבן.
און ווי אַן אַנגעשטאָפּטן זאַק מיט פאַדלע און מיט שרעק
געבראַכט האָבן די אויסשפּירער אַן אָפּיצער צו שלעפּן.

10. דער פינפטער זון

I.

פאַרזיגלט־שטרענג און אָפּגעצערט
אונטער דורכאויסיק־פלאַמיקער פאַרפלייצונג,
האָט פון די אַרבעטער קיין איינער ניט פאַרלאָזט זיין צעך,
און קיינער אויף קיין רגע מיט דער ביקס האָט ניט צעשיידט זיך.
פון נעכט פון שלאָפלאָזע דערשעפּט און מאַט,
אין וועגט באַלאַגערטע, פאַרטונקלטע, ווי היילן,
געווען זיינען זיי דאָך דאָס האַרץ פון סטאַלינגראַד,
מיט בלוט פולסירט אין אַלע זיינע טיילן,
אין יעדן בראַכשטיק, שטיין און בלאַט,
צו יעדער וואונד — מיט אויפהאַלט זיך געצויגן.
איבער די אַקסל לויערדיק דער אויטאָמאַט,
און אין די הענט — ס'געצייג, און שטאַנדהאַפט — אין די אויגן.
פאַרוואַנדלט דער וואַרשטאַט געווען איז אין אַ דאָט,

אין יעדן דאָט האָבן דעטאַלן זיך געפּורעמט.
און גרייט זיינען געווען די בויער פון דער שטאָט
צום אָפּפער און צו שטורעם.

II.

געשמידט צו דר׳ערד, אין אַ ביינאַכטיקן שפּאַציר,
דורך שטיינער אויפגעגראָבענע, צעוואָלגערט און צעשפּליטערט,
פאַרנומען האָבן זיי פון פאַרשטאָט אַ באַצירק,
אַרויסגעפירט צום ראַנד האָט זיי איוואַן ראַקיטאַ.
פון אונטער גרוי־געדיכטע ברעמען איז זיין בליק
געגאַן אַ מילדער איבער רוים און איבער צייט שוין.
ער האָט נאָך פינף און צוואַנציק יאָר צוריק
זיך אונטער סלוצק און פּינסק געשלאָגן מיט די דייטשן.
דערציילן האָט ער ליב, ווען עמעץ גיט אַ פרעג,
ווען ס׳נעמט זיך אָרום אים צונויף אַ עדה,
ווי ער האָט דעמאָלט אויך ביי אָט דעם וועג
די צוקינפטיקע סטאַלין־שטאָט פאַרטיידיקט.
דערנאָך האָט אין די קאַרפּוסן זיין לעבן דורכגעראַשט,
אַליין די גרונט־שטיינער געלייגט און זיי באַגרינט דאָרט, —
אַצינדערט שלאָגט ער זיך פאַר זייער אַש,
ווי פאַר דעם לייבלעכן געביין פון זיינע קינדער.

III.

פיר זיינע זין האָבן אין פעלד באַדינט אַ באַטאַריי,
פיר נומערן באַרימטע פון אוראַלער שטאַמען,
צוזאַמען זיך געהאַלטן ביי דער אַרבעט אין דער היים,
און אויפן קריג זיך אָפּגערעדט: אין שלאַכט צוזאַמען
ווי אויפן טראַקטאָרנעם — די נאַרמעס האַלטן הויך,
צוזאַמען עפּענען אויף שאַרבנס דייטשישע אַ קאָנטע,
און דורך פאַרטויבנדיקן רעש, און פלאַם, און רויך
געקלונגען זייער שם האָט ווייט איבער די פראָנטן.
פיר זיינע זין באַוויבטע האָט ער אָנגעטאָן געווער
און אויף דעם קריג מיט זיי אַוועק, ווי אויף אַ דויערדיקער וואַכטע.
דעם יינגסטן זון, דעם פינפטן, דאָן האָט ער
אַ קוש געטאָן אין קאָפּ און אים געהייסן וואַרטן.
— מירן דיך האָבן אויפן אויג, אויב זיין עס וועט אַ נויט, —
האָט ער ביי דער געזעגעניש אַרומגענומען הייס אים, —
דערוויל וועסטו דער מאַמען אויסהעלפן מיט ברויט
און אונדז מיט דעם, וואָס די מלוכה וועט דיר הייסן!

IV.

אים צוגעשיקט אַ בילד האָבן די זין. געדרוקט אין בלאַט.

אַראָפּגענומען האָט מען אין דער גאַנצער מאָס זיי,
געשטאַנען איינער איז לעם צווייטן אַקוראַט,
די קעפּ פּאַרריסן, פּריילעכע, קורנאָסע,
ווי זיי וואָלטן אים שטיפעריש געטייט
און אָט אַזוי געריסן זיך מיט אים צעקושן:
באַקלאָגן קאָן זיך ניט אויף דיינע זין דער דייטש,
קיין טראָפּן — ניט אויף זיי און אויך ניט אויף קאַטיושען! —
און קוקנדיק אויף דעם מיט האַלב־פאַרמאַכטן בליק,
אַרומגעטאַפּט, ווי אַ טשערטיאָזש, פון יעדן עק עס,
האָט שטאָלץ און שעמעוודיק ראַקיטאַ זיך צעבליט,
נאָר מיטן קאָפּ אַ מאַך געגעבן: „שנעקעס!"
אַ ווייל האָט ער דאָס בילד געהאַלטן אָן באַוועג,
אין האַרץ איז אויפגעגאַנגען פון פריידן אַ זאַווערוכע.
אָט גיט ער, דאַכט זיך, עמעצן פון זיי עפּעס אַ פרעג,
אָט גיט ער, דאַכט זיך, עמעצן פון זיי אַ שטורכע!

V.

זיך אָפּגעשפּאַרט אַ ציג זיי האָבן אויף דער באַטאַריי.
אַ ציג — אַ מאַמע אַ געטרייע און אַ חבר.
געמאָלקן זי האָט יעדער „נומער" לויט דער ריי
און אויפן האַלדז איר אָנגעטאָן אַ רויטן פּאַווער,
ניט צושטיין זאָל צו איר קיין קויל,
פון שפּליטערס זאָל ער זי באַשיצן.
און דאָרט, וואו ס'גראָז געווען איז אויסגעברענט און הויל,
האָט זי אַליין זיך אויסגעלערנט בייטן די פּאָזיציע.
געגלעט האָבן די ברידער צאַרט זי פון האַלדז:
— די וואָל וואָלט ניט געשאַדט דיר טאָן אַ וואַש שוין,
פאַרזוכט האָסט שוין פון וואָרעמס און פון קאַלטס
מיט אונדז אינאיינעם אויף דעם קריג, מאַמאַשע!... —
„צו אונדזער אַרדענטרעגערישער באַטאַריי
אַליין מיר האָבן דאָ אַ ציג זיך צוגעגעבן".
געשריבן אין אַ בריוו דער מוטער האָבן זיי,
„איז ווי אַ מאַלינע אַוועק אַ גאַנג דאָס לעבן..."

VI.

זיי האָבן אָפּגעהיט געטריי דאָס שטיקל ערד —
אַ קליין מלוכהלע, פאַרגראָבן אין אַ באַלקע.
פּונקט ווי פאַרליבטע אומגעגאַן אַרום זייער געווער
און עס געצערטלט און געפּלעגט אַזוי ווי אַ בת־מלכה.
מיט קאָרנבלימעלעך זי אויסגעצירט,
גירלאַנדן איר פון יאָדלע אויסגעפלאָכטן.

אַ שטערנבאַנד פון לאַרבער־בלעטער אַנגעטאָן מ׳האָט איר
און זיך אַליין פּאַרקוקט — פאַרגאַפּט און פאַרכטיק.
פון קוקן בלויז אויף איר איז לעבעדיק און ראָז
ווי פון געשמעלץ דער רוים אַרום געוואָרן.
פאַרוואַלירט מ׳האָט זי מיט צווייגלעך און מיט גראָז,
ס׳זאָל איר דער פיינט ניט געבן קיין עין־הרע,
און זי געפּילנעוועט מיט פיינסטן שטאָל,
און אונטערלענט זי מיט די בריענדיקסטע בלייען.
געהערט אויף מיילן ווייט האָט זיך איר מעכטיק קול,
און מיט פאַרניכטונג איז אויף מיילן ווייט געגאַן איר פייער.

VII.

— קאַטיושאַ, מיט אַ גוטן אַפּעטיט!
קאַטיושאַ, ס׳זאָל דיר וואויל באַקומען! —
און ערגעץ האָבן בערג פאַר איר געקניט,
און ערגעץ האָט געפּלאַצט דער הימל פאַר איר ברומען.
— קאַטיושאַ, אַ מתנה פון אוראַל!
קאַטיושאַ, אַ געשאַנק פון מאָסקווע! —
און ערגעץ האָט דער פלאַם אַליין מיט אַ הוראַ,
ווי אַ סאַמום איבער די שאַרבנס די געפּאַנצערטע צעלאָזט זיך.
— קאַטיושאַ, נאָך! זיי לעכצן נאָך!
קאַטיושאַ, גאַסטפריינטשאַפט ז׳אַ רוסישער, אַ גוטער מנהג! —
און ערגעץ אין דער לופט איז אויפגעפלויגן בראָך,
און ערגעץ זיינען שטאָבן דייטשישע אַראָפּ פון זינען.
— קאַטיושאַ, גוט! — האָבן אַ גלעט געטאָן די הענט. —
קאַטיושאַ, בראַוואָ! — זיך געטוליעט צו איר וואַרעם.
נאָכהער האָט מען אַ שאַל איר אַנגעצויגן פון ברעזענט,
פונקט ווי אַ חופּה־דעק פון אַ צעהאַקטער כמאַרע.

VIII.

ווען איינעם פון די ברידער האָט אַ שפּליטער אומבאַמערקט
אַראָפּגעקלאַפּט דעם העלם און דורכגעהאַקט דעם שטערן,
האָט ער זיך אויסגעגליטשט, אַ פאַל געטאָן צו דר׳ערד
און באַלד זיך אויפגעשטעלט, ווי ניט געווען ס׳וואָלט שווער אים,
און פאַרגעזעצט דערלאַנגען דעם האַרמאַט דאָס בליי,
דעם קאָפּ — בלויז אין אַ זייט, אויף וויפל דאָס מע קאָן נאָר,
אַז ניט דערזען זאָלן די נומערן די דריי,
ווי ביי דעם פערטן איז פאַרפּלייצט מיט בלוט דאָס פנים.
אַרויסטראָגן געלאָזט האָט ער זיך נאָך דער שלאַכט,
די ציג דערזען, ווי זי איז דורכגעגאַן דעם וועג אים;
און צווישן גראָז און גריבער, שטרענג און צאַרט,

איז אים אַליין דער קאָמאַנדיר געגאַן אַנטקעגן
און אים אַ „שטערן“ אויסגעשטרעקט: — ראַקיטאַ, נאַ!
ווי פילסטו זיך? — און רירן זיך פאַרווערט אים.
נאָר ס'האָט ראַקיטאַ זיך צעשמייכלט: — „ני כרענאַ!
און זיך אַ קאָרטש געגעבן: — „פערעטערפים!“

IX.

דעם פינפטן זון אַרויסגערופן האָט ראַקיטאַ יענעם טאָג,
ווען צוגעגאַנגען איז צו סטאַלינגראַד דעם שונאס חיל.
— קיין צייט קיין סך, — געזאָגט האָט ער אים, — איז ניטאָ, —
און האָט מיט אים אַליין די שבועה אָפּגעזאָגט פון טריהייט. —
די עלטערע די ברידער דיינע פיר
באַרימט האָבן געמאַכט אין גאָר דעם לאַנד זיך...
אַצינדערט אָנגעקומען איז די ריי פאַר דיר.
און — קוויט! ראַקיטאַס הויזגעזינד דאָס גאַנצע! —
אים דורכגעדרונגען מיט די אויגן האָט ער לאַנג
און מיט אַ קול אַ הייזעריקס אַ זאָג געגעבן גראַד אים: —
איז אַט, מיין זון! איך טרוי דיר אָן אַ טאַנק,
און זיין דו וועסט ביי מיר אין דער בריגאַדע!
גיי, מאַך זיך גרייט! געזעגן זיך אין צעך. —
פאַראויס אַ שטעל געטאָן האָט פעסט דעם טראָט ער,
און ס'איז געווען געענדיקט דאָס געשפּרעך
צווישן דעם פינפטן זון און פאָטער.

11. אַ דעמבענע בלאַט

I.

פון סטאַלינגראַדער ווענט דאָס דונערדיקע קנאַקן,
באַטרונקען האָט מיט זיכערקייט גערמאַניעס בליק,
און פייערנד פאַראויס דעם לעצטן זיג,
אונטערגעפירט האָט זי דעם בלוטיקן סך־הכל
פון פיר יאָר קריג און צען יאָר מאָרד,
פון טייכן בלוט, געקרויזנטע מיט איר נאָמען,
און שטאָלץ געמאָלדן, אַז צום שלוס־אַקאָרד
שוין קיינע שטערונגען זיינען ניטאָ מער,
אַז דאָס איז שוין דער לעצטער באַסטיאָן,
אַז נאָך אַ טאָג און, העכסטנס, צוויי, וועט ער צו איר געהערן
און זיך פאַרוואַנדלען אין אַ שטאַפּל צו איר טראָן,
וואו זי איבער דער וועלט איר הערשונג וועט דערקלערן.

געזען האָט זי די ברענענדיקע שטאָט פון איבעראַל
און זיך אין איר — באַהאַנגען מיט טריאומפן,
און אין בלאָקנאָט פאַרצייכנט האָט אַ דייטשער גענעראַל
דעם טאָג, די שעה פון סטאַלינגראַדער אומפאַל.

II.

געיאָגט האָט דאַן צו אים זיך אַ שטאַפעט
מיט פייערלעכן אויפרעג און התפעלות
און אין די הענט אים אָפגעגעבן אַ פּאַקעט:
„געהיים. דעם שעף פון דרום־פראָנט פאָן קאולוס".
ער האָט אים אויפגעמאַכט מיט נייגיר און מיט רייץ,
געלייענט דעם פּאַפּיר האָט ער געמאָסטן און געמיטלעך,
אַז מיט אַ בלאַט אַ דעמבענער צום שוואַרצן קרייץ
באַערט פאַר סטאַלינגראַדער שלאַכט אים היטלער.
ער איז געווען באַראַשט. ער איז געווען גערירט.
אַ שווערב געטאָן האָבן צו אים זיינע דערפאָלגן.
ער וואָלט נאָך גערן ראַפּאָרטירט דעם פיורער פריי׳ר
וועגן דעם לעצטן רויטאַרמייער ביי דער וואָלגע!
געלייענט דעם פּאַפּיר האָט ער נאָך לאַנג,
ער האָט אויף אים, די שטאָבן בייטנדיק, פון לאַנג געוואַרט שוין.
אפשר איז דאַן געקומען אים אויפן געדאַנק,
אַז ערגעץ נאָענט וואַרט אים שוין דער כבוד פון פעלדמאַרשאַל...

III.

ער האָט איבערגעלייגט ביי זיך אין קאָפּ
זיינע טריאומפן, אַ פאַרבלענדטער,
ווי אין אַ געטלעכן קאַליידאָסקאָפּ
געשווינדלט האָבן שטעט פאַרדאַרבענע און לענדער.
ער האָט זיי איינס נאָך איינס געבראַכט,
אַליין דעם פיורער אָפּגעגעבן אין דער האַנט זיי,
ווי איצטער פאַר דער לעצטער סטאַלינגראַדער שלאַכט
לייגט אים די ערשטע בלאַט דער פיורער צו זיין קראַנץ צו...
ער האָט געזען פּאַריז, ווי ס׳ליגט פאַר זיינע פיס,
דעם כאַרכל ט׳ער געהערט פון דער דערשטיקטער וואַרשע,
פאַר אַלץ האָט אים אַצינד פון ווייט באַגריסט
און אים באַדאַנקט זיין לייטזעליקער האַר שוין.
ער האָט זיך צוגעמאָסטן אין געדאַנק די בלאַט,
דעם פיורערס בליק האָט ער געזען איצט אויף זיך פאַלן,
כאָטש אַ געהיימען חשבון האָט ער דאָך געהאַט,
געהערנדיק נאָך צו די קייזערלעכע גענעראַלן.

IV.

עס האָט זיך אַ פּאַרצי געטאָן זיין שווערע ברעם,
און אָפּגעגעבן האָט ער אין רשות זיך פון דערמאָנונג:
ער האָט דערזען דעם אָפּגעהאַקטן קאָפּ פון זיין קאָלעגע רעם,
וואָס איז אַראָפּ אָן רום פאַר זיך אין גערמאַניע.
פאַרמאָסטן האָט די האַק זיך דאָן אויף זיינעם אויך,
און פאַרזיכט איז באַלאַנגט געווען אין אים אַליין נאָר...
ווי קונציק האָט ער עס זיין קאָפּ אין נעפּל און אין רויך
אַרויסגעכאַפּט פון פיורערס קריצנדיקע ציינער!
און אויסגעהיט אים פאַר די אַקסל און די פּיס,
וואָס פון זיין גליק באַטרעטן זיי דעם העכסטן ראַנד דאָ...
געהאַנדלט ריכטיק האָט ער דאָן געוויס:
מיט אַלצדינג האַנדלענדיק, דעם קאָפּ נאָר ניט פאַרהאַנדלען!
עס איז געווען אַ דורכגעטראַכטער גאַנג פון אַ סטראַטעג:
די צייט אַרומרינגלען פון יעדער זייט שוין,
אַז ס'זאָל דער שיקזאַל דער ברענגען אים אַזעלכע טעג,
קיין סטאַלינגראַד אַ דעמבן־בלאַט דערלאַנגען זאָל אים דייטשלאַנד.

V.

ער האָט אין ערד־שטיבל פאַרזאַמלט זיינע פריינט
און דעם פּאַקעט פון פיורער פּייערלעך באַוויזן,
דערקלערט האָט ער ביי פּייער פון בורגונדער וויין
די פאַרשטייער פון צוויי און צוואַנציק אָפּגעקליבענע דיוויזיעס.
געגלאַנצט זיין שטים האָט מיט פאַרנעם און לוסט,
נאָר הויך ניט אויפגעהויבן האָט דעם טאָן ער:
— דער דראַנג נאָך אָסטן גייט צו שלוס,
פאַרווירקלעכט ווערט דער טרוים פון די טעווטאָנער! —
געקלונגען האָבן זיינע רייד מיט גאווה און מיט פּלעט,
פון זיי געגאָן אַ גראַדער שטאָלענער געשטעפּ איז: —
דעם וועג מיט שאַרבנס רוסישע געבעט!
קיין מאָסקווע! דורך די סטאַלינגראַדער סטעפּעס! —
ס'האָט יעדערער זיין שווערד געטאָן אַ נעם,
מיט גאווה אין דער הייך דערלאַנגט אַ ריס זי.
און ניט געוואוסט, אַז עס באַגינט דער רוסלענדישער קלעם
אַרום די צוויי און צוואַנציק דייטשישע דיוויזיעס.

VI.

וואָס האָבן אויף דער העלפט אין פייערדיקן פּלויט
די שטאָט ביים טייך אַ האַלב־דערשטיקטע שוין געהאַט דאָ,
און זיבן טויערן געעפנט פאַרן טויט.
דורך זיבן גרענעצן געשטראָמט האָבן האַרמאַטן,

קאַלאָנעס צוגן, מענגעס נאָכאַנאַנד
ביז בלוט אין דר׳ערד אַריינגעקריצט זיך.
געקרעכצט האָבן די סטעפּעס פון קובאַן,
מיט רויך געוואָרגן האָבן זיך קאָזאַקישע סטאַניצעס,
געכוואַליעט האָט זיך אויפן סטעפּ אַ ים
פון פּאַנצער־וואָגנס, לאַסט־וואָגנס און מאָטאָציקלען.
און דעם טריאומף אינעם עפיר — מיט טאַראַראַם
האָבן די רופאָרן געמייקעט און געציקלט
און אויסגעקרייט פון זיג פון זיכערן דעם רום,
פון אָנגריף לעצטן, און ענדגילטיקן, און שטאָלצן.
זעקסמיילערדיקע מינענוואָרפער רונד אַרום
געריסן האָבן זיך, ווי ניט אין שלאַכט, נאָר אויף אַ מאָלצייט.

VII.

די הענט אַ וואָרעם טאָן אויף ברענענדיקער ערד
אונטער די שוואַרצע ניבעלונגען־שטערן
געגאַנגען זיינען אויך רומענישע און אונגאַרישע קנעכט
און די געפּאַטשטע גאַלאַגאַנסקע בערסאַליערן,
ווי הינט די ביינער אָפּהריזען מיט פּליים,
און אויסהריזען אויף זיי מלוכהדיקע ווענזלען.
ס׳איז שאָפונג ניט געווען אין זייער גייסט.
פיל מער צום הארץ איז רויב געווען זיי,
האָבן זיי אָנשטאָפּן געלאָזט זיך מיט טערמיט,
זיך אָנקליידן אין בונטע פּאָפּוגייעדיקע פּאָרמען —
פאַרנעמען אין די קברים שטאָלץ דעם אינדערמיט
און אויטער דעם — קיין האָר מער!
ס׳האָט דייטשלאַנדס מאָלצייט ניט געגעבן זיי קיין רו,
פון גיר געלאָזט זיי האָבן זיך פאַרפּאָלגן.
זיי זיינען אויך געגאַן קיין סטאַלינגראַד נאָך „רום“ —
די דייטשע קייטן טובלען אין דער וואָלגע.

VIII.

נאָר פּינקטלעך, צו דער רגע, גראַד און גלייך
האָט אויפגעהויבן זיך אַ ים מיט חייל,
און אַלץ געגעבן האָט אַ בראָך מיט בליי,
און אַלץ האָט זיך צעבושעוועט מיט פייער.
באַלאַגערט איז געווען דער ברעג,
מיט שטאַמען שטאָלענע פאַרגראַטעט ,
עס האָט אין סטעפּ קיין אָרט שוין ניט געקלעקט
פאַר אָנצאָליקע טשערעדעס האַרמאַטן.
זיך אויסגעמישט האָט פּלאַץ מיט פּלאַץ,

און פלאַכן איבער פלאַכן — אַ צעפּלי זיך,
די ערד פון געקנאַל געפּלאַצט,
די במאַרעס האָבן זיך פון פלאַם געריסן,
אַנטבלויזט דעם קאָפּ, די אויגן — ווייט און העל
מיט ליכט אין ווייטן רומפּול זיך צעוואַקסנד,
געאָטעמט סטאַלינגראַד האָט מיטן פירערס פלאַמיקן באַפעל
און ווי אַ פּאַנצער אים געטראָגן אויף די ברענענדיקע אַקסל.

12. קיין טראָט צוריק!

I.

די ערד אַן אויפגעריסענע האָט זיך אַנטבלויזט,
אַן איבערצייטיקער, פאַרדעקט האָט זי דער דעמער.
פון פראָנט דורכאויסיקן טאָג־איין, טאָג־אויס
זיינען ידיעות רעגולער געגאַן אין קרעמל.
געגאַן זיי זיינען גראַד אין האַרץ אַריין צו דעם,
אויף וועמען ס'איז געווענדט דער בליק פון וועלט דער גאַרער.
געזעצט זיי האָבן זיך אויף אים, ווי פייגל אויף אַ דעמב,
און זיך אַריינגערוישט אין אים מיט פיין מיט קלאָרער.
אויף וואַגשאָלן האָט ער געוואויגן יעדן שפּאַן
פון הוילער ערד, פאַרפייניקטער און טריבער,
און האָט געזען, באַשיימפּערלעך, אַ יענעם ראַנד,
וואָס אויך דער טויט אַליין וועט קיינמאָל ניט אַריבער.
פאַרטויבט די רוימען האָט אַ זוניקער געהוד,
און אויסגערוישט דורך ווינטן האָבן בלעטער,
אַז צוגעגאַנגען איז פון גורל די מינוט:
קיין רגע — פריער, קיין רגע — שפּעטער!

II.

באַרעכנט ביז צום גרונט געווען איז אַלץ,
אין טרייער זאָרג פאַר גורל פון די קריגער,
ווי ס'רעכנט אויס דער יעגער די דיסטאַנץ
ביי דעם פאַטאַלן שפּרונג פון לאָקערדיקן טיגער,
אַז קומען אומפאַרמיידלעך זאָל דער קלאַפּ
אַן אומדערוואַרטער, אַ פאַרהוילענער אינדרייען,
ווען מיט צעשפּאַרטן מויל און בלוטדורשטיקן סוף
וועט שוין אין דער פאַרצוקונג זיכער זיין די חיה.
דאָס איז געווען דער לעצטער טראָט צוריק,
ווי אַן אַריינאָטעם אויף ברייטער זיך פאַרמעסטן.

און אויפגעגאַנגען איז דעמאָלט פֿאַר זיין בליק
אין איר אומשטערבלעכקייט די וואָלגער פֿעסטונג.
און מיט אַ שטריך איז זיך אַדורכגעגאַנגען זיין האַנט
דורך אַ זיגזאַג אַ בלויען אויף דער מאַפּע:
„אָט דאָ, ביי דעם ניט־צוטריטלעכן ראַנד,
איז די געבורט פֿון צווייטן שטאַפּל!"

III.

איבערן האַלדז פֿאַרטאָג אין אויפשטייג פֿון אוראַל,
ניט אָפּגעווענדט דאָס אויג פֿון די קאַווקאַזער הייכן,
און טראַגנדיק די וואָך אויף ראַנדן איבעראַל,
צווישן דעם אַש, און בראַנד, און שרפֿהדיקע רויכן,
אין זאָרג פֿאַר יעדער קלייניקייט געשפּאַנט,
דאָס בלוט דאָס טריפֿנדע פֿון געגנטן פֿאַרהאַמענד,
האָט ער נאָך צוועלף חדשים אויסהערן דאָס האַרץ פֿון לאַנד
געשריבן דעם באַפֿעל, פּונקט ווי אַזאַ קאַרדיאַגראַמע
פֿון טעג און נעכט אין כוואַליקן צעוויג,
אין שטורעם פֿון צעשטערונג און פֿון פּיינען.
געשפּרייט האָט זיך אין וואונדן דעמאָלט פֿאַר זיין בליק
ס'געפֿאַנגענע ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע,
אין קייטן אַנגעטאָנענע און מיט אַ זאַק
פֿאַרדעקט דאָס בלוטנדיקע פּנים...
געקליידט אין טרויער האָט געקוקט אויף אים דער טשאַטירדאַג,
און מיט געוויין גערופֿן האָט דער שטילער דאַן אים.

IV.

געשטאַנען פֿאַר זיין בליק ז'דער רוסישער סאָלדאַט,
דער אויסגעוואַקסענער אין פֿייער און געוויטער,
וואָס קיינמאָל האָט קיין לאַסט אויף אים צו זאָגן ניט געהאַט,
און וואָס קיין באַרג און ים האָבן ניט אָפּגעשטעלט די טריט אים.
ער האָט געזען אים שווימען ביזן האַלדז אין שניי,
ס'פֿאַרווינטיקטע געזיכט און דעם שינעל דעם גרויען,
אין מוראַדיקע נעכט פֿון ווינט און פֿון זאַווײ
אַן אָנגעפּעלצטן מיט געדולד און כּוח.
געזען האָט ער אים פֿון זיין וויטן אָנהייב אָן —
אַ ריינעם, ווי דער שניי דער ניט־גערירטער,
ווי ס'שטייט פֿאַר אים אין פֿעלד באַפּאָלעאָן,
באַוואונדערנד זיין קלוגשאַפֿט און זיין ווירדע.
און זיכערקייט ביי אים אין האַרצן איז געווען
פֿון אָט דעם פּראָסטן רוסלענדישן גיבור.

צו אים האָט דעמאָלט זיך זיין בליק געווענדט,
צו אים האָט דאַן ער דעם באַפעל געשריבן.

V.

אָט איז ער. אויף דעם עקסטן ראַנד.
און די האַרמאַשקע דורך דער פּלייצע אויפן רימען.
ער שיידט זיך ניט מיט איר. אין שלאַכט — באַנאַנד.
די אויגן — דורכגעטריבענע און בלויע, ווי דער הימל.
אָט איז זיין בלאַנקענדיקער ביטול צו דעם טויט,
זיין ניט־געצווימטע לוסט און ליבע צו דעם לעבן.
ער טיילט דאָרט מיט אַ פריינט דעם לעצטן ביסן ברויט,
דעם קאָפּ פאַר אים ער גרייט איז אָפּצוגעבן.
געזען האָט ער אין אים פון פאָלק דעם שטאַם,
וואָס אַזוי שווער איז אים צעוויגן און צעטאַרען.
נאָר אין געשלעג — זיין מוט איז טיפער פונעם ים,
און פון די שטורעם־ווינטן שטאַרקער איז זיין צאָרן.
און גרויזאַמקייט אין בליק ביי אים איצט ברענט,
ביי אָט דעם פּראָסטן רוסלענדישן גיבור,
צו אים האָט זיך דער פירער דאַן געווענדט,
צו אים האָט דעם באַפעל ער דאַן געשריבן.

VI.

און פאַר זיין בליק געשטאַנען איז דער קאָמאַנדיר,
דער דור דער נייער הימלענדישע ריטער.
דער אויפגעוואַקסענער אין בלענדיקן ליכט
און אין געפאַרן אַ געשטאָלטער און צעבליטער.
ער האָט געזען אין אים די פּרוּוו פון פינף און צוואַנציק יאָר
וואָס אויפגענומען האָט זי דרייסט און מיט פּאַרטרוי ער,
זיין טראָט איז פעסט, זיין גייסט איז קלאָר —
דער לענין־ווידערוואוקס, דער שלאַכטמאַן און דער בויער.
ער טראָגט אין בליק דעם שטאָלץ פון לאַנד,
און פונעם פאָלק דעם גורל — אינעם האַרצן.
די צוקונפט האָט דערלאַנגט די שווערד אים אין דער האַנט,
ער דענקען זאָל דורך איר און אומגעוואַקלט האַרט זיך.
באַגייסטערונג האָט אין געזיכט ביי אים געברענט,
און אָפּפער ליכטיקער, און הייסע ליבע.
צו אים האָט דאַן דער פירער זיך געווענדט,
צו אים ער דעם באַפעל האָט דאַן געשריבן.

VII.

איעדעס וואָרט איז אָפּגעגאָן מיט בלוט,
איעדער בוכשטאַב האָט געטריפט מיט ווייטעק,

געשריבן האָט ער דעם באַפעל מיט צאָרן און מיט וואוט
פון צענדליקער מיליאָן פאַרקאָוועטע אין קייטן . . .
אין שרפהדיקן אַש, אויף לינקס און רעכטס,
געטאַנצט די האַק האָט איבער רוקנס מיט געלעכטער,
עס האָט צו אים געטראָגן זיך דער שטומער קרעכץ
פון אויפגעהאַנגענע, געקרייצטע זין און טעכטער.
„קיין טראָט צוריק!" — האָט זיך אין יעדן וואָרט געהערט, —
ניט צולאָזן דעם טויט! פאַרשליסן אים די וועגן!
ניט נאָר דאָס לאַנד דער פיינט מאַכט חרוב מיט דער שווערד —
דאָס האַרץ פון פאָלק ער רייסט שוין מיט די נעגל.
געשריבן האָט ער דעם באַפעל, פאַרנעמענדיק ס'געוויין
פון גאָר דער ערד, פאַרזונקענער אין טרויער,
און אויף אַ ביקס אים אויפגעהויבן הויך פאַר דער אַרמיי,
איר די נשמה פונעם פאָלק געטאָן האָט אַ פאַרטרוי ער.

VIII.

אַ ווינט געטראָגן האָט מיט רויך זיך דעמאָלט דורכן פעלד,
געגאַנגען איז איבערן קאָפּ אַ קאַנאָנאַדע,
אַן איבעררוף ב'סאַדאָווסקיס טייל. ס'האָט קיינער ניט געפעלט;
די אומגעקומענע מ'האָט אויך אין זין געהאַט דאָ.
געפלאַקערט האָט די זון פאַרטויבנדיק און העל,
אַ רויטער ווינט געגאַן איז פון דער וואָלגע,
און פאַר זיין טייל געלייענט האָט סאַדאָווסקי דעם באַפעל,
איעדעס וואָרט פאַר זיך אַליין ווידערגעהאַלט דאָרט.
געלייענט שטיל. זיך אָפּגעשטעלט. אַ ווייל — פאַר זיך.
און פאַרגעזעצט דאָרט מיט אַ קול, ווי פון די ביינער,
און טרערן האָבן אים געברענט ס'פאַרווינטיקטע געזיכט.
קיין אָטעם ניט געהערט האָט זיך פון קיינעם.
מיט אָפּפער איז געווען די שטילקייט זאַט,
געזיכטן ביי סאָלדאַטן האָבן אויסגעזען, ווי בראָנזע.
אין אָפּשיין פונעם פלאַקערדיקן סטאַלינגראַד
האָט קיינער נאָכן לייענען קיין ריר געטאָן זיך . . .

13. אַ זעאונג

I.

און איצט האָט שוין דעם זעקסטן טאָג סאַדאָווסקי ניט גערוט,
ניט צוגעמאַכט קיין אויג, ווי אין אַ פיבערדיקן חלום;
צומאָל שוין ניט אַליין באַנומען, וואָס ער טוט,

ווי דער פֿאַרשטאַנד וואָלט קלאָר שוין ניט געדינט צומאָל אים.
ער האָט דעם הימל ניט געזען שוין וויפֿל טעג.
פֿאַרגעסן האָט ער שוין, צי ס'איז פֿאַראַן אַ הימל . . .
געגאַן איז מבולדיק, אַן אויפֿהער דאָס געשלעג.
ס'האָט אַלץ געברענט, נאָר ליכט — קיין סימן!
און רעגנדיקן בליי, געמישט מיט זאַמד,
אין פֿייער־ווירבל פֿון צעפֿאַלענע געוועבן,
האָט אים געדוכט זיך, אַז ער שווימט אין פֿלאַם,
און אַלע וויל גיט אים אַ בליץ זיין דורכגעגאַנגען לעבן
אין מיליאָנען שטויבן, אויפֿגעוויכערט אין דער הייך...
דערזען ער אויף אַן אויגנבליק זיין זון האָט און וואַסיאַנען —
זיי רייסן זיך ווי פֿונקען דורך צו אים פֿון רויך,
נאָר שווער איז אים שוין, אַזוי שווער זיי צו דערקאָנען.

II.

און אָפּגעטריבן אין געדאַנק האָט ער פֿון זיך
אַלץ, וואָס אין זין איז אים פֿון יענער זייט געקומען.
זיי שווינדלען אין זיין מידן מוח אַזוי גיך:
ניין, דאָס איז ער אַליין! ער קומט פֿון ערגעץ פֿון אַרום אַן . . .
און אויף זיין פּרוואָר־גאָרטן דערזעט ער פּלוצעם זיך,
אין אינגעווייד פֿון דר'ערד, אין פֿלאַנצונגען פֿאַרקלאַמערט.
און ערד — אויף זיינע הענט, און ערד — אויף זיין געזיכט:
זי איז — זיין זון. זי איז — וואַסיאַנע! און זיין מאַמע!
ער האָט אַזוי זי גרינטלעך דורכשטודירט,
אַרויסרופֿן ער קאָנען זאָל פֿון איר געוויקס און בליאונג . . .
אַצינדערט ליגט ער דאָ אַליין, פֿאַרזייט אין איר,
ווי אַזאַ פּרואָוו פֿון זעלבסטגעבראַכטער זריעה,
וואָס דאַרף פֿאַרוועבן זיך אינאיינעם מיט דער ערד
און ווערן אויס, כדי דאָס זיין זאָלן בליען און זיך מערן!
אַ ריר געטאָן האָט ער זיין לייב — ער לעבט! ס'איז ער!
און פֿון די אויגן האָבן אים אַ טריף געגעבן טרערן.

III.

ס'האָט ווי אַ שוואַרצע כמאַרע זיך געריקט דער וואַל
און אויפֿגעוויכערט ווירבלדיקע קנוילן.
סאַדאָווסקי איז געווען פֿאַרשאָטן אויף דער האַלב,
און בלוט געטריפֿט האָט וואָרעם פֿונעם מויל אים.
ער האָט געטאַפּט די ערד, פּונקט ווי זיין אייגן לייב,
זיך צוגעהערט צו איר און צו איר לשון:
זי איז פֿאַראַן! זי רעדט, פֿאַרשלינגענדיק דאָס בליי,
נאָר ער אַליין איז אויף דער העלפֿט ניטאָ שוין...

פון גאַר דער אומענדלעכער רוסלענדישער ערד
איז איצט אָט דאָס־אָ בערגעלע — דאָס האַרץ און די נשמה,
וואָס אפשר פאַר אַ קבר איז עס אים באַשערט,
נאָר אויסער דעם איז אין דער וועלט איצט גאָר נישטאָ מער.
אָט דאָ, אויף אָט דער אומזיכטיקער הייך,
צו איר האָט ער דאָס גאַנצע לעבן זיינס געקוויקלט
און עס געבראַכט, אַז געבן זאָל אַזאַ מין לויכט
צו אים פון וואָלגע־טייך די וואונדערלעכע בלויקייט.

IV.

און אַ פאַרטויבטן געבן אים דאָ אַ דערמאָן,
מיט האַלב־פאַרמאַכטן בליק זאָל ער דערזען דאָ,
אַז ס׳הענגט דאָס לאַנד דאָס גאַנצע אָפּ איצט פון איין שפּאַן,
אַז ס׳וועגט איר גורל זיך אַצינד אין יעדן זעמדל,
אַז ס׳דראָט דער טויט ניט אין זיין אָפּגייענדיק בלוט,
נאָר אין איעדן נאָכגעלאָזטן שפּאַן דאָ.
און האַלב־געשמידט האָט ער אַ יעטווידע מינוט
אַדורכגעברומט מיט בלוט קאָמאַנדע נאָך קאָמאַנדע,
און ס׳איז אין אָט דעם בערגעלע דאָס גאַנצע לאַנד,
און שטרעקן דאַרף מען לאָזן זיך פאַר דעם די העלדזער,
אַז אויב פון דאָרט זיך עפנט פאַר דעם פיינט דער קאַנט,
פאַרמאַכט פאַר רוסלאַנד און פאַר אַלעמען די וועלט זיך!
און ווי אַ וואונדערלעכע זעאונג פון קאַיאַר
געשטאַנען איז וואַסיאַנע איבער אים. די וואונד אים באַנדאַזשירט מיט ליבע,
דעם ריח מיטאַמאָל האָט ער דערהערט פון אירע האָר
און זיך אַ צי געטאָן צו זיי מיט די פאַרמאַכטע ליפּן.

14. אוקראַינישער נדן פאַר גערטרודען

I.

„...און טאָמער וואָס — איז גלייך אין וואָלד אַוועק״,
לייענט וואַסיאַנע אין אַ בריוו צום וויפלדיקן מאָל שוין איבער.
פאַרחלשט האָט אין ווייט געצויגן זיך אַ וועג
אַן אומעטיקער און אַ טריבער.
אין גערטנער האָט דאָס אויבסט נאָך וואו־ניט־וואו געגריבט,
פּאַפּשוי פאַרבראַכענער געצאַנקט האָט צווישן זיי דאָרט.
וואוהין וועט זי מיט זיבן קינדער לאָזן זיך אַצינד?
וואוהין וועט זי זיך לאָזן מיט אַן אַלטן זיידן?
אויף קיינעם האָט סאַדאָווסקי אין דעם בריוו זיך ניט געפרעגט,

און וואָס עס טוט אים וויי, האָט ער פון איר פאַרהוילן.
ביים ראַנד פון בריוו האָט זיך געפינטלט האַלב־פאַרמעקט:
„דערווייל איבערפאַרמירן זיך די טיילן...“
אָוועלכע? — גיט דאָס האַרץ ביי איר אַ ברי.
און וואָס באַטייט דאָס וואָרט איבערפאַרמירן?
די גאַנצע צייט האָט זי געהאַט אין בריוו פון אים,
און אין געדאַנק זי גיט אַ ציטערדיקן ריר אים . . .

II.

דורך גאַנצע נעכט אין קיך ביי דעם טאַפּטשאַן
קומט ניט קיין שלאָף אויף אירע אויגן די פאַרקלערטע:
ווער ווייסט, צי לעבט ער נאָך? צי איז ער נאָך פאַראַן?
צי ניט פאַרדעקט האָט אונטערוועגס אַ בערגל ערד אים?
פאַן־שפּעק פוצט אויס זיך. אויפן שליאַך גיט ער אַ גיי,
מיט פרעכן סקריפּ זיין יעדער שפּאַן דאָרטן צעלאָזט זיך,
אַז ביי די רוסן איז ניטאָ שוין קיין אַרמיי,
אַז מ׳האָט פון לאַנג זי שוין פאַרטיליקט אונטער מאָסקווע.
אין וויטן ציט, פאַרחלשט, זיך דער וועג
מיט לעצטער נאַכריכט פון פאַן־שפּעקן אַ פאַרוויטער.
און נידערשלאָגן מע צעטראָגט אים מיט דערשרעק,
און נידערשלאָגן גיט אים איבער איינס דעם צווייטן.
וואַסיאַגע ציילט די וואָכן און די טעג,
מיט ווי זי רייסט זיך פון די קלעמען:
וואוהין־זשע לאָזט מען זיך אָוועק?
וואוהין? צו וועמען? . . .

III.

פאַן־שפּעק רעדט שטאָלץ אויף דייטש אַדורך זיך מיט דעם פּי,
און מיט דעם וואורשט, און מיט דער טייערדיקער סאַלע,
ווען ס׳אויבערמענטשלעכע אין מאָגן ער דערפילט,
ווען ס׳אַלגעוועלטיקע גיט ראַפּטאַם אַ באַפעל אים.
ער גייט אין האַכדייטש זיך פאַנאַנדער אויפן קול
מיט וואו אַ קאַטשקע, וואו אַ גאַנדז און מיט די הינער.
עס בלאָזן אָן ביי אים די פּיסקעס זיך: יאַוואָל,
עס וועט אים ענטפערן אויף דייטש גאַנץ אוקראַינע!
די שיך זיך אויספוצן דעם זקן ער באַפעלט,
באַפעלט די שפּראַך די דייטשע אים באַהערשן,
וויל זיגרייך דורכמאַרשירט די גאַנצע וועלט
האָט דאָס אימפּעריש, דאָס דייטשישע געוויער שוין!
דער זקן האָט געהערט, באַגרייפן ניט געקענט:
עס האָט נאָך קיין בן־אדם ניט געזען אַזאַ זאַראַזע,

אַז שפּרעכן שפּרעכט ער מיט די עופות ווי אַ מענטש,
און פּרעסן פּרעסט ער אויף זיי ווי אַ חזיר.

IV.

די האַלבע נאַכט געלייגט האָט זיך מיט שרעק,
צו האַלבער נאַכט האָט מען אויף אומגליק זיך געריכט דאָרט.
זיך אומגעקערט פון דורכפירן אַן אַקציע האָט פּאַן־שפּעק
און זי ביי זיך אין טאָגבוך מיט דעטאַלן אויסגעריכטעט.
געווען זיין טיש איז מיט מאכלים ברייט געדעקט,
געוואַרט אויף אים האָבן געטראַנקען פון בורגאָניע,
אַ מאַלצייט האָט אַליין געפּראַוועט זיך פּאַן־שפּעק
און רופן יעדע ווילע זיך געלאָזט וואַסיאַנען.
נאָר ניט געענטפערט האָט וואַסיאַנע אויף זיין רוף,
דעם שלאָף פון זיידן און פון קינד האָט זי געהיט דאָרט.
אָט גיט פּאַן־שפּעק פון כעס שוין דעם נאָגאַן אַ פּרואוו,
אָט גיט די נאַכט אויף מיילן ווייט שוין אַזאַ ציטער.
דער זקן כאַפּט זיך אויף, און ציילעמט זיך, און וואַרט,
די אויגן שטעלט ער אויף וואַסיאַנען אַן די גרינע:
— אַזאַ מין ביטערע און לאַנגע נאַכט,
נאָך, וויינט אויס, ווייט, וואַסיאַנע, ביז באַגינען . . .

V.

אַן אויפגעלייגטער האָט פון בעט זיך אויפגעכאַפּט פּאַן־שפּעק,
דעם לעצטן טראָפּן שלאָף פון מויל אַרויסגעגענעצט.
זיין אויבערמענטשלעכקייט דערפילנדיק פון עק ביז עק,
איז ער אַריבער פון דער קיך די נידעריקע גרענעץ.
ער איז געווען איינגאַנצן נאַקעט, ווי זיין פליך,
אַנטפּלעקט די שאַנד אינאיינעם מיט דעם האָנער.
געזעסן זיינען אין אַ ווינקל אויפן קיך
דאָס קינד, דער זיידע און וואַסיאַנע.
אַ וויילע האָט זיך פּאַן־שפּעק געקראַצט די הוילע הויט,
געלאַנגווייליקט האָט זיך פּאַן־שפּעק אַ ווילע,
דערנאָך האָט ער זיך אָפּטאָן דאָרט געשטעלט זיין נויט
און „דויטשלאַנד איבער אַלעס" צוגעזונגען זיך ניט אייליק,
ווי ער וואָלט בשעת־מעשה עפּעס זיך דערמאָנט,
ווי אין התלהבות וואָלט ער דאָרט, פּאַן־שפּעק, געשטאַנען.
געטוליעט מיטן קינד האָט זיך וואַסיאַנע צו דער וואַנט,
דער זקן האָט געברומט: אַזוי־אַ זעט זי אויס, גערמאַניע!

VI.

גערמאַניע! איר העכסטער גראַד פון גייסט,
פון נייער אָרדענונג די בלענדיקע אַנטפּלעקונג

דערשיינט דאָ פֿאַר אַ פֿרוי, אַ קינד און פֿאַר אַ גרייז
אין דער געשטאַלט אין דער אַנטבלויזטער פֿון פֿאָן־שפּעקן...
זי איז ניט צוטריטלעך אין איר געוואַג
און אין איר אומבאַגרענ'צטן דראַנג צו הערשן.
ס'געהערט איר שוין די בלוט־געזאַלבטע האַק,
די קללה פֿון אַ קאָנטינענט אַ גאַנצן איר געהערט שוין.
איבער איראָפּע שטייט גערמאַניע, ווי פֿאָן־שפּעק
אַט דאָ אין קיד, אַ נאַקעטע, אין אַרעאַל פֿון מאָרדן,
די האַק איבער דער פֿרייהייט מענטשלעכער געשטרעקט,
און מיט אַראָפּגעהאַקטע קעפּ פֿאַרזייט זי נייע אָרד'נונג.
אַדיע, יאָרהונדערטן, אויף לעסטערן אייך פֿראַנק־און־פֿריי
אינמיטן העלן טאָג, אין יעדער שטוב, אויף יעדן קרייצוועג!
דער חושך, אַ געפּאַנצערטער, זיך שפּאַרט אַריין
די וועלט אין פֿינצטערניש דערטרינקען און פֿאַרפּלייצן.

VII.

גערמאַניע — אַנטבלויזט, אַזוי־אַ, ווי זי איז!
פֿאָן־שפּעק האָט פֿאַרגעשטעלט זי ברייט און ווירדיק.
געלאָזט באַטראַכטן האָט ער זיך פֿון קאָפּ ביז פֿיס,
איעדע רגע זיך געמערט האָט זיין געוויכט דאָ.
ער האָט דערגרייכט דעם שפּיץ פֿון העכסטער מאַכט
איבער אַ קינד, איבער אַ פֿרוי, איבער אַ זקן.
צי עפּעס מער נאָך אויסדריקלעכס נאָך אַזאַ נאַכט
וואָלט ער געקאָנט די קנעכט וועגן זיין הערשאַפֿט זאָגן
ווי דאָס, וואָס ער, אַ נאַקעטער, האָט זיי באַערט
מיט אָפּטאָן זיין באַדערפֿעניש פֿאַר זיי דאָרט אין די אויגן,
אין זייער היים, אויף זייער ערד,
אויף וועלכער בלויז צו דעם און אפֿשר נאָך אויף וואַשן וועש זיי טויגן?
און דאָך האָט עפּעס אים אין קאָפּ געטאָן אַ פּלעט:
ס'וואָלט ניט געשאַדט אַ פֿאָטאָ — ווי ער הערשט און רוט דאָ,
און מיטן נעכסטן פֿיורער־שפּייז־פּאַקעט
אַ קאַרטע אָפּשיקן קיין דייטשלאַנד זיין גערטרודען.

VIII.

דער אַלטער האָט זיך אויפֿגעשטעלט. נאָך אים וואַסיאַנע מיטן קינד,
און, שווייגנדיק, די קיך פֿאַרלאָזט זיי האָבן.
פֿאַר זיי האָט נאָך די ערד די האַרבסטיקע געגרינט,
פֿאַר זיי האָט שטילקייט נאָך דער וואַלד געהאַט פֿאַרגראָבן...
געגאַן, ווי פֿון אַ וועג אַ ווייטן — זאַלבעדריט,
דער זיידע מיט אַ שטאַק, און מיט אַ קלומעקל וואַסיאַנע.
געוויינט די ערד האָט שטיל ביי זיי אונטער די טריט...

— עס קומט די צייט פון גיפט, ווי ס'קומט די צייט פון האניק, —
געמונטערט, גראבנדיק אן ערד־שטיבל, דער אלטער האט: —
א שייטער לייג, וואסיאנע, אויף דערנעבן,
קיין פויגל אויפן פעלד פארלאזט ניט גאט
און נעמט ביי קיינעם פאר דער צייט ניט צו דאס לעבן!... —
און ערגעץ גייט גערטרודע אלע וואך אין קירך
און אויפן פאסט — איעדן טאג. און יעדן טאג — א פעקל.
זי קלייבט זיך אויף איר האכצייט אפפארן שוין גיך.
צום ברויטיגאם קיין אוקראינע. צו פאן־שפעקן.

IX.

געדרייט האט ביי גערטרודען זיך דער קאפ פון גליק,
געזען האט זי אוקראינע, קוקנדיק אויף זיך אין שפיגל.
די קלובעס זיינען, דאכט זיך, איר אביסעלע צו דיק,
דער בויך האט, דאכט זיך, איר א ביסעלע געשטיגן.
נאר ס'מאכט ניט אויס. פאן־שפעק האט ליב,
ווען אלעס ביי דער פריילן שפארט מיט א געשפרודל.
עס גיבן זיך ביי איר די באקן א צעבלי:
ס'וועט קאנטעט זיין פאן־שפעק מיט זיין גערטרודען!
פון פארגעפילן טראגט זיך אזא זיס געהוד,
חלומות זיסע ארום איר זיך שפינען.
זי זעט זיך א באזיצערין פון א פאנטאסטיש גוט:
איבערן האלדז אין געגנדז, אין אינדיקעס, אין הינער,
און ס'לויפן אום חזירים דא און דארט,
און אלע צערטלען זיך צו איר מיט אזא ליבן צוריר.
א, ווי ס'באוועגט זיך אין דער וואר איעדעס ווארט,
וואס צוגעזאגט די דייטשישע סאלדאטן האט דער פיורער!

X.

זאל שוין די רייזע גיכער פארקומען אהין,
א שאד איז יעדע נאכט און יעטווידער באגין איר.
כאטש פילן פילט זי זיך שוין דא, נאך אין בערלין,
א האלבע הערשערין פון אוקראינע!
ס'האט שוין דערעסן איר צו טראגן אלץ אין קאפ
און פון א פרעמדן אויג דאס צוגעשיקטע צו פארדעקן,
און דאס — וואס שכנים קוקן איר אריין אין טאפ
און ציילן אלץ, וואס זי באקומט טאג־טעגלעך פון פאן־שפעקן.
זי וועט זיי אויך פון דארטן שיקן יעדע וואך
א שטיקל שפעק, א בייגל ווארשט, א פרענטל פוטער.
עס זאל די צייט איר נאר דערלויבן — אך!
און גוטסקייט פאר געווים וועט קלעקן ביי גערטרודען...

זי האָט געחשבונט, און געטרוימט, און זיך געאײַלט,
און שווער געווען איז פֿון די טרוימען זי דערוועקן,
זי זעט זיך שוין, ווי אין אַ לוסטיקן פּאַרווײַל
זי פֿאָרט אַרום איבער איר גוט אײנאײנעם מיט פּאַן־שפּעקן.

XI.

פּאַן־שפּעק וואָלט שוין געקאָנט פֿאַרענדיקן דעם קריג,
געהאַט דאָרט עפּעס נאָך צו טאָן האָט ער דען ?
עס האָבן אונטערטעניק זיך פֿאַר אים געוויגט
די אוקראַאינישע די פּעטע ערדן,
און פֿערד געפֿאַנגענע פֿון העכסטן שטאַם,
און גוטע צוגעלאָזענע בהמות.
מיט פֿרוכט מיט רײַפֿע פֿאַר זײַן הערשערישן שטאַנד
אין גאָרטן אויסגעצויגן יעדער בוים איז.
די ייִדן אויסגעקוילעט. קיינער מער נישטאָ.
און זײַן גערטרודע גרייט זיך שוין אַהערצו אין דער רייזע.
און וואו ער שטעלט אַוועק דעם פֿוס — איז שטאָל,
אויף וואָס ער לייגט אַוועק די האַנט — איז אײַזן.
נאָר עפּעס זיך פֿאַרהאַקט מע האָט דאָרט ביי קאַווקאַזער שוועל,
און עפּעס אַ פֿאַרדראָס אַזאַ מין דאָרטן, ביי דער וואָלגע...
און פּלוצעם האָט זײַן טייל באַקומען אַ באַפֿעל :
„זיך אויפֿהייבן ! און נאָך די אַוואַנגאַרדן פֿאָלגן !“

15. לאַטקעס

I.

פּיאַלקעס אויפֿן סטעפּ צווישן צעטראָטן גראָז,
און ביי די נעכט לאָזט זיך אַראָפּ מיט בעז דער הימל.
פֿאַרלוירן האָט זיך אויף קובאַן דאָס דערפֿעלע פּאַגאָסט,
ווי איבער גרינס געלאָזט מע וואָלט זיך ערגעץ שווימען.
באַשטאַנעס אויסגעטראָטענע אַנטקעגן קומען אָן,
און פֿרוכטנביימער היימלאָזע אויף וועגן וואָגלען.
נאָך וואָסער גייען זיי צום שטילן דאָן
און, ברענענדיקע, טראָגט דער ווינט זיי צו דער וואָלגע.
זיי האָבן אָפּגעשיינט מיט צווייט און אָפּגעדינט מיט פֿרוכט
אַזוי פֿיל ברכהדיקע זומער־טעג און האַרבסטן אין סטאַניצעס.
און אויך פֿון בינען גאָלדענע דער זיסער שפּרוך
האָט פֿאַר דעם אומגעריכטן אומגליק ניט פֿאַרהיט זיי.
פֿון פֿייער איז געגאַן אַ האָגל און אַ גאַס,

די פרוכטנביימער אויפגעפרעסן אַלע נאָך אין מאַי דאָרט.
פאַרשטעלט האָט מיטן קלויסטער זיך דאָס דערפעלע פּאַגאַסט,
אפשר אַזוי אַרום וועט עס דעם אומגליק מיידן...

II.

ניט ווייט פון קלויסטער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ טאַנק,
מיט דער האַרמאַטן־רער אַ טייט געטאָן, ווי מיט אַ פינגער.
איבערן קופּאָל אַ פאַרשטויבנדיקן זאָלפּ דערלאַנגט,
און אויפגעגאַנגען איבער אים אַ פייערדיקער רינג איז.
צעשאָטן האָט דער קופּאָל זיך אויף דר׳ערד
מיט טויבן קרעכץ מיט קופּערנעם פון גלעקער,
און אונטער בראָך פון קלויסטער האָט זיך קוים געהערט
דערשטיקטער כריפּ פון בייניקן געבערעקל.
ס׳איז דאָרט קיין גאָט־דינסט לאַנג שוין ניט געווען,
באַהאַלטן מאַמעס האָבן דאָרט מיט קינדער זיך צוזאַמען;
אַ ניט־געשוירענער דער גלח איז אַוועק
מיט ביקס אין האַנט אין וואַלד צו פּאַרטיזאַנער.
גענישטערט האָט די קרעאַטור פון דייטשלאַנדס מאַכט,
דעם ליוק ווי שטערן פלאַטשיקן פאַרהויבן,
אויף אַ קאָמאַנדע, גריל־צנדיק, געוואָרט:
„אַרויף אויפן געקעפּטן קלויסטער מיט די רויפן!"

III.

אַ וואָרף געטאָן האָט זיך פון טאַנק אַליין די דעק,
פון אינווייניק מיט טעמפּן פינצטערן געלאָקער
אַרויסגעשפּרונגען איז דער לייטענאַנט פאָן־שפּעק
און אויפן קלויסטער זיך געשטעלט, פאַרזויגן אין בינאָקל.
אַ שוואַרצע קאַסקע האָט זיין קאָפּ פאַרדעקט.
און קיין געזיכט! קיין אויגן! און קיין שטערן!
אַ צווילינג פונעם טאַנק האָט אויסגעזען פאָן־שפּעק,
וואָס פרעסט און קאָן זיך פּרוכפּערן און מערן.
ער איז געשטאַנען אויפן קלויסטער און געקוקט
און אויסגעמאָסטן אַלץ, וואָס אים וועט דאָ געהערן.
ס׳האָט אויך אויף אים געקאָנט זיך עפענען אַ ליוק,
עס זאָל אַ שטיקל שטאָל אַרויסשפּרינגען פון די געדערים.
פאַרחלשט און פאַרטויבט פון עק צו עק
געלעגן איז דאָס דאָרף אונטער האַרמאַטן־רערן.
און אויפגעגאַן אויף דעם, ווי אויף אַ קרוינשטול, איז פאָן־שפּעק
פאַר באַלעבאָס פון דער געקעפּטער וועלט זיך צו דערקלערן.

IV.

דער וועג זיך וואַרגט מיט רויך און שטויב,
די פאַנצערס, רייסן זיך ווי איבער שטיגן.

געלאָזט האָט זיך גערמאַניע אויף רויב,
גערמאַניע איז אויפגעגאַנגען אויף הריגה.
עס רירט זיך קיין בהמה צו צום גראָז,
און אין געווייִן זיך וויגן זאַנגען אויף די פעלדער.
עס שטייען שטיבעלעך, ווי ערב דעם צעשאָס,
דער אומגליק וואַרט ביי יעדער שוועל דאָרט.
אַ שטאַל צו שטאַל אין פיין זיך פרעסט,
אין טרויער טוליעט שייער זיך צו שייער.
אַ מאַלצייט פּראַוועט זיך אין דאָרף די פעסט,
די טירן אויף, צעפּראַלט דורך פייער,
פון שטוב צו שטוב — אין פיבער זיך אַ וואָרף,
פון הויף צו הויף — וואו ס'קומט איר אויפן זין אויף.
פאַן־שפּעק פרעסט אויף איצט אַ קובאַנער דאָרף
אינאיינעם מיט די פּאַדקעוועס און מיטן טיבוף.

V.

געאָרעמט מיט אַ טאָפּ, דער בליק — אַ מעסער,
האָט זיך פאַן־שפּעק געקוויקט: יאַוואָל!
ער האָט אַזוי פיל לענדער שוין געהריזעט און געפרעסן,
אָבער אַזאַ געַנוס נאָך ניט געהאַט קיינמאָל!
אין שווייס פון גיר זיך שמעלצט דער האַלדז־און־נאַקן,
די פיס מאַרשירן אויפן אָרט, ווי אין געהעפּ.
געשטאָפּט איבערן זוים אַ זאַק זיך נאָך אַ זאַק האָט,
די אויגן זעען ניט, פאַרפּלייצט זיינען די קעפּ:
מע פרעסט, מע זשאָרבט, מע הריזעט מיט די נעגל,
און פּונקט ווי פאַר דער מיתה איילט מען זיך אויף גיך!
עס איז אַ שאָד צעשיידן מיט מאכלים זיך אַ רגע,
גרויסמוטיק מ'איז זיך מכין אונטער זיך.
עס קלעפּן פּעדערן צום לאַץ זיך און צו אַקסל.
פאַן־שפּעק — אין פוך, באַלד — פליען זיך ער לאָזט.
די נייע אָרדענונג אין דערפעלע צעוואַקסט זיך,
ער פירט די אָרד'נונג איין די נייע אין פּאַגאָסט.

VI.

פון אַלע שטיבעלעך אין דאָרף האָט איינס געגלאַנצט,
און בלויז פון דעם זיך ניט געטראָגן קיין געוויין האָט.
געדעמפּט די באַלעבאָסטע האָפּערדיק האָט גאַנדז,
און ס'האָבן זי געקניפּט די אָפיצערן: „ס'אַראַ שיינהייט!"
אַראָפּגעשמיסן די מונדירן בליציק־גיך,
די הענט אין טעפּ מיט רעש געלאָזט זיך ווייקן.
זיך ווי אַ היישעריק געטראָגן אויפן קיך

און — „דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס!" — זינגענדיק געמייקעט.
עס האָבן ראַשטשישינעס מיט פּאַרע זיך געהויבן פון די טעפּ.
די דייטשן האָבן לאַטקעס רוסישע באַשטעלט זיך,
און מיט די צירקלען זיי גערונדיקט און געמאָסטן אין דער גרעב,
די אַרבל אין דער הייך פאַרקאַשערט, ווי די שמעלצער,
און ביי די סקאָווערדעס — אַ ריטערלעך געשלעג,
פונקט ווי אַ האַנט־געפעכט, צעיושעט און פאַרהאַוועט.
קינזשאַלן — הויל. מיט שטיקער סאַלע שוויסיק זיך באַלעקט
און הויך געריימט די רוסישע פּאַטראַוועס.

VII.

געריסן האָבן זיי די לאַטקעס אויפן פלאַם,
גערמאַניעס רום און מאַכט באַשטעטיקנדיק גרויזאַם.
און אין דעם זשאַרבנדיקן ווילדן טאַראַראַם
געשפּאַרט האָט אין דער הייך אַ מאַלפּישער געוואַי זיך.
ס'פאַרבליט די נייע אָרדענונג ביים סטאַראָסטע אין שטוב,
צו דייטשלאַנדס גייסט די סטאַראָסטיכע זיי באַהעפטן.
און שטיקער סאַלע אין די בוזעמער מע שטופּט —
איבערגעפּרעסענע, פאַרדאַמטע און געפּלעטע.
מיט רוסלאַנד ספּראַווען וועלן זיי זיך גיך און קורץ.
ווי שיין די באַלעבאָסטע איז! ווי פורכטבאַר ווייך און גלאַט איז!
און מיט אַ חיהש־פאַרגעניגנדיקן שלוכץ
געשטאָפּט זיי האָבן זיך מיט איר, ווי מיט די לאַטקעס.
געקוקט דער סטאַראָסטע צעחושט האָט אויף די לייט,
און אויף זיין קיך, און אויף זיין ווייב דער שיינהייט:
צי איז עס זיינס, צי ס'איז פון אים שוין זייער ווייט,
ווער ווייסט? צעקייען קאָן ער עס אַצינד אַליין ניט...

16. דעם אייגענעם זון אויך

I.

נאָר ס'האָט דער סטאַראָסטע אַצינדערט ניט קיין צייט
אין קלייניקייטן אין אַזעלכע צו פאַרטאָן זיך.
קיין איבעריקע רגע אים פון טאָג ניט סטיי'ט,
און ביי די נעכט די אויגן נישטערן און בלאָנדזען,
איז וואָס איז אים דאָס ווייב? ער לאָזט עס דורך פאַרביי,
אין קאָפּ באַוועגן זיך די שטיינער פון זיין מיל אים,
וואָס ער האָט ביי דער ראַטנמאַכט געצונדן אַ מאָל דריי,
און איצט האָט זיך דאָס מזל זיינס גענומען מיט אים שפּילן.

די פּאַסן זעט ער שווינדלען שוין אין איר...
ער שוויצט, און מיט אַ טוך ער ווישט דעם האַלדז־און־נאַקן.
ער זעט, ווי וואַגנס שלעפּן זיך פון דערפער אָן אַ שיער,
און גאַנץ פאַגאַסט האַלט גרייט פאַר אים די הוט: „הער ראַקאָוו!"
עס גריסט אַליין פאַן־שפּעק מיט אים זיך פאַר דער האַנט
און וועקט פון קבר ווידער זיין פאַרמעגן,
איז וואָס איז דאָ צו זען און ניט צו זען פאַראַן —
ער האָט פאַר דעם קיין צייט אַצינדערט ניט קיין רגע.

II.

פון קבר שטייט אַצינד זיין נחלה אויף צוריק...
נאָר פון די בייגער אויף פאַן־שפּעקס מונדיר גייט דורך אַ פיבער,
און עפּעס שרעקט ער זיך צו טרעפן מיט זיין בליק,
כאָטש עפּעס פרעגן האָט ער זיך ביי אים געקליבן.
די מיל... די ערד... פאַראַן אַ ים צו טאָן...
דעם פאַרקן קלויבט ער זיך שוין איבערפאַרבן,
איז וואָס־זשע גייען אים די לאַטקעס אָן,
אַז פון פאַן־שפּעקס מונדיר זיך רייסט צו אים אַ שאַרבן?!
ער דאַרף אַצינדערט אַ באַשטימטע צאַל
קאַלווירטניקעס פאַרדעכטיקע דעם שאַרבן נאָך דערלאַנגען...
און ס'האָט די שרעק און ס'גליק באַפאַלן מיטאַמאָל,
און ס'איז אין צייט ביי אים אַ דוחק און אַ מאַנגל.
וואָס זאָל ער פריער טאָן? זיי רייסן אַלץ!
די, מיט די שאַרבנס, איילן זיך דאָ, קאַנטיק...
און ס'וואַרגט עפּעס אַזוי אין האַלדז,
די צונג עפּעס אַזוי זיך פּלאָנטערט...

III.

פּאַפּיר האָט אים פאַן־שפּעק דערלאַנגט אַ בלאַט,
אַ ציגאַרעט, און אַ טערמין, און ניט געלאָזט זיך דרייען:
ער דאַרף צונויפשטעלן אַ צעטל — אַקוראַט:
ווער איז אין דאָרף אַ פאַרטיזאַן און ווער אין דער אַרמיי איז!
און נאָך אַ בלאַט פּאַפּיר האָט אים פאַן־שפּעק געגעבן אַ פאַרטרוי,
אַ שניידנדיקן קוק און נאָך אַ ציגאַרעטל:
ער זאָל פון שפּייז־פּראָדוקטן אים צונויפשטעלן גענוי —
ביי וועמען, וואָס און וואו באַהאַלטן איז — אַ צעטל.
ער האָט דעם רויך פון ציגאַרעט געטאָן אַ צי אַריין
און אים אַרויסגעלאָזט צוריק מיט גרויס מביבות,
און כאָטש צו לייכט האָט אים דער טאַבעק אויסגעזען צו זיין,
און כאָטש צו האַרב פון צעטל דער טערמין איז,

און כאַטש ס׳האָט אים דער הוסט צו דר׳ערד געטאָן אַ בייג,
האָט ער דאָס ציגאַרעטל דאָך אַ צי געגעבן ווידער.
ער וועט זיך שוין אַ סטאַרע טאָן, דער סטאַראָסטע, אַזוי,
אַז זיין פאָן־שפּעק זאָל העכסט מיט אים צופרידן.

IV.

און פאַרזיכטיק ס׳פּאַפּיר געטאָן אַ לייג צונויף,
אויף דערשטיקטן דאָרף געלאָזט זיך ווי אַ נעפּל.
ביי אים אין האַנט איז איצט איעדער הויף,
ביי אים אין האַנט איז דאָרט איעדעס לעבן...
אַ שאָרך אין בוזעם־טאַש פון בלאַט מיט בלאַט...
געצויגן זיך צו דעם האָבן שוין נעמענער און צאָלן.
ער האָט חשבונות מיטן גאַנצן דאָרף געהאַט,
געהאַט האָט ער אין דאָרף מיט וועמען זיך צעצאָלן...
פאָן־שפּעק האָט אים אין מויל ביי זיך געמאַכט אַן אָרט,
מיט חסד דייטשישן גענומען אים פאַרטויבן...
אַ לעק גיט אַלע ווילע אים די חיה דאָ און דאָרט,
נאָר ס׳לאָקערן אויף אים די ציין פון אונטן און פון אויבן,
ער קאָן שוין ניט פון דאָרט צוריק אַרויס,
און קאָן זיך אינוויניק שוין ניט פאַרטייען:
איין ריר זיך ניט אַזוי, און אַלץ איז אויס,
און ס׳וועלן אים די ציין צעכראָמקען און צעקייען.

V.

דער ציגאַרעט איז לייכט און רייסט דעם האַלדז...
עס שרייבט דער סטאַראָסטע, ווער ס׳גיט אויפן זכרון נאָר אַ גיי אים.
ער דאָרף פאָן־שפּעקן אויסליידיקן אַלץ
און שטעלט זיך פּלוצעם אָפּ: זיין זון איז אויך אַ רויט־אַרמייער...
ער סטאַרעט זיך, דער סטאַראָסטע, גייט אָפּ מיט שווייס.
פון הויף צו הויף גייט זיין זכרון, ווי דער אומגליק,
ער לאָזט קיין איינעם ניט אַדורך — ער ווייסט:
פאָן־שפּעק די הייזער טרייסלט, ווי די קלומקעס.
עס גיט אים דער באַשריבענער פּאַפּיר אַ שניט,
עס גיט דאָס לייכטע ציגאַרעטלע אַ שרעק אים:
אַריינשרייבן אויף זיך דעם זון צי ניט...
צי זאָל ער מינדלעך מעלדן עס פאָן־שפּעקן?
ס׳הייסט: אַ מסירה איצט אויף זיך גיי, סטאַראָסטע, באַשטאַט!
אַז אויך ביי דיר אַ זון אַ רויטאַרמייער איז פאַראַנען...
ער האָט פאַר אים באַצאָלט דאָך מיטן פאַרזיצער פון ראַט,
ער האָט פאַר אים באַצאָלט דאָך מיט מאַלאַניען . . .

VI.

זיי בליאַסקען דאָך אויפן פּאַפּיר פון זיין פאַרשפּראַך,
עס קאָן קיין אומגליק אין דער וועלט זיי ניט פאַרדעקן.
ער וועט ניט זשאַלעוועז. ער וועט דערלאַנגען נאָך.
ער וועט אַליין זיך צושטעלן פאַן־שפּעקן.
און אויף די קני: גענעדיקער פאַן־שפּעק!
און צו די פיס: זאָל אים זיין הויכגעבורט אויף שטיקער שנײַדן,
פאַראַן איז אויבעט אויפן סטאַראָסטעס אַ פלעק...
נו, יאָ... נו, און די זון אַליין? איז זי פון פלעקן פריי דען?
ער האָט אַ טונק געטאָן אין טינט די פען,
אַרויסגעסקריפּעט שווער זיין אייגענעם פאַמיליע־נאָמען
און מיט די ציין געקריצט: דערשטיקן וואָלט ער אים באַדאַרפט געוועז,
אַרויסלאָזן נאָך ביי דער מוטערס ברוסט אים די נשמה!...
די צעטלען זיינען געווען גרייט צו נאַכט,
דער סטאַראָסטע האָט אין טערמין קיין רגע ניט געשפּעטיקט.
הכנעהדיק האָט ער פאַן־שפּעקן זיי געבראַכט
און זיי, ווי ברויט מיט זאַלץ, דערלאַנגט אים אַ געפּלעטער.

17. אַ דעזערטיר

I.

דער רויך פון ברענענדיקע הייזעלעך זיך רייסט,
און אויף די ביימער קאָרטשען זיך אין פלאַם די בלעטער.
עס האָבן אין פאַגאָסט פאַר ניט קיין הויכער פרייז
די דייטשן איינגעהאַנדלט נאַכעט אַ פאַררעטער
ביים סטאַראָסטע אין שטוב. געווען איז ער
געקליידט אין גרינער רויטאַרמייער־גימנאַסטיאַרקע.
באַטראַכט געהעריק האָט פאַן־שפּעק אים, ווי אַ פערד,
אַ צוימל אין די ציין וועט ער אים ווי־ניט־איז באַזאָרגן,
דאָן גיין ווי אַ מאַשין ער וועט ביי אים אין שפּאַן.
דעם רודער איינהאַלטן נאָר פעסט און מיט אים ריכטן,
אים איז דאָ אָפן אַלץ. און אַלץ — אונטער דער האַנט.
אים מיט דער בייטש אַזוי פון אויבן נאָר אַ ריר טאָן,
פון צייט צו צייט עפּעס אַ שטעק טאָן אים אין מויל,
פון צייט צו צייט מיט שרעק אים לייכט פאַרזויגן,
און האַלטן אָנגעגרייט פאַר אים אַ קויל,
און האַלטן שטענדיק אויפן אויג אים . . .

II.

אַ פּויטעקע האָט ער פּאַר אים געטאָן אַ דריי,
דערצו אַ רער אַ שוואַרצע פון אַ פּאַראַבעלום,
און אויסקלייבן זאָל ער זיך איינס פון צוויי —
געגעבן שנעל פּאַן־שפּעק האָט אַ באַפעל אים.
ער דאַרף אים דינען טריי. באַלוין — פון שטיק.
צונויפקלאַפּן אַ גוטס די מעגלעכקייטן האָט ער,
דערנאָך וועט ער אַריבערכאַפּן זיך אַהין צוריק —
האָבן די ווערטער זיך אונטער זיין צונג געקנאָטן.
— נאַר טאַמער, — האָט פּאַן־שפּעק געטאָן די ברעם אַ הייב, —
לאָזט ער זיי דאָרט פון עפּעס וואָס צו וויסן . . . —
האָט אים פּאַן־שפּעק אַ תליה דורך דער שויב
מיט אַ משפּחה אַ געהאָנגענער באַוויזן . . .
פּאַן־שפּעק האָט ביז דעם ביין און בלוט
אַריינגעקלאַפּט אין מוח יעדעס וואָרט אים,
און אים דערלאַנגט אויף אויפהאַלטן דעם מוט
אַ פּאַרל גלאַנציק־בולפּענע באָטפּאַרטן.

III.

באַקוקט האָט זיי פּאַן־שפּעקס משרת לאַנג,
און ווי נ'אַ שוואַרצן שפּיגל דאָרט דערזען פאַרקערט זיך,
דערמאָנט אין רויטאַרמייער זיך, וואָס פוילן אין געפאַנג,
געדוכט: ער הערט פון וויט זייערע קרעכצן.
פאַרשפּיליעט די באָטפּאַרטן ער האָט שנעל. געניט.
און זיך געלאָזט אין גאַס אַריין אַ גיי טאָן.
זיי שניידן, דאַכט זיך אים, אַ ביסל אין די קני,
זיך אויסגעוויזן האָבן זיי אים שווער, ווי קייטן.
און איבערהויפּט — ס'איז עפּעס גאָר ניט זיינע פיס . . .
באַשלאָגן האָט אַ שוויס אים: מאָדנע פיס ביי אָט די דייטשן..
מע קוקט אויף אים פון אומעטום געוויס.
ער שטייט ביים שטוב. אים דוכט, אַז ער איז ווייט שוין...
און פּלוצעם האָט אין זיי אַ שמייס געטאָן אַ שטיך.
אַ קוק טאָן ווער — האָט אים קיין מוט געסטיי'ט דאָרט.
ס'איז קיינער ניט געווען חוץ אים אַליין:
צי האָט דער שטיין אַליין אין אים זיך ניט געשליידערט?!"

IV.

דעם ראַנד אַריבער דאָ איז ער אַליין,
ווי נאָר דער פראָנט האָט זיך צום דאָרף דערנע'נטערט,
און איצט וועט אויסקומען צוריק אים גיין —
קיין אויסוועג איז ניטאָ. ביים דייטש איז אין די הענט ער.

עס האָבן פויערן אין דאָרף אים ניט געפרעגט:
וואָס טוט ער דאָ? ער דאַרף דאָך אויפן פראָנט זיין!...
איַדערער האָט אָפּגעטראָטן אים דעם וועג,
ווי נאָר פון שטיוועלעך דערזען מע האָט דאָס גלאַנצן...
חוץ די באַטפאָרטן בולפּענע האָט ער אָן לוסט
אַ דייטשישן וועלאָסיפּעד אין דאָרף באַנייט שוין...
נאָר שיידן דאַרף ער זיך מיט אים און גיין צופוס...
די דריטע גאָב ז׳געווען אַן אויפטראָג פון די דייטשן...
באַטפאָרטלעך אויסגעטאָן, באַקוקט זיי פונדאָסניי,
ווי אין אַ שוואַרצן שפּיגל דאָרט דערזען פאַרקערט זיך.
אין דער פאַרשוועכטער גימנאַסטיאָרקע ז׳ער אַריין
און זיך אַוועקגעלאָזט דאָס פאָטערלאַנד פאַרראַטן, קרעכצנד...

V.

— הער ראַקאָוו! — האָט פאָן־שפּעק זיך אַמוזירט
מיט דעם פאַרטרויטן סטאַראָסטע, פאַררייסנדיק דעם קין אים, —
דער יונג איז בראָוו! ער מאַכט איבגיכן אַ שפּאַציר,
וואו ער וועט, סאַקראַמענט, אַ צלם זיך פאַרדינען! —
געלויערט ווי אַ גרוב האָט אויפן סטאַראָסטע דאָס דאָרף,
נאָר ס׳האָבן אים די דייטשן אָפּגעגעבן כבוד.
געשטאַנען איז ער אויפן פאַרנעמסטיקן אָרט,
ווען צו דער תליה מ׳האָט געבראַכט קאָלווירטניקעס געקאָוועט.
ער האָט זיך נאָר פאַרלאָזט אַ בערדעלע בלאָנזשע,
זיך מיט אַ שניפּס פאַרפּוצט און מיט אַ קאָלנער,
און וועגן אים איז שוין געגאַן אַ שם,
אַז רעדן רעדט ער, קוים וואָס מ׳הערט זיין קול נאָר...
צונויפגערעדט מיט אים האָבן זיך דייטשן גיך,
ער האָט געפאָלגט, און זיי האָבן פאַרטרויט אים.
— הער ראַקאָוו! — האָט פאָן־שפּעק זיך אַמוזירט, —
פאַראַן איז נאָך אין רוסלאַנד פיינע לויטע!

VI.

פון שטוב צו שטוב ז׳געגאַן אַן אונטערזוך,
פון הויף צו הויף געראַשט האָט אַ געוויטער.
ס׳האָט ניט געהאָלפן קיין געבעט און ניט קיין שפּרוך,
און אויף געווויין געענטפערט האָבן ריטער.
געשלעפּט מ׳האָט אַלץ, פון לעבעדיק און טויט,
און אַלץ ביז בלוט און ביין אַדורכגעאַקערט:
אַ וואָגן סקאָרב! אַ וואָגן ברויט!
און מיט פאַרדעכטיקע קאָלווירטניקעס דעם חורבן פאַרסך־הכלט.
מאַלאַניע ניט באַוויזן האָט צו טאָן אַ שפּאָן,

אַ טראַכט טאָן ניט באַוויזן האָט מאַלאַניע אויף דעם בראָך דאָרט.
און ערגעץ האָט מען שוין אַוועקגעפירט איר מאַן.
און ערגעץ האָט מען שוין אַוועקגעפירט איר טאָכטער.
געהוליעט האָט דער אומגליק אומגעשטערט,
געזוכט וואו לעבעדיקס איז ערגעץ נאָך פאַראַנען.
און איינגעבראָכן נידעריק ביי דר'ערד,
געבליבן איז אַליין אין שטיבעלע מאַלאַניע . . .

VII.

ביים דאָרפסראַט האָט אַ תליה זיך געהויכט,
ווי דער אריינגאַנג אין דער אָרדענונג דער נייער.
געוואָרגן האָבןביימער זיך מיט רויך,
געשטיקט האָבן זיך דעכעלעך מיט פייער.
אוי. ניט צו גוטנס האָט זיך אָנגערוקט די נאַכט,
געקרייט די הענער ניט צו גוטנס האָבן לאַנג דאָרט.
איבערן דאָרף די תליה האָט געוואַרט,
ווי צו דער נייער אָרדענונג דער בלוטיקער אַריינגאַנג.
ווער וועט דער ערשטער זיין צו איר געבראַכט?
צוערשט פון דאָרף באַערן וועט זי וועמען?
געלעגן ביי דער קרענעצע פאַרשטאַרט
איז אַ קאָלווירטניצע מיט בלוט-פאַרפלעקטע עמער,
צעשפרייט די הענט, ווי אַ קאַראָמיסלע, צום ברוק,
פאַרגלייזט דעם בליק, ווי עפּעס דאַרף זי זיך דערמאַנען.
די תליה פון דער הייך האָט לאַקערדיק געקוקט,
פונקט ווי דער הערב דער שטאָלצער פון גערמאַניע.

VIII.

אַן אָפּגעשמיסנס אויף דעם מיטן וועג
געשטאַנען איז פאַאָסט, פאַר יעדן אומגליק אָפן.
ס'וואָלט יעדעס שטיבעלע ערגעץ אַוועק,
ס'וואָלט יעדע שטאָל ערגעץ אַנטלאָפן...
אַ וועלכן ווייַ האָט עס ניט אויסגעפּרואווט?
אַ וועלכע שאַנד איז עס ניט אויסגעשטאַנען?
איעדע נאַכט עפנט די טירן אויף
דעם אומגליק אין דער היים ביי זיך מאַלאַניע:
וואָס נאָך פאַרלאַנגט דער אומגליק דאָ?
וואָס נאָך האָט מען אים ניט דערגעבן?
אַוועקגעפירט ערגעץ דעם טאָג,
אַוועקגעפירט ערגעץ דאָס לעבן...
צופוס מ'האָט פויערן געיאָגט צום באַן,
וואַגאָנעס האָבן זיך פאַר זיי ווי קייטן דאָרט געפלאָכטן.

און ניט דערוואַרט האָט זיך מאַלאַניע אויף איר מאַן,
און ניט דערוואַרט האָט זיך מאַלאַניע אויף איר טאַכטער...

IX.

אַיעדעס כאַטקעלע מיט פחד האָט געקוקט,
איבער די פענצטער אַנגערוקט פון דאַך די שטרויען.
און גאַנץ פאַגאַסט האָט זיך געטאָן אַ טוק
אינעם פאַנאַנדערפלייץ פון אומגליק און פון טרויער.
געבליבן איז אין האַלדז דעם דערפל שטיין די צייט,
אַ פרעס צונויף געגעבן ס׳האָט זיך ענגער.
געשאָקלט האָבן פענצטערלעך: דורך וועלכער זייט
וועט זיך אַראָפּלאָזן די קללה פון די הענקער?
איבער דער גאַס געלאָפן איז דער אומגליק הין און צ׳ריק,
איבערן הימל האָט זיך פלאַם צעפאָכעט ווי אַ ווייער.
צו אַלטע דעמבעס צוגעבונדענע מיט שטריק,
געברענט האָבן פאַרוואונדעטע און שטאַרבנדיקע רויטאַרמייער.
און מיט באָטפאָרטעלעך זיך שיידנדיק, באַקוקנד זיי פונסניי,
זיך שפּיגלענדיק צולעצט אין זייער גלאַנץ דעם גלאַטן,
האָט איינער דאָרט דעם ראַנד געטאָן אַ שנייד
און קרעכצנד זיך אַוועקגעלאָזט דאָס פאָטערלאַנד פאַרראָטן.

18. אַ באַגעגעניש

I.

איוואַן ראַקיטאַ האָט באַמערקט,
אַז ס׳רינען דורך ידיעות צו דעם קעגנער,
און אַלעמאָל אַלץ מער און מער —
ניט צו פאַרריכטן איז דעם בראָך בלויז פון די לעצטע טעג נאָר.
געוואוירע ווערט דער שונא איינס און צוויי,
מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט דערשמעקן די קאַנאָנען,
וואו ס׳גייט רעזערוו, וואו ס׳פעסטיקט זיך אַ באַטאַריי —
אַרויסקלאַפּן אַזוי דעם לעצטן מענטש מע קאָן אים...
ער האָט באַמערקט אַ בראָך ביי רויטאַרמייער אין געמיט,
זיי אויפהייבן אין אָנגריף שווערער איצט וועט זיין אים.
ס׳האָט די באַהאַוונטקייט פון שונא אים געשמידט
און ניט געלאָזט די אויפגאַבן אַדורכפירן אים זיינע.
ער האָט מיט זיך אַליין זיך אויסגעיִשובט אַקוראַט,
און אַז ס׳זאָל קאָנען זיין פון אַלעמען באַגיטיקט,
איז אין זעמליאַנקע די חברים אויף אַ ראַט
אַרויסגערופן האָט צו זיך איוואַן ראַקיטאַ.

II.

און ס׳האָט אַזוי געפּאַסט צו אים,
און ס׳האָט געהאַט אין אים אַזוי פיל טעמ׳ען —
די ברוסטיקע באַסאָווע שטים,
און אויף דער ליפּ דאָס צוקנדיק־פאַרצערעוועטע שראַמל.
געדיכטע אָפּגעבליאַקעוועטע ברעמען צוויי
אַראָפּגעלאָזט איבער די ווייס האָבן בייז מיט האָס זיך,
און אין די אויגן זיך געשפּיגלט האָבן זיי,
ווי ס׳שפּיגלט זיך געוויקס אין לויטער וואַסער.
איז מיט אַ קוק און מיט אַ ווענדע — איינס און צוויי —
אַדורכדרינגען האָט ער אין יעדן זיך באַמיט דאָרט
און אָנטאַפּן ביי יעדן, וואָס עס טוט אים וויי
און ווער מיט וואָס איז ניט צופרידן.
געבויט האָט ער די קאַרפּוסן אַליין,
אויף זיינע אויגן האָט די שטאָט די שטאָלענע צעבליט זיך,
און קוקנדיק מיט צער אויף יעדן חורבנדיקן שטיין,
האָט ער דערמאָנט די שלאַכטן ביי צאַריצין.

III.

באַלייגט זיינען די ווענט אין ערד־שטיבל מיט שטרוי,
און לאַנגזאַם, ווי די צייט, דער זאַמד דאָרט שיט זיך.
אַ מויז גיט ערגעץ דאָרטן זיך אַ רוי,
באַווייזט דאָס מאָרדעלע דאָס שפּיציקס,
זי קוקט אַ ווייל און ווי אַ שאָטן גלייך פאַרשווינדט,
עס קאָן דאָס אויג אין אָנשטרענג זי ניט כאַפּן.
און בלויז ווי פון אַ דורכגעשורעוועטן ווינט
גיט זיך אַ בערגלדיקן כוואַליע אויף דער וואַנט די מאַפּע.
פאַרפּלאָנטערט האָט די מויז זיך אונטער איר,
דערשראָקן פאַר דעם שאָרך, וואָס מ׳רופט אַרויס איר פלאָנטער.
עס האָט אַן עפן זיך געטאָן די טיר,
אַוואַדיס איז אַריין גלייך ווי אַן אַלט־באַקאַנטער:
— דער ערשטער? — האָט ער מיט באַגריסנדיקער שטים
איבערן ערד־שטיבל גענומען שפּרייזן.
און אויסגעקערעוועט האָט ראַקיטאַ זיך צו אים:
— דער ערשטער! אויב ניט רעכענען, מיין פריינט, דאָס מייזל!...

IV.

אין ערד־שטיבל געזאָטן אויפן טיש האָט טיי.
מיט אַ באַנייטן שטערן פון מאַיאָר אַריין איז שטיל סאַדאָווסקי.
ס׳האָט אים ראַקיטאַ אין האַלב־טונקלקייט באַגריסט, אים ניט געלאָזט שטיין,
אַן אָרט פאַרביידן אויסגעמאַסטיעט.

— אַ גלעזל טיי! — האָט ער זיך צו די געסט געווענדט,
געוויזן אויפֿן סאַמאָוואַר האָט מיט דער האַנט ער, —
ס'איז גוט זיך אויסשוויצן אין אָט די רויע ווענט,
און פּונקט ווי אין דער היים, און טאַקע מיט אַ האַנטעך!
ווי ס'קער צו זיין. ווי ס'פּירט זיך. — און מיט שפּאַס
האָט ער פּאַר אַלעמען זיך גאַסטפּריינטלעך פֿאַרבויגן.
נאָר ס'האָט סאַדאָווסקין אינטריגירט ראַקיטאַס גאַסט
און מיט פֿאַרוואונדערונג פֿון אים ניט אָפּגעווענדט די אויגן.
און אויך דער גאַסט האָט ניט אַרויסגעלאָזט סאַדאָווסקין פֿונעם בליק,
פֿון אויבן ביז אַראָפּ אים דורכדרינגלעך געמאָסטן:
— וואַרט אויס! — האָט ער אַ ציִ געטאָן זיך אויף צוריק, —
ציִ ס'דאַכט זיך מיר, איך שווער, אַז ס'איז סאַדאָווסקי!

V.

— אָוואַדיס! — האָט סאַדאָווסקי זיך געטאָן אַ וואָרף, —
פֿונוואַנען? יאָ!... אָט דאָס קאָן הייסן — זיך באַגעגנט! —
ס'האָט קיינער ניט געקאָנט שוין אויסריידן קיין וואָרט,
נאָר מיט צעשפּרייטע הענט געלאָזט זיך גיין אַנטקעגן.
ראַקיטאַ איז אַ ווייל געבליבן שטיין,
ווי אין פֿאַרלעגנהייט, דעם בליק צעוואָרפֿן צווישןביידן,
און אויסגעדרייט דעם קאָפּ, האָט ער די קענדלעך אָנגעפּילט מיט טיי:
— נו, יאָ... סע טרעפֿט אויף דער מלחמה אַלץ. פֿאַרשיידן...
— ס'וואָלט קיינמאָל מיר ניט איינגעפֿאַלן!... נו, דערצייל,
ווען קומסטו אָן? און ווי אַזוי? פֿונוואַנען?
וועסט אפֿשר גיין צוריק צו מיר אין טייל, —
איז שוין סאַדאָווסקי פֿון אָוואַדיסן ניט אָפּגעשטאַנען.
אָוואַדיס האָט פֿון צייט צו צייט
אַ בליק געוואָרפֿן אויף ראַקיטאַן,
ער איז געווען פֿון אויפֿרעגונג צעשטרייט,
און דאָס געשפּרעך איז ווייל געביטן:

VI.

— געוויס ווער איך, סאַדאָווסקי, גיין צו דיר!
פֿאַראַן נאָך עמעצער פֿון דיינע אַלטע לייבן?
— פֿאַראַן! געבליבן! אַלע נאָך פֿון פֿריִ'ר, —
דערלאַנגט סאַדאָווסקי האָט אַ הייב אים.
ראַקיטאַ האָט געשמוכט. ס'איז אים געווען צום האַרץ.
ער האָט אין זיינע זין די גאָלדענע דערמאָנט זיך,
און דאָך דערקלערט, אַז צייט וועלן זיי האָבן נאָך אַ סך,
און אויפֿן טאָג־אָרד'נונג פֿאַראַן איין פֿראַגע נאָר איינגאַנצן!
אַ וואָלעכל אין סאַמאָוואַר דאָס דריטע מאָל פֿאַרזידט.

— איז טרינקט! ווײַבאַלד איר אַזוי טרעפֿלעך זײַט אַראָפּ שוין,
און פּאָר אַ רוסישן אַן אַלטן זײַט
דאַרף אויך דער טויט און אויך אַ באָמבע האָבן אַפּשײַ. —
אין די באַוועגונגען — געלאַסנקייט פֿון צײַט,
דערפֿאַרונג האָט געברענט אין זײַנע שלאָפֿלאָזע שוואַרצאַפּלען,
און גלײַכט האָט מיט אַ בלײַשטיפֿט ער געטאָן אַ טײַט
אויף דער באַפֿינטלטער און אויסגעקנייטשטער מאַפּע:

VII.

— זײַ שפּאָרן דאָ! דער וועג — כאָטש טאַנץ!
און אונדז ווערט וואָס אַ ווײַלע קלערער,
אַז אויף אַזאַ ניט־אויסגערעכנטער דיסטאַנץ
קאָן זיך ניט רירן אונדזער אַרטילעריע.
איז, ערשטנס, צווישן איין און אַנדערן געשלעג
וועט אויסקומען, ווי ס'וואָלט זיך ניט געוואָלט דאָ,
אַריבערפֿירן זי אויף יענעם ברעג...
אויף יענעם ברעג, — איבערגעחזרט האָט ער, — פֿון דער וואָלגע... —
די טײַ איז שוין פֿון לאַנג געוועזן קאַלט,
געשלאָגן האָבן בליקן אין דער מאַפּע זיך, ווי כוואַליעס: —
איך וועל אין שטאַב אַ קלונג טאָן באַלד,
באַשטעטיקן זאָל מיר אַליין דער גענעראַל עס! —
סאַדאָווסקי האָט געקוקט אַראָפּ,
ווי ס'וואָלט אים פֿון ראַקיטאַס רייד געוואָרן עפּעס שווערער,
און, טראַכטנדיק, געשאָקלט מיטן קאָפּ:
— ס'וועט ווערן אומעטיקער אָן דער אַרטילעריע!...

VIII.

בײַ דווירען האָט ער קיין צײַט געהאַט
און שאַנסן קיינע אויף זיך ווערן,
און דאָך געפּרוּווט: — ס'האָט ליב אַ רוסישער סאָלדאַט,
אַז נאָענט זײַן זאָל נעבן אים זײַן אַרטילעריע,
ווי דער באַיאַן... צי שפּילט ער יאָ צי ניט,
נאָר גלאַט אַזוי — דו גיסט אַ קוק, דו זעסט אים,
און אַזאַ וואַרעמקייט צעגיסט זיך אין געמיט...
די אַרטילעריע איז פּונקט אַזוי. דו פֿילסט זיך פֿעסטער,
דו פֿילסט זיך זיכערער און אײַנגעשפּאַרטער דאָן,
אַז קיין שום טײַוול אין דער וועלט וועט דיך ניט רירן,
מעג זײַן מיט הונדערט קעפּ דער דײַטשער באַלאַגאַן,
הערט דאָן דער רוסישער סאָלדאַט אים פּאָר אַ פֿירער. —
עס האָט ראַקיטאַ אויפֿמערקזאַם געהערט,
די גלאָז אַ רוק געטאָן צום סאַמאָוואַר צו,

און ווי זי גיסט זיך איבער — ניט באַמערקט;
עס זיינען ניט געווען סאַדאָווסקיס ווערטער אים צום האַרצן.

IX.

נאָר ער באַמיט האָט איינהאַלטן זיך פאַרט
און שטיל אַ זאָג געטאָן, ווי פאַרן גאַרגל אַ פאַרקלעמטער:
— גיב איר פאַרלאַנגט, די אַרטילעריע זאָל בלייבן אויף איר אָרט,
איז צווינגט דעם דייטש, ער זאָל פון ראַנד זיך אַ פאַרנעם טאָן!
נאָר האַלטן זי, ווי אַ באַיאָן, אַזוי זיך גלאַט,
ניט שפּילנדיק אויף איר, נאָר פלאַנטען זיך דערנעבן,
ניט דאָס האָט ליב, מאַיאָר, אַ רוסישער סאָלדאַט,
און ליב געהאַט ער האָט עס קיינמאָל ניט אין לעבן.
און צוויטנס: דורכגעהריזעט אונדזער שוץ האָט אַ שפּאַרונע.
דער קעגנער זעט דורך איר אַלץ, וואָס ער דאַרף.
פאַרמאַכן זי! און נאַכשפּירן! אַן אויגנבליק קיין רו ניט!
די אויגן נעמען אין די הענט. זיי האַלטן שאַרף!
און אַלץ! — דערווידערונגען האָט סאַדאָווסקי ניט געהאַט,
און אויך קיין צייט. ער האָט זיך שנעל געזעגנט.
אין פייער ביזן האַלדז ז׳געשטאַנען סטאַלינגראַד,
און שריפות האָבן אים די גרונטפעסטן געזעגן!

19. יעדער שפּאַן ערד

I.

מיט בליי, מיט פייער און מיט רויך
די ערד די אויסגעפּיניקטע באַשפּריצנד,
געריסן האָט דער פיינט זיך צו דער הייך,
וואָס ס׳האָט באַהערשט סאַדאָווסקי ביי דעם טייכעלע צאַריצאַ.
מיט טאַנקען כוואַליעסווייז צו איר האָט ער געגענט
פון דריי אַנטקעגנאיבערדיקע זייטן.
דער סטעפּ אַרום אַ קרעכצנדיקער ברענט,
און דורכגעגנייט מיט פלאַם זיינען די ווייטן,
געגאַן איז פאַר דער הייך אַן אומגעהערטער שטרייט,
דעם זעקסטן טאָג האָט ער אין שלאַכטן זיך געצויגן,
און אָפּהאַלטן די הייך די דאָזיקע באַטייט:
פאַרבינדן ביי דעם פיינט פאַר דעם אַרום די אויגן.
פון דאָרט וואָלט זיך פאַר אים געשפּרייט די שטאָט,
פון דאָרט האָט ווידערשטאַנד אַנטפּלעקט זיך פאַר אים מוטיק.

באַהאַפטן יעדע וויל מיט איר זיך אַן אַרמייער האָט
און פאַלנדיק — ניט אָפגיין! — אויסגעבלוטיקט.

II.

אין פיבער און אין פלאַם, מעת־לעתן נאָך מעת־לעתן
פאַרפלייצט פון מבולדיקן פייער אין דער שלאַכט,
קאָן דאָך די ערד די הוילע ניט פאַרגעסן
די טעג, ווען דאָ געשמידט האָט זיך די פראַכט
פון לאַנד באַרופענעם צו זיין די מאַמע,
צו זיין די פעלקער־היים, די ערשטע אין דער ריי,
ווען אויסגעפאַכט האָבן דאָ חכמהדיק די האַמערס
די גלאָקן־ליד פון פרידן און פון פרייד;
נאָר בלעטערן די צייט איז ניט פאַראַנען ווען דאָ.
איבערן קאָפּ פאַרטאָן אין פייער און אין פלאַם
אויף אויסלייזן די פרייהייט די געשענדטע
און אויסברענען ביים שלאַנג אין מויל דעם סם,
וואָס צו די וואַסערן פון וואָלגע שוין גענענט דאָ
מיט חורבן, מיט פאַרניכטונג און מיט פלאַם, —
איז איפּגעפּליגלט ס׳לאַנד — אויף טויט און אויף פאַרלענדונג.
און אַנטאָן לאָזט עס ניט קיין צאַם!

III.

פאַרטויבט פון בראַך און בראַנדיקע בוראַנען,
אין פיבער און אין קלעם פון פלאַמיקן באַראַט,
קומט יעדער שטויב און שטיין איצט צו דערמאָנען,
אַז דאָ געשטאַנען איז אַ בליענדיקע שטאָט,
אַז ס׳האָבן דאָ פּראָספּעקטן שטאַלטנע זיך געגאַרטלט,
און שטאַלצע קאַרפּוסן, פאַרוואָרפן אין דער הייך,
זיינען דעם הימל און דער זון געווען געגאַרטער,
ווי שפּיצן בערג — די וואָלקנס אין געטויך,
אַז ליכט האָט דאָ אויף מיילן־וויט געכישופט
און מיילן־וויט דער פינצטערניש באַדראָט,
אַז קינדערשער געלעכטער, מונטערער און פרישער,
ווי גלאָקן פון דער צוקונפט דאָ געקלונגען האָט,
אַז אין גערימטע שלאַכטן וועט איר פאַרשטיין
פון גרויסער פּרואוו דער טרויער און דאָס גליק,
און ביז דעם לעצטן בראָכשטיק:
„קיין טראָט צוריק!“

IV.

איז לאָזט זי ניט דעם מוט דעם זוניקן קיין פאַל טאָן,
ווען ס׳טאַנצט אויף איר דער בלוטיקער פאַרלענד.

די הענט, וואָס האָבן זי געבויט, געשטאַלטיקט,
זייַנען שוין אויך פאַרקוילט, ווי אירע ווענט.
די גאַסן לייענט דאָרט דער טויט, ווי שוואַרצע היעראָגליפן
פון בראַנד און חורבן טליענדע דורכאויס.
זיי לויערן מיט ווײ, מיט וואונדן טיפע
אויף גאָר דער שטאָט, איבער איר גאָרער גרייס,
נאָר ס'קלאַפּט דאָס האַרץ, וואָס האָט זי אויפגעפּליגלט,
איעדער פלאַץ באַשווערט עס און דערהייבט,
אַז שלאָגן זאָל זיך יעדער שטיין און יעדער ציל,
אַז ביישטיין זאָל איעדער זאַמד און יעדער שטויב
די פּרואוו פון בליי, פון פייער און פוגאַסן
אונטער דעם שונאס פּלעטנדיקן טראָט.
און ס'שרייט דאָס אַש פון אָפּגעברענטע גאַסן,
און בראָכשטיקער פאַרגייען זיך פון פלאַקערדיקער שטאָט:

V.

אויב אַ געביי קאָן מער ניט זיין איצט קיין געביי דאָ,
אויב ס'קאָן אַ נעסט ניט זיין איצט מער קיין נעסט,
זאָלן די גרונטפעסטן אַליין זיך טאָן אַ שליידער,
ווי באַריקאַדן זיך אַוועקלייגן געפּרעסט.
קיין שפּאַן צוריק אונטער דעם בראַנד פון דונערס,
קיין שפּאַן צוריק אונטער דעם כאַאָס-צעפאַלאַך
פון שטאָל און פלאַם און גאַוועדיקע הונען
ביז לעצטן קרעכץ, ביז לעצטן פאַך!
און דער קאַנאָנען־שטורעם אויף דער גרעסטער,
ווי פלעטנדיק ער זאָל ניט זיין,
קאָן מער ניט ווי צעוואַלגערן די נעסט דאָ,
נאָר קיינמאָל ניט אין איר אַריין!
איעדער זאַלפ פאַרקריצט זיך דראָענדיקערהייט דאָ,
ווי הויקערדיקע עדות צו דעם יום־הדין,
וואָס אויף דער גאַנצער לענג און ברייט זיך גרייטן
פון סטאַלינגראַד ביז צו בערלין.

VI.

מעת־לעתן קײלעכיקע, וואָכן נאָכאַנאַנד
זיך ניט צעשיידנד מיט געפאַרן און מיט וויטן —
די שוץ געהאַלטן האָט ביים ראַנד
סאַדאָווסקיס טייל, געשטאַלטיקט פונדאָסניי דאָ.
געדריקט פון אונטן האָבן הוילע סטאַרטשענדיקע ווענט,
פון פאָרנט האָט געשטייגט דאָס פלאַמיקע געוויטער,
נאָר היימלעך איז סאַדאָווסקין דאָך געווען

פון נאַ'נטער שכנות מיט איוואַן ראַקיטאַ.
און אין דער הייך זיין שוץ געווען איז זיסער פון קאַיאַר:
אינעם מאַטאַרן־רויש האָט ער געהערט דעם פאַך פון פרילינג.
ער האָט געוואוסט, אַז איינער אַ מאַרגוליס, אַ מאַיאַר,
איז קאָמאַנדיר פון דער באַרימטער עסקאַדריליע.
מאַרגוליס! האָט די גאַנצע צייט געפיקט אין קאָפּ,
דעם דאָקטער אים דערמאָנט... און אים דאָס האַרץ געזעגן...
ער וואָלט געפרעגט, צי האָט ער עמעצן אין גראַנאַטאָפּ,
אויב יאָ... איז בעסער, וואָס ער קאָן עס אים ניט פרעגן...

20. אַ בריוועלע דער מאַמען

I.

נאָך אַ דריי־שעהדיקן רייס איבער די קעפּ פון פיינט
כאַפּט דער מאַיאָר מאַרגוליס זיך אַראָפּ אין דער זעמליאַנקע.
עס דוכט, אַז ס'טראָגן אים אַ פרידיקן אַהין אַריין
אויף אַ שטיק בלויען הימל פאָלקסטימלעכע קלאַנגען.
עס דוכט: ער זעצט נאָך פאָר דעם פּלי איבערן ראַנד.
ער רייסט נאָך ערגעץ דאָרט פאַנאַנדער צאַמען,
און זינגענדיק, גיט ער אַ רייב אַ האַנט זיך אין אַ האַנט:
„אַ ברי־י־וו־ע־לע דער מאַמען, זאָ־אַ־ל־סטו ניט פאַרזאַמען!..."
און איידער נאָך ער זעצט צום טישל זיך אַוועק,
און איידער נאָך ער גיט דעם ראָק אַ טעלעבענדע,
טוען די אויגן זיינע, שיינענדיק, אַ פרעג:
— די זינגערין פון דער בריגאַדע ז'ניט געווען דאָ?
איז ברענגען זאָל מען גלייך דאָס פייגעלע אַהער,
אַ פאָלקסליד קומט אים נאָך אַזאַ שפּאַציר־גאַנג!
עס זיינען אים די פיס אַביסל נאַיענדיק און שווער,
נאָר ס'איז אים אויפן האַרצן לייכט און ליכטיק!

II.

עס קאָן זיך אויסדוכטן, אַז בלויז צוליב דעם ליד
ער אין דער לופט האָט זיינע אָדלערס אויפגעהויבן
און נאָכגעיאָגט נאָך איר זיך פלאַמיק און צעגליט,
אָט איז זי — מיט איר פּיין און מיט איר צויבער.
ער רעדט מיט איר, ווי נעבן אים וואָלט זי געווען:
— אוי, טאַכטערל, ס'איז היינט געווען מיט זיבן טעמ'ען! —
און גיט פונסניי אַ פּליעסקע מיט די הענט:

„אַ ברי־י־ווע־לע דער מאַמען, זאָ־אָ־ל־סטו ניט פאַרזאַמען...״
און אויף דער מאַפּע בלויז אַ קוק. אַזוי זיך, בעניי־ביי,
ווי אין אַ קאָרט אַזאַ, וואָס צוקויפן מע קאָן דאָ,
און מיט אַ האַרציק ניגונדל: „טירימבאָם טירימביי״:
— פאַראַן אַ טויז... באַדאַרף מען איצט אַ צענטל!... —
ער איז נאָך ערגעץ דאָרט. אַליין ער זאָגט זיך: טאַק!
נאָר ווען עס טוען פריינט פון דער זעמליאַנקע אַ באַפאַל אים,
גיט ער מיט פינגער אַ באַריידעוודיקן קנאַק: —
נו וואָט!... סעוואָדניא מי סימפאָניו אים דאַלי!

III.

זיי האָבן זיין מאַשין פונוויטן נאָך דערקאַנט.
זי איז דערשינען פון אַ וואָלקן. מיטאַמאָל. אַן אומגעריכטע.
און שרעקנדיק זיך צוגיין נאָ׳נט
און בייטנדיק אַיעדע ווייל די ריכטונג,
ווי אין קדחת פיבערדיק — אַראָפּ, אַרויף,
צעקוויטשעט האָבן זיי זיך דורך דער ראַדיאָ:
„אַכטונג! האַלט! דער יודע אין דער לופט!״
אַזאַ מין כבוד פלוצעם פון די דייטשן — נאָ דיר!
אַזאַ מין פייערלעכע ווילדע כריפּעריי,
אַזאַ פאַרטויבטער הינטישער געבורע,
צי וועלן זיי נאָך באַלד ניט אַ געשריי טאָן: „הײַל!״,
ווי ס׳וואָלט אין לופט אַרויס אַליין דער פיורער!
גענומען האָבן זיי דאָרט איבערוואַרפן זיך געשווינד
און קריכן פון דער פעל און אויף די אויגן בליאַקען:
— מיט וואָס, טראַכט איך, האָסטו אַזוינס פאַרדינט,
מאַרגוליס בן אברהם, בן יצחק ובן יעקב?

IV.

כ׳האָב ליב, — גיט ער זיך שמעוודיק אַ קער, —
די צאָל די קיילעכדיקע אַכצן!
געכאַפּט אַ צייל — ניט ווייניקער ניט מער,
אין קאָפּ אַביסל שווער, נאָר לייכט איז אויפן האַרצן.
— רעביאַטאַ! — האָט ער גלייך וועגן די געסט
דער עסקאַדריליע געטאָן צו וויסן, —
די אָרד׳נונג האַלטן אייזן־פעסט,
און איינס פון אַנדערן קיין האָר זיך ניט צעשליסן!
נאָר אָפּגעקייטלט האָבן זיי מיך דאָך,
אַ קאָרידאָר געמאַכט ביי מיר אין עסקאַדריליע.
געווען די זיבעצן זיכער אין מיין בראָך
און פרעך גענומען זיך מיט מיר אַ ביסל שפּילן,

— נו, גוט! — און נאָך אַ קורצינקן געיעג
האָבן צוויי יונקערסן געפּרוּווט אין קלעם מיך אַ צעמיש טאָן;
אַ שמעק געגעבן איינער האָט ביי מיר אונטערן עק,
נאָר ס׳האָט אים אָנגעכאַפּט אַ ניס ביז צו די סאַמע קישקעס!

V.

געגאַנגען האָט ער, ברעכנדיק, זיך גלייך איבערגעקערט,
דערנאָך אַ רגע אין דער לופט זיך נאָך געהאַלטן.
— נו, וואַקסן זאָלסטו מיטן קאָפּ אין דר׳ערד! —
האָב איך אים צוגעווינטשט; ווען ער געלאָזט האָט זיך אַ פאַל טאָן.
דער צווייטער האָט, ווייזט אויס, זיך ניט גערינכט,
ס׳זאָלביים מאַיאָר פון עק אַ רעד טאָן פייער,
איז אים, ניט לאָזנדיק באַדענקען זיך און טאָן אַ ריר,
האָב איך צום לאַנדסמאַן זיינעם אים אַוועקגעשיקט אויף דער לוויה!
ער האָט נאָך אַלץ, ווייזט אויס, געגאַוורט: — סטייטש!
אַראָפּגעקלאַפּט ביים עק, מיט וואָס? פונוואַנען?
— פונדאַנען! פּטור! הויכגעשעצטער דייטש! —
און מיט אַ גלייכינקס אים דערקלערט, וואָס ער האָט ניט פאַרשטאַנען.
די איבעריקע האָט מען שוין געפלעט צוזאַמען, מיטאַמאָל.
און אַזוי נאָ׳נט, כאַטש אָנשפּייען איעדערן אין פּרצוף.
איך האָב זי ליב, די אַכצנדיקע צאָל,
אין קאָפּ ווערט פון איר שווער, נאָר לעבעדיק אין האַרצן! —

VI.

ער גיט דעם בליק איבערן ערד־שטיבל אַ פיר,
און זינגען ווילט זיך אים, אין האַלדז צעגייט דער טעם אים:
— איז דאָס געווען, רעביאַטאַ, אַ שפּאַציר!
אַליין דער הימל איז אַ בריוועלע דער מאַמען! —
עס בעטן זיך די פיס זיי אָפּלאָזן אַ טאַנץ טאָן,
און זיך אַרומנעמען מיט עמעצן גייט אויס דאָס האַרץ.
געגאַן איז ער די גאַנצע צייט אויף נאָענטע דיסטאַנצן,
די גאַנצע צייט איז אין די אויגן אים געווען שוואַרץ.
ער האָט געזען די קוילערס נאָענט אין געזיכט.
די ציילעמער, ווי ווערעם אין דעם לעצטן פויזע. —
דאָס וואָס אַ בריוועלע דער מאַמען זיין, ס׳וועט קומען גיך,
איז זייט־זשע מוחל אין דער ערד אַריין, רבותי! —
ס׳איז אויפגעגאַן אַזאַ מין הערלעך ליכט,
ווען זיי האָבן אויף דר׳ערד געטאָן זיך אַ צעשאָט דאָרט.
ער האָט געהערט, ווי ס׳האָט די ערד אים אַפּלאָדירט
און ווי געפּאָכעט האָט צו אים די לייבלעכע פּעכאָטע.

VII.

און דאָ גיט זיך אַן עפן אויף די טיר,
און ס׳קומט אַריין די זינגערין פאַררויטלט.
— נו, וואָס, אַ ליד באַדאַרף מען אויסזינגען מיט דיר, —
גיט זיך מאַרגוליס ברייט אַזאַ צעהוידע, —
דערהערן זאָלן זי דאָרט אין דער לופט
די אָדלערלעך פון מיין ספּירטאָוונער עסקאַדריליע! —
די אויגן ער פאַרמאַכט און עפנט זיי ניט אויף,
ביז ער דערזעט זיין היים, וואָס ס׳האָט דער דייטש פאַרטיליקט.
אַ טרויער פאַלט אים אָן, ווי נאָר ער בלייבט אויף דר׳ערד,
די מאַמע מאָלט זיך אים פאַרפּייניקט... און דער טאַטע...
זי קומט אַריין, די זינגערין, אַהער,
ווען פריי איז פון קאָנצערטן די בריגאַדע,
אַ ליד אַ יידישע אים אויסזינגען אַמאָל,
אים אין זיין היים דער חרובער דערמאָנען...
נאָר ס׳האַלט ניט אויס זיין האַרץ און ניט זיין קול,
אַליין פאַרגייט ער זיך: שפּאַצירן זיינען מיר געגאַ־אַ־נגען...״

VIII.

— נו, טאָכטערל! — כאַפּט ער זיך אויף און גיט צו איר אַ זאָג:
און לאָזט זיך פאָטערלעך צו איר געזעגענען, —
געשלאָגן האָבן מיר כפּרות היינט פאַרטאָג
מיט אַכצן דייטשע גאַלאַגאַנסקע הענער!
דו ווייסט, וואָס הייסט כפּרות שלאָגן? — יאָ...
— פונוואַנען ביסטו?... קיינער ווייסט דאָך ניט, נשמה!...
— כפּרות שלאָגן ניט קיין קאָמסאָמאָלקעס, טייערער מאַיאָר,
און איך בין פון אַ שטעטעלע, וואָס איז שוין אויף דער וועלט נישטאָ מער!
— נישטאָ מער, זאָגסטו, טאָכטערוניע? דאָ...
עס וועט נאָך אויפקומען... ס׳וועט אויפשטיין פון די גריבער...
ס׳וועט אפשר אַנדערש אויסזען אַלץ, ווי דאַן...
ווען מ׳האָט די יידן הפקרע צום טויט געטריבן...
און דאָ, — האָט ער שטיל געגעבן אַ פאַרטרוי, —
שלאָגן כפּרות קאָמסאָמאָלקעס אויך מיט פייער מיט אַזאַ מין... —
און אין די אויגן איר אַ קוק געטאָן פאַרטרוימט: —
נו, טאָכטער, גיב אַ זונג: — „אַ בריוועלע דער מאַמען...״

IX.

פאַרגינען מער האָט ער זיך ניט געקאָנט,
קיין צייט אויף טרויער — מער האָט ניט געהאַט ער,
געשוועבט פאַר זיינע אויגן האָט דער פראָנט,
דער הימל איינגעטיילט אין פּינקטלעכע קוואַדראַטן.

געצייטיקט האָט זיך אין זיין קאָפּ אַ נייער גאַנג —
אין ווערטיקאַל אויף דורסן די ברוינע פּאַראַזיטן.
נאָר ניט געהאַט קיין צייט אויף טראַכטן לאַנג,
אַן אויפגעלויכטענער ער לאָזט „דאָס בריוועלע“ זיך אַ פּאַרצי טאָן.
עס איז אים נאָכגעגאַן דאָס ליד פון קינדוויז אָן,
אַרויסגעגאַן מיט אים איז ער פון אָנהייבן לעבן,
איצט האָט ער אַלע ווייל געטאַפּט דעם האַריזאַנט
און אַלע ווייל אַ ריס זיך אין דער ווייט געגעבן,
ס'האָט פאַר זיין בליק געשוועבט פון אַכצן יונקערסן דער פאַל,
אין פלאַם זיך טראַגנדיק צו דר'ערד, ווי שטיינער:
— מע דאַרף זיי דורסן, האַריזאַנטאַל און ווערטיקאַל, —
האָט ער אַ ברום געטאָן, ווי נעבן אים וואָלט ניט געוועזן קיינער.

X.

ער האָט געהערט דאָס ליד, און ס'האָט זיך אים געדאַכט,
אַז גאָר די וועלט פאַרגאַן איז אין געוויין זיך.
דאָס איז זיין היים, אַן אויסגעריסענע פון טראַכט,
דאָס איז זיין מאַמע — איבער וועגן, איינזאַם...
נאָר ס'הענגט צעטיילט דער הימל פאַר זיין בליק,
און ס'שווינדלען פינטעלעך, ווי שוואַרצע פּאָקן.
ניין, ניין, זיי וועלן זיך ניט דורכרייסן צוריק,
מע וועט זיי דאָ צעטרייבערן און זיי צעבראָקן!
ער האָט געהערט דאָס ליד און האָט זיך זיינס געטראַכט:
ניט מיט קיין ליד און איכעט מיט קיין צוויי ניט —
מע דאַרף די דייטשן שלאָגן טאָג ווי נאַכט,
און פיר און צוואַנציק שעהן אין מעת-לעת זיינען אים ווייניק!
— ווי שפעט איז, טאַכטערל, ווי שפעט איז, וואַרט, —
ער קאָן זיך מער אַצינדערט שוין ניט זאַמען,
דער הימל רופט. עס הייבט זיך אָן דער סטאַרט,
מע הייבט זיך אויף: „אַ בריוועלע דער מאַמען!...“

21. ראָזעווע קאַיאָרן

I.

קיין גרוס האָט וויפל צייט מאַרגוליס ניט געהאַט
פון טאַטנס היים. קיין טאַטנס היים שוין ניט געוועזן איז.
געוועזן אַ הימל איז, געוועזן איז סטאַלינגראַד,
און צווישן זיי — די פייערדיקע גרענעץ.
וואָס נאָך? געוועזן איז איינגעצוימטער ווי
אין שרעק פאַרטייעטער פאַר עלטערן, פאַר אַלטע.

אַ וועלכער ווינט וועט אים דערציילן וועגן זיי,
וואו ער האָט אונטערוועגס זיך ביים געביין זייערס פאַרהאַלטן ?
שוין זיבן יאָרן, אַז דער הימל איז זיין היים,
שוין זיבן יאָרן, אַז דער הימל איז זיין גורל,
אין זיינע גיטער רייסט ער זיך סיי אָפן סיי געהיים,
צום רוים דער צוטריט איז פאַרטרויט אים פון געבוירן,
ס'האָט אים קיין שטורעם אין די כמאַרעס ניט פאַרוויסט,
און אין די שלאַכטן האָט קיין פלאַם אים ניט געבויגן.
ער האָט זיך אויסגעלערנט קרעמפּעווען דעם ווי,
דעם אומגליק קוקן מיט אַ שמייכל אין די אויגן.

II.

דערמאָנען זיך איז אים אַליין אַצינדערט שווער,
פון וועג האָט ער זיך אָנגעהויבן מיט דער לופט פאַרנעמען.
נאָך אין דעם פינלענדישן קריג איז פון די ערשטע ער
איבער די בערג און סאָפּקעס שוין געפלויגן, ווי אַ דעמאָן.
און איינס אויף איינס, און איינס אויף צוויי, און איינס אויף דריי,
און אָפּגעקומען שטענדיק בלויז ער מיט געפאַר איז.
געווען דער הימל, ווי אַ מאַמע, איז געטריי,
און ס'האָבן אים פון אַ גוט־אויג פאַרשטעלט די כמאַרעס.
ער גיט די בלוי פון וויטן אַ פאַרזויג
און לאָזט איבער די וואָלקנס מלכותדיק זיך שווימען;
ער פילט זיך עפּעס יום־טובדיק און פעסט אַזוי,
ווי נאָר ער גיט אַ הייב זיך צו דעם הימל,
גלייך ווי אויף אים האָט ער זיך, וויניקסטנס, געלערנט גיין,
און גיט צו זיך אַליין אַ פינטל מיט די ברעמען;
דערמאָנען קאָן ער זיך אַצינד שוין ניט אַליין,
פון וועג האָט ער זיך אָנגעהויבן מיט דער לופט פאַרנעמען.

III.

אין פינלענדישע פרעסט האָט ער געהאַרטעוועט דעם טראָט,
אין פינלענדישע בערג געלאָזט האָט ער זיך הערן.
פון דאָרט זיך אומגעקערט אין לענינס שטאָט,
באַצירט מיט גאָלדענעם פינף־עקנדיקן שטערן,
באַצירט מיט לענינס ליכטיקייט די ברוסט,
באַצירט דאָס לייב מיט זיבן פייערדיקע וואונדן.
געקוקט האָט יעדער בלאַט פון בוים צו אים מיט גרוס,
און ער האָט יעדן שאָרך פון ווינטעלע באַוואונדערט.
געוואוסט האָט זיך, אַז ס'וואַרט אים יעדע גאַס
און אַזוי לייבלעך־נאָ'נט איז יעדער שטיין אים.
אַ זון אַ לייבלעכער ער איז דאָ, ניט קיין גאַסט,

די ערד קער אים אַ מאַמע אָן, ווי יעדן איינעם.
די וואונדן אים געהיילט האָט לענינגראַד;
באַזעצט האָט ער דערנאָך זיך אין „אַסטאָריע",
און אַ פאַרטרוימטער קוקן ליב האָט ער געהאַט
אויף איסאַקיער טעמפּל אין די ראָזעווע קאַיאָרן.

IV.

געווען געליטערט דאָס געמיט איז אים און קלאָר,
די אויגן — שאַרף אין הימל ערגעץ וויט שוין.
אָט אין אַזאַ מין העלן, ראָזעוון קאַיאָר
האָט ער דאָס ערשטע מאָל געטראָפן זיך מיט דייטשן.
נאָך אַ ביינאַכטיקער הוליאַנקע אין האָטעל
האָבן צוויי דייטשן אויף שפּאַציר אַוועקגעלאָזט זיך
און אויף מאַרגוליסן די אויגן אָנגעשטעלט.
געפרעגט האָט איינער: — זאָג, ווי גייט מען דאָ קיין מאָסקווע? —
ס'האָט ביי דעם אַנדערן אַ זאָט געטאָן דאָס בלוט,
און אַ פאַרקרים האָט זיך דאָס מויל ביי אים געטאָן דאָרט:
— ווי פרעגט מען עס ביי אַ פאַרפלוכטן יוד? —
האָט זיך די צונג אין שוים ביי אים פאַרפלאָנטערט.
ער איז געווען אָנגעבלאָזן — בלוי פון ביר און ווײַן
און עקלדיק ניט צוטריטלעך פון גאווה.
דעם בליק געגעבן אין מאַרגוליסן אַ שנייד אַריין,
ווי ניט געקאָנט וואָלט ער זיין רואיקייט באַגרייפן.

V.

און זיין פאַרטראַכטקייט לידן ניט געקאָנט,
און זיין פאַראַכטונג ניט געוואוסט ווי צו באַנעמען.
דאָך האָט ער צוגערוקט צו אים זיך נאָ'נט,
ווי מיט די אויגן בלויז גענומען אים אין קלעמער
און זיך צעקייכט מיט אַ געלעכטער אויף אַ קול,
אין פרעכער זיכערקייט אַ טרייסל זיך געגעבן,
באַטראַכט מאַרגוליסן דאָס צווייטע מאָל
און זיך פונסניי צעלאַכט נאָך מיאוסער און גרעבער.
מאַרגוליס האָט קיין ריר זיך ניט געטאָן פון אָרט,
די אויגן פון דער ווייט דער ראָזעווער ניט אָפּגעווענדעט,
און רואיק טרינקענדיק דעם צויבער פון קאַיאָר
ביז צו דעם לעצטן אומבייט פון די פייערלעכע בלענדן,
עטוואָס די אויגן אין דער זייט דערלאַנגט אַ קער,
בלויז ווי מע ענטפערט „אַ גוט־יאָר" אויף אַ „גוט־מאָרגן",
האָט ער אַ נעם געגעבן פון קאָבור דעם רעוואָלווער,
אַריינגעהאַקט אַ קויל דעם דייטש אין לאַכנדיקן גאָרגל.

VI.

צו דעם צעפלאָסטערטן אין בלוט אויפן פּאָנעל אַ צי
געטאָן מיט עקל און פאַראַכט האָט זיך מאַרגוליס אויף אַ רגע:
— אַצינד קאָנסטו קיין מאָסקווע מאַכן אַ שפּאַציר,
און ווי מע גייט — פאַרשפּאָרן שוין ביי עמעצן צו פרעגן! —
און ניט געענדערט ניט דעם אויסזען, ניט דאָס קול,
איז ער אַריין אין וועסטיביול מיט דורכגייער מיט צווי נאָך,
געפּאָדערט אָנשרייבן אויף זיך אַ פּראָטאָקאָל,
פון דרויסן אָפּראַמען די דייטשישע נבלה.
געזעצט האָט פון די אויגן ביי אים היץ,
נאָר ס׳האָט די רואיקייט קיין רגע ניט פאַרלאָזט אים.
דאָס איז געווען דער ערשטער פריץ,
וועמען געוויזן האָט אַ ייד דעם וועג קיין מאָסקווע.
דערנאָך אַ סך האָט ער מיט זיי צו טאָן געהאַט,
פון ראַנד צו ראַנד אַ חשבון זיי געעפנט.
אַצינדערט ווייזט ער זיי דעם וועג קיין סטאַלינגראַד —
דירעקט. זיי בלאָנדזשען ניט. זיי טרעפן.

VII.

און אַלעמאָל אים ווילט זיך אונטערשטרייכן, אַז ס׳איז ער,
מאַרגוליס בן אברהם, בן יצחק ובן יעקב,
באַגיסט די שאַרבנס זייערע מיט בליי און פעך
און צו דער ערד מיט פלאַם ער זיי פאַראַנקערט.
יאָ, ער — דער יודע, דער סאָלדאַט, דער קאָמוניסט,
וואָס ס׳דוכט דעם דייטש, אַז יעדן מעסער קאָן זיין האַלדז געהערן.
ער זינגט, ווען דאָס צעגליטע בליי אויף זיי ער גיסט,
זיין קול, זיין שפּראַך, זיין ליד זאָלן זיי הערן.
זיי זאָלן, קאָרטשענדיק זיך, הערן, אַז ער לעבט,
און וואַרגן זיך מיט זיין נקמה־פרייד דער בלאָנקער,
באַגלייט ער מיט געזאַנג די דונערדיקע קלעפּ,
און מיט געזאַנג ער גיסט אויף זיי די טויט־געטראַנקען.
דאָס בליי, וואָס ער מיט דעם זיי בראָט און בריט,
איז קנאַפּ אויף איינוויגן דאָס האַרץ און דעם געדאַנק אים,
זיי דאַרפן, ערשטנס, וויסן, אַז ס׳איז ער — דער ייד,
מאַרגוליס בן אברהם, בן יצחק ובן יעקב!

VIII.

ער ווייסט, ווי אויסגעשפּילט זיי האָבן שלאַכט נאָך שלאַכט,
ווי דאָס מלחמה־גליק איז זיי געגאַן אַנטקעגן שטענדיק,
ווען אין אַ שול האָבן זיי יידן שוצלאָזע פאַרשפּאַרט,
און ס׳האָט אַליין דאָס פייער זייער העלדנטאַט פאַרענדיקט.

ער וויסט, ווי אומבאַזיגבאַר זיינען זיי,
ווי דער מלחמה־רום דער בלענדיקער באַגלייט זיי,
ווען ביי אַן אויפגעשפּאַרטן ריוו פון וואונד און ווי
טיילן זיי זיגרייך זיך מיט קליידער ידישע און חפצים.
ער וויסט, ווי גרויסמוטיק, ווי אויבערשיין
זיי נאַרן אָפּ די אומגליקלעכע, אומבאַשיצטע,
אַז ווי די שאָף די גלייביקע זיי זאָלן גיין,
אַז ווידערשפּעניקונג זאָל ערגעץ ניט קיין בליץ טאָן.
האָט ער דער זון פון די געטריבענע אויף פּיין —
מיט אַ געזאַנג פון די עצמות זיך געשלאָגן קעגן מערדער.
זאָל אים דער הימל, אדרבא, דאָ אַן עדות זיין!
אויב ניט אַזוי — ניט שוינען זאָל דער הימל און די ערד אים!

IX.

אויף יידיש מיט די וואָלקנס אין דער הייך ער רעדט,
אויף יידיש מיט די קוילן דורך דער נידער רעדט ער.
און ביי אַ שפּאַרבער, אויב דעם קאָפּ נאָר ער צעפּלעט,
פאַרטרייבט ער אים אין דר׳ערד אויף אַנדערהאַלבן מעטער.
ער אויף דערנע׳נטערונג גייט אַלעמאָל אַליין,
ער האָט אים, דעם מטורף, ליב אַ טאָפּ טאָן מיט די אויגן
און זען, וואוהין דאָס בליי גיט זיך אַ לייג,
און זען ביז דר׳ערד די רויך־לענטע, ווי טרויער, אויסגעצויגן,
און שווינדלדיק זיך טאָן נאָך איבער אים אַ הייב,
אים אין דער גסיסה לאָזן נאָך אַן אויגנבליק, אויף אַנשוי:
— גיב, דייטש, אַ קוק. ס׳איז איך! מאַרגוליס לייב!
קאַפּוט! איצט האָסטו אויף דער וועלט ניט וואָס צו טאָן שוין! —
און זינגענדיק, ער שניידט זיך אין אים איין —
אַן אויגנבליק — אין אַלע זייטן פיר. צו פערטל!
זאָל אים דער הימל, אדרבא, דאָ אַן עדות זיין!
אויב ניט אַזוי — ניט שוינען זאָל דער הימל און די ערד אים!

X.

אויף יידיש רעדט ער מיט די וואָלקנס אין דער הייך,
אויף יידיש רעדט ער מיט די קוילן אין דער נידער.
פון יעדן וואָרט ווערט פלאַם, פון יעדן וואָרט ווערט רויך.
און ס׳פרעגלט זיך אין זיי די דייטשע פליענדיקע הנידע.
זי פלאַצט פון פחד און פון גרויל פאַרפרעסט,
און העליש פייער גיט די פעל איר אַ צעוויקל.
מאַרגוליס ווייזט איר אויף די וואָלקנס: — סאַלע!... פרעס! —
מאַרגוליס ווייזט איר אויפן אָפּגרונט: — פינצטער!... פיקע!
אַ שאָד... ניטאָ קיין וועג אויף אָפּטראָגן די פיס,

דעם סקאָרב דעם אַנגערויבטן און די שמאַטעס...
נו, וואָס? אַ הון באַארבעטן אין דאָרף איז איינגענעמענער געוויס,
אַ קינד צעטרייבערן — אַ ריטער טאָט פאַר זיי כמעט איז —
ער קאָן זיי גוט — אי פון דער ווייט אי פון דער נאָ׳נט,
פאַר לאַנגע דריטהאַלבן מלחמהדיקע יאָרן.
ס׳פאַרפאַלגט אים דער קאַיאַר, ווען ער האָט זיך צום ערשטן מאָל באַקאַנט
מיט זיי אין לעגינגראַד ביי דעם האָטעל „אַסטאָריע״.

22. דער משפט

I.

פון פעלד ידיעות — איינע יאָגט די צווייטע אָן
אונטער דעם רעש פון אויפרייסן און פלאַמיקע זאַווייען.
ראַקיטאַן האָט צו וויסן דאָרט אַן אויסשפּירער געטאָן:
— פאַרדעכטיק פירט זיך אויף אין שלאַכט אַ רויטאַרמייער.
— דיר קאָן זיך אויסדאַכטן! — גיט אים אַליין אַ פּרואוו!
— ווי האַלט ער זיך? — מיט אַלע פונדערווייטן!
נאָר אַלעמאָל, ווי נאָר ער הייבט זיך אויף,
באַגינט אַ שיסעריי דאָרט...
פאַרדעכטיק שמעקט עפּעס זיין יעדער ריר,
ער ווייסט אַליין ניט וואָס, נאָר מאָדנע זאַכן,
ווי ער דאָס פייער וואַלט דעם שונא קאָרעקטירט,
קיין טעות זאָל מען ערגעץ דאָרט ניט מאַכן...
— וואו איז ער? — האָט ראַקיטאַ זיך געטאָן אַ ריס.
— וואו זאָל ער זיין? — געענטפערט יענער מיט אַ קרעכץ האָט, —
אויף יעדן פאַל האָב איך אים אויסגעטאָן די ביקס
און אים געבראַכט צו פירן גלייך אַהערצו!

II.

— פון וועלכן טייל? — נעמט מיין דאָקומענט. לייענט!
— וואָס האָסטו דאָרט געטאָן? — געוועזן אין אויסשפּיר! —
ראַקיטאַ האָט אויף אים געטאָן אַ בלישטשע מיט די ציין:
— דעם גאַנצן אמת גלייך אַרויסשפּיי! —
אַדורכגעקוקט ביז גרונט דעם דאָקומענט
און ניט אַראָפּגעלאָזט די אויגן האָט פון אים ער,
און נאָכאַמאָל אַ טאַפּ ס׳פּאַפּירל מיט די הענט:
— ס׳איז ריכטיק אַלץ. אַ שטעמפּל. און אַ חתימה. —
ראַקיטאַ דורכגעדרונגען מיטן בליק האָט אים
דורך די אַראָפּגעלאָזטע ברעמען די געדיכטע.
אינעם פּאַפּיר איז אַלץ אין אָרדענונג. סע שטימט.

נאָר שטערן וועט ניט דעם פאַרשוין אַ קאָנטראָליר טאָן.
פאַרדעכטיק האָט ער אים זיך דאָך געדאַכט,
צו גלאַט איז יעדעס וואָרט און יעטווידע באַוועגונג;
איז נאָכאַמאָל אים דורכגענומען דורך און דורך,
און פונדאַסניי גענומען אים פאַנאַנדערפרעגן:

III.

— אין אויסשפּיר ביסט געווען? אַליין?
— אַליין! — געאײַלט זיך ענטפערן האָט דער געבראַכטער.
און ווידער האָט ראַקיטאַ אים געטאָן אַ לייען,
קיין דריי אים ניט געלאָזט, צום וואַנט אַ צוגעשפּאַרטן:
— און אויסגעשפּירט, וואָס מ׳האָט באַדאַרפט, האָסט אַלץ?
און ניט באַמערקט אין אויסשפּיר האָט דיך קיינער? —
ס׳האָט די פאַרלעגנהייט געשטעלט זיך אים אין האַלדז
און אים אַ דריי געטאָן: — חוץ איינעם,
חוץ דעם, וואָס האָט אַהערצו מיך געבראַכט...
און מיר די אויפגאַבע פאַרענדיקן געשטערט דאָרט...
— אַ שאָד!... — האָט זיך ראַקיטאַ אויפגעבראַכט,
געווענדט צום אויסשפּירער פאַרדעכטיק. —
נאָר קאָנסט דײַן ערלעכקייט באַווײַזן סיי־ווי־סיי,
אַן אויפגאַבע אַ נײַע האָסט אַזוינע:
אַ גרופּע רויטאַרמייער נעם און גיי פונסניי
די פייער־פונקטן וויז, וואָס דו האָסט אויסגעשפּירט בײַם שונא!

IV.

אַן אויגנבליק האָט ער געקלערט, ווי אַ פאַרקלעמטע שלאַנג
בײַם שטיקל פלייש מיט סם, וואָס ס׳שטרעקט אים אויס דער יעגער,
און עס אַ קיי געטאָן אַזוי, ווי מ׳האָט עס אים דערלאַנגט.
— נו, גוט!... כ׳האָב אויסגעשפּירט דאָרט גוט די וועגן, —
געטאָן האָט דער פאַררעטער זיך אַ דריי
און מיט אַ ביסל שפּייעכץ דורכגעשווענקט דעם גאָרגל.
און, טראַכטנדיק, אַז דאָרט איז ער שוין אין דער היים,
אַ זאָג געטאָן: — איך גיי! זאָל ווער סע וויל מיר נאָכגיין! —
געשווינדלט דאָרט פאַר זײַנע אויגן האָט פאַן־שפּעק,
די תּליה, וואָס באַוויזן דורך דער שויב האָט ער אים דאָרטן,
דער נײַאײַנקער וועלאָסיפּעד
און די באָטפאָרטן...
— פונוואַנען ווייסטו אַזוי פּונקט און אַקוראַט?
— איך ווייס! — האָט ער געגעבן אַ פאַררעד זיך און אַ ציטער.
— קומט אויס, אַז האָסט מיט זיי פאַרבינדונגען געהאַט? —
זיך אויפגעהויבן רואיק האָט צו אים ראַקיטאַ...

V.

— נאָר אויסקויפּן דו קאָנסט אַצינדער דיין פֿאַרראַט,
און דיין פֿאַרברעך באַצאָלן בלויז מיט איינעם:
אַרויס אין פֿעלד פֿאַר די פֿאַרטיידיקער פֿון סטאַלינגראַד
און מעלדן הויך: כ׳בין אַ פֿאַררעטער פֿונעם הײמלאַנד! —
דער טויט צו אים אַ וואונק פֿון ערגעץ האָט געטאָן,
און אָנכאַפּן געפּרואווט האָט ער זיך פֿאַרן לעבן...
ראַקיטאַ האָט צעשטעלט פֿאַרנאַכט אַ באַטאַליאָן,
באַפֿעלן דעם פֿאַררעטער שטעלן זיך דערנעבן.
געברענט האָט סטאַלינגראַד, געריסן זיך פֿון פֿלאַם,
ווי פֿון צעבושעוועטע, שטיקנדיקע קלעמער.
ס׳האָט דער פֿאַררעטער איבעריקס זיך ניט געזאַמט
זיין שענדלעך אָרט אין שלאַכטפֿעלד צו פֿאַרנעמען.
די הענט — אַראָפּגעלאָזט. דער בליק — פֿאַרשפּיזט.
דאָס מויל דאָס אויסגעקרימטע — פֿאַרטיק צו פֿאַרהערן.
— נו, מעלדע, — האָט ראַקיטאַ אים באַפֿוילן, — ווער דו ביסט,
זאָלן די ברענענדיקע ווענט די סטאַלינגראַדער הערן!

VI.

מיט שטילקייט אָנגעפּילט האָט זיך דער פּלאַץ,
געיאָגט פֿון סטאַלינגראַד האָט פֿײַערדיקע אימה,
און דאָס פֿאַררעטערישע מויל האָט ווי געפּלאַצט:
— כ׳בין אַ פֿאַררעטער פֿונעם פֿאָלק און פֿונעם הײמלאַנד! —
און זאָגן נאָך עפּעס געוואָלט אַ וואָרט אַזאַ,
נאָר אָפּגעהאַקט ראַקיטאַ האָט מיט אויסגעשטרעקטער האַנט אים.
— אויף דעם פֿאַררעטער פֿונעם פֿאָטערלאַנד און פֿאָלק — אַ זאַלפּ! —
האָט דורכגעהילכט איבערן שלאַכטפֿעלד זיין קאָמאַנדע.
אַ דונער פֿון פֿאַראַכט, פֿאַרניכטנדיק און העל,
האָט אויף דער אויסגעפֿלאָגטער ערד אים אומגעוואַלגערט,
און אָפּגעקלונגען ס׳האָט דער זאַלפּ דער גרויזאַמער אין פֿעלד,
ווי אַ סיגנאַל אַ שלאַכטיקער צום אָנגריף.
— און איצט — נאָך מיר, פֿאַרטיידיקער פֿון סטאַלינגראַד! —
אַ הייב געטאָן דעם באַטאַליאָן האָט גלייך ראַקיטאַ, —
פֿאַר אונדזער פֿאָטערלאַנד! איבער דעם שונא — גראַד! —
און ס׳האָט דער סטעפּ געטאָן אַ ציטער.

23. די פאַרטיזאַנער אין וואַלד

I.

און אין פאַגאַסט — דער פאַרזיצער פון דאַרפסראַט הענגט.
ער קוקט איבער פאַגאַסט מיט די פאַרגלייזטע אויגן,
ווי ס'כאַפּן שרפות אַן זיך אין דער ברייט און אין דער לענג,
ווי אין אַ שלייף ווערט יעדע שטאַל און שטיבעלע פאַרצויגן,
ווי ס'ווערט צו אַש — דאָס גוטס און האָב,
ווי פינף און צוואַנציק יאָרן האַרעוואַניע ברענען...
ער הענגט איבער דער הייך — אַראָפּגעדרייט דעם קאָפּ,
אַז רוסלאַנד זאָל דורך רויך און פייער זען אים...
ער זעט, ווי ס'שווינדלט דורך אַ שאַלעכל ביינאַכט
אין וואַלד אין היימישן. ס'איז שפּיז פאַר פאַרטיזאַנער.
ער ווייסט, ווער ס'איז. זאָל זי נאָר דורך די וואַך,
ער וויזט איר טויטערהייט דעם וועג פונדאַנען...
קיין אַנדער וועג־וויזער אין דאָרף איז איצט ניטאָ.
קיין הענער קרייען ניט. געפּלעפּט ז'די צייט דאָ.
אַ קרעכץ פון אַ דערשאָסענעם וועקט אויף דעם טאָג,
אַ כריפּ פון אַ געהאַנגענעם באַגלייט אים ווייטער...

II.

מאַלאַניע האָט אין שטיבעלע אויף קיינעם ניט געוואַרט,
נאָר אין דער שטיל זיך איינגעהערט אין טריט פאַרשייטע,
צי טראָגן אייגענע דערביי ערגעץ די וואַך,
צי דער ניט־גוטער טראָגט דעם אומגליק שוין פונסניי דאָ?
אין הימל הויך — אַ שטערן ערגעץ פאַלט...
זי וואָלט די האַרציקע דערקענט זיי אַלע לויט די שאָטנס.
ניט ווייט פונדאַנען, בלאָנדזשענדיק אין וואַלד,
האָבן זיי אויסשפּירן דעם פיינט ביי וועגן זיך צעשאָטן.
זיי שלאָפן ניט. זיי שלייפן שאַרף די שווערד —
באַצאָלן דאַרפן זיי פאַר בלוט און היים צעשטערטער.
עס שלאָפט ניט רוסלאַנד שוין אַזוי פיל נעכט,
קיין אויג מאַכט זיך ניט צו ביי זיינע זין און טעכטער. . . .
זי ווייסט, די אַלטינקע, זי ווייסט, נאָר ניט קיין טרער
זיך רייסט פון האַרץ דורך אירע אַלטע אויגן.
אַליין האָט זי ביי אירע זין געבענטשט ס'געווער,
אַליין די רימענס אויף די לענדן שטייף ביי זיי פאַרצויגן,

III.

און יעדערן פון זיי אַרומגענומען צאַרט,
זיך אָנטאָן אַלע זיי געהייסן וואָרעם:
— דער וואַלד וועט אַ געטרייע היים אייך זיין ביינאַכט,
די נאַכט געטריי וועט אייך פאַרשטעלן פאַר געפאַרן. —
און דריי מאָל אָנגעזאָגט זיי ביי דער שוועל,
די אויגן ווישנדיק מיט דער פאַטשיילע: —
זאָל אייך אין נויט באַשיצן דאָס געטרייע פעלד,
זאָל אומעטום פון אייך דער גוטער שפּרוך דערציילן! —
ווען ס'גייט שוין קיינער ניט אַדורך דעם וועג,
ווען פייערלעך אין פענצטער אויסגעלאָשן זיינען,
איז לאָזט זיך אומבאַמערקט די אַלטינקע אַוועק
אַריבערברענגען שפּייז אין וואַלד די פּאַרטיזאַנער.
אַצינד האָט זי אין שטיבעלע אויף קיינעם ניט געוואַרט,
נאָר בייזע טריט האָבן פון נאָענט זיך געהערט דאָך.
אוי, ניט די זין די האַרציקע געטראָגן האָבן וואָך —
עס האָבן זיך אין שטיבעלע אַריינגעריסן מערדער.

IV.

דערלאַנגע עסן האָבן זיי זיך גלייך באַפעלט,
די קו פון שטאַל אַרויסגעפירן די רגע.
דעם לעצטן ביסן האָט די אַלטע זיי געשטעלט,
און זיי — וואָס נאָך? מיט ביטערניש געלאָזט זיך פרעגן.
— מיר בלייבן דאָ! — האָט גלייך ביז בלוט
אַ מאָרדעווע געגעבן איינער מיט די פיס זי.
האָט זי זיך אויפגעהויבן און געענטפערט: — גוט! —
און די געלעגערס זיי די אָרעמע באַוויזן.
די טיר פון דרויסן שטיל פאַרשלאָסן אויף אַ שלאָס,
די לאָדן צוגעמאַכט — דער טאָג זאָל זיי ניט וועקן,
מיט ציטערדיקע הענט די שטרוי פון לעמפּל אַ באַגאָס,
אַ שוועבעלע אַ רייב און — מיטן שטיבל זיך געזעגנט...
עס האָט אַ פלאַם זיך אין דער הייך געטאָן אַ טראָג,
די געסט אין רויך דערשטיקט געלעגן זיינען,
און ערגעץ איז די אַלטינקע מיט אויפגאַנג אויפן טאָג
געגאַנגען זוכן אירע זין די פאַרטיזאַנער.

V.

פאַרחלשט ליגט דער אומעטיקער וועג.
מע פלעגט אין פעלד דורך אים אַרויספאָרן באַגינען,
מיט ליבע אויפוועקן פרימאָרגיק אים מע פלעגט,
פאַרשווינדן ביז צום ראַנד אין ים אין גרינעם.

און איצט איז ער פֿאַרחלשט, אומעטיק און מאַט,
נאָר איינגעהילט איז ער אין רויך און שטויבן,
עס שטייט אויף אים אַ גרינער דייטשישער סאָלדאַט,
און מיט אַ שאָס גיט אַלע ווייל אַ פֿאַרטויב ער.
ער האָט אַ שאַלעכל דערזען אַדורשווינדלען פֿאַרביי,
אַ שאָרך דערהערט דאָרט צווישן בלעטער,
אַ האָוקע האָט געטאָן זיין ביקס מיט בליי,
אַ פֿאַל געגעבן האָט מאַלאַניע — אַ געפּלעטע...
פֿאַרחלשט ליגט דער אומעטיקער וועג,
דער אומגליק באַלעבאַטעוועט איצט פֿראַנק־און־פֿריי דאָרט:
צעשאָסן האָט אַ פּערטל דאָרף פֿאַן־שפּעק
און אויפֿן וועג אַרויסגעשיקט אַ טשאַטע רייטער.

VI.

געשאָכטן ליגט אַ קו. אַ קינד — לעם איר...
דאָס גראָז — אין בלוט. צעטראָטן און פֿאַרוויאַנעט.
אַ גאַנצער שטראַף־אָטריאַד האָט פֿייערלעך געפֿירט
איבערן דאָרף די אַלטינקע מאַלאַניע.
זי איז געגאַנגען מיט אַ שטעקן און געקוקט,
אַז זיך ניט צורירן צו איר זאָלן די טמאים.
איר אייניקל דערזען האָט זי נעבן דער קו,
און זיך אין אירע זין דערמאָנט, די רויט־אַרמייער.
פֿאַרהערט האָט זי אַליין פֿאַן־שפּעק,
די ריטער האָבן אים פֿאַרשפּאַרט זי עפּעס פֿרעגן,
און זי האָט, בלוטנדיק, געשפּיגן קלעק:
— מע וועט אייך אַלעמען דאָ אויסבעטן אַזאַ געלעגער!... —
פֿאַרחלשט האָט געצויגן זיך דער וועג,
קיין סך האָט ניט געדויערט דאָס געראַנגל;
אַן אויסגעגאַנגענע אונטער די הענט — האָט זי פֿאַן־שפּעק
נעבן דעם פֿאַרזיצער פֿון דאָרפֿסראַט אויפֿגעהאַנגען.

VII.

געוואַלגערט האָבן זיך אונטער דער תּליה טרעפּ
מאַלאַניעס שיך אויף זיי צעוואָרפֿן, איינזאַם.
ביי די צווייפֿגעטריבענע — אַראָפּגעלאָזט די קעפּ.
געשטיקט זיי האָבן מיטן אומגליק און געוויין זיך.
און בלויז דער סטאַראָסטע, אין קעשענעס די הענט,
געשטאַנען איז, געקוקט, דער בליק — פֿאַרטראַגן.
דער גומילאַסטענער זשילעט איבער דעם העמד,
די שטיוול אויסגעפּוצט, ווי אויף אַ גרויסער חגא:
ער וועט נאָך נעמען אונטערפֿירנס אויך ביי אירע זין,

װען פירן װעט מען זײ פון װאַלד געקאָװעט.
ס׳װעט ניט פאַררעכענען דאָס גאָט אים פאַר אַ זינד,
און בײַ די דײַטשן װאַקסן װעט זײַן כבוד.
עס איז געװען אַ טריבער אינדערפרי.
דער אומגליק האָט פון יעדער זײַט געלאָקערט.
אין אָװנט האָט פאַן־שפּעק מיט גאָטישן געטאָקטן שריפט
די עקזעקוציע פאַראײַביקט אין זײַן טאָגבוך.

VIII.

„מאַלאַניע !...״ — זיך צעגאַנגען איז מען שטיל,
„מאַלאַניע !...״ — מיט געװײן מ׳האָט זיך געװאָרגן.
דעם סטאַראָסטע האָבן די דײַטשן אומגעקערט די מיל,
און איר — אַ שטריק אַרום דעם גאָרגל...
דעם מאַן, גאָט װײסט, װאו ערגעץ אַ פאַרװאָרף,
אויף קאַטאָרגע — די טאָכטער אין גערמאַניע...
געקרעכצט האָט יעדער בוים אין דאָרף,
און יעדעס בלאַט געמורמלט האָט: „מאַלאַניע !״...
דעם שטעקן ניט אַרויסגעלאָזט האָט זי פון האַנט,
געהאַנגען איז זי פײערלעך מיט אים צוזאַמען,
װי דורך אַן אַנדער װעג געקליבן איצט אין װאַלד
װאָלט זי זיך דאָרט צו אירע זין די פאַרטיזאַנער...
עס װעט מיט איר דער װינט אַװעק באַנאַנד.
פאַרװיגנדיק זי, גיט ער אַ דערמאַן איר,
װי זי קײן מאָסקװע איז געפאָרן ערשט ניט לאַנג,
און װי געזאָגט מ׳האָט איר אין קרעמל: — מוטערל מאַלאַניע !...

24. פאָלונדראַ

I.

געװען ס׳איז נאָך אַ לאַנגער דװיערדיקער שלאַכט.
אַ טויבער קרעכץ געגאַנגען פון דער ערד איז.
און אויפן פעלד, באַגאָסן מיט לבנהדיקער נאַכט,
געװאַלגערט האָבן דײַטשישע פגרים זיך אין סטערטעס,
פונקט װי זײ װאָלטן נאָר אַזוי זיך צוגעשפּאַרט,
װי איבערװאָרטן דאָ אַ שלאָקס־האָגל באַדאַרפט זײ װאָלטן.
און ניט געטרויט זײ האָבן דער לבנהדיקער נאַכט,
און ניט געטרויט די בליאַסקעדיקע שטערן אויף דער װאָלגע,
און אויך זײער געװער זײ האָבן ניט געטרויט,

וואָס האָט אַן איינגעריכטס געוואַלגערט זיך דערנעבן.
אַרומגעגאַן איז צווישן זיי דער טויט
און אַנגעטאָן זיי אין אַ גלעזערדיקן נעפּל,
און שטיל איבער לבנהדיק־באַטריבטער ערד
געפּויזעט האָבן שאָטנס, שאַרכנדיק, פון טויט באַשטאַטע.
אַרויסגעשיקט ראַקיטאַ האָט צונויפגעקליבן געווער
אין פּעלד ביי די אַוועקגעלייגטע דייטשישע סאָלדאַטן.

II.

צעוואָרפן די הרוגים זיינען אויסטערליש געווען,
איינס אויפן אַנדערן האַלב־זיצנדיק און ליגנד:
ווער אויסגעשטרעקט אין ווייט ערגעץ די הענט,
ווער — בייגנדיק די קני, ווי ערגעץ וואָלט ער נאָך געשטיגן.
און אַלע פּונקט ווי פון אַ דונער־שלאָג געפּלעט,
און אַלע פּונקט ווי פון אַ שטורעם־ווינט צעזייטע,
נאָר צווישן זיי האָט זיך באַוועגט אַ סילועט:
— געשיקט זיך, אַז געשטעלט האָט עמעץ דאָ אַ וועכטער? —
ער האָט דערזען אין האַנט פון סילועט געווער,
און אויך דעם סילועט דאַרט רעדן האָט דערהערט ער...
דעם אָטעם אויף אַן אויגנבליק פאַרטיי׳ט,
האָט שטיל איבערן פּעלד געטאָן אַ גיי ער,
און אויסגעשטאַלטיקט האָט זיך פון דער ווייט
צווישן די מתים פאַר זיין בליק אַ רויטאַרמייער.

III.

באַטראַכט האָט זיי דער רויטאַרמייער און געשטוינט:
אַן איבונג פון גימנאַסטיק ביי די מתים ס׳האָט דערמאָנט אים.
ווי וואונדערלעך זיי אויסגעסדרט האָט דער טויט!
ס׳אַרא געהאַרכזאַמקייט צו זיין ביינאַכטיקער קאָמאַנדע!
ער האַלט זיי לאַנג. אַ גאַנצע נאַכט.
זיי רירן ניט פון אָרט זיך, אויסמושטרירטע.
איעדן איינציקן דער טויט באַטראַכט:
זיי שטייען פעסט. זיי שטייען ריכטיק!
געקוקט דער רויטאַרמייער האָט. זיי זיינען אים באַקאַנט,
פּונקט ווי איין קריפּל וואָלט זיי אַלעמען געבוירן,
צו יעדערן פון זיי ער צוגעגאַן איז נאָ׳נט,
זיי האָבן אויסגעדאַכט זיך אַלע דאָ קאַפּוי׳ר אים,
און אָפּגעטראָטן שנעל איז ער פון זיי צוריק —
ס׳האָט טויטערהייט דער גיר זיי ניט פאַרענדערט.
וואָס האַלטן זיי נאָך אָפן דעם פאַרשטאַרטן בליק?
צי האָבן זיי דעם הימל ווען־עס־איז געזען דען?

IV.

געקוקט גור אריה האָט אויף זייער רויען בעט,
מיט שטילקייט האָט דער טויט געפּלעט זיי און באַוואָרנט.
עס האָט דורך איר געהערט זיך אַ געוויין פון שטעט,
עס האָט דורך איר געהערט זיך אַ געוויין פון קברים:
אָט ליגט זי איצט, די קללה, צוגעקלאַפּט צו דר'ערד,
פאַרשטאָפּט דאָס מויל מיט בלאָטע — אַ פאַרקילטע.
געזעטיקט מיט דער טויטער שטילקייט האָט זיך ער,
די ביינער ווי מיט מאַרך האָבן פון איר זיך אָנגעפילט אים,
געגאַרט: מיט איר זיך דאָס געהער פאַרפלייצן זאָל,
דאָס האַרץ דאָס גאַנצע האָט געטאָן זיך אַ פאַרטרוי איר.
ער האָט זיך פליוסקען, ווי ב'אַ ים, אין איר געוואָלט,
מיט איר אַראָפּשווענקען פון זיך דעם אוממענטשלעכן טרויער.
ער האָט אין איר זיך איינגעהערט, ווי אין דער הערלעכסטער מוזיק,
וואָס די נאַטור באַשאַפן האָט פאַר ווייַ און וואָגל:
מיט וואָס פאַר אַ שגעונדיקן תענוג וואָלט ער זי
איבער די קברים פון פאַרפייניקטע פאַנאַנדערטראָגן!

V.

און אָנגעקלאַפּט אין יעטווידן פון זיי דאָרט מיט אַ רוף
און אויפגעוועקט זיי מיט אָט דער לבנהדיקער בלוי־שיין:
„שטייט, טאַטעס, אויף! שטייט, ברידער, אויף!
שטייט אויף, מאַרטירער און קדושים!
ס'איז ווייניק לעבעדיק צו ווערן זיבן מאָל,
ווען זען מע זעט די דייטשן וואַלגערן זיך טויטע!
דאָס גראָז ס'צעטראָטענע וואַכט אויף אין טאָל,
די ביימער טוען אָן פונסניי זיך גרינע הויטן.
ס'איז ווייניק מיט אומשטערבלעכקייט צו זיין געפּראוווט,
ווען ס'גייט די פּראָוו פון אומברענגען אַליין דעם טויט שוין.
שטייט, מאַמעס, אויף! שטייט, קינדער, אויף!
שטייט אויף, קדושים!"
די נאַכט האָט מיט לבנה־שיין געגלעט די ערד,
אַ שטילקייט פון הפסקה אין געשלעג האָט זיך געצויגן.
אַ רוף „ווער איז?" האָט זיך אין פעלד דערהערט,
און רויטאַרמייער צוויי האָבן באַגריסט זיך מיט די אויגן.

VI.

אַ לייען איינס ביים אַנדערן געטאָן דעם ראַנג
און דורכגעבלעטערט איינס דעם צווייטן ביזן סוף זיך:
— ווער ביסטו? — איך? אַ שכן לינקס פון פלאַנג!
— דיין קאָמאַנדיר ווער איז? — מאַיאָר סאַדאָווסקי! —

אַיעדע אומקלאָרקייט האָט דייטלעך זיך פֿאַרטײַטשט:
— מיט וועמען האָסטו דאָ גערעדט? — האָט פֿאַרגעזעצט דער ערשטער.
— מיט זיי! זיך דורכשמועסן קאָן מען מיט אַ דייטש
נאָר דעמאָלט, ווען ער ליגט אַזוי־אַ טיף אין דר׳ערד שוין!
און דו? — האָט צו דעם צוגעקומענעם אַ דריי געטאָן זיך ער,
פֿון וועלכן טייל? — ניט פֿון קיין טייל! פֿון אַ בריגאַדע!
ראַקיטאַס אַרבעטער־בריגאַדע, חבֿרל, געהערט?
— געהערט!... אַוודאי!... —
און נאָך אַ שפּאַן, און נאָך אַ טראָט:
— ס׳איז גוט די דייטשן אויסריכטן אין אַזאַ שטילער רייזע!...
— איז וואָס־זשע טוסטו דאָ אַצינדערט גראָד?
— פֿון איבעריקער לאַסט צו יענער וועלט כ׳באַפֿריי זיי!

VII.

זיך אומגעקערט האָבן די שכנים זאַלבעצווייט,
צווישן די מתים בלאָנדזשענדיק, ניט שטערנדיק דעם שלאָף זיי.
צום קאָמאַנדיר ראַקיטאַס ערד־שטיבל איז איינער צו פֿון זיי,
דער צווייטער — צום טראַנשיי פֿונעם מאַיאָר סאַדאָווסקי.
ביי ביידע — שטיל... עס קומען אָפּ חבֿרים פֿאַרן טאָג,
מע טרעפֿט ניט עמעצן, און נייע רוקן אונטער זיך, ווי וועלן.
מיט טרויעריקן בליק אויף דעם, וואָס איז געווען און איז ניטאָ,
דאָס אָרט פֿאַרפֿולן זיי פֿון די, וואָס פֿעלן...
מע קומט צו גיין — אויף זיך ניט אומקערן צוריק.
די וועלט — אין האַרץ. דאָס האַרץ — אַנטשלאָסן,
און פֿעסטקייט אינעם טרויעריקן בליק:
דעם פֿיינט פֿאַרסטאַמפּעווע! דעם פֿיינט ניט לאָזן!
אַריינשטעכן אַליין זיך אין דער ערד,
זיך דורכוועבן מיט בענקשאַפֿט ליכטיקער און ריינער.
די שכנים האָבן שטיל, באַצווייט, זיך אומגעקערט.
געוואוסט האָט אין סאַדאָווסקיס טייל שוין יעדער איינער!

VIII.

מיט קוילן־לענטעס אויף דער ברוסט איבערגעקרייצט,
און מיט גראַנאַטן אַרום בויך באַהאַנגען,
אַריין איז אַ מאַטראָס אין פֿייערדיקן פֿלייץ
און פֿון אַ הויז פֿאַרכאַפּט דער ערשטער דעם אַריינגאַנג.
דער אייבערשטער עטאַזש ז׳געווען פֿאַרקלאַפּט,
פֿון יעדן פֿענצטער האָט געקוקט אַן אַמבראַזורע,
נאָר איינע נאָך דער אַנדערער ער נעמט אַראָפּ,
זיך שליידערנד פֿון וואַנט צו וואַנט אין שטורעם,
אַז פֿריי זאָל דורך דער גרייפֿנדיקער טייל,

די גאַס זאָל אָפּגערייניקט ווערן שנעל און האַסטיק.
און ס׳קוקט פון יעדן פענצטער שוין אַ הייל,
און שטיינער וואַלגערן זיך אַנגעפּלאַסטערט.
געשטאַנען איז ער אינעם פלאַקערדיקן אַנטרעסאָל,
ווי אויפן דעק פון שיף פון טאָרפּעדירטער,
און אויסגערייכערט פלאַמיק, אַן אַ צאָל,
דעם דייטשן ברוד פון נעסטן פון געדיכטע.

IX.

— פּאַלונדראַ! — ער אַליין קאָמאַנדעוועט האָט זיך
און פון דעם אַנדערן עטאַזש די טירן דורכגעשאָסן.
אין שוויס, אין שטויב דאָס פלאַמיקע געזיכט,
האָט ער דורך לייטער פלאַמיקן געטאָן אַ לאָז זיך
אַליין, ווי אַ שטיק שרפה פונעם הויז,
און אַ הוראַ ווי אַזאַ דונער אויפגעגאַן איז:
ס׳וועט לעבעדיק פונדאַנען קיינער ניט אַרויס,
קריכט יאָ, קריכט ניט, פאַרקוועטשטע טאַראַקאַנעס!
זיין נאָמען אין דעם טייל האָט קיינער ניט געוואוסט,
און שראַמען אויף זיין לייב, ווי קאַרבן אויף אַ בוים איז.
געדענקט מ׳האָט זיינע לענטעס אויף דער ברוסט
און זיינע שטאַרקע ציין, צעשטעלטע ווי אַבאַימעס.
געלעגן טויט ז׳דער אַנדערער עטאַזש,
און לעבעדיק אויף אים האָט זיך געהוידעט דער „פּאַלונדראַ״.
נאָר פון דעם אויסגעלייזטן הויז, פון דעם באַפרייטן אַש
איז דער מאַטראָס, אין בלוט אַן אָפּגעגאַנגענער, פאַרשוואונדן.

25. די טאַטואירונג „סטאַלינגראַד״

I.

נאָך אַ רואיק געטאָן אַ ריס אַרויס,
נאָך אַן עטאַזש פון נעגל בלוטיקע באַפרייט שוין!
פאַרוויסט, מיט קוימען סטאַרטשענדיקן בלויז
געשטאַנען איז אַ הויז, פונקט ווי אַ קבר פון די דייטשן
צום אַש צום לייבלעכן, צו יעדן שטיין
אַ פאַל טאָן זיך געוואָלט האָט יעדן רויטאַרמייער,
נאָר עס פאַרגינט זיך קיינער ניט צו בלייבן שטיין,
פון מויערן געפאַנגענע קומט יעדע ווייל די ריי אָן.
און אומבאַמערקט פון צווישן רויך און בראַנד,

אויף הענט אויף מיידלשע אויף צערטלעכע, נאָר שטאַרקע
אַרויסגעטראָגן דעם מאַטראַס פון דאָרט
האָט אָן אַדעסער יונגע סאַניטאַרקע.
זי האָט אים אונטער פלאַם געטראָגן פעסט
און אַ פאַרחלשטן צום פעלד־שפּיטאָל געבראַכט אים.
די שול האָט זי ניט לאַנג געענדיקט אין אַדעס,
די פּרואוו גיט זי דאָ אָפּ ביי סטאַלינגראַדער שלאַכטן.

II.

זי האָט קיין שפּרענקעלעך אין לעבן קיינמאָל ניט געהאַט,
אויסער די חן־פינטלעך אין פוד אויף ליפּן דינע,
צונויפגעלייגט, ווי בלאַט מיט בלאַט —
די אַכצניערעדיקע סאַניטאַרקע נינע.
און דאָ האָבן זיי אומבאַמערקט געטאָן אַ שפּריץ,
געטאָן זיך אַ צעשאָט אונטער די גרויע אויגן.
נאָר ס׳איז קיין רגע צייט ניטאָ אָט איצט
פאַרנעמען זיך מיט דעם און נאָכקוקן און וואויגן.
כאָטש פונעם טאַש דאָס שפּיגעלע באַקומט זי דאָך
און כאַפּט אַ קוק, ווי קיין שום מיין זי האָט גאָר,
און זאָגט צו זיך אַליין, פאַרריכטנדיק די האָר
אונטער דער גרינער כאַקענער פּילאָטקע:
— ס׳האָט זיך דיר, נינע, אויסגעדאַכט! פאַרגעס!
און טאָמער האָבן יאָ פאַרבלאָנדזשעט זיך אַ פּאָר אינגאַנצן,
איז אומקערן מע דאַרף זיך גיכער קיין אָדעס,
אין ים זיך אויסבאָדן. ער נעמט אַראָפּ ווי מיט דער האַנט זיי.

III.

זי האָט אים ליב, דעם ים, און בענקט נאָך אים,
עס הערן ניט די אויגן אויף ביי איר צו בלאָנדזשען:
וואָס האָט די ווערט געהאַט ביי איר צו געבן אַ פאַרשווים,
אַז פונעם ברעג זאָל קיינער זי ניט קאָנען אָנזען?
און בלויז דאָס טיכעלע דאָס ווייסע אויפן קאָפּ
געשווינדלט האָט פון ווייט פון גאָלדענער און גרינער,
פונקט ווי אַ ווייסע מעווע אויף אַ כוואַליע וואָלט אַראָפּ
אַ וויג טאָן זיך אויף פליגעלעך אויף דינע.
דערנאָכדעם צוזעצן זי פלעגט זיך אויף אַ שטיין,
די הענט — אַרום די קני, זיי אַ פאַרצי טאָן.
איז וועלכער ווינט האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אַליין?
און וועמענס האַרץ האָט ניט געגעבן דען קיין ציטער?
און צו פאַרנאַכט, ווען זי געגאַנגען איז אַהיים,
ווען אויפן ים האָט גאָלד זיך אָנגעהויבן שפּינען,

האָט זיך געדאַכט, אַז כוואַליעס זאָגן איר געהיים:
„מיר וועלן אויף דיר וואַרטן. קומען זאָלסט באַגינען!“

IV.

זי האָט זיך מיט אָדעס געזעגנט און געוויינט,
כאָטש פון איר אַקסל האָט שוין דעמאָלט זיך אַ ביקס געהויבן.
עפּעס געבעטן האָט פון גאַסן יעדער שטיין,
און מויערן האָבן געקוקט מיט אויסגעזעצטע שויבן,
ווי זעכציק פיבערדיקע טעג, און נאַכט נאָך נאַכט
געגאַן דאָס שריפהדיקע פייער מיט גאַלאָפּ איז.
געפלאַקערט האָט איר שול. און אויפן טראָטואַר
געוואַלגערט האָט זיך לעם אַ טויטער שילערין אַ גלאָבוס.
אָט איז שוין באַלד קיין פּושקין־גאַס נישטאָ,
עס לאָזט פון הימל אַ פּיראַט נאָך אַ פּיראַט זיך.
זי האָט געזען, ווי חרוב ווערט איר שטאָט,
זי האָט געזען, ווי ס׳ברענען די אַקאַציעס.
איז ווען זי בלייבט אַמאָל אַן אויגנבליק אַליין,
גיט פון דעם ווי איר אַ רייס אַראָפּ דער שלאָס זיך.
זי האָט זיך מיט אָדעס געזעגנט און געוויינט
און האָט געזען, ווי ס׳שיידן זיך מיט איר מאַטראָסן.

V.

דער רעש פון שלאַכט, פון בראָד און שיסעריי
האָט ניט פאַרטויבט דעם פייערלעכן טרויער פון צעשיידונג.
ס׳האָט ניגע זיך אין דעם דערמאָנט פונסניי,
ווען דעם מאַטראָס זי באַנדאַזשירט האָט אין טראַנשיי דאָ,
וואו זי דערטראָגן האָט אים אויף אַ ווייל —
דאָס בלוט פאַרהאַמעוועז, פאַרכאַפּן — און ניט מער גאָר.
און ווי זי האָט אונטער באַשיסונג ניט געאיילט,
איז דאָך ניט שווער געווען אויף ליב זיינס צו באַמערקן,
דורך שראַמען איינגעצויגענע אין קערפּער פעסט,
דורך שטרעמלעך בלוט, געריזלט אָן אַן אָפּהאַלט
אַ טאַטואירטן צייכן פון אָדעס,
אַ צייכן טאַטואירט פון סעוואַסטאָפּאָל.
און, איבערבינדנדיק, האָט זי געטראַכט: אָט דאָס
אַ נייע טאַטואירונג וועט פון סטאַלינגראַד זיין!
און דורך רואינען זי באַגלייט האָט צו דער וואָלגע דעם מאַטראָס,
ווי דורך איר פּושקין־גאַס, ווי דורך איר שול מיט די אַקאַציעס.

26. די בין אין סאַנבאַט

I.

די בין איז זיך פֿאַרגאַן, דערשטיקט פֿון רויך,
דער טוי געטובלט האָט דעם סאַמעטענעם מאָך איר,
געדרייט האָט זיך אין אַש איר גאָלד־געשטרייפֿטער בויך;
דער בינשטאָק האָט געברענט — דאָס פֿייער צעפֿלאַכעט.
די שיסעריי האָט זיך פֿונווייטן נאָך געשפּאַרט,
געריסן האָבן הייזעריקע גאַרגלען זיך האַרמאַטן,
ווי נאָכגעשריען עפּעס וואָלטן זיי דער נאַכט,
ווי עפּעס נאָך דערציילן וואָלטן זיי געהאַט איר.
אַ פֿור מיט אַ פֿאַרוואונדעטן מאַטראָס איז דורך,
זיך איינגעקלאַמערט אין אַ ראָד די שטאַרבנדיקע בין האָט.
דער בוים, וואָס האָט מיט האָניק זי געגנערט — אין ברוך,
די הרעטשקע אויפֿן פֿעלד — אין פֿייער איז פֿאַרכלינעט,
וועט זי, אַ הימלאָזע, זיך דרייען מיט דער ראָד,
ס'זאָל ערגעץ אָנקומען דער לעצטער טראָפּן האָניק.
און ביים סאַנבאַט דער וואָגן אָפּגעשטעלט זיך האָט,
ווי אַ דערמאָנונג.

II.

געווען עס איז אַ קלאָרער האַרבסטיקער קאַיאָר,
די בלעטער האָבן, איבעררײידנדיק, געלייגט צו דר'ערד זיך.
געהערט פֿון אייניקע האָט זיך אַ שאָרך,
פֿון אַנדערע געהערט האָבן זיך קרעכצן.
אַריינגעטראָגן אין אַ שטוב מ'האָט דעם מאַטראָס,
די בין אַרויפֿגעדראַפּעט האָט זיך צו אַ פֿענצטער.
עס האָט אַ זיסע וואַרעמקייט געטאָן זיך אַ צעגאָס,
די זון אויף קלאָרע שויבן האָט צעשמעלצט זיך.
זיך אָנגעזען דורך זיי האָט דער פֿאַרוואונדעטער מאַטראָס,
אויף גרינע כוואַליעס האָט געוויגט דאָרט דער עפּיר אים
און שטיל און לאַנגזאַם אָנגעטאָן אַ שלאָס
אויף זיינע מידע, איינגעשלאָפֿענע געהירן.
ביט וויט געגאַנגען איז אַ שיסעריי,
דער הילך זיך נאָכגעיאָגט נאָך דעם מאַטראָס האָט,
ער איז באַנאַנד מיט דעם עפּיר אין אים אַריין,
אין זיינע קרעכצנדיקע ביינער זיך צעגאָסן.

III.

נאָר דער פאַרוואונדעטער האָט מער פון גאָר שוין נים געוואוסט,
געוואָרפן האָט אַליין זיך יעדעס גליד באַזונדער,
און דער כירורג געשפּירט האָט נאָך דער מעסיקייט פון פּולס,
געשפּירט, ווי צוגעגרייט עס ווערט פאַר אים די וואונד דאָרט.
און טרויער האָט געטאָן צו אים זיך אַ פאַרטרוי,
ווען ער האָט אומגעריכט באַמערקט, ווי דורך אַ נעפּל,
אַ טאַטואירטן נאָמען פון אַ פרוי
ביים סאַמע ראַנד פון די פאַרוואונדעטע געוועבן —
אַ נאָמען פון זיין ליבסטער, אויף געוויס!
אַ נאָמען — אין זיין בלוט און ביינער איינגעשלאָסן.
און צוגעשמידט דורך דעם עפיר צום טיש,
געריסן ערגעץ ווייט האָט דער מאַטראָס זיך.
געראַנגלט האָט ער זיך מיט דעם עפיר,
ווי מיט אַ שטורעם אין אַ מדבר אין אַ וויסער,
ס'האָט יעדע ווייל צום סוף געטאָן אים אַ פאַרפיר,
דעם אָנהייב יעדע ווייל געטאָן אַ וויז אים...

IV.

נאָר ס'האָט דער שלאָף פון אַלע זייטן אים געהיט,
געהויערט מיט באַלאַגערונג צופוסנס און צוקאָפּנס,
און אָט איז שוין דאָס לייב דאָס מעכטיקע געשמידט,
און אָט דערהערט זיך שוין קרעכצנדיקער כראָפּע.
נאָר יעדער מוסקול איז דערווידער, און זיך שפּאַרט,
און גיט ביים מינדסטן צוריר נאָך אַ פלאַטער.
כאָטש דעם באַוואוסטזיין ט'ער פאַרלוירן נאָך אין שלאַכט
אינאיינעם מיט דער לעצטער לייבלעכער גראַנאַטע.
און מיטאַמאָל האָט זיך צעוויינט די בין
און מיטן קאָפּ אין שויב אַ זעץ געטאָן זיך...
ס'געוויין געווען איז דורכזיכטיק און דין,
און ווי אַ דימענט אויפן גלאָז ס'האָט בריענדיק געבלאָנדזשעט.
געוויינט האָט זי ס'געוויין פונעם פאַרברענטן צוויט
אויף ביימער אומגעוואַלגערטע, צעפּלעטשטע,
פאַרגאַן זי איז זיך מיט אַ קלאָגעדיק ליד
פון דער צעטראָטענער און אויסגעקלאַפּטער הרעטשקע.

V.

די זון האָט אויף איר רוקנדל געבלענדט,
די רייפלעך אָנגעפילט מיט גאָלד מיט שווערן
און אויפגעהויבן אירע פליגעלעך, ווי הענט,
און זיי אַראָפּגעלאָזט, ווי דורכזיכטיקע טרערן.

און מיט דעם מויל דעם שווינדלדיקן העל
געגעבן אַלע ווייל האָט זי אַ מיש דאָרט
ס׳געווין פון האָניק ניט דערבראַכטן אין דער צעל,
ס׳געווין פון חרובן פאַרברענטן בינשטאָק,
און ניט געפילט, אַ צוגעקלעפּטע צו דער שויב,
ווי ס׳האָט די זון מיט מילדקייט זי געגלעט דאָרט,
ווי דורך די פליגעלעך — אין ווינטיקן פאַרהייב —
זיך האָבן דורכגעשטאָכן שטראַלן, ווי פינצעטן,
און לייכט אַזוי געמאַכט איר דעם באַוועג,
די ערנערלעך געטאָן איר אַ צעפּעכער,
און זי האָט ווי ב׳אַ גאָלד־געוועבטן וועג
איבער דער שויב אַ לאָז געטאָן זיך העכער.

VI.

אויף טאַפליעס קלאָרע — טרויעריק און צאַרט —
האָבן זיך האָזן בלענדיקע געיאָגט און זיך געפינעט,
און בראַנזיק אויסגעווייגט דעם שטומען צער
פון דעם פאַרוואונדעטן מאַטראַס די הימלאָזיקע בין האָט.
געראַנגלט אויפן טיש זיך ליגנדיק ער האָט,
די אַקסל — הויל, אין וויקלשנור געפּענטעט,
ווי אַ געפאַנגענער געטאָטואירטער גאַט
מיט אַ געקרייצטער וואונד אַ דורכגעברענטער.
די כלים האָבן איבער אים געבלאַנקט,
און כישופדיק געוויגט האָט דער עפּיר אים.
געוואָרפן זיך אויף אים האָבן די כוואַליעס לאַנג
און ניט געקאָנט אין ערגעץ אים פאַרפירן...
געלעגן איז ער דאָ, ווי אין אַ ווייסן וואַלד,
געגאַנגען אין דער שטיל איז אַ באַראַטונג.
געדוכט האָט יעדעס וואָרט זיך, ווי אַ בלאַט, וואָס פאַלט,
און ס׳האָט אַ שאַרך געטראָגן זיך פון וועבלענע כאַלאַטן.

VII.

פאַרזאַמלט אין אַ פייערלעכער וואָך —
פאַרן פאַרוואונדעטן האָבן געשורעוועט די שוועסטער,
ווי יאַדלעס שנייאיקע אין ווייסער פראַכט
מיט שלאָף־געטראַנק די אויגן אים געפעסטיקט.
נאָר נאָכגעיאָגט נאָך אים האָט זיך דאָס פעלד,
פון ערגעץ נאָכגעלאָפן אים דער האָסטיקער הורא איז,
און דער כירורג, געגורט מיט רו און מיט געוועלט,
האָט איבער אים באַוועגט זיך, ווי דער עץ־הדעת...
דאָ וועט ער זיך אַריינמישן אינעם באַשאַף פון דער נאַטור,

אַרייִנגייִך אין דעם סוד פון זיין וועט ער דורכדאַנען,
דאָ וועט ער דורכדרינגען אויף דורך און דורך
אין דעם יסוד און אין דער פּראַכטפולער האַרמאָניע
פון בלוט און פליש, פון אָנהייב און פון סוף,
אין דעם צוזאַמענהאַנג פון ברויזנדע געוועבן
און אין דער חכמה פון באַוועגנדיקן שטאָף,
וואָס איז דאָס זיין און דער באַשטאַנד פון לעבן.

VIII.

אין טויבן רעש פון נאָ׳נטער שיסעריי
דערהערט האָט ער פון בין דאָס דימענטענע זשומען,
ווי אַ געזאַנג פון דער נאַטור איבער דעם ריס פון בליי,
איבער דעם בלוטיקן פאַרוויסטנדיקן ברומען.
געמורמלט האָט אין דעם די זאַנג פון צייטיק פעלד,
דער ליפּע־צווייט אויף גינגאָלדענע בייטן,
די קלוגע מי פון פרידלעכן געוועלט
און אַזאַ יתומדיקער שטילער ווייטעק.
נאָר אַלעמען געפירט האָט ערגעץ הויך און ווייט
דער ריח פון עפיר דער שניידיקער און האַרבער,
באַגייסטערט פאַרגעזעצט האָט דער כירורג דעם שטרייט
מיט דעם צעשטערנדיקן גייסט פון די פאַרדאַרבער.
געווען זיין דראַנג איז טיפער פון דער וואונד,
געווען זיין בליק איז שאַרפער פונעם סקאַלפּעל.
און דורות גאַנצע האָבן ביז צום גרונט
געפירט זיין האַנט, געווענדט קעגן דער מאַלפּע ,

IX.

געפירט זי הערשעריש, און פעסט, און פריי
קעגן דער חיה דער געפאַנצערטער מיט אייזן,
און ווידער אָטעמען ער צווינגט ס׳צעשניטן לייב
און צו דעם לעבן אומקערן פונסניי זיך.
געלעגן איז די וואונד פאַר אים באַגינען־רויט,
איעדע פלאַך אין איר האָט בלוטנדיק געמורמלט.
געזען האָט ער דורך איר דעם מאַרש פון טויט,
דעם מאַרש פון ווילדע בלוטדאָרשטיקע אורלייט,
געזען האָט ער דורך איר פאַרברענטע שטעט
און פעלדער, אויסגעטראָטן דורך פאַרדאַרבער,
און טאָלן מיט הרוגים מיילן־וויט געבעט,
און בערג געשוואָלענע פון ביינער און פון שאַרבנס,
דורך וועלכע ס׳האָט געקוקט די בושה פון דער פעסט,
די בעגל פון דעם אור — אין בלוט פאַרהריזטע,

וואָס האָבן מיט דעם טויט געטאָן זיך אַ פאַרמעסט
אין אומברענג, אין פאַרלענד און אין פאַרוויסטונג.

X.

זי האָט געהויכט, די וואונד, ווי אַ צעבלוטיקט מויל,
און זיך געוועלבט מיט רויע אויפגעהאַקטע ליפּן,
נאָר ניט אַרויסגעריסן האָט פון זיי זיך דאָס געהויל,
ווי ס׳רייסט זיך ניט אַרויס דאָס האַרץ פון אונטער ריפּן.
אַ שטילקייט פון אַזאַ ווידעראַנאַנדיקן געבורט...
דאָס לעבן גייט מיט קרעכצנדיקע רויע רעשן,
און ס׳פילט עס אויפן מעסער, שמייכלענד, דער כירורג,
ווי אַ באַשעפער אַ מכשף...
אָט האָט ער אָפּגעטיילט שוין פונעם לייב די קויל,
די קנאָכן צוגעפּיילט. באַפעלט זיי זיך אַ העפט טאָן.
זיי פאָלגן אים פאַרכישופט־הויל
און ציען אײַנס צום צווייטן איינשליסן זיך העפטיק.
אַרום איז שטיל. ס׳גוועלטיקט דער עפיר,
און ס׳הייבט זיך אויף אַ כוואַליע אויף אַ כוואַליע.
ניט בלויז די וואונד אַליין זיין סקאַלפּעל איצט באַרירט —
נאָר אויך פון לאַנד די וואונד, פאַרשאַפט דורך קאַניבאַלן.

XI.

עס פירט אים, איילנדיק, די וואונד צום שלאַכטיק פעלד:
אין יעדן שטיק, וואָס איז פון ווי פאַרברענט שוין,
אים ווייזט זי דעם צעשטערטן סדר פון דער וועלט
און די געשענדעטע האַרמאָניע פון דער מענטשהייט.
אין יעדן שניט פון לייב ער הערט,
אין יעדן ריס פון קנאָך דערפילט ער
אַיין גרויסע וואונד אויף גאָר דער ערד,
אין פייער און אין אַש אַן איינגעהילטע...
און מיטאַמאָל דערלאַנגט אַ ציטער דער סאַנבאַט,
אַ טשאַטע רויב־פייגל רייסט דורך איבערן דאַך זיך.
אַ שוואַרצער דונער גיט אַ מאַרדעווע זיך גראַד,
און ס׳הייבט זיך אויף אַ שטורעם־ווינט אַ שוואַרצער.
עס גיט אַיין וואַנט אַ קרעכצנדיקן פאַל,
און אַ שטיק דאַך שוין וואַלגערט זיך דערנעבן.
דער הימל קוקט פרימאַרגעדיק אין זאַל:
די מי ווערט פאַרגעזעצט פון אומקערן דאָס לעבן.

XII.

אַ שפּליטער שניידט זיך איין אין דעם כירורג,
און ס׳ענטפערט בלוט אויפן כאַלאַט אים מיט אַ זשבורע.

נאָר ניט פון אָרט! דאָס לעבן פירט ער דורך,
ער נעמט אַליין אַ פעסטונג איצט מיט שטורעם!
איז פעסט זיין האַנט, און וואונדערלעך, און לייכט,
און צום פאַרוואונדעטן דערלאָזט דאָרט ניט דעם ווי ער.
צו ביקס צו גרויזאַמער זיין סקאַלפּעל איז געגלייכט,
זיין מי זיין אידעלע — צו מי פון רויטאַרמייער,
וואָס טרעט ניט אָפּ דעם שונא אויף קיין טראָט,
וואָס טרעט ניט אָפּ דעם טויט און ניט דעם פייער.
מיט בלוט באַגאָסן — פאַרגעזעצט ער האָט,
פאַרלוירן זאָל ניט גיין דער לעצטער טראָפּן טריהייט...
אין פענצטער האָט געקוקט אַ מילדע זון,
די בין האָט, זשומענדיק, געטאָן אַ שפּאַר דאָרט:
צום זיין פונסניי וואַך אויף, געוואַגטער זון!
שטיי ווידער אויף צו שלאַכט מיט די פאַרדאַרבער!

27. אַ לעזגינקע

I.

דער ראַנד האָט זיך מיט רויך און פינצטערניש געוואָרגן,
פון אונטער דר׳ערד געגאַנגען איז אַ שיכורלעך געשריי:
מיט שנאַפּס און פעטס פאַרשטאָפּנדיק די גאָרגלען,
האָבן די דייטשן פריילעך זיך געמאַכט אין אַ טראַנשיי.
דורכן שפּאַקטיוו פון ווייט האָט לעווין אָנגעטאַפּט געפעס.
צעוואָרפן — פלעשער פון קאָניאַק און פון ליקיאָרן.
— נו, דאָס ווערט, דאַכט זיך, זיין, אַ גרויסאַרטיקער מת, —
האָט ער אַ זאָג געטאָן מאַמעדאָוון, — אַ בראָך זיי אין די יאָרן. —
ער האָט שוין לאַנג דאָ ניט פאַרוויגט קיין אָפּיצער
מיט ווייסע הענטשקעלעך און אָפּלאַקירטע שטיוול;
געקוקט אַהין, געקוקט אַהער,
און ניט אַוועקגענומען ס׳אויג פונעם שפּאַקטיוול.
און ווי אין צויבער נעבן אים געשטאַנען איז פאַרטיַיט
סאַמעד מאַמעדאָוו — ס׳מויל אויף האַלב צעעפנט —
און מיט די אויגן יעדע ווייל געטאָן אַ טיַיט:
— וואָס וואַרטסטו, האַ? וואָס היַיעסטו זיך, לעווין?

II.

אַ צוגעשמידטער צו אַ פינטל צו אַ רונדן,
באַשאָטן מיט קאָנסערוון־שאַכטעלעך אַ סך,

האָט אַלע ווײַל זיך צוגעזעצט פאַרוואונדערט
און צ׳ריק זיך אויפגעשטעלט מאַמעדאָוו דער קאַזאַך.
אַ חשבון אויף זײַן ביקס מיט קאָרבן האָט געהאַט ער
אַ חשבון פון אַ מאה מערדערישע קעפּ.
קיין סטאַלינגראַד געקומען פון די בערג די אַלמאַ־אַטער —
אַ זון אַ לײַבלעכער צו זײַן פון וואָלגער סטעפּ.
עס האָט אַ היץ געקלעמט אים צווישן קלעצער,
געאָטעמט הויך מיט אומרו פול,
אַז ס׳זאָל צומאָל דאָרט ניט צו שפּעט זײַן:
אַן אָפיצער מיט ווײַסע הענטשקעלעך, אין שוואַרצן בולף...
בערקוטן פלעגט ער מיטן בליק פאַרהאַלטן,
און זיי אין פלי אַראָפּגעשאָסן שפּילעוודיק האָט ער;
איז לעווינען אַצינד מיט איין אויג האַלט ער,
און מיטן אַנדערן ער ציט צו זיך דעם אָפיצער.

III.

און לעווין פינטלט שניידיק מיטן אויג:
— די מאָס דעם מת מע דאַרף, מאַמעדאָוו, מאַכן אַקוראַט דאָ.
איך טראַכט: צי מאַכן אים די עקטעקע אַזוי,
צי זי אים מאַכן מיט אַ ביסעלע טעאַטער?! —
געשלונגען דאָרשטיק מיט דעם בליק האָט ער די ווײַט,
געזען, אַז קיינער פון דער ווײַט זאָל אים ניט שטערן.
עס האָט מאַמעראָוו ניט פאַרשטאַנען, וואָס ס׳באַטײַט,
און ס׳האָט אים לעווין ניט פאַרזאַמט עס צו דערקלערן:
— אויב כ׳וועל אַרײַנהאַקן די קויל אים אין דער דיך,
פאַרפּריצעוועט ער מיר אַ טאַנץ — די לעצטע מאָדע.
אויב אין די לעכער וועט די קויל אים טאָן אַ קריך,
קאָן עס אים אויפטראָגן אַ וואָכעדיקן קאַדריל,
נאָר פאַר דײַן כבוד וויל איך אים אַרײַנשיקן די גאָב
דאָרט נעבן צלם, ביי דעם טעשעלע דעם לינקן,
אַז אײדער ער וועט אָנלייגן דעם קאָפּ,
זאָל ער אונדז אָפּטראַסקען פאַרפריער אַ לעזגינקע!

IV.

אַ צי געטאָן פון ווײַט האָבן זיך הענטשקעס צוויי,
און אויפגעהויבן האָט זיך איין לאַקירטער שטיוול.
— פאַרשרײַב! — האָט לעווין זיך געטאָן אַ דריי, —
איז האָבן מיר, מאַמעדאָוו, אַזוי גרויס, שוין וויפל? —
ער האָט אין פּיין אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ,
אַ טויבער ווייטעק האָט אין האַרץ ביי אים געטליעט: —
ביי אונדז אויפן וואָקזאַל אין גראָנאָטאָפּ

באַפעלט זיי האָבן יידן טאַנצן ביי די תליות... —
נאָר באַלד האָבן זיך נאָך באַוויזן צוויי,
אַרום דעם מת געגומען האָבן זיי זיך פאַרען,
פאַר פרייד האָט לעווין שיער דערלאַנגט דאָרט אַ געשריי: —
אינצווייען וועלן זיי אַ קויל, מאַמעדאָוו, מיר פאַרשפאַרן! —
און אַז ער גיט אויף ביידע זיך אַ צילע אָן...
דער אָטעם — טיף... קיין וואָרט ער קאָן ניט רעדן...
און אין דער פאַר האָבן זיי ביידע דאָרט אַ טאַנץ געטאָן,
און לעווין האָט געקרעכצט: — פאַרשרייב, פאַרשרייב, מאַמעדאָוו!

V.

נאָר שווער באַוועגט צום שרייבן זיך מאַמעדאָווס האַנט,
אים לייכטער איז אַ צונג צו ברענגען פון די דייטשן,
האָט ער פאַרקלערט אַ קוק געטאָן צום ראַנד,
געגענגט האָט זיך פאַר אים אין וועג אַריין די צייט שוין,
און ער איז פון באַגין נאָך גרייט געווען דערצו,
כאַטש שיקן האָט סאַדאָווסקי ניט געוואָלט אַהין אים.
פון זיין אַ טשמעל שטעקט גלייך אַרויס דער דייטש די צונג
און היבט אָן גאַווערן מיט רויטער פּינע,
און ס'ווערט אים אויף די פיס אוממעגלעך שוין צו שטיין,
ס'ווערט אין געוואַקל אַזוי קאַלט און הייס אים,
און ביז עס ברענגט מאַמעדאָוו אים אין טייל,
איז ער שוין לאַנג אַ מת, ווי אַלע מתים.
נאָר ס'איז מאַמעדאָוו דאָך, אַן אַנגעלאָדענער, אַוועק,
אַריבער איז ער האַלבע נאַכט די ראַנדן,
נאָר אומגעריכט האָט ער אינמיטן וועג
זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גאַנצער באַנדע.

28. מיט אויסגעברענטע אויגן

I.

די היץ פאַרפלייצט. די שלאַכט איז אין זעניט.
אויף וואָגשאָלן גורלות לייגן זיך צעפלאַקערט.
אַנטקעגן שטאָל און אייזן — שטאַנדהאַפט פון גראַניט,
אַנטקעגן מערצאָל — האַס און וואונדער פון געוואַגטקייט.
אַרויסגעגאַנגען זיינען טאַנקען רוסישע אין פעלד,
ווי הליבעס רעוועדיקער האַס, די מיילער הויך פאַרהויבן,
און אויס מיט יעדן ראַנד! און אויס מיט יעדער שוועל!

אַ ריס געטאָן די ערד צוריק זיי האָבן מיט די רויפן,
און אַ פאַרוואונדעטע געלאָזט זי אונטער זיך,
און ווייטער — אין געביין פון שונא מיט געקנאַדער.
אין דעם פלאַנגאַוון טאַנק מיט אַ פאַרפלאָמט געזיכט
געזעסן איז דער פינפטער זון ראַקיטאַס — פיאָדאָר,
ווי ביי אַ דאַמנע בעת׳ן שטורעמדיקן זאָט פון שטאָל,
און דורך דער שוי־שפּאַרע געקוקט, ווי ס׳מאַרדעווען די בראַנדן.
און הערשעריש געפלאָסן האָט אין אים זיין פאָטערס קול —
דעם בריגאַדיר ראַקיטאַס גרויזאַמע קאָמאַנדע.

II.

דורך שוי־שפּאַרע פון טאַנק געקוקט האָט ער פאַרשטעלט
אַנטקעגן זיך, וואו אַלץ באַוועגט זיך, קאַרטשענדיק און ברענענד;
און אויסגעדאַכט האָט אים זיך גאָר די וועלט,
ווי אַ דורכאויסיקער צעבושעוועטער גיהינום,
וואו ס׳שמעלצט זיך איבער פונדאַסנייִ די ערד
און שליידערט פלאַצנדיקן שטאָל מיט בליץ און דונער;
ווי אַלץ אַרום — אַ דולע זי צעשטערט,
וואָס איז געשאַפן ווען־ניט־איז אונטער דער זון נאָר.
ער האָט געזען דעם טויט אַ הוליענדיקן פראַנק־און־פריי —
פאָראויס, פון הינטן, איבער אים — אין אַלע עקן.
געפייקלט האָט דער טויט מיט שלאַקס־האָגל פון בליי
און אָפּגעשפּרונגען צ׳ריק מיט אַ געוואַי צעברעקלט.
ס׳גיט זיך דער גאָרגל פון זיין טאַנק אַ כוואַליע אויף
אָן אָטעם טאָן מיט רויך מיט ווינטיקן, מיט פרייען,
נאָר שטיקנד איז די לופט, נאָר ברענענד איז די לופט,
און ס׳איז קיין לופט ניטאָ חוץ בראַנד און פייער.

III.

אַ בליץ קנאַקט דורך איעדע ווילע ווי אַ בייטש,
און אַ פאַריאָגטער וואָלגע־ווינט אַ לינדערונג גיט אין אים.
נאָר בלויז דעם קרעכץ פון אַ דערשטיקטן דייטש
אָטעמט ער אין מיט אַזאַ זיסן בריענדיקן טענהן,
און אָנטרינקען מיט אים ער קאָן זיך ניט צו זאָט,
ניט מיט דעם בראַך פון זיינע פלאַצנדיקע ביינער.
ער האָט געהערט דעם קרעכץ פון פאַלנדיקע וועגט ביי סטאַלינגראַד,
פון קינדער פון צעשאָסענע געהערט האָט דאָס געוויין ער,
און דאָס געוויין פון דער פאַריתומטער געשענדטער ערד
אונטער דעם בראַך פון שטיבעלעך פון הפקרדיק־צעשטערטע,
און איבער אַלץ האָט ער געהערט
דאָס שיכורע, דאָס גרינע דייטשישע געלעכטער.
אַ, דורך דעם גרעסטן און פאַרטויבנדיקסטן רעש

און דורך דעם ווילדסטן כראַפּ פון פייערדיקן שטורעם
פאַרנעמט ער איצט דעם לעצטן קרעכץ דעם דייטשישן פון אַש
און שפּאַרט פאַנאַנדער אים דעם ליוק פון טורעם.

IV.

אויף דער פאַרסמאַליעטער און דורכגעבריענטער ערד
דערקוועטשט ער זיי ווי שוואַרצע פּרעש מכל המינים.
ער האָט זיין פאָטער ביים געזעגענען דערקלערט:
ווי לאַנג די אויגן וועלן אים נאָר דינען,
וועט ער זיך ניט צעשיידן מיטן רודער ביזן סוף —
ניט זען זאָל ער אַרום קיין לעבעדיקע דייטשן!
איז פּילט ער אויס ס׳געבאָט פון כיבוד־אב —
זיי וואַלגערן, ווי ווערעם, זיך אויף גאָרער ווייט שוין!
און מיטאַמאָל: צי דורכגעפלויגן איז אַ בליץ דורך אים,
צי איז דער בליץ פון אים אַליין אַרויסגעפלויגן?
ער וואָלט אים מיט די הענט אַ כאַפּ געטאָן — וואוהין?
און איינגעקלעפּט אין אים ער וואָלט זיך מיט די אויגן.
שוין ניט דער שלאַקס־האָגל פון בליי, שוין ניט דער קריץ
איבער דער פאַנצער־דעק דערגייט צו זיין געהער ניט.
דער בליץ — ער פליִצט, ער קרייזלט זיך, דער בליץ,
ווי ער וואָלט אים אָט דאָ גענומען אויף די הערנער

V.

און אים אַ טראָג געגעבן אין דער הייך,
און אין דער נידער אים געטאָן אַ שליידער,
און זיך מיט אים געלאָזט אין אַזאַ שווינדלדיק געדריי
דורך קרייזן בלענדיקע און שוואַרצע שייטערס,
און אַ געשריי — צי פונעם טאַנק צי פון דער ערד,
אַזאַ, וואָס האָט די גאַנצע וועלט אַדורכגעזעגן: „ברידער!“,
האָט זיך מיט פלאַצנדיק געביין דערהערט,
ווי דאָס געשריי דאָס אייגענע וואָלט אָפּגעבריט אים,
ווי דאָס געשריי וואָלט אים דאָס ליכט געגעבן אַ פאַרמעק
און בליץ־שנעל אים דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן.
נאָר ער האָט ניט געזען. ס׳האָט אים דער טויט געטאָן אַ לעק
און אויסגעברענט אים ביידע אויגן.
עס האָט די פינצטערניש באַפאַלן אים אין טאַנק,
אַ פינצטערניש אַ גרויסע, ווי די וועלט די גאַנצע.
אַן אויגנבליק פאַרגעסן — וואו ער איז דאָ און ווי לאַנג,
און נאָך אַן אויגנבליק — האָט ער דערמאָנט זיך:

VI.

— כ׳בין, דאַכט זיך, בלינד געוואָרן, — זיך געווענדט
האָט ער צום חבר און אַ זוך געגעבן מיטן מויל אים...

אַ טאַפּ געטאָן דעם ווייטעק מיט די הענט
און אָנגעטאַפּט דאָרט אויסגערונענע צוויי לעכער הוילע.
ער קאָן דעם סטעפּ. ער זעט אים בלינדערהייט.
און בלינדערהייט דעם שונא אויף אים זעט ער.
אָט איז ער, אָט! מיט הונדערט טאַנקען זיך צעשפּרייט
האָט דאָ דער דייטש אויף יעדן קילאָמעטער.
און נאָכאַמאָל צום חבר: — הער, מיר שטעלן זיך ניט אָפּ! —
און מיט דער פינצטערניש זיך אָנגעהויבן ראַנגלען, —
אויב מע וועט דאַרפן רעכטס, גיסטו אין רעכטן אַקסל מיר אַ קלאַפּ,
אויב לינקס, וועסטו אין לינקן אַקסל מיר דערלאַנגען! —
און אויפגעפרעסן שנעל זיין ווי האָט די געפאַר:
זיך היטן — זעט ער ניט אַצינד פאַר וועמען!
און פונקט ווי מיט פאַרמאַכטע אויגן זיך געטאָן אַ שפּאַר
און מיט די רויפן אַלץ גענומען טרעטן און פאַרקלעמען.

VII.

ער פירט, ער פירט אים בלינדערהייט, דעם טאַנק,
ער זעט אים ניט. און ניט די ערד. און ניט די מענטשן.
דערמאָנען זיך באַמיט ער אין געדאַנק:
ווי האָט עס אויסגעזען דאָס אַלץ, וואָס ער וועט מער ניט זען שוין?!...
זי איז נאָך נאָענט, נעבן אים, די שיין —
אַרום די אויגן־לעכער דרייען זיך נאָך פייערדיקע רינגען.
ער שלינגט זיי מיט אַ דורכגעברענטן גאָרגל איין,
ער וואָלט געקאָנט זיי אויך אַ ריר טאָן מיט די פינגער,
נאָר ס׳גיט אַ ריר אין אַקסל אים אַיעדע וויל
דעם חברס האַנט — אָט אינעם לינקן, אָט אין רעכטן.
ער פירט אים בלינדערהייט, דעם טאַנק, ער איילט,
און איבערנעמען זיך די הענט אפילו אויף אַ וויל פאַרזוערט ער.
אים דוכט, אַז ס׳לייגט דער פאָטער אים אַרויף די האַנט
אויף זיינע פילבאַר־וואַרטנדיקע אַקסל
און זיצט מיט אים אין טאַנק אָט דאָ, באַנאַנד...
נאָר פלוצעם האָט דער טאַנק געגעבן אַ פאַרהאַק זיך.

VIII.

— וואָס האָבן מיר זיך דאָ געגעבן אַזאַ הייב? —
געטאָן אַ פינטל האָט ער מיט די אויסגעברענטע אויגן.
— מיר האָבן אַ האַרמאַט אַ דייטשישן צעדרויבט, —
האָט זיך צו אים דער חבר אָנגעבויגן.
— וואו זיינען מיר אַצינד? — האָט דורך דעם קנאַל
אַ פרעג געגעבן נאָכאַמאָל פונסניי ער.
אָן ענטפער אויסגעדונערט האָט אַליין דער כף־הקל

מיט קריפּלען שטאָלענע, פאַרוויקלטע אין פייער. —
און וויפל האָבן מיר... — האָט ער געפּרוואווט
נאָך עפּעס וואָס ביים חבר זיך דערוויסן,
נאָר אויסגעפּעלט האָט מיטאַמאָל אים לופט,
און בלוט פון גאָרגל האָט געטאָן אַ פּליס אים.
דער טויט האָט אָפּגעשטעלט זיין קול אין האַלדז,
אָבער דעם רודער האָט ראַקיטאַס זון ניט אָפּגעטראָטן,
און טויטערהייט געפירט דעם טאַנק האָט ער נאָך אַלץ,
און מיט די רויפן טויטערהייט האָט ער דעם דייטש געטראָטן.

IX.

ווען אָפּגעטאָן האָט זיך דער שטויב און רויך
פון אַרום טאַנק — פון זיינע דורכגעהאַקטע אַקסל,
האָבן אַ וויג געטאָן זיך בלומען אין דער הייך,
ווי אויפן פאַנצער־שטאָל וואָלטן זיי נאַרוואָס אויסגעוואַקסן.
די זיינען ווי אַ קרוין געזעסן אויפן טאַנק,
מיט אים געטראָגן קעגן טויט באַנאַנד זיך,
און פאַרגעזעצט פון זון און ווינטלעך דאָס געטראַנק,
און אויסגעזען ווי פון די פעלדער אַ געשענקטער פאַנצער.
דערלאַנגט אַ שמייס האָט פון סנאַריאַד
אין סאַמע טורעם אַ שטיק ערד און צוגעדעקט אים,
און ווי אַ בייט אויף אים צעלייגט זיך אַקוראַט
מיט גראָז און בלימעלעך, אין בלוט פאַרפלעקטע.
אַזוי געגאַנגען איז דער טאַנק, מיט בלוט און זון,
איבער דער אָפּגעמאַנטער ערד, דער דריי מאָל טייערער פון לעבן,
געפירט פון בריגאַדיר ראַקיטאַס טויטן זון,
וואָס האָט די אויגן און דאָס האַרץ איר אָפּגעגעבן...

29. אין געפאַנגענשאַפט

I.

און ערגעץ מיט שווערע און לאַנגזאַמע טריט
געגאַן לעם אַ וואַלד איז מאַמעדאָוו באַטריבט.
די זון האָט געזעצט זיך, דער טאָג האָט געזאַנקט,
אים האָבן צוויי דייטשן געפירט אין געפאַנג.
צוויי הויכע נפשות אין גרינעם קאָליר,
די מיילער פאַרקרימט, און די אויגן אין גיר.
אויף יעדן אַ זאַק, און דער זאַק איז געפּאַקט,
און צוגעקלאַפּט האָבן די שטיוול צום טאַקט.

עס האָבן געדרייט ווי ביי שלענג זיך די קעפּ,
און דאָ איז אַ וואַלד, און דערנעבן — דער סטעפּ.
ס׳האָט יעדערער בייז אים געטאָן אַ באַטאַפּ,
זיי וועלן מאַמעדאַוון ברענגען אין שטאַב.
צו גיין איז נאָך ווייט, און די נאַכט איז שוין נאָ׳נט,
מאַמעדאַוון האָט זיין קישלאַק זיך דערמאָנט,
געגאַנגען מאַמעדאַוו איז טרויעריק־לאַנג.
אים האָבן צוויי דייטשן געפירט אין געפאַנג.

II.

אַ וועג איז אויף לינקס, און אַ וועג איז אויף רעכטס,
עס זינקען די שטיוול אין בראָד, אין צעשטערטס.
צו גיין איז נאָך ווייט, און שוין נאָ׳נט איז די נאַכט,
געברענט אויף מאַמעדאַוון האָט נאָך די שלאַכט.
געברענט אויף מאַמעדאַוון האָט נאָך דער ראַנד
פון צוויי אַנגעצונדענע טעג נאָכאַנאַנד.
זיין לעצטע גראַנאַטע געשליידערט דעם טאַנק
און איבערגעהאַקט אים דעם גרילציקן גאַנג.
הרוגים פון לינקס, און הרוגים פון רעכטס,
און גרינע מונדירן... אַ פּאַל... און אַ קרעכץ,
נאָר רונד אַרום אים מ׳איז פאַרגאַן פון דער זייט,
און ס׳האָט קיין פּאַטראָן שוין פאַר זיך ניט געסטיי׳ט.
ווען ער האָט קיין קויל שוין קיין איינע געהאַט,
ז׳אַוועק דער באַגנעט, איז אַוועק דער פּריקלאַד,
און דאָך האָט ער עפּעס פאַרזען אין זיין דראַנג —
אים האָבן צוויי דייטשן געפירט אין געפאַנג.

III.

די היים פאַרלאָזט מיט אַ יאָר צוויי צוריק,
פאַרנייגט זיך צו דער שוועל, צום גרעזעלע צו יעדן,
אַוועקגייענדיק אויף דעם קריג,
האָט מיטן סטעפּ צעשיידט, ווי מיט אַ מאַמע, זיך מאַמעדאַוו.
דאָרט האָט מיט גליק זיך אָנגעטריפט זיין יוגנט, ווי אַ לאָגל,
בערקוטן אויסגעשפּירט אין יאָגד האָט ער געהאַט —
פאַרביי זיין לייבלעכן קישלאַק זיי דורכגעטראָגן
צו זיין געליבטער, צו זיין שיינער מאַמלאַקאַט.
און מיטן אייזעלע געזעגנט זיך מאַמעדאַוו האָט,
און זיך געזעגנט האָט מאַמעדאַוו מיטן קעמל...
פאַרשטענדלעך אים געווען איז זייער ווייכער טראָט,
געקאָנט האָט ער אויף מיילן ווייטע אים פאַרנעמען,
ער האָט געהאַט אַ דינעם פייגלשן געהער

און שווייגנדיק־פאַרטראַכט געווען בטבע.
און אַז אַוועקגעגאַן איז ער פונעם קישלאַק,
האָט זיך דערהערט דעם קעמלס טרויעריקער רעווע.

IV.

געהערט האָט ער אויף ווייט פון יעדן בלאַט דעם פאַל,
אין אויסשפּיר האָט באַדאַרפט ס׳געהער אים דינען.
פאַרוויקלט אין אַ זיידענעם געשטרייפטן שאַל,
האָט זיין געליבטע מאַמלאַקאַט באַגלייט אים אין באַגינען.
ער האָט זיין טיובעטייקע אויסגעביטן אויף אַ הוט,
געגאַן איז ער אינעם כאַלאַט דעם שטרייפעדיק צעפּראַלטן
און אין דער הייך דערזען זיך דרייען אַ בערקוט
און אויף אַ שאָף אין סטעפּ אַ פאַל טאָן.
אין בלוט געווען ביי דער שאָף איז שוין די וואָל,
געשטעקט אין איר האָבן שוין טיף דעם פויגלס נעגל:
מאַמעדאַוו האָט אַ לעבעדיקן נעמען אים געוואָלט,
ווי אין די נעסטן זיי פאַרכאַפּן ערגעץ פלעגט ער.
איז ניט געפילט מאַמעדאַוו האָט דעם ערשטן ביס,
און פונעם צווייטן ניט געלאָזט זיין דראַנג האָט זיך באַווירקן.
דערנאָך האָט דער בערקוט אים מיטן פיסק
דערלאַנגט אַ האַק ווי מיט אַ קירקע.

V.

אויף זיין קאָלירטן שטרייפיקן כאַלאַט
האָט נאָך אַ רויטער פאַס צעשעמערירט זיך,
ער האָט זיך פאַר אַ פראָסטער שאָף געשלאָגן, מאַמלאַקאַט,
אַזוי ווי פאַר דיין ערד און פאַר דיין בוימוואָל און געווירצן.
און אָט פאַרציט ער אויף די נעגל שוין אַ פּענט,
דער האָלדז — פאַרדרייט, און בלויז דער פּאַטש פון פליגל...
געטאָטואירט האָט דער בערקוט מאַמעדאַוון די הענט,
וואָס האָבן אים באַדאַרפט אין סטעפּ באַזיגן,
און אַלע ווייל אַ שפרונג מאַמעדאַוו טוט,
דער ווי פון וואונדן ניט פאַרנעפּלט האָט דעם בליק אים!
געשלאָגן האָט ער זיך אַליין מיט דעם בערקוט
און אים אַליין די פיס געפּענטעט מיט די פליגל.
עס האָט אים בלויז געטאָן נאָר זייער באַנג,
וואָס אים ניט ברענגען זיין געליבטער וועט אַהיים ער,
און איז אַוועק זיך פרואוון מיט אַ טאַנק,
וואָס וואַלגערט בערג און שלידערטביימער.

VI.

און איצט אונטער אייזן־געקאַוועטן קלאַנג
אים פירן צוויי דייטשן צום טויט אין געפאַנג.

עס ליגט זיך אַ שווערע די נאַכט ביי דעם וואַלד,
און עפּעס אַן אומעט אַ שווערער באַפאַלט.
אַ קוק אויף אַרום און אַ קוק אויף דער זייט —
ס'איז שטיל אומעטום, און פאַראַן איז נאָך צייט...
און ס'גיט אויף אַ רגע מאַמעדאָוו אַ טראַכט:
„ס'האָט, ווייזט אויס, זיך נאָך ניט געענדיקט די שלאַכט!"
אַהין צי אַהער — און אַ שפּרונג מיטאַמאָל,
און איינעם דעם שאַרבן ער גיט אַ צעמאָל.
אַ שאַרך האָט געטאָן ס'אונטערוועגיק געוויקס,
דעם צווייטן פאַרקער'וען ער ווייזט מיט דער ביקס.
די נאַכט איז אַראָפּ, און די ווייט האָט געברענט,
אַ הייב געטאָן גלייך האָט דער צווייטער די הענט.
און, ווי אַ בערקוט, אין פאַרהיל פון דער נאַכט,
האָט צום קאָמאַנדיר אים מאַמעדאָוו געבראַכט.

30. אין טאַנק

I.

באַפעלן גייען אָפּ. באַפעלן קומען אָן.
פאַרבינדלער — הין און הער, פאַרשטויבטע און צעגליטע.
און מיטאַמאָל אַ קלונג אין טעלעפאָן:
— עס הערט איוואַן ראַקיטאַ! —
אין האַרץ אַריין דאָס גאַנצע שלאַכטפעלד טריפט,
איבער די אָדערן דער רעש צעכוואַליעט זיך מיט פלאַקער:
„אַדורך אונדזערע טאַנקען זיינען אין דער טיף
און זיך אַריינגעהאַקט אין שונאס לאַגער!"
איוואַן ראַקיטאַ איז געוועזן אויפן קאָמאַנדנעם פונקט
און נאָכגעפאָלגט דעם איינס-אויף איינס פון ביידע גרופּן טאַנקען;
געריסן פון די אויגן האָט אַ פונק זיך נאָך אַ פונק,
די שלאַכט פאַרפולט האָט ס'האַרץ און דעם געדאַנק אים
מיט ברייענדיקער פרייד, מיט העלן מוט,
און אויסשרייען האָט אים אין רוים אַזוי געוואָלט זיך:
„זיי שלאָגן זיך געשמאַק! זיי שלאָגן זיך היינט גוט!"
און זיך אין פינפטן זון זיינעם דערמאָנט אַ שטאָלצער.

II.

מיט יעדן הויך האָט ער געוועגדט זיך אויף פאַראויס,
דאָך וויטעקדיק געצויגן האָט צוריק אַהין אים,

צו יעדן איינגעוואַלגערט־ברענענדיקן הויז
פון סטאַלינגראַדער חורבות און רואינען.
אַ לעבן לאַנג געדוכט אים האָט,
אַז זיינס איז בלויז זיין שטוב, זיין הוים, זיין מעבל,
און ניט געוואוסט, אַז ס'קאָן אַזוי זיין אייגנס זיין אַ שטאָט,
אַז ס'קאָן נאָך לייבלעכער דאָס לאַנד זיין ווי דאָס לעבן.
פונעם קאָמאַנדנעם פונקט באַטראַכטנדיק דאָס פעלד,
האָט ער מיט שטאָלץ געגומען אויפן זינען:
ניט רוסלאַנד בלויז, נאָר אויך די גאַנצע וועלט
קוקט אַ געלייטערטע אַרויס פון די רואינען...
דאָס טעלעפאָן־טרייבל געדריקט האָט ער און עס געגלעט,
אַריינשרייען אין דעם געוואַלט האָט זיך, ווי אַ געוויטער:
„שלאָגט, זין מיינע, די הינט! די שאַרבנס זיי צעפלעט!
עס הערט דער בריגאַדיר איוואַן ראַקיטאַ!"

III.

ער זעט זיי נעענטער און בוילעטער אַצינד,
ווען אַלע קערן זיי אים אָן סאָלדאַטן,
ווי דאַן, ווען אָנגעקערט האָט יעדערער אים בלויז אַ קינד
און ער זיי — בלויז אַ טאַטע.
דער פראָנט האָט זיי באַהעפט מער ווי דעם טאַטנס הויז,
און די געפאַר געפירט האָט זיי איבער די טרערן פון דער מאַמען.
און פענטענדיק דעם שטאָלץ און ווייַ, גיט ער אַ ברויז:
„צעשיידטע, זיינען זיי אַצינד ווי קיינמאָל ניט צוזאַמען!
אָט דאָ, לעם אים, פאַרברוינט און פריש —
איעדער מיט זיין חן און מיט זיין שטאַלט באַזונדער,
ווי אין דער היים ביי דעם משפחהדיקן טיש".
אים האָט געדוכט: ער רעדט איצט מיט זיין יעדן זון דאָ!
ווען אויפן טאַנק האָט זיך זיין פינפטער זון געטאָן אַ לאָז,
איז דורכן ליוק דעם קאָפּ אַ שפּאַר געגעבן האָט ער
און מיט די אויגן, וואָס זיי קאָנען שניידן גלאָז,
האָט ער אַ וואונק געטאָן צו אים, צום פאָטער:

IV.

— נו, בריגאַדיר, פראַשטשיי! ווי לאַנג די אויגן דינען מיר,
וועט זיין די נאַרמע אויסגעפילט! ס'איז ערשט דער אָנפאַנג! —
אַ זיסן ברי געטאָן אין האַלדז האָט אים די ווענדונג „בריגאַדיר",
אַראָפּגעלאָזט האָט זי ראַקיטאַ ביזן האַרץ, ווי אַ גלאָז בראָנפן.
אַציגד האָט אויף ידיעות נייע ער געוואַרט,
געוויגט האָט זיך די וויט אין פייערדיקן פיבער.
עס זיינען טאַנקען רוסישע געגאַן אין שלאַכט,

ווי כוואַליעס רוישיקע, דורך בערגלעך און דורך גריבער,
און איבערגעקלעבט איז דער הייך פּאַרקריפּלט שטאָל,
אַראָפּגעזעצט פון שאַרבנס הערנערדיקע קאַסקעס.
און אויפגעהויבן האָט אין פייער זיך דער טאָל,
און כמאַרעס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין בלוט פאַרפליאַסקעט.
באַפעלן פליען אָפּ. באַפעלן קומען אָן.
פאַרבינדלער — הין און הער, פאַרשטויבטע און צעגליטע.
און פונדאַסניי אַ קלונג אין טעלעפאָן:
— עס הערט דער בריגאַדיר איוואַן ראַקיטאַ!

V.

אַדורכגעשלענגלט האָט דאָרט בליציק־בלאַנק
און אויסדריקלעך און קלאָר זיך:
— זיך אָפּגעשטעלט האָט דער פלאַנגאַווער טאַנק! —
געזאָטן האָט פון פעלד פון שלאַכטיקן די מאַרזע.
— וואָס נאָך? — האָט זיך ראַקיטאַ אָנגעטרויט
דעם הוילן טרייבל, ווי דעם גורל. —
דער עקיפּאַזש? — דער עקיפּאַזש איז טויט!
אַדורך איז דורך דער הויט אַ קאַלטער גרויל אים.
— און ווייטער? — האָט מיט האַרטקייט אין דער שטים
פון טרייבל הערשעריש ראַקיטאַ אויפגעפאָדערט,
און מיטאַמאָל געבליבן שטיל. צי דוכט זיך עס נאָר אים:
אין דעם פלאַנגאַוון טאַנק זיין יינגסטער זון איז פיאָדאָר!
אַדורכגעטראָגן אַלץ זיך בליציק האָט,
ווי ב׳אַ פאַרטויבנדיקער ווילדער זאַווערוכע.
האָט ער זיך ראַש געטאָן אַ הייב, געמאַכט אַ טראָט
און דעם אַרויסגאַנג, בלאָנדזשענדיק, גענומען זוכן.

VI.

אין שוואַרצע אויפרייסן געשטויגן איז דער ראַנד,
דער טויט געקייקלט אין דער הויך האָט פייערדיקע רייפן.
איוואַן ראַקיטאַ האָט ניט־אומגעקוקטערהייט געשפּאַנט,
פאַרשוואונדן ווערנדיק איעדע ווײַלע אין אַ שריפה.
אין ערגעץ ניט געטאָן דעם קאָפּ קיין בייג,
אין ערגעץ פאַר אַ קויל דעם וועג ניט אָפּגעטראָטן.
ער האָט געהערט, ווי ס׳האָט דאָס האַרץ ביי אים געפּויקט,
און צוימען ניט געקאָנט האָט ער דעם שפּאַרנדיקן אָטעם.
געוואונקען האָט דער טאַנק צו אים פון ווייט און נאָ׳נט,
ווי ער געגאַנגען וואָלט פון אומעטום אַליין אַנטקעגן.
דורך דעם פאַרהויכטן בליק האָט אים ראַקיטאַ דאָך דערקאָנט,
און וואַרפן האָט גענומען זיך דאָס האַרץ איעדע רגע.

פון אויבן אויפן טורעם בלומען פלוצים ער דערזעט,
אַ בינטל זאַנגען איינגעבראָכן איינער אויפן צווייטן.
צי דאַכט זיך עס אים אויס? צי איז עס הינערפלעט?
צי שווינדלט אין די אויגן אים אַזוי דער ווייטעק?

VII.

פונוואַנען בלומען אויפן טאַנק?
באַגעגנט דאָ ניט טויטערהייט מיט זיי זיין זון אים?
פאַרלאַנגזאַמט ער אַ ווײַלע האָט דעם גאַנג
און דעם צוזאַמענהאַנג פון זאַכן אויפדאָסניי געפונען:
ביים אויפרייס אויפן טורעם האָט פאַרשמיסן אַ שטיק ערד
מיט זאַנגען און מיט פעלד־בלומען — אַ שטיק אַ גאַנצע,
ווי ס'וואָלט דאָס פעלד דאָס שלאַכטיקע באַערט
מיט אַ צעבליטן לעבעדיקן קראַנץ אים.
די ערד איז אַ געשמיסענע געווען פאַרשטיינט,
געהערט זיך האָבן פון איר ווי דערוואָרגענע געוירן.
ראַקיטאַ האָט געקוקט אַראָפּ, ניט זען זאָל קיינער, ווי ער וויינט,
און איז געגאַנגען גליך צום טאַנק, ווי צו דעם גורל.
די אויגן זיינען אים געווען מיט בעפּל פול,
געשלונגען מיט פאַרשמאַכטן גאַרגל האָט דעם ווי ער.
געשטאַנען זיינען ביי דעם טאַנק אין קאַראַאול
פיר וואוקסיקע פאַרברוינטע רויטאַרמייער.

VIII.

אַרויסטראָגן ער וועט אַליין אים אויף די הענט,
דעם לעצטן כבוד אָפּגעבן וועט ער אַליין אים.
עס האָבן רויטאַרמייער, שוויגנדיק, צו אים געגענט,
אים האָט געדוכט: די זין זיינען אָט דאָ, מיט אים אינאיינעם...
אַ טויבער קרעכץ האָט זיך פון אים אַ ריס געטאָן,
און אויף דער ברוסט דער קאָפּ געגעבן האָט אַ פאַל אים,
ער האָט געוואָלט — די זין זיינע זאָלן אַציבד זיין דאָ,
געזעגענען זיי זאָלן זיך מיט זייער ברודער אַלע,
זיי זאָלן ביים געווער דאָס לעצטע מאָל אים זען,
און צומאַכן זיי זאָלן אים אין פעלד די אויגן...
אַ שטילקייט איז אַ שטייניקע אין יעדערן געווען,
און טרויער האָט זיך פון דער גאַרער ערד געצויגן.
ראַקיטאַ האָט נאָך אויפן טאַנק אַ ווייל געקוקט,
איעדער שטיקל שטאָל זיינס אַזוי ווייטעקדיק און טייער איז אים.
און אויפגעשפאַרט האָט לאַנגזאַם זיך דער ליוק,
דורך אים האָט פיאָדאָרס קאָפּ צום לעצטן מאָל זיך אים באַוויזן.

IX.

ראַקיטאַ איז אַריין אין טאַנק. ס׳איז דאָרט געווען נאַכט.
געזעסן איז זיין יינגסטער זון אין רודער איינגעוואַקסן,
ווי ער וואָלט אַלץ, נאָך אַלץ געוואַרט,
ס׳זאָל אים דער חבר אָנרירן ביים אַקסל
און אים די ריכטונג געבן, וואו מע דאַרף,
ער זאָל נאָך טויטערהייט דעם טאַנק אַ פיר טאָן.
איין האַנט אַראָפּגעהאַנגען איז פאַרשטאַרט
מיט אָנקערס צווײ אָן אויסגעטאַטוּאירטע.
דאָס אויג פון ליוק האָט זיך אַליין פאַרהאַקט,
די אויגן־לעכער ביים טאַנקיסט געווען זיינען אָפן,
פאַרבאַקן בלוט געברענט האָט אויף דער באַק,
האָט אים ראַקיטאַ אָנגעקוקט אין פּראָפיל.
אַראָפּגעלאָזט פאַר זיך אויף די קני,
דאָס בלאַסע פּנים זיינס אין זיך אַריינגעזויגן.
געקוקט. זיך איינגעהערט, געזוכט. און אים
אַ קוש דערלאַנגט אין זיינע אויסגעברענטע אויגן.

X.

און מיט אַ שטילער, טרויעריקער שטים,
מיט אַ פאַרשטיינערטער געוועמען וועקן האָט ער
זיין האַנט, זיין האַלדז. און אַלץ, וואָס ס׳איז אין אים:
— ס׳איז איך. ס׳איז איך. דיין טאַטע, פיאָדאָר!... —
געשלונגען מיטן בליק האָט ער די טויטע וואונד,
ס׳האָט ניט געמאָנט קיין טרער און קיין געוויין אים: —
גיב זיך אַ רוק, מיין זון.
מיר לאָזן אויפן פיינט זיך איצט אינאיינעם! —
און צוגעזעצט זיך נעבן טויטן זון אָן רעש, —
פאַרלאָזן וועט דעם טאַנק פון אונדז ניט קיינער,
ביז ס׳וועלן דאָ די הינט צעמאָלן זיין אין אַש,
ביז אויסבעטן וועלן דעם סטעפּ זייערע ביינער! —
און רויטאַרמייער פיר אַ זאַלפּ האָבן דערלאַנגט.
די ריכטונג — מערב! — האָט דער פלאַם געטאָן אַ טײַט דאָרט.
ס׳האָט זיך פון אָרט אַ ריס געטאָן דער טאַנק,
און ס׳האָט ראַקיטאַ מיט זיין זון געלאָזט זיך ווייטער.

31. איינס אויף איינס!

I.

אין אַ געיעג געגאַן איז רייס נאָך רייס,
איבערגעיאָגט מ׳האָט זיך אין שווינדלדיקע קרייזן,
זיך ניט באַוויזן אָפּווישן דעם שטויב און שווייס,
האָט מען אין הימל אויפגעהויבן פונדאַסנייע זיך.
מ׳האָט ניט געציילט פון די אַרויספליען די צאָל,
געפּראַוועט אין דער הייך מ׳האָט דייטשישע געקעכטסן,
און בלויז, ווי אויף אַ באַזוך, פון מאָל צו מאָל
אַראָפּגעלאָזט אַן אָטעם טאָן מ׳האָט אויף דער ערד זיך,
אַ קוק געבן אויף איר, און זיך דערמאָנען עפּעס וואָס,
און תיכף נאָך דעם הימל ווידער זיך פאַרבענקען.
מאַרגוליס האָט געפילט זיך דאָרטן באַלעבאָס,
אפילו ווען פּראָזשעקטאָרס האָבן אים אין לאָקערונג געטרענקען.
ער האָט געזען, ווי ס׳שווינדלט דורך איעדע ווייל
אַן אָנגעצונדענע מאַשין, אין רויך פאַרוויקלט,
און ער האָט זיי מיט אויסרופן באַגלייט: — נו, הײַל,
אין דר׳ערד מיט די פאַרדאַמטע פליגל!

II.

אין יענעם טאָג האָט ער קיין רגע ניט גערוט.
אַראָפּנידערנד, האָט די ערד קיין רגע ניט געפילט ער.
ער האָט געפילט אויף זײַנע הענט דאָס טריפה בלוט
פון הענקער דייטשישע אין גרינע רויב־זעק איינגעהילטע,
וואָס האָבן טעמפּ, און לאַכנדיק, און פרעך
געשטאָפּט מיט אבר־מן־החי די פאַווכעס און מיילער.
ער האָט געפילט אַ פלאַם אַזאַ מין אין זיין דעך,
וואָס וואָלט געקאָנט די וועלט ביז דעם געביין צעקיילן.
וואוהין די אויגן ניט געטאָן האָט ער קיין ווענד,
וואָס פאַר אַ שטרעקע ניט געטאָן האָט ער אַ יאָג אַריבער,
האָט ער, אין וואָלקנס אַ פאַרוויקלטער, געזען
צעשפּאַרטע, וואַיענדיקע, קרעכצנדיקע גריבער,
וואו אויסגעשטעלט צו שחיטה זיינען קינד־און־קייט,
פון שטעט און שטעטלעך — אויסגעהאַקטע יידן.
ביי יעדן איינציקן אין בליק — דער טויט,
ביי יעדן איינעם אין דער האַנט — אַ רידל.

III.

פון פרי ביז שפעט און פון קאַיאַר ביז צו קאַיאַר
און אין די רגעס פון זיין אומרואיקן דרעמל
האָט ער געגאַרט, ס׳זאָל אים פאַרטויבן דער מאַטאַר,
דעם מוח זאָלן ווינטן אים פאַרקלעמען,
אַראָפּפירן עס זאָל אים פונעם זין,
פון אויגן אויסלעשן די שיין עס זאָל אים.
ער האָט געזען, ווי גריבער גראָבן זיך די זקנים פון וואָלין,
ער האָט געזען, ווי גריבער גראָבן זיך די מאַמעס פון פּאָדאָליע,
איבער די אויגן אָנגערוקט די טיכלעך אויף די קעפּ,
מיט הענט פאַרהאַרעוועטע, אויסגעדאַרטע,
און מידלעך מיט פאַרפלאָכטן־זינגענדיקע צעפּ,
און קינדער מיט די שפּילעכלעך, פאַרפירטע און פאַרנאַרטע.
ער האָט געזען אין אָפּגעצוימטן עיגול פונעם טויט,
ווי ס׳גראָבן גריבער זיך די יידן פון פּאָלעסיע,
פאַרטריבענע מיט טאַרבעלעך פאַרשעמטן ברויט
אונטער גערמאַניעס שיכורן און מאָרד־געקרוינטן מעסער.

IV.

ווי צוליב דעם זיינען זיי אויסגעגאַן די ערד
און בינשטאָקן געבויט פון חכמה און פון יושר,
ווי צוליב דעם געפּרובפּערט האָבן זיי זיך און געמערט
אונטער די שלאָקס־האָגלען און וויוגיקע געהרוישן,
ווי צוליב דעם פון גאָר דעם צער געגרונטעוועט די טיף,
און אָנגעהויבן אַלעמאָל פון אָנהייב,
און אָנגעטרונקען זיך מיט ימען גיפט
פאַר יעדן אויסגעדוכטן טראָפּן האָניק...
געשטאַנען פאַר די גריבער זיינען זיי
און ניט געוואָלט די אויגן ווענדן ניט צום מענטש און ניט צום הימל...
אַמאָל געהאַט זיי האָבן גאָט אין זייער וואונד און וויי,
דערנאָך פאַרביטן פייערלעך דער יושר אים האָט,
נאָר ער האָט זיך אַרויסגעוויזן מער פאַרבלענדעניש ווי גאָט,
און גלייכגילטיק נאָך מערער ווי דער הימל.
ניט אָנגעקערט צו זייער בראָך אַציגד ער האָט,
ווי זיך ניט אָנגעקערט האָט זיי דער קאַלטער אינדערפרי מער...

V.

ס׳געוויין פון גאָר דער ערד ניט אָפּגעלאָזט האָט אים,
פאַרפאָלגט האָט דער פאַרבלוטיקט־רוצחעדיקער לוסט אים,
ער האָט געזען, ווי גריבער גראָבן יידן זיך פון קרים,
ווי ס׳גראָבן גריבער זיך די יידן פון ווייסרוסלאַנד,

גלייך ס׳וואָלטן קיינמאָל קיין ישובים און קיין שטעט גאָר ניט געווען,
און ווי קיין לעבן וואָלט דאָרט קיינמאָל ניט געווען גאָר.
באַדאַרף אויף עפּעס הייליקערס דער מענטש דען זיינע הענט,
ווי אויף פּאַרטיליקן די אומברענגער און הענקער?
אים האָט געדוכט, אַז ס׳גראָבט אַ קבר זיך די וועלט
אונטער דער הענקערישער וואָך פון דייטשע אוטאָמאָטן,
און ס׳האָט דער הימל צו באַגין געהעלט,
און ס׳האָט זיך אָפּגעדעקט די ערד אין גרינעם פלאָטער...
ווען אויסווינען זיין בלוט געקאָנט וואָלט ער,
וואָלט ער געווייַנט. נאָר נוקם זיין זיך — איצטער זיין באַרוף איז!
איז זאָל איצט אַ שטיק פייער זיין איַעדע טרער,
און יעדער קרעכץ — אַ פלעטנדיקער אויפרייס!

VI.

איַעדער ריס געענטפערט האָט מיט ליכט,
פון יעדן אויפרייס אויפגעגאַנגען אַ געוויר איז.
עס האָבן אַזאַ הייליקייט די זיידעס זיינע ניט געשפּירט
ביים הייבן אין דער הייך איבער דער וועלט די תורה,
אויף מעלדן איר דאָס הייליקסטע געבאָט,
אויף מעלדן איר דעם מענטשלעכסטן „ניט הרגע!“,
ווי די, וואָס אין געשלעג געשפּירט ער האָט,
ווען אויפגעהויבן אין דער הייך מע האָט פּגרים דייטשישע אַ באַרג אים!
— לחיים! — ער מיט ברויז געמונטערט האָט די פריינט, —
אַ פינצטערניש באַשלאָגט דאָס תלין־לאַנד אויף ווייט שוין.
מירן דערלעבן, אַדלערלעך, אַ רוח אין דער וועלט אַריין,
ווען גראָבן וועט אַליין פאַר זיך אַ קבר דייטשלאַנד!
ס׳האָט גאָט אַליין ביים אויספילן זיין פליכט
אַ לויב אַזאַ פון הימלען ניט פאַרדינט זיך,
ווען אויסגעהילכט ער האָט, ס׳זאָל אין דער וועלט זיין ליכט,
ווי מיר, באַשטאַטנדיק, ס׳זאָל זיין אין דייטשלאַנד פינצטער!

VII.

מיט גלייכן וועג געפירט האָבן די שטערן אים אַהין,
געווען ער אויסגעטאָן פון נאַכט און אויסגעטאָן פון טאָג איז.
ער איז געגאַנגען אויף האַמבורג און באַמבירט בערלין,
געלאָזט מיט פייער דאָרט די וועלפישע בערלאָגעס.
ער האָט די מויערס אויפגעהויבן אין דער הייך,
מיט זיי געשלאָגן גאַנצע גאַסן און קוואַרטאַלן.
געזען האָט ער, ווי קיינמאָל ניט, דורך פלאַם און רויך —
געלויכטן האָט איַעדער דונערדיקער קנאַל אים!
ניט דער מאָטאָר געוועט האָט קעגן דעם ווינט,

זיך ניט געשלאָגן מיט דער לופט האָבן פּראָפּעלערס,
געבילט האָבן די פוריעס, געשלאָגענע, ווי הינט,
זיך וואַרגנד איינס די צווייטע אין די קעלערס.
זיי האָבן אויף די פראָנטן שינדערס לייבלעכע געהאַט,
געזיית זיי האָבן מאָרד דעם פערטן פרילינג,
אַצינדערט זיי געפּרעגלט און געבראָקט אין סטאַלינגראַד
האָט אויך מאַרגוליס מיט זיין אַדלער־עסקאַדריליע.

VIII.

די שלאַכט האָט אויסגעזען, ווי אַ קאַטאָק אין ווערטיקאַל.
מיט אַ געוואָי פון שטיין־זעגן האָט יעדעס מאָל דאָרט
מאַרגוליס זיך געטאָן אַ הייב, צוריק אַ פאַל,
און אויף אַן אויגנבליק פאַרשוואונדן אין די וואָלקנס.
די רוימען האָבן יעדע ווייל געגעבן זיך אַ רוק,
דער הימל האָט געפּלאַצט — איבערגעדעקט מיט אַש זיך,
ווי שרצים האָבן זיך אין רויך געטוקט
די ווייסע צלמער אויף שוואַרצע פּיוזעליאַזשן:
אין אַט דעם פּלאַקערדיקן לופטיקן געפעכט
האָט יעדערער זיין ווערט געדאַרפט באַשטימען.
מאַרגוליס האָט דעם דייטש זיין ידישקייט דערקלערט
און איינגעשטעלט איר רעכט סיי אויף דער ערד סיי אויפן הימל:
אין איינס אויף איינס! אין איינס אויף צוויי!
דער ייד מאַרגוליס קעגן דייטשן פליענדיקן גולם.
נאָר איידער ער פאַרוואַרפט אויף אים די קוילנוואַרפער־ריי,
טוט אויס זיין האַס און זיין פאַראַכטונג נאַקעט־הויל אים:

IX.

— דאָס ביסטו, דייטש, ווען ס'טוט דאָס שטאָל פון דיר זיך אָפּ, —
גיט אויף אַן אויגנבליק זיין ציל מאַרגוליס אַ פאַרזיגל,
און אויף אַן אויגנבליק דערזעט ער אַ מיקראָב
מיט אויגן, מיט אַ פליאַגע און מיט פליגל. —
פאַרצייע, פריץ! אַ ווייסער סאַלף־פרענט,
אַ פויערש כאַטקעלע, אַן אַקאַרעק מיט אייער
איז מער צום האַרצן דיר און צו די הענט,
ווי אין די וואָלקנס — איינס אויף איינס — אַ ייד, אַ רויטאַרמייער?
דו האָסט אַ טויזנטסטל פון אַ מינוט,
אויף איין באַוועג וועט קלעקן עס געוויס דיר,
פון אַלע די, וואָס אויסשטודירט האָסט גוט
אויף רויב, אויף מאָרד און אויף פאַרוויסטונג.
דאָס ביסטו, יעקע, אַ פּאָר שטיוול און אַ הוט,
אַ טרעלבויך און אַ האַק, דאָס ביסטו, יעקע,

אַ קופּל ביר, אַ קופּל בלוט,
דאָס איבעריקע — עקל!

X.

צוויי פּאַקע־וואולפן זיך געטאָן האָבן אַ דריי,
דעם וועג צוריק געגעבן אַ פאַרצאַם אים.
מאַרגוליס טראָגט זיך אין זיין פליענדיקער היים,
אין שויס פון הימל, ווי פון אַ געטרייער מאַמע.
נאָר זיך אַ פעסטע טאָן איז אים אַצינדערט שווער!
מיט בלוט ער גייט איצט אָפּ, אונטערגעשאָסן, ווי אַ בושל.
ער ווייסט ניט, וואו עס זיינען וואונדן מער.
צי אין זיין אייגן לייב צי אין זיין לייבלעכן „אילירושין״?
אָט קוקט, דאַכט זיך, פון אונטן שוין די ערד,
אָט שטרעקט זי זיך צו אים שוין, ווי אַ מאַמע.
איעדער קלאַפּ פון האַרץ זיינען זי הערט
און פון פראַפּעלערן דעם ווינטיקן געשטאַמל.
— מאַרגוליס, האַלט זיך, — מורמלט אויס אים יעדער גראָז.
— אָט באַלד, מאַרגוליס! — גיט אַ פאַכע יעדער בוים אים.
נאָר יעדע ווייל טוען די שפּאַרבערס זיך אַ לאָז
און אַ פאַרשליס פון אים די אויפגעוויגטע רוימען.

XI.

מיט בלוט זיך טיילט פון אים איעדע רגע אָפּ,
ווי צו אַ שפרונג איעדע רגע ער באַרעכנט,
און מיטאַמאָל — אַ פלי אַרויף, אַ פלי אַראָפּ —
ער דאַרף צולעצט אַ רגע אויפהייבן זיך העכער.
דער רוים פון זייטן צוויי איז שוין פאַרהאַקט.
דער בענזאָבאַק! ווי ווייט איז דער מאָטאָר דען?
ער ווישט דאָס פליסנדיקע בלוט אָפּ פון זיין באַק,
אַ קויל האָט זיך אַ שטויס געטאָן אין שטערן פון זיין אָרדען.
ער גיט, ווי ס׳האַרץ, אַ ריר אים מיט דער האַנט,
זיך צוגעטוליעט ער צו אים וואָלט מיט די ליפּן.
אַ, ס׳האָט זיין האַרץ באַשיצט דער שטערן פון זיין לאַנד,
נאָר בלוט טריפט דאָך אַדורך פון צווישן זיינע ריפּן.
ער האָט געברענט איבער די „פּאַקעס״ מיט באַגין
און מיט אַ פּאַקוס, אומדערוואַרט, זיי אויפגעקרייצט צוזאַמען.
מ׳האָט אים אַרויסגעטראָגן אַ פאַרחלשטן פון דער קאַבין,
און ער האָט דאָך אַ שמוך געטאָן: „אַ בריוועלע דער מאַמען״!

32. אַ פאָלק זאָגט קדיש

I.

דער וועג, האָט מאַנציסן געדאַכט זיך, איז נאָך ווייט,
צו אַזאַ וועג איז ניט גענוג זיך אויפנייען אַ טאַרבע.
אַ חכמה, לאָזט זיך אויס, האָט אָפּגעטאָן זיין ווייב,
וואָס זי איז ערב דער מלחמה אָפּגעשטאָרבן...
ער האָט נאָך אַלץ געזען זיך שווימען אויפן דאָן,
אונטער די דייטשע מלאך־המותדיקע באָמבעס,
ווען דער פּאָראָם האָט אַ צעטראַסקע זיך געטאָן
און אַלץ האָט אויסגעמישט זיך אין אַ וויסטן תהום דאָרט,
און מיט אַ הימל־שפּאַלטנדיק געוויין
אַנטרונען איז מען אין דער טיף כהרף־עין.
גענוג פּאַר אים, וואָס ער האָט עס פאַרזוכט אַליין,
אים וועט עס אויך פּאַר בײדע וועלטן סטייען.
אַ קאַפּיטאַן אויף אַ שטיק האָלץ, אינמיטן דאָן —
האָט ער אַליין מיט ווי געמאַכט צו שפּאַס זיך;
אַז וואָלט זיך עס ריכטן גאָר אויף אים געקאָנט,
ער זאָל אַזאַ מין ספּריטנעקייט באַווייזן אויפן וואַסער?!...

II.

ווי ער וואָלט אָפּגעלעבט כל־ימיו אויפן טייך,
און ווי צו טאָן געהאַט ער וואָלט כל־ימיו מיט פּאַראָמען.
אַ חכמה! — האָט ער אַלע ווייל אונטערגעשטרייכט, —
וואָס זי איז אָפּגעשטאָרבן ערב דער מלחמה,
און ניט געזען, ווי ס'איז פון אַלץ געוואָרן טיל־און־טעל,
און ניט געזען, ווי מיטן אַש באַדאַרפט מ'האָט זיך צעשיידן.
עס גיט אַ טרער אים אין די אויגן זיך אַ שטעל:
נו, לאָז זי האָבן דאָרט אַ ליכטיקן גן־עדן!
דערציילט האָט אונטערוועגס אים אַ סאָלדאַט פון דאָרט
וועגן זיין זון... ס'האָט ווי אַ הייסער ווינט אין גאָרגל אים געפּאַכעט:
ער האָט דערציילט וועגן פריקאַז פון קאָמאַנדיר אים וואָרט ביי וואָרט,
ווי גיבוריש אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ האָט זיין בן־יחיד...
— אַ מאַמע... — גיט ער שטיל דאָס טאָרבעלע אַ ריר
און פילט, ווי זיינע אויגן פילן זיך אים איבער,
און ווי דערציילט מען איר אַ מעשה מיט פריקאַז, מיט קאָמאַנדיר:
„אין שלאַכט געפאַלן דער בן־יחיד, ווי אַ גיבור!“...

III.

און אַלץ דאָס, הייסט עס, האָסטו, מלך, אָפּגעטאָן,
און זאָג זיך, אַז קיין בעסערס איז ניטאָ מער.
און דיינער איז אַצינד דער שטילער דאָן,
ווי סטאַלינדאָרף און ווי דיין אייגענע נשמה...
און דער פּריקאַז וועגן דיין זון פון קאָמאַנדיר,
אַז יעדן טאָג רופט מען זיין נאָמען אַקוראַט אויס...
ער גיט די אויגן אין דער ווייט ערגעץ אַ פיר —
דאָס הייסט, אַז ס'זאָגט דער פּאָלק נאָך זיין בן־יחיד קדיש.
נאָך דעם, וואָס ער געבראַכט האָט אויף דער וועלט,
נאָך דעם, וואָס ער דעם לאַנד האָט אָפּגעגעבן...
ער האָט געפילט: ניט ווייט איז ערגעץ שוין די שוועל,
ביי וועלכער ער וועט זיך צעשיידן מיטן לעבן.
און דאָס, וואָס אויסקומען וועט אים אַליין
צו שטאַרבן אָן אַ קדיש — נו, איז מילא...
זאָל כאָטש געפינען זיך אין וועג אַ שטיין,
וואָס זאָל וועגן אַ ייד אַ בעזשענעץ דערציילן.

IV.

דעם אומגליק מ'האָט דערוויל געטרונקען ביז דער שפּענט,
מע לעבט דאָך פּאַרט און אויף דער ערד מע טרעט דאָך.
געאיילט האָבן זיך פּליטים האַסטיק קיין טאַשקענט,
די פּרייז מ'האָט שוין געוואוסט פון ציבעלע און רעטעך.
זיך נאָר אַדורכשטופּן מיט מזל אין אַ צוג
און כאָטש אַ פאַרנדיקן דאָך איבערן קאָפּ דערשפּירן.
און דאָרט איז וואָס ס'וועט זיין — וועט זיין גענוג,
ווי ווייט פון „איכה" איז אַזוינס ביז „שיר־השירים" ?
מע נעמט שוין אָפּ פון יענעם קאַנט אַ גרוס,
אַ האָפענונג זיך גיט ביי יידן אַ צעהוידע —
געפונען עמעצער האָט גלייך אַ זכות,
אַז ס'קער אוזבעקיש זיך אַביסל אָן מיט לשון־קודש !
און ווער עס גיט אַ טראַכט, אַז ס'איז בכלל פון גאָט,
אַז אָנגעצייכנט גלייך דער וועג אַהין איז;
היינט יענע וואַרעמקייט די ווערט וואָס האָט,
און היינט די קאַוועס ! און היינט די דיניעס !

V.

— קיין פּעלץ, — זאָגט איינער, — דאַרף מען ניט אפילו שבת.
— און אַז מע דאַרף, איז ער דען דאָ ? — פרעגט גלייך אַ צווייטער.
אַ חשבון האָט זיך יעדערער אָן אייגענעם געהאַט
צווישן די אויסגעדייוועטע און אויסגעפּלאָגטע פּליטים.

— די ערד, — זאָגט איינער, — איז דאָרט ביטער האַרט.
— און ציבעלעס געבוירט זי, — זאָגט אַ צווייטער, — זיס ווי צוקער.
איז אַמפּערט מען זיך צו געזונט, און זיך מע שפּאַרט,
און מע דערגרונטעוועט די נעפּלדיקע צוקונפט.
— אַ ייד איז דאָרט, — זאָגט איינער, — ניט אַזוי איי־איי...
— וואו — שטייט עס דען, אַז ס'דאַרף אַ ייד יאָ זיין איי־איי דאָרט?
און אַלע ווערן שטיל. מע טראַכט: כדאי צי ניט כדאי —
ס'ווערט פאַרגעזעצט דער טרויעריקער פּילפּול ווייטער.
דער וועג זיך ציט. אין אומגעדולד מע ברענט.
און אויפן בליק מע מעסט דעם מדבר־דיקן שטח:
מע זאָל שוין אַמאָל אָנקומען אין דעם טאַשקענט
מיט זיינע זיסע ציבעלעס און מיט זיין זיסן רעטעך!

VI.

מע נע'נטערט אַלע ווייל צו אַ וואָקזאַל זיך צו
און אויסבייטן מע לויפט אויף אַ שטיק ברויט דאָס לעצטע העמדל.
עס האָט זיך מלך אויך אַריינגעשפּאַרט אין צוג.
ער איז געזעסן אין אַ זייט, איינגאַנצן ווי אַ פרעמדער.
באַגלייך מיט אַלע האָט געבראַכן אים די זון,
און ער געטראַכט האָט זיינס, אָן אָפּגעזונדערטער פון אַלע:
„אַ גאַנצער פאָלק זאָגט קדיש נאָך זיין דאַדיען... און...
געשיקט זיך, אַז עס וויסט ניט וועגן דעם דער חבר סטאַלין?"
ס'האָט אַ פאַרכליאַנעטן דער פיבער אים געצוקט,
אַ ווייטער אומעט האָט ניט אָפּגעלאָזט אים.
ער וואָלט אַצינדערט נאָך אַזוי אַראָפּ פון צוג
און זיך צופוס אַוועקגעלאָזט קיין מאָסקווע.
„צעבראָכן זיינען מיר, — געזאָגט דעם חבר סטאַלינען וואָלט ער, —
מיר זיינען, חבר סטאַלין, שוין ניטאָ מער.
נאָר וואָס האָט עס אַנטקעגן דאַדיען דען די ווערט,
וואָס ס'רופט אים אויף איעדן טאָג דער פאָלק ביים נאָמען?!"

VII.

און אפשר אים אַליין דורך דאַדיען — אויך! און אפשר ס'גאַנצע פאָלק!
און דאַדיעס זיינען דאָך פאַראַן ברוך־השם אַ גאָלדענע פאַרפּלייצונג...
און שטערן שימערן אויף זיי פון גאָלד.
און טראָגן טראָגט מען לעבעדיק און טויטערהייט זיי!
אָט איז די שיך! ביים האַרצן טראָגט ער זי.
...פריקאַז פון קאָמאַנדיר... און לייען, טאַטע־מאַמע.
וואָס האָבן בערג די ווערט קעגן אַזעלכע זין?
וואָס האָבן פעלדער קעגן זיי די ווערט און ימען?
און זין אַזעלכע זיינען דאָך צעזייט אויף גאָר דעם לאַנד

ביי יעדער אומה און ביין יעדן לשון,
און העלער פון די שטערן זייער כבוד בלאַנקט,
נאָר זיי אַליין, ווי זאַמען אונטער דר'ערד, גלייך ווי ניטאָ שוין...
מע טרעט אויף זיי. די פּרוכט פון זיי מע קלייבט
און וואו זיי זיינען, פרעגט מען, ווי איז זייער נאָמען?
פאַרוואָס מע זעט זיי ניט אין זייער אייגן לייב?
נאָר ווי־זשע קאָן מען אין דער פּרוכט ניט זען די זאָמען?

VIII.

צעבראָכן זיינען מיר, ווי דער פאַראָם
אונטער די דייטשע באָמבעס, גאָט אין הימל!
נאָר ס'גייען ניט די בראָכשטיקער צום תהום,
צעבראָכענע — זיי ראַנגלען זיך און שווימען.
און ניט בלויז דאָ. וואו נאָר פאַראַן ס'איז אַזאַ ערד,
וואָס איז געטראָפן כ'ין דער דייטשער גולמדיקער בריאה.
און ניט געפילט דעם צוק פון פיבער האָט שוין ער.
און פון דער זון שוין ניט געפילט דאָס מדברדיקע בריען.
מע וועט דערשווימען ערגעץ צו אַ ברעג און צו אַ שוועל? —
געוואָלט אים האָט זיך פרעגן סטאַלינען צו ענד שוין....
ניט מער, די וועלט איז עפּעס איצטער ניט קיין וועלט,
די מענטשן זיינען עפּעס איצטער ניט קיין מענטשן...
דער וועג, האָט מלכן געדאַכט זיך, איז נאָך זייער ווייט,
און ווי אַ שאָטן נאָכגעגאַן איז דער פאַראָם אים.
אַ חכמה, לאָזט זיך אויס, האָט אָפּגעטאָן זיין ווייב,
וואָס זי איז אָפּגעשטאָרבן ערב דער מלחמה...

33. פלאַקערדיקערהייט

I.

דער הימל — הוילע ריס פון פייערדיקן מבול,
איבערגעקערט פון היץ און פיבער איז דער רוים.
אין פלאַם איז דייטשלאַנד ביי דער וואָלגע מפּיל
זיין לעצטן בליק, זיין לעצטן טרוים.
פון דער צעבראָקטער ערד געטאָן האָבן אַ לאָז זיך,
באַפליגלטע מיט שטורעם־צאָרנדיקן גרייף,
שוואַרץ־ימיקע, געוואָגטע, מונטערע מאַטראָסן
אין האַנט־געפּעכט אונטער אַ ווינטיקן געפּייף.
זיי האָבן נאָר באַוויזן אָנטאָן די בושלאַטן,

מיט די מאַטראַסקעס רונדע צודעקן די קעפּ,
די לענטעס און סטעפּ דאָרט טאָן זאָלן אַ פּלאַטער.
און איז דען ניט קיין ים דער ברייטער סטעפּ?
איז יעדעס הויז דען ניט קיין שיף פון אַן עסקאַדרע?
איז יעדער זאַלפּ דען ניט קיין גלאָק פון דעם באַגין,
וואָס רופט אויף פעסטשטאַנד און אויף מוט אויף סטאַלינגראַדער
איעדן שטיק, איעדן בוים, איעדן ווינט?

II.

איז גייט די שלאַכט. און פון באַגינען ביז באַגינען,
עס מונטערט אויף זיך דאָרט ווייסרולאַנד אין איר פלאַם,
אין איר זיך ברענען דורך די קייטן אוקראַינעס,
און צו געשלעג דערוואַכן בערג פון ים צו ים:
זיינען קיין כוואַליעס דען ניט לייבלעכע רואינען
פון ברענענדיקן שטאָלצן סטאַלינגראַד?
אַ ריס געטאָן זיך האָבן פעכאָטינער
מיט אַ פאַרטויבנדיק־גוואַרדייאישן הורא —
פון די וואַרשטאַטן, פון די צעכן, פון די אַרקעס,
פונקט ווי מיט העכער צוואַנציק יאָר צוריק,
געגורט מיט קוילן־לענטעס שטייף די מאַרינאַרקעס,
מיט אַ באַפעל פון פאָלק אין בליק: „קיין טראָט צוריק!“
אין הערצער פלאַמיקע — דער אורטייל פאַר דעם שונא,
און אויף אים אויספּילן — די ביקס אין האַנט.
קיין שטורעם קאָן דעם וועג זיי ניט פאַרצוימען
און ניט קיין פייערדיקער אָפּגרונט ביי דעם ראַנד.

III.

איז גייט די שלאַכט — אַן אויסגעהויכטע ביזן הימל,
אין העליש פייער הייבט זיך אויף איעדע גאַס,
עס וואַכן אויף אין איר די ווייגערטנער די קרימער.
און אויף אַ שטורעם לאָזט אַרויס זיך דער קאַווקאַז.
ווי זיינע בערג טוט זיך דאָרט קיינער ניט קיין וואַקל,
ווי זיינע בליצן — בלאַנק איז יעדער שווערד.
אַ ריס געטאָן זיך האָבן די קאַזאַקן
פון די סטאַניצעס מיט אַ ווינטיקן געפעכט,
און פון דער ווייט — די אַרטילעריע, ווי אויף פויקן,
און פייגל מעכטיקע, באַליבטע ביי דער הייך,
געטראָגן האָבן זיך, ווי פליענדיקע „טראָיקעס“.
איז דען קיין שליטוועג ניט די וואָלקנס און דער רויך?
און זוניק בליאַסקען בליציקע באַגנעטן,
געבענטשט פון אַלע פעלקער זיינען זיי,

איז קעפּ מע שאַטקעוועט, מע שאַרבנט און מע פּלעט דאָרט,
מיט מתים דייטשישע אין סטעפּ גייט דער פּאַרזיי.

IV.

די אויגן — אַנגעגליט. די פּנימער — פאַרצערט.
איבערגעשאַטן, ווי מיט זאַמד, זיינען די גומענס.
ס'האָט קיינער ניט געציילט די טעג און נעכט,
זינט אויף די אויגן איז קיין שלאָף שוין ניט געקומען.
די קוילן מ'האָט געציילט אין פּאַטראָנטאַש,
גראַנאַטן מ'האָט געטאַפּט אויף זיך, ווי ריפּן,
ביי וועמען עס איז פליסיקייט אַ פלאַש
אין דער טראַנשיי געבליבן.
קאַרעלין האָט פאַרלייגט די הענט אויפן געווער,
די אויגן — אין דער ווייט מיט דינע שפּעלטלעך,
ווי ער געהאַלטן וואָלט דעם רודער פון דער ערד.
ווי זיך אַ דריי זי וועט אויף זיין באַפעל טאָן...
געשטאַנען איז ער און זיך איינגעהערט
אין רויש פון גרילצנדיקע רויפן־שלאַנגען:
אַ טאַנק געקראָכן איז פון אונטער דר'ערד.
אויף דער טראַנשיי איז ער, אַ פינצטערער, געגאַנגען.

V.

עס איז געווען אַ פּראַסטיקער קאַיאָר.
דער טויט — ווי אין אַ גאָלד־געוועבטער ריזע.
געהערט האָט יעדער רויטאַרמייער קלאָר
דעם פלוס פון בלוט, ווי אין די אָדערן סע ריזלט.
דעם צוועלפטן טאָג אונטער דעם פייערדיקן יאָך,
מעת־לעתן, קלינגענדיק, צעשמעטערן ווי גלאָז זיך.
געווען אין יעדן רויטאַרמייער קלאָר,
אַז דאָ דעם ראַנד וועט קיינער ניט פאַרלאָזן,
ווען הונדערט מאָל זאָל לויערן דער טויט,
ווען טויזנט נעצן אַרום זיי זאָל ער איצט וועבן.
געווען איז יעדער רויטאַרמייער גרייט
פאַר אָט דעם ראַנד זיך דאָ צעשיידן מיטן לעבן.
צווי פלעשער פליסיקייט די לעצטע אין טראַנשיי...
און טאַנקען נאָך האָבן אַ לאָז געטאָן זיך.
האָט פון טראַנשיי קאַרעלין זיך געטאָן אַ שייל,
די האַנט פאַרהויבן מיט אַ פלאַש, ווי בראָנזע.

VI.

אפשר אַן אויגנבליק געשטאַנען אָט אַזוי איז ער
און אפשר ווייניקער — געצילט זיך אַקוראַט דאָרט,

נאָר אַט אַזאַ וועט פאַרגעדענקען אים די ערד
און די ניט־צוטריטלעכע וועגט די סטאַלינגראַדער.
פון אַ טראַנשיי, פאַרטויבט דורך גרייפנדיקן רעש,
די אויגן — אָנגעצילטע, ברענענדיקע, בלאַנקע.
איינער אַליין — די האַנט פאַרהויבן מיט אַ פלאַש
קעגן אַ טשערעדע צעבושעוועטע טאַנקען.
ער טאָר ניט צולאָזן דעם טויט צו דער טראַנשיי —
און הונדערט טויטן פון דער פינצטערניש זיך איילן...
גראַנאַטן — אויס. און פלעשער — לעצטע צוויי.
ווי קאָן די פּינקטלעכקייט פאַרגעסן ער אַ ווײַלע?
און איידער נאָך אַ וואָרף געטאָן אַ פלאַש האָט ער,
האָט זי אַליין זיך פון אַ קויל אויף אים צעריסן...
און אַט אַזאַ וועט פאַרגעדענקען אים די ערד,
און אַט אַזאַ וועט זי זיך פאַרשטעלן אַ ריז אים.

VII.

וואו איז זיין לייב? וואו איז זיין ערד? וואו איז זיין ים?
דאָס בייזע פייער האָט דאָס ליכט פון אים פאַרשלאָסן —
און אין דעם אויפגעוויגטן זעגל פון דעם פלאַם
ווי אין אַ פאָן האָט איינגעוויקלט דער מאַטראָס זיך...
ער האָט געברענט און, ברענענדיק, די צווייטע פלאַש געטאָן אַ נעם.
און פון טראַנשיי — אַ ריס זיך אויף געראַנגל.
עס האָט דאָס זידנדיקע פייער אים געקלעמט,
נאָר ער אַליין, אַ ברענענדיקער, קעגן טאַנק גייט,
ער וועט אים אָנטאַפּן מיט ברענענדיקער האַנט,
דעם טויט פון איר דורך פלאַם זאָל ער פאַרנעמען.
איז מיט דער פלאַש דער לעצטער אים דערלאַנגט,
און אויפגעריסן אויפן אָרט האָט זיך דער גהינום.
ער האָט געוואוסט, אַז בלויז אַן אויגנבליק — ניט מער
אויף זיך צו שלאָגן מיטן פיינט איז אים געגעבן.
און אַט אַזאַ וועט פאַרגעדענקען אים די ערד,
און אַט אַזאַ וועט אים אַדורכטראָגן דאָס לעבן.

VIII.

זיין פייער — העלער פון באַגינען האָט געשיינט,
אין אים דאָס פאָלק האָט זיך דערזען, ווי אין אַ שפּיגל,
פונקט ווי אַ דעמאָן ער אַרויס איז קעגן פיינט
און אים דערשטיקט אין זיינע ברענענדיקע פליגל.
דעם ווי פאַרוועדט האָט ער צו הערשן איבער זיך,
דעם לייב באַפוילן, ס'זאָל פאַרוואַנדלען זיך אין פייער,
ביז ער וועט אויספילן זיין קריגערישע פליכט —

אי פאַרן פאָלק אי פאַרן היימלאַנד און זיין פרייהייט.
וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאַן געהאַט דעם שונאס טאַנק?
ווי קליין און נישטיק איז גערמאַניע געווען דאַן
אַנטקעגן ליכטיקן און אומגעצוימטן דראַנג
פון דעם מאַטראָס, וואָס, ווי אין ביבלישער לעגענדע,
געשוואומען איז אין פייער, ווי ב׳אַ ים.
ער האָט געלאָזט זיך קעגן אימהדיקן גולם
און ניט אַראָפּגעלאָזט פון לייב זיינעם דעם פלאַם,
ביז ער פאַרוואַנדלט האָט דאָרט אין אַ קויל אים,

IX.

אַז ניט פאַראומווירדיקן זאָל ער מיט זיין טראָט
די גאַסן, אויפגעלויכטענע ווי שטראַלן,
פון קעגן טויט געשטעלטער שלאַכטנדיקער שטאָט,
וואָס טראָגט דעם נאָמען פונעם פאָלק־געליבטן סטאַלין!
עס האָבן זיינע אויגן, ברענענדיק, געזען
דעם מאַן אינעם שינעל פאַרטיידיקן צאַריצין,
איז מיט די הוילע פלאַקערדיקע הענט
האָט ער דעם טאַנק געפּאַסעוועט פאַרשייט און בליציק
און זיך אַליין פאַרוואַנדלט אין אַ בליץ,
וואָס שמעטערט שטערונגען און וואַלגערט צאָמען,
און מיט דעם פייערדיקן העלדנטאַט פאַרקריצט
אין דורות צוקינפטיקע שטאָלץ זיין נאָמען.
בלויז שטערן בלענדיקע אין העלן רוים
מיט ליכט אַזאַ פאַרגלייכט זיין קאָנען.
אַזוי געקעמפט ביים פאָלק אין טרוים
האָבן די העלדן מיט דראַקאָנען.

X.

מיט בענטשונג האָט געקוקט אויף אים דאָס לאַנד,
באַגייסטערט האָט אויף העלדנטום דאָס פאָלק אים,
און ס׳איז ניט־צוטריטלעך געווען דער ראַנד,
אין וויי געאָרעמט פון דער מוטערלעכער וואָלגע...
פאַרגיין וועט נאָך אַ דור אַ דור,
זיך איבערשטרייכן וועלן יאָרן,
נאָר ניט פאַרלעשן זיך וועט דער קאַיאָר,
ווי דער ניט־איבערברענענדיקער דאָרן.
זיך אָנגעטאָן האָט אַ מאַטראָס
אין בליציק־פייערדיקע פליגל
און קעגן חושך זיך געלאָזט
אים צו פאַרניכטן און באַזיגן.

דאָס פייער כוואַליעט זיך, דאָס פייער לייכט,
ווי לענטעס אויפגעוויגט אין העלן פלאַטער.
אַזוי געלייגט האָט זיך מיט אייגן לייב
אַ זון פון פאָלק ביי שוועלן סטאַלינגראַדער.

34. אַ צירק־נומער

I.

מיט טרויבן מעשענע, צעפלאַקערט אין דער ווייט,
מעלדעט די וואַך באַפעלנדיק און גרויזאַם:
„אַהער קאָן קיינער ניט אַריינגיין חוץ דער צייט!
פונדאַנען קיינער חוץ דעם טויט קאָן ניט אַרויסגיין!"
ניטאָ קיין וועג! עס שטויסט אַ זוים זיך אין אַ זוים אָן,
האַרמאַטן וואַרגן זיך מיט פייער אין געפעכט.
און בייסנדיק דאָס נאָכגעלאָזטע צוימל,
זיך האַסטיק טראָגט אַ צעפּאַלאַכעט פערד
מיט רויטע שפּיגלען בליאַסקענדיקן פייער
אין אויגן פיבערדיקע — פייכטע פון געיעג.
עס זוכט אין סטעפּ דעם רייטער דעם געטרייען,
וואָס טראָגן בליציק זיך מיט אים עס פלעגט —
ער זאָל דעם אָנציען דאָס צוימל און פאַרשלייפן.
ער זאָל אַ צוריר זיך נאָר געבן צו זיין פעל,
וועט עס אַ שטעל טאָן זיך קאַפּויר אויף זיין באַפעל
און וועט אַריבער מיט אַ שפּרונג איבער דער שריפה.

II.

אין רויך זיך הילט דער סטעפּ, ווי אין אַ זאַק,
דער זאָטל ברענט. עס שור'רוען ערגעץ טריט זיך,
און מיט ידיעות אין געדעכעניש פאַרקריצטע
האָט אומגעקערט אין שטאָט זיך אַ קאַזאַק.
ער זעט ס'געיעג פון אירע ברענענדיקע גאַסן —
מיט טרויבן מעשענע, געוועגדעט צו דער הייך.
דאָס פייער פּאַסיקט זי, עס שלאָגן זיי פּוגאַסן,
אויף איר זיך וואַלגערט וואַרגנדיקער רויך.
די גאַרנס הילכעדיק אין גאַרנס זיך צעדרויבן,
און אויף אַ וואַנט זיך שליידערט הילכעדיק אַ וואַנט.
נאָר זי איז דאָ! אויף מעשענע אויף אירע טרויבן

זי שפּילט באַגינען צו דעם פייערדיקן ראַנד,
ווי אויף אַ וואַכטע אויף אַ נאַכטיקער פאַררופן
די שטאָל־גיסער — אַ פּלאַמיקע — זי וואַלט...
און ס׳גייט דער שמעלץ, פאַרפּלייצנדיק אַן אויפהער.
דער שמעלץ פון שלאַכט מיט ווידערשטאַנד געשטאַלט.

III.

ער וועט באַוויזן. ער וועט אָנקומען באַצייטנס.
ער מיטן פערד האָט אויף אַ ווייל זיך נאָר צעשיידט.
ניט לאַנג געגאַנגען דאָ פון דאָמנעס זיינען שייטערס,
און דער באַגינען האָט פון זיי זיך דאָ געשפּרייט.
איצט אויף קיין אויגנבליק דאָס פייער זיך פאַרלעשט ניט,
דער טאָג איז אויסגעמישט איינאיינעם מיט דער נאַכט.
עס שלאָגט דאָס אַש זיך שוין. די שוואַרצע האַלאַוועשקעס.
פון אונטער דר׳ערד דאָס אינגעווייד זיך שפּאַרט.
מיט אויפגעוויג. מיט דראַנג. און מיט געראַנגל.
מיט פיבער. מיט געשלעג. ביי יעדן ראַנד.
און טרעגט די בייכער אויף די שוואַרצע ביי די טאַנקען
און פלעט די פאַנצערס מיט די קעפּ זיי דאָרט באַנאַנד.
ווייסט די געוואַגטקייט פון אַ וואָג און פון אַ מאָס דען?
און צוימט דעם אימפּעט דען די וויט אָדער די נאָ׳נט?
ער זעט דעם וועג דעם גאַנצענעם ביז מאָסקווע!
און ס׳זעט דער וועג פון וויט אים און דערקאָנט:

IV.

דאָס האָט זיך ער אין צירק געטראָגן דורך דעם רינג
אויף זיין מושטרירטן פערד, מיטן באַשליק באַפליגלט,
אין קרייזן, דרייענדיק זיך, צוויבערדיק און גרינג,
אַרום דעם זאַמדיקן, דעם אויסגעקעמטן עיגול.
דעם אָטעם ביי די צושויער האָט זיין געיעג פאַרכאַפּט
און אים דעריאָגן ניט געקאָנט האָבן די אויגן;
געהערט זיך בלויז דער פאַך האָט און דער סאַפּ,
ווי אַזאַ שווינדלדיקע פייל פון בויגן.
און ווען פאַרהאַלטן האָט דער אָטעם זיך ביים צירק,
און דער באַשליק האָט זיך צעפלאַטערט, ווי אַ זעגל,
האָט ער זיך אויפגעשטעלט, די הענט מיט שווערד באַצירט,
גלייך מיט דעם אַנגעגליטן עולם זיך געזעגנט,
די פיס אין סטרעמענעס פאַרפעסטיקט אויף אַ שלאָס,
זיך יאָגנדיק אַ וואָרף געטאָן פון זאָטל,
און ווי אַ דורכגעשאָסענער — די הענט צעלאָזט,
געשוועבט, די ערד באַרירן מיטן אָטעם...

V.

דער עולם, אַ געפּלעפּטער, האָט געשטוינט
און נאָכגעשפּירט אין אומרו און אין פּיבער:
צי איז דער שווינדלדיקער רייטער טויט,
צי אַ פּאַרכישופטער ער יאָגט אַליין זיך איבער?!
נאָר זיך אַרויפגעכאַפּט ער גלייך האָט אויפן פערד,
געטאָן אַ פּאַך מיטן באַשליק, פונקט ווי מיט פליגל.
ס'האָט זיך אַ דונערדיקער הענט־געפּליעסק דערהערט,
און ער פאַרלאָזט דעם רינג האָט ווי אַ זיגער.
אַצינד איז אין סאַדאָווסקיס טייל ער אַ „סוויאַזנאָי".
ס'פליט קיין קובאַנער ווינט פון אים ניט גרינגער;
אַמאָל גיט נאָך פון בענקשאַפט אים דאָס האַרץ אַ נאָי,
פון צייט צו צייט גיט נאָך אַ צי צום רינג אים...
ער האָט זיך מיט זיין פערד קיין רגע ניט צעשיידט,
געפּאָלגט האָבן די לייכטע אויסגעאיבטע פיס אים,
און ניט גערוט זיין שווערד האָט אין דער שייד,
און אין געפּאַר אָן אויפהער זיך געריסן.

VI.

געבראַכט האָט זיין געוואַגטקייט יעדן טאָג אים רום,
אין שלאַכט פונסניי געטאָן זיך אַ פּאַנאַנדערזיגל.
ווי אַ שטיק העליש פייער טראָגט ער זיך אַרום —
צעשפּרייט פון זיין באַשליק די פלאַטערדיקע פליגל.
זיך אומבאַמערקט אַדורכגעטראָגן, ווי אַ ווינט,
איבער אַ דאָרף, אונטער דער נאָז ביים שונא,
און אַ גראַנאַט אין שטאַב אַ שמייס געטאָן געשווינד,
און ס'האָט זיין דרייסט געצוואונגען אַלעמען צו שטוינען.
נאָר זיך אַרומגעקוקט, געכאַפּט מ'האָט זיך נאָכהער
און אין געיעג נאָך אים געלאָזט מ'האָט זיך מיט פייער.
ווי אַ באַפליגלטן, ניט אָנרירנד די ערד,
איבערן סטעפּ אים טראָגט דאָס פערד זיינס דאָס געטרייע...
אַ שאָס! און — צוויי! און — נאָך!
אין שוואַרצן רויך אין שטויב קובאַנער סטעפּ איז,
און מיטאַמאָל גיט זיך דער רייטער אַ פאַרבראָך,
אַ שוועב אויף דר'ערד — אין סטרעמענעס פאַרטשעפּעט...

VII.

— ער איז קאַפּוט! — האָבן די דייטשן טריאומפירט
און מער שוין ניט געיאָגט זיך נאָך אים ווייטער.
דעם בליק האָט דער קאָזאַק פון אונטער פערד געטאָן אַ פיר
און אויפגעהויבן פונדאָסניי זיך אַ פאַרשייטער.

קובאַנער סטעפּ געלעגן איז געקרייצט,
און טרויעריק געקוקט האָבן, געפאַנגענע, די ברויטן...
געגאַן אַ קוילנוואָרפער איז איבער דעם ווייץ,
פּונקט ווי אַ שנייד־מעסער פון אומגליק אַ פאַרטרויטער.
דאַן האָט דער רייטער אָנגעשטעלט די ביקס:
— געזעגן, הײַשעריק, זיך מיטן שניט דאָ! —
און אויף די פלאַטערדיקע פליגל פון באַשליק,
ווי פונעם רינג, צו זיך אין טייל אַריינגעריסן.
זיין בליק האָט העל און פייערדיק געבלאַנקט,
די קאַפּעטעס פון פערד האָבן געפּייקלט, ווי אַ האָגל;
און שלינגענדיק פון ווייט איעדן קלאַנג,
האָט ער ידיעות, רייטנדיק, געטראָגן.

35. צום טייכעלע צאַריצאַ

I.

ניט מער ווי זעקס געבליבן זיינען אין טראַנשיי,
ניט אויפגעהערט האָט קייל־כיקע מעת־לעתן דער געראַנגל,
געזאָגט האָט זיך פאַרפריער יעדערער פון זיי:
בלויז טויטערהייט וועט זיי דער פיינט דערלאַנגען!
נאָר וועגן טויט האָט קיינער ניט פון זיי געטראַכט,
מיט לעבן האָט איעדעס ווינטעלע גענערט זיי,
און ס'איז געוועזן טאָג, און ס'איז געוועזן נאַכט,
און מונטער דאָס געמיט, און ברויזנדיק — די הערצער.
פאָן־קאולוסן האָט באַדאַרפט דערקלערן סטאַלינגראַד,
דעם עיקר אים אין לאַנגן שאַרבן אַ פאַרהאַק טאָן,
אַז ס'האָט גערמאַניע אַ טעות דאָך געהאַט
אין קאָעפיציענט פון שטאָל און רוסישער געוואָגטקייט.
ס'האָט אויף דעם ווידערשטאַנד פאָן־קאולוס געקוקט מיט שפּאַס,
און ניט דערלויבט זיין טראַציקייט קיין צווייפל האָט אַ פליס טאָן.
דאָ האָט זיין גאווה מיט שגעון זיך פאַרקנסט,
די אומפאַרמיידלעכקייט פאַרקנסט האָט זיך מיט מיסטיק.

II.

אַ נישטיק בערגעלע ביים וואָלגער ברעג,
אַ גאַרניזאָן — אינגאַנצן פון זעקס מענער,
און שלאָגן שלאָגט מען זיך שוין זויפל טעג,
און נעמען שווערער איז עס פון ווערדען אים...

וואָס קומט דאָ פאָר? צי נאַרט אים ניט די וויט?
האָט ווי אין פיבער זיך געגעבן אַ פאַרדריי ער;
פון אונטער אַש ווערט אויפגעוואַכט איעדע ווייל
דער זעקס מאָל אומגעבראַכטער רויטאַרמייער.
איז וואָס, צום טייוול, איז אַזוינס דער רוס?
ווי קלייבט מען זיך אין זיין נאַטור פאַנאַנדער?
טריאומפן איבער פעלקער האָט גערמאַניע געוואוסט,
געלייגט צופוסנס האָט אַ לאַנד זיך נאָך אַ לאַנד איר,
און דאָ זיך פאַר אַ שטיין מע שלאָגט מיט אַזאַ היץ,
ווי ס׳שלאָגט גערמאַניע זיך פאַר לענדער גאַנצע.
מיט וואָס־זשע איז אַזוינס אַ באָלשעוויק באַשיצט,
מיט וואָס־זשע איז אַזוינס אַ באָלשעוויק געפאַנצערט

III.

אַנטקעגן הונדערט טאַנקען אויף אַ מאָל,
אַנטקעגן טויזנט טאַנקען אין געשלעגן?
עס האָבן דריי מאָל האַסטיק זיי איבערגעמאָלט
די דריי מאָל אויפגעהאַקטע וואָלגער ברעגן.
צי האָט אים ניט די וויט פאַרנאַרט אַהער אין סטעפ
און פענטעט טייוולדיק אים יעדן טראָט דאָ?
עס רייסט פון דר׳ערד זיך אויס אַ שטיין — און לעבט!
אין לופט פליט אויף אַ סלופ — און אָטעמט!
צי האָט אים ניט פאַרפירט אַהערצו אַ געהיימער גייסט
און יאָגט זיך דאָ פון אַלע זייטן נאָך אים?
אַ בוים פון באָדן ברעכט זיך אויס — און שפרייזט,
אַ ציגל — אויסגעקלאַפּט — שטייגט אויף מיט אַ געפּאַכע,
און אַלץ זיך שלאָגט, און אַלץ זיך ווערט,
און אַלץ באַפאַלט דורך זייטן אומבאַוואוסטע,
און אַלץ פאַרטויבט מיט פייער פון דער ערד:
מירן אייך אומברענגען! מיר זיינען רוסלאַנד!

IV.

דער טויט אַרומשפּאַצירט האָט פריילעך אונטערוועגס,
געוועזן באַזוימט דער ברוסטווער איז מיט דייטשישע נבלות,
און אָפּגעהאַלטן די טראַנשיי האָבן די זעקס,
ניט אָפּגעטראָטן קיינער אויף קיין אייל איז.
אַריינגעוואַקסן אין איין עק געוועזן איז דראָזד,
אָוואַדים — אַ פאַרוואונדעטער — פאַרזויגן אין אַ צווייטן,
און לעווין האָט זיך אַלע ווייל געטאָן אַ לאָז
גראַנאַטעס יעדן צו דער האַנט פאַרגרייטן,
ווי אין דער היים ביים שניידעריי, אַמאָל,

ער ביים וואַרשטאַט פלעגט אויסטיילן דעם דאַקלעד,
און ס'פלעגט זיין טאַטע ווערטלען זיך: — משוררים, ס'איז שמאָל!
מ'עט מוזן אָפטראַסקען די סדרה ביז פאַרטאָגלעך! —
געליטן האָט אוואַדיס וויטעקלעך פון דאַרשט,
די וואונד געטריבן האָט אין פיבער און אין היץ אים,
און לעווין האָט געמונטערט אים: — וואַרט צו אָקאַרשט,
ביינאַכט וועל איך זיך צוכאַפּן אַליין צו דער צאַריצאַ...

V.

איך וועל זיך אויף די קני אַוועקשטעלן פאַר איר,
און איר אַ זאָג טאָן, צערטלדיק: „צאַריצאַ!
אינגאַנצן זעקס געבליבן זיינען מיר —
דיינע געטרייע, דיינע לייבלעכע באַשיצער.
אוואַדיס שלאָגט זיך, אַ פאַרוואונדעטער, אין סטעפּ,
אַז ס'זאָל דער דייטש ניט איינטונקען אין דיר זיין טריפן פרצוף,
לאָז דיך, צאַריצאַ, טאָן מיט קאַסקעט אַ פאַרשעפּ!
לאָז צוליגן צו דיר, צאַריצאַ, מיטן האַרץ זיך!
מאַמעדאַוו רעדט קאַזאַכיש דאָרט מיט זיי,
ווי אַ בערקוט. ניט צו פאַרשטיין איז גאָר דאָס לשון,
נאָר יעדעס וואָרט גיט אַזאַ פלאַמיקן צעזיי
דאָס הינטישע געבייז. געוועזן — און מער ניטאָ שוין!
דער קאָמאַנדיר — פאַרשטייסטו דאָך אַליין — אַ קאָמאַנדיר,
און דער פּאָלטאַוועער דראָזד היט אָפּ די פלאַנגען די געטרייע.
איך שטעל זיך אויף די קני, צאַריצאַ־טייך, פאַר דיר,
די פליאַגעס אָנשעפּן מיט וואַסער פאַרן חייל!"

VI.

איבערגעשלאָגן האָט אים מיטאַמאָל אַ רעש
פון טאַנקען טופּ, אָט האָסטו! נאָט אייך!
און פלינק אַ פלי געטאָן אַ פלאַש האָט נאָך אַ פלאַש,
געגעבן זיך אַ שליידער האָט גראַנאַטע נאָך גראַנאַטע:
„צאַריצאַ, זע, ווי ס'צינדט זיך אָן אַ טאַנק,
צאַריצאַ, זע, ווי ס'פלאַקערט שוין אַ צווייטער!
דאָס האָט אים דראָזד דערלאַנגט דאָרט אַ געטראַנק,
דאָס האָט מאַמעדאַוו די געדערים דאָרט צעדרייט אים!"
און לעווין, שליידערנדיק, פאַרגעזעצט האָט נאָך,
ניט פילנדיק קיין שטויס, ניט פילנדיק קיין ווייען,
ווען בליציק דורכגעגליטשט האָט זיך אַ שטאָך
און עפּעס האָט די ערד גענומען זיך אים דרייען:
„צאַריצאַ, זע, זיי קריכן שוין צוריק!
צאַריצאַ, זע, ווי ס'שטויסט אַ שייטער זיך אָן שייטער!

דאָס האָט סאַדאָווסקי זיי אַליין דערלאַנגט אַ פליק
אינאיינעם מיט אַ יידישן אַ פּראָסטן שניידער!"

VII.

געפירט דער טויט צום אָפּגאַנג האָט דעם טאָג,
ווי פּאָר אַ צוים אַ פערד, פאַרענדערט דעם קאַליר אים.
„צאַריצאַ, זע, וויפל מ'האָט דייטשן אָנגעבראַקט,
ווי ס'ליגן אָנגעוואַלגערט זייערע פּגרים!
אָט וואַרפט מאַמעדאָוו דאָרט זיך אויפן ברוסטווער — גוט!
אָט אויף אַ גייענדיקן טאַנק איז ער אַרויף דאָרט.
צאַריצאַ, זע, זיך איינגעבראַקט האָט ער ווי אַ בערקוט,
צאַריצאַ, זע, ווי ס'ציטערן, דערשיטערטע, די לופטן!"
געבאַנדאַזשירט האָט איינער דאָרט דעם אָנדערן די וואונד,
דאָס בלוט פאַרהאַמעוועט מיט צייניק קריצן.
„ביינאַכט וועלן מיר קומען נאָך אַ טרונק,
די פליאַגעס אָנשעפּן ביי דיר, צאַריצאַ!"
געענדיקט דאָס געשלעג האָט זיך צו נאַכט.
געגאַן רעזערוו מיט דונערדיקן קול־מבשר.
— נו, שטעלט אַרויס, — האָט לעווין זיך געווענדט, — אַ וואַך,
און איך וועל אויפן בויך אַ לאָז טאָן זיך נאָך וואַסער!

VIII.

געוועזן פאַרבלאָטיקט זיינען אַלע גלייך,
ווי שטיקער ערד פון די טראַנשייען אָפּגעקרישעט,
נאָר ווי אַ מאַמע האָט פון ווייט דער טייך
אויף זיי מיט ווינטעלעך געאָטעמט פרישע.
זיי האָבן אָפּגעהאַלטן ביז צום סוף די הייך
און ניט געוואוסט: זיינען אַליין זיי ניט די ערד שוין,
אַדורכגעזאַפּט מיט שווייס, מיט בלוט און רויך
פון סטאַלינגראַדער ראַנד דעם פאָדערשטן, דעם ערשטן?
ס'האָט יעדער זיך געפּרואווט: צי ווירקלעך ער איז ער?...
אַריבער פערציק טעג אין פלאַם פאַרהריז'טע,
געשוואומען דורך דער וואָלגע איז רעזערוו,
און טיילן פון דער ווייט האָבן באַגריסט זיי
מיט יעדן ריר, מיט יעדן הויך, מיט יעדן שפּאַן
אין דעם ביינאַכטיקן באַגייסטערט־שטילן וואָגל.
נאָר נאָך קיין וואַסער איז שוין לעווין ניט געגאַן,
אַ שפּליטער האָט צו דר'ערד אים צוגענאַגלט.

IX.

געאָטעמט האָט די שטילקייט נאָך דער שלאַכט —
אי מיט באַגעגעניש אי מיט צעשיידונג.

אַרויסגעטראָגן האָט מען אין דער זעלבער נאַכט
די פריינט די לייבלעכע פון די טראַנשייען.
עס איז זיי נאָכגעגאַן דער גהינומדיקער רעש
פון פערציק לאַנגע פלאַמיקע מעת־לעתן.
געשפּירט האָט לעווין אויף די ליפּן אַש,
אין היץ געקייט עס און געגעסן.
אַ שלאָף איז אַלעמען באַפאַלן שנעל,
ס׳האָט קיינער ניט געפילט די אומגעריכטע שטויסן.
און לעווין האָט געטאַפּט זיין פוס דורכן שינעל —
צי איז ער דאָ, צי ווייזט ער אים אַזוי נאָר אויס זיך...
די שוועסטער האָט אים צאַרט געגלעט די האָר:
— ווי פילט איר זיך? — געפרעגט, פאַרלינדערנד די לייד אים.
— איך וועל ניט שטאַרבן, שוועסטערקע, האָט ניט קיין זאָרג,
מע דאַרף אויף דער מלחמה נאָך אַ גוטן שניידער!

36. קיין טראָט צוריק

I.

אַ קלונג. סאַדאָווסקי האָט געטאָן צום טעלעפאָן אַ פאַל,
דער בליק צום שטאַב געגעבן האָט אַ בלאַנקע,
ס׳האָט פאַרן בערגל אים באַדאַנקט דער גענעראַל,
און איינעם דאַנק האָט ער דערפילט די שעה פון אָנגריף.
אַז אָנגעטרויט אויך אים איז סטאַלינגראַד,
דורך סטאַלינגראַד — פון לאַנד די לעצטע טירן,
פאַרגעסן האָט ניט ביז צולעצט קיין איינציקער סאָלדאַט,
געוואוסט ביז ווי איעדער קאָמאַנדיר האָט.
געגאַן די וואָלגע רעש איז צו געשלעג,
זיך ווי אַ שווערד געשליפט אין האַס אין הייסן,
און אויף איר ברייטן רחבותדיקן ברעג
געשוואוירן האָט די גאַנצע רוסישע אַרמיי זיך:
אויב ס׳וועט דאָ אויסקומען פאַרטיידיקן די ערד
מיט בלוט און ביין פון טרייע זין פון אירע,
אַז פון קיין פרעמדלענדער ניט זיין זאָל זי פאַרשוועכט,
זיינען סאָלדאַטן גרייט, און גרייט זיינען די קאָמאַנדירן.

II.

זיי האָבן אויפן אָנגריף ווייטעקדיק געוואַרט,
ער האָט אין זיי ביז פּיין געזוירט און זיך געצייטיקט,
אַז איין מאָל אין אַ שפּעט־האַרבסטיקער נאַכט

זאָל ער זיך אויפלייזן ביי סטאַלינגראַדער שייטערס.
געאייבט זיך מיט געוועהר חדשים־לאַנג,
ווי מיט אַ קלוג געציג פון פעסטשטאַנד און באַשיצונג,
און אַנגעגאָסן זיך מיט בלוט האָט דער פאַרלאַנג
וואָס גיכער לאָזן אויף דעם הייסן שניט זיך.
געשלייפט דער האַס און דער געדאַנק האָט זיך אין ווי,
געשלייפט די שווערד — אַן אויפהער, רעגלמעסיק,
אין מיילן־ווייטע איבערגענג דורך שניי,
אַן אָפרו — מאַרשן גאַנצענע מעת־לעתן,
אין שטורעמס נאַכטישע — אויף הוילע בערג,
דורך זאַווערוכעס בלענדיקע געבלאָנקעט.
עס איז זיי נאָר געווען פלאַגעדיק און שווער
דאָס לאַנגע וואַרטן אויף דער צייטיקייט פון אָנגריף.

III.

זיי האָבן זיך געגרייט עקשנותדיק און שווער
אין פיין פון שיידן זיך, אין ווייטעק פון פאַרלוסטן,
נאָר שטאַרקער נאָך געווען איז דאָס געווער
פון הויכער פליכט און לויטערן באַוואוסטזיין —
געווער פון איינהייט, אויסגעשמידט אין פלאַם,
געווער פון האַס און פון געדולד, אין האַרץ פאַרטייעט,
אַזאַ, וואָס ווייסט ניט פון קיין ברעג און פון קיין צאַם,
ווי ס׳ווייסט עס ניט די ליבע און די פרייהייט.
געלייענט האָט דער גענעראַל אינעם באַפעל
צום חיל, אויפגערופענעם אויף וואונדער,
אַז ביי דער לייבלעכער ביי סטאַלינגראַדער שוועל
האַלטן זיי שטאָלץ די שוץ פונעם יאָרהונדערט,
די שוץ פון דער גערעכטיקייט און גאָלדענעם געדאַנק,
וואָס קאָן ניט ווערן פון קיין צוואַנג באַצוואונגען.
עס האָט אים ניט געקאָנט צעשמעטערן קיין טאַנק,
עס האָט אים ניט געקאָנט פאַרטיליקן קיין יונקערס.

IV.

עס האָט געריפט די שלאַכט אין מוט, אין ווי,
אין ערד־שטיבל, ביי טונקל־צאַנקענדיקן פלעמל —
דורך שטרעקעס איינגעוועבט אין יעטווידער טראַנשיי,
געגערט האָט זי זיך מיט דעם ליכט פון קרעמל,
דאָרט, וואו באַוועגט פון הויכן פאַרשנדיקן גייסט,
געזוכט מ׳האָט נייס און אָפּגעלעבטס געבראָכן —
באַהאָפטן זיין דער וואונדער זאָל פון דרייסט

מיט וואונדער פון געדאַנק, און טעג און וואָכן
געוואויגן, דורכגעדרונגען ביז צום גרונט,
דער קלאַפּ זאָל פּלעטנדיק און גרויזאַם פאַלן.
געוואָרט האָט זי אין אָנגריף שטערנדיקער רום
איינאיינעם מיט אַן אָדלער־שטערנשאַפט פון יונגע גענעראַלן.
זיי האָבן דורכגעזאַפּט מיט פינף און צוואַנציק יאָר באַגין
דעם פּיין, וואָס אויפן לאַנד געווען צעזייט איז,
און פּאַטערלעך שטודירט מיט די סאָלדאַטן, ווי מיט זין,
און זיי געפירט צום רום, וואָס ניט געוואוסט האָבן די זיידעס.

V.

עס האָט דער גענעראַל אין אומגעדולד געוואָרט,
זיין העכסטע פּרוּוו מיט קנייטשן האָט דעם שטערן אים געווירעט,
ווי אַלעמאָל, זיך גרייטנדיק אין שלאַכט,
געשוועבט פאַר אים האָט דאָס געשטאַלט פון פירער...
אַ שלאַפלאָזער אויף יעדן ראַנד,
אין יעטווידער טראַנשיי, אין יעטווידער זעמליאַנקע,
די מאַפּע פאָרשנדיק, געזען האָט ער זיין האַנט,
ווי זי וואָלט פאַר זיין בליק איבער די ליניעס געגאַנגען,
אים אונטערזאָגנדיק אַזאַ מין וואַריאַנט,
וואָס פונדאַסניי אַנטפּלעקט דעם תוך פון די רעליעפן.
אין יעדן שטריך האָט זיך דער גורל פונעם לאַנד
פונסניי און אומגעריכט פאַר אים געעפנט,
און גרונטעוועז ס'האָט אים באַוועגט איעדן גאַנג,
און פרילינגדיק מוט און וואָגונג אים געגעבן,
ווי ער אונטערגעזאָגט וואָלט דאָ געדאַנק אים נאָך געדאַנק,
ווי ער אַליין לעם אים געשטאַנען וואָלט דערנעבן...

VI.

פון קרעמל, ווי פון דעם קאָמאַנדנעם פּונקט
פון פראָנטן אויסגעצויגענע דורך אַלע ראַנדן,
געשיקט דער פירער האָט מיט בליץ און שוואונג
די זיבן מאָל געוואויגענע קאָמאַנדע...
ניט גרינג, האָט ער געוואוסט, זיך געבן וועט דער זיג,
און אין דער גאַנצער וואוקס זיך אויפשטעלן איז פרי נאָך.
ער האָט מיט ווי חילות אָפּגעפירט צוריק,
מיט קלוגשאַפט זיי געשאַפן מעכטיקע טראַמפּלינען...
אַדורכגעגאַנגען איבער זיין האַרץ איז זיך דער גאַנצער קריג,
און אָפּגעגאַן עס איז מיט בלוט פאַר יעדער אָפּגערויבטער לאַנקע.
נאָר אין דעם דורכגעטראַכטן אָפּטרעטן צוריק
האָט ער פאַרלייגט, ווי דינאַמיט, דעם צוקונפטיקן אָנגריף.

ער האָט אים אויסגעוואָרעמט, בלוטנדיק, מיט פּײַן,
ער האָט אים אויסגעטראָגן, ווי די האָפענונג פון פעלקער,
פאַרניכטנדיק און גרויזאַם זאָל ער זיין
און אין די דורות קיינמאָל ניט פאַרוועלקן.

VII.

ער האָט דעם אָנגריף אויסגעפורעמט אין געשמעלץ
פון ווײַ און מוט און ווינטיקע געוואָיען,
ער האָט אין אים פאַרקנאָטן זאָיעס קול דאָס העלס
און פון די אַכט און צוואָנציק ריזן די צוואה,
דאָס אַש פון חרובע פאַרברענטע שטעט,
דאָס בלוט ס׳פאַרגאָסענע אויף אַלע וועגן.
געקנאָטן האָט ער אים פון דעם קאַזבעק
ביז צו די באַלטישע פאַרשנייטע ברעגן.
קיין שטורעם־ווינט האָט ניט פאַרפירט זיין טראָט,
געהערשט זיין גייסט האָט הויך און אומגעוואַקלט,
געהויכט אויף אים אָן אויפגעוועקטע האָט
גאָר די פאַרגאַנגענהייט די טיפע ביז ספּאַרטאַקן,
און ס׳האָט די צוקונפט אויפגעחתמעט אים אַ נייע בלאַט,
און פעלקער, בענטשנדיק, געווינטשט האָבן דערפאָלג אים.
צוויי טויזנט יאָר האָט יעטווידער סאָלדאַט
פאַרטיידיקט ביי די ברענענדיקע ברעגן פון דער וואָלגע.

VIII.

מיט דער באַגייסטערונג פון שעפער ביים געבוי
האָט ער קיין מידקייט ניט געלאָזט דעם מוח זיינעם פילן,
ווי ס׳פילט קיין מידקייט ניט אין וואוקס דער בוים,
ווען, ברויזנדיק אין אים, די זאַפטן זיך צעשפּילן.
מיט מאָס און וואָג — אויף דורך און דורך —
צום איינס־אויף־איינס מיט דעם פאַרדאַרב איז ער געגענגען,
און ניט פאַרזען האָט ער די קראַפט פון דער נאַטור,
און אויך די חכמה פון דער צייט האָט ניט פאַרזען ער.
מיט פּינקטלעכקייט פאַרווענדעט האָט ער זי,
מיט לאַסטן אָנגעלאָדן אָן אַ שיער דאָרט!
דאָס לאַנד דאָס גאַנצע אויפגעלייגט אויף זיך;
געגורט מיט אייזערנע געזעצן פון געשיכטע,
איז ער געגאַנגען דורכדרינגלעך און גראַד,
זיך פאַרן גורל פונעם פאָלק צו זיין מנדר.
צוויי טויזנט יאָר האָט יעטווידער סאָלדאַט
פאַרטיידיקט ביי דער שוועל דער סטאַלינגראַדער.

IX.

פאַר גאָר דעם לאַנד אַ בליציקער פאַראַל,
אין יעדן האַרץ אַדורכגעדרונגען איז ער.
זיך אָנגעפילט מיט אים האָט יעדער פאָלק,
מיט אים זיך אָנגעזאַפּט האָט יעטווידע דיוויזיע,
מיט זיין אַנטשלאָסנקייט מיט שטאָלענער אין בליק
אויף טויט זיך שטעלן גראַד. געלויכטן האָט נדר:
קיין טראָט צוריק!
איצט מיט קיין זאַמד קיין איינציקער זיך ניט צעשיידן!
דער פעלדזן־ברעג פון וואָלגע — אין דער ברייט
האָט אויפגעשפּאַרט זיין שטיינעריקע טראַכט דאָרט,
אַיעדער שטיין צו שלאַכט געווען איז גרייט,
און יעדער זאַמד צו ווידערשטאַנד געווען איז פּאַרטיק,
ווי ס׳וואָלט באַוואוסט געווען אַליין דער ערד
ביז צו די טיפסטע אויפגעוועקטע תהומען,
אַז איר, דער ברענענדיקער, איז באַשערט
די דורות דורכלויכטן מיט סטאַלינס נאָמען!

X.

ער האָט דעם שטורעם גרויזאַם־שטיל געשפּינט,
אים אויסגעטראָטן האָט אין ברויזנדיקן ווי ער,
דעם צאָרן פונעם לאַנד געבראַכט האָט אים דער ווינט,
געקומען איז צו אים ס׳געביין פון די פאַרפייניקטע אַרמייער
מיט שטערנס אויסגעברענטע אויף דער הויט,
מיט אויסגעשטאָכענע פאַרשטרייכטע אויגן.
געקומען זיינען זיי, אַדורכגעלעכערטע פון שרויט,
מיט שטריק אויף העלדזער שלייפעדיק פאַרצויגן,
נאָר ניט אַרויסגעלאָזט די ביקסן פון די הענט
און ניט אַרויסגעלאָזט דעם צאָרן פון די הערצער.
— צו מערב! — האָבן שאָטנס גרויזאַם זיך געווענדט.
די וועלן טויטערהייט זיך נוקם פאַר דער ערד זיין!
עס האָבן קברים אויפגעהויבן זיך איבעראַנייס,
געמאָלדן האָט אין פלאַם אַליין זיך דער באַגינען —
ס׳זאָל זיך באַטייליקן אין שטורעם זייער גייסט,
ס׳זאָל זיך באַטייליקן אין שטורעם זייער שנאה!

XI.

די וויט האָט זיך פאַר אים געגעבן אַ צעפּראַל,
און ס׳האָט דער רוים פאַר אים זיך אויפגעריגלט.
געשמעלצט האָט ער דעם אָנגריף אין די דאָמנעס פון אוראַל
און אין די הערצער פון די אויסגעבענקטע קריגער.

דערגרייכט האָט ער דעם העכסטן גראַד
פון דראַנג און אָנגעגליטע דאָרשטן,
דער אָנגריף וועט זיך אָנהייבן ביי סטאַלינגראַד, —
זיך ענדיקן וועט ער ביי די בערלינער פאָרשטעט
און דורכלייגן אויף אַש פון פרייד אַ מאַגיסטראַל,
אַ מאַגיסטראַל פון זיג פון איין עק ביזן צווייטן...
געוואָרט דער גענעראַל האָט אויף דעם ערשטן קנאַל —
מיט שלאָף און רו שוין לאַנג זיך האָט צעשיידט ער.
— איר וועט זיך אפשר צולייגן אַ ווילע, — דורך דער טיר
האָט פון זעמליאַנקע זיך אַ פריינט צו אים געווענדעט.
— עס שלאָפט דער חבר סטאַלין ווייניקער פון מיר, —
האָט פון די ביינער זיינע דורכגעברומט אַן ענטפער.

IV

אויף מערב

1. אַ מתים־וועג

I.

אַ מתים־וועג צעשפּרייט איבערן טויטן טאָל איז
דורכ גרייזן סטעפּ, באַשאָטענעם מיט אַש,
ווי פאַרכישופטער פּאַראָם, באַלאָדן מיט חיילות,
פון וואַרגנדיקער שטילקייט איבערראַשט,
פון סטעפּ באַלאַגערט און פאַרזויגן,
און זיי געדענקען ניט, וואו ערגעץ אין דער וועלט מע איז...
זיי קוקן שטאַר מיט אָפענע ניט־זעעוודיקע אויגן
און שטרעקן ערגעץ די ניט־רירעוודיקע פיס,
די קעפּ פאַרנייגט און שרעקעוודיק־פאַרהויבן,
ווי אונטער וויטע דונערדיקע קלעפּ,
די שטילקייט זאָל זיי ניט פאַרטויבן,
צעפּלעטן זאָל זיי ניט דער סטעפּ...
ער שלאָפט, דער וועג. עס וועקט דאָרט דער בוריאַן אים,
עס שאַרכעט דורך דער ווינט מיט אַ געשטרייך:
איעדער מת — אַ שטיק פאַרזונקענע גערמאַניע,
איעדער מת — בראָכשטיק פונעם רייך!

II.

די שטאָט פון רום פאַרצוקן און צעטיילן,
מיט קעסל־פויקן, רויבזעק אָן אַ צאָל,
גלייך ווי געפּאַנצערטע געשפּענסטער פון די היילן,
באַזויפּענע מיט פייער און מיט שטאָל —
געגאַנגען אויף אַן אונטערהאַלט זיי זיינען,
געגומען אונטערפּירנס האָט ביי זיי דער טויט.
און בלוט, ווי ביר! קיין מאַנגל זאָל ניט זיין נאָר!
אין שעכטהייזער געגרייט זאָל זיין דאָס ברויט.
געאיילט זיי האָבן פריילעך זיך צום מאָלצייט,
מיט פּעסט מיט גיריקער, געגאַרטלט אין דער גרעב,
און ווי אויף מילשטיינער געגעבן אַ צעמאָל זיך
אין סאַמע מיט פון שיכורן געהעפּ,
אין סאַמע מיט פון צעפּלאָך פון הייסן,
אין סאַמע מיט פון הפקרדיקן קאָן.
און ס'ציט דער וועג זיך — אַ פּאַראָם פון מתים,
פאַרכישופט אויף סטעפּ פון וואָלגע ביז דעם דאָן.

III.

ער רירט זיך ניט. ער קאָן אין ערגעץ ניט דערשווימען.
אַ שאָטן פאַלט פון אים — דאָ לינקס, דאָ רעכטס,
און קראָען לאָזן זיך צו אים ווי פּיליגרימען
מיט אַזאַ יוסטן נחתדיקן קרעכץ.
אויף אים אַ נעפּל גלאַזיק אַנגעטאָן איז,
ער שווינדלט אין דער ווייט מיט אויפגעהאַקטע טרעפּ,
און ס׳וואַלגערן אויף אים זיך דייטשע באַטאַליאָנען,
צעוואָרפן — ווער וואוהין — די טויטע קעפּ,
מיט הענט מיט שוואַרצע אָנגעכאַפּט די פּוסטקייט
און מיילער אָפענע — פאַרשטאָפּט מיט קויט,
ווי גרינע יאַשטשערקעס, פאַרטריבענע קיין רוסלאַנד,
אַ לעצטן טרונק טאָן ביי די קאַרעטעס פון טויט.
ס׳פאַרטראָגט אַ ווינט פון ערגעץ זיי אַ בלאַט דאָרט,
און ס׳בלאָזט, פאַרביילויפנד, אַ צוויטער זי אַוועק,
דאָס זיינען זיי, די גרויס־גערמאַנישע סאָלדאַטן,
מיט קויט און בלוט ברוקירטע אויפן וועג.

IV.

זיי בייסן טויטערהייט די גרינע קאַסקעס
און קאָנען ניט אַראָפּשלינגען פון רויב דעם רום,
דערנעבן פאַנצערס, זשאַווערדיק־צעטראַסקעט,
פאַרקרימטע וואַלגערן זיך אום.
צי מיען זיי זיך טויטערהייט עפּעס דערמאָנען,
די מתים אויסמושטרירטע מיט דערשרעק?
אין מיילער וויגן זיך די שפּינען פון גערמאַניע,
און שאַרבנס קנייטשן זיך אויף גרינע רעק.
אַ מתים־צוג צום לעצטן קבֿרדיקן האָפן
מיט פאַנצער־בראָך מיט שטאָלענעם זיך רייסט:
נו, וויפל האָט איך אין פאַרדאַרבעניש באַשאָפן
דער שוואַרצער, דער פאַרניכטנדיקער גייסט
אויף אָפּגענאַרטן פאָלק, אויף די געשמידטע זיינע ביינער,
אין לאַנד, פאַרצויגענעם מיט שטריק פון שטאָל,
אַז אויסבעטן דעם סטעפּ זאָלט איר מיט זיך אַליין נאָר
ביים וואַלגער ברעג — דורך באַרג און טאָל?

V.

עס ברענט דער סטעפּ. עס קאָנען זיך די טויטע ניט פאַרטײַען.
די נאַכט פאַרהילט דאָרט זייער טויטע שאַנד.
נאָר ס׳רייסט פון זיי די דעק אַראָפּ דאָס פייער
און עפּנט ווי אַ דענקמאָל אויף זיי אויפן ראַנד.

פון דער תליהנישער גערמאַניע אַ דענקמאָל
צווישן דעם אַש און שטאָלן־בראָך זיך הויכט,
געקנאָטן גרויזאַם פונעם טויט מיט אַזאַ שטרענגקייט,
מיט טויטן גיר מיט אַ פאַרגליווערטן באַהויכט.
ס׳באַלויכט די ברענענדיקע שטאָט אים פון דער נאָענט,
און שאָטנס לייגן זיך פון אים אויף ווייט.
עס קומען צו די טויטע אויף אַ חיי־שעה די קראָען;
און ערגעץ, אָן אַ צוים, צעוויכערט און פאַרשייט
זיך טראָגט אַ פערד. ס׳גיט אַלע ווייל אַ דריי זיך,
און אין דערשרעק, ווי פאַר אַ צאַם, סע שטעלט זיך אָפּ.
עס רירט זיך ניט דער טויטער טאָל פון מתים,
אין קאַסקעס בלאַטיקע מיט קאָפּיטעס סע קלאַפּט;

VI.

ווער איז עס דאָ? ווער איז עס דאָ אין וועג פאַרזונקען?
עס קוקט פון ראַנד צו ראַנד זיך אום,
עס גלאַנצן אויף דעם שטאַרע אויגן דורך דעם טונקל
און מיילער פינצטערע, צעעפנט קרום,
ווי אָנטאָן צוימען זיי באַדאַרפט עס האָט דאָ
דער טויט, פון זיי אַליין פאַרשוועכט.
עס זוימט ביז העלדזער זיי פאַרדאַרטע בלאָטע,
ווי שוואַרצע דורכגעקוילט־קאַלטענוואַטע בערד,
די הענט געשטרעקט — אויף מער זיך ניט קיין ריר טאָן,
און איינס אויף אַנדערן — פאַרלייגט די קעפּ,
און איבער זיי — אַ נעפל פון נבלה פון געדיכטער,
און אונטער זיי — דער ברענענדיקער סטעפּ;
ווער איז? ווער איז דאָ און פונוואַנען?
און ס׳קלינגען קאַסקעס אָפּ אין קאָפּיטעס פאַרטרויט;
איעדער מת — אַ שטיק פאַשיסטישע גערמאַניע,
וואָס האָט אויף קעסט פאַרקנסט זיך ביי דעם טויט!

2. דער קרייז פאַרשליסט זיך

I.

און אין בערלין — אַ שיכט איבער אַ שיכט,
פאַרצויגן אין מונדירן בליציקע און גרינע,
האָט די טאַטאַלע שוץ די דייטשישע מאַרשירט,
די פיס געהויבן הויך, ווי אַלטע באַלערינעס.

די הינטנס, אָנגעשטאָפּט מיט גאווה פונעם רייך,
האָבן ניט צוטריטלעך אַרויסגעשטאַרצט — ניט צו געגענען,
און רונד, און שטאָלץ, און שאַרף אונטערגעשטרייכט
די אומבאַזיגבאַרקייט פון פיורערס געני.
די קעפּ — פאַרשרויפּט אויף אַקסל שטייף,
די אויגן, אונטער דאַשעקעס, ניט אָנגעזען זיך מער שוין.
און ס׳האָט דער פיורער הימלדיק באַגרייפט
דעם גייסט פון אַלגעוועלטיקייט און הערשאַפט.
ער האָט געציילט דעם טראָט, געשפּירט די הייך,
צי זעט מען אינדערלופטן אָן די קנעכל.
פאַראָרדנט ווענען — איינציען דעם בויך —
און איבער גאָר דעם לאַנד געגאָרגלט: — העכער!

II.

די קני, ווי בויגנס — פלינקער אונטערוואָרפט!
און בליציקער, געטאָקטער — נאָכאַנאַנד זיי!
איראָפּע זען די דייטשע פיס באַדאַרף!
ס׳באַדאַרף זיי זען די וועלט די גאַנצע!
גערמאַניע! די שעה איז נאָ׳נט,
ווען זייער דרוק דערפילן אויפן רוקן וועט זי! —
ער האָט ניט צוגעלאָזט ידיעות פונעם פראָנט
צו די בערלינער אויסמושטרירטע פלעצער. —
מיט די פאַרפלוכטע יודן גייט צו שלום!
זיי ווערן איבעראַל פאַרניכטעט! —
און ער פאַרשטאָפּט ביי הויכריידערס די גאָרגלען מיט דעם פוס,
ס׳זאָלן ידיעות פונעם פראָנט אים ניט פאַרריכטן.
נאָר זיי זיינען געגאַן — ניט אָפּגעווענדט און גראַד,
זיך אויפן פיורער אָנגעטאָן, ווי שוואַרצע וואָלקנס —
פון דער אַרומגערינגלטער אַרמיי ביי סטאַלינגראַד,
פון די פאַרניכטעטע דיוויזיעס ביי דער וואָלגע.

III.

דער אָנגריף שטייגט, פאַרפלייצנדיק אַרום,
ער ברעכט דעם ווידערשטאַנד און שמעטערט צאָמען,
עס טראָגט איבערן סטעפּ אים צאָרן, האַס און רום
און פלאַקערדיקער דאָרשט און הונגער נאָך נקמה.
אים שטעלט ניט אָפּ קיין פייער און קיין פראָסט,
און ניט קיין שטערונג איז דער טיפסטער שניי אים.
ער האָט זיך ווי אַ ים געגעבן אַ צעגאָס
מיט ברויז און דראַנג פון אָנגעגליטע ווייען.
ער שטייגט, דער אָנגריף, טאָג און נאַכט,

און פרייד גיט יעדער זאַלפּ זיינער אַ זאָג אָן:
ער וועט דיר, הענקער, מער אין ברענענדיקער שלאַכט
אין ערגעץ ניט דערלאָזן קיין הפסקה!
געיאָגט צו זיין פון גרוב צו גרוב,
פון בראָך צו בראָך איז דיר צולעצט געבליבן,
און זיך צעשיידן מיט דיין רויבערישן רום,
מיט מתים אויסטאַנצן דיין לעצטן פיבער!

IV.

איז מאָרדעווע און ראַנגל זיך, צרעת,
ביז ס'קאָן דיין גיר דיין ברוינער דיך נאָך פאָלגן.
געעפנט טויזנט אָפּגרונטן אויף דיר האָט דער קאַווקאַז,
דעם שלונג אויף דיר פאַרטייעט האָט די וואָלגע.
ניטאָ פאַר דיר קיין וועג פאָראויס,
דיין וועג צוריק איז אָפּגעשניטן!
עס רייסט אַיעדער באַרג זיך ווי אַ פויסט,
און וועלדער טשאַטעווען דיר אַלע טריט דאָ.
דאָ וועסטו אויסלאָדן דיין ברוינע הויט
און מיט דיין אומווירדיקן שאַרבן זיך צעשיידן.
אַ נעץ פון צאָרן און פון האַס דער טויט
אויף דיינע טלאָ אויף דיינע בלוטיקע פאַרשפּרייט דאָ,
אַז וואו דו וועסט זיך טאָן אַ קער
און וואו דו וועסט זיך טאָן אַ ווענדע,
וועט אונטער דיר זיך אויפשפּאַרן די ערד
און דיך פאַרשלינגען און פאַרלענדן.

V.

איז דריי און שליידער זיך פון עק צו עק,
באַזויפענער, פאַרדאַמטער קין!
אַראָפּגעריסן די טשאַלמע פון זיך האָט דער קאַזבעק,
ער וועט דיך, ווי מיט מילשטיינער, צעמאָלן און צעקייען.
דער אָנגריף שטייגט פון זוים צו זוים —
דיין גולם-שטאָל ברענט דורך אין זיינע דאָרשטן.
ס'שטייט צו אים צו אין וועג אַיעדער בוים,
אַיעדער קרעכץ, אַיעדער בראָכשטיק.
אין טרערן קינדערשע טונק איין צולעצט דאָס ברויט,
באַלעק צום לעצטן מאָל מיט בלוט זיך ווי מיט האָניק,
דעם גאָרגל קוועטש אַריין אין מעש פון די טראָמבאָנען
און שריי, און פויק, און ריטשע פאַרן טויט,
אַז דו ביסט גרויס, אַז קיינער קאָן דיך ניט דערגרייכן,
אַז הערשן און געוועלטיקן איז דיין באַרוף.

דעם חזיר דוכט זיך בלויז: ער גוואַלדיק הויך איז,
ווען אויף אַ באַרג אַ הויכן פויזעט ער אַרויף!

VI.

צו פרי האָסטו געגרייט דעם טיש פון רויב,
צו פרי האָט זיך צעשאַלט פון זיג דיין האָרן.
די פאָן פון שאַנד און בראַך פאַרהייב
און פראַווע זיך אַליין אַ פינצטערע הזכרה!
צעטיילט האָסטו די פעל פון בער צו פרי,
צו פרי צעוואַיעט האָבן זיך שאַקאַלן דיינע.
עס וועלן קברים זיין פאַר דיר די בערג פון קרים,
און טויטן־קרענץ — די וועלדער פון אוקראַינע!
ער שטייגט אַ גרויזאַמער, דער אַנגריף, גראַד
און בעט מיט מתים טאָל נאָך טאָל דאָרט.
ווּעסט זיך ניט צורירן צום אַש פון סטאַלינגראַד,
ווּעסט זיך ניט צורירן צום וואַסער פון דער וואָלגע!
איז מאָרדעווע, און ראַנגל זיך, און וואַי,
דער טויט האָט שוין די טריט דיינע גענומען ציילן.
עס וועלן חיות אַנשטאָפּן דיין בויך מיט שטרוי
און דיך אָוועקשטעלן — באַוואונדערן די היילן!

VII.

געניִשטערט האָבן דייטשן אויפן סטעפּ, ווי מייז,
געהריזעט איינער ביי דעם אַנדערן דעם גיר האָט,
און אין די בעכט געקראָכן ריטערלעך און דרייסט
דאָס בלוט דאָס נאָבעלע דערפרישן מיט פגירה
פון אַ צעפּאַלן פערד אינמיטן וועג.
וואָס האָט די ווידמענדיקע וועלעם דאָרט געהערט שוין.
געגאַנגען איז די סעודה מיט געשלעג —
פאַר נאָך אַ ביין אין דער חלוקה צו באַהערשן,
פאַר נאָך אַ שינד אין דעם צעטרייבערטן טראָפּיי,
פאַר נאָך אַ גראָב אין איינגעווייד די נעגל,
און ווער עס האָט דעם פּרצוף דאָרט געווייקט,
און ווער ווי נעבן אַ געליבטער איז געלעגן.
אויף דאָ פון יחוס האָט מען אויסגעהיט די מאָס —
ווער נעענטער זיך אַנגעקערט האָט צו די היילן,
נאָר פון דערשרעק אונטער אַ סווישטשענדיקן שאָס
האָבן זיך איינגעגראָבן אַלע גלייך אין דער נבלה.

VIII.

די אַנגערויבטע שמאַטעס אויף די קעפּ,
די בלאָטע אויף די חיהשע געזיכטן

אַרום דער פערדישער פּגירה אויפן סטעפּ
האָבן געווים זיי מלכותדיק באַצירט דאָרט.
זיי האָבן אפשר נאָך ס׳באַהערשן פון דער וועלט
געהאַלטן אין ענדגילטיקן באַטראַכטן...
וואָס נאָך האָט צו אַזאַ מין סעודה זיי געפעלט?
וואָס נאָך באשליסן האָבן זיי באַדאַרפט דען?
צי איז עס ניט געווען אַזאַ געהיימער ראָט —
אַן ליכט און אַן געטראַנקען —
וועגן דעם ערשטן דורכמאַרש איבער סטאַלינגראַד,
וואָס צוגעזאָגט מע האָט זיי נאָך אין פראַנקרייך?
דאָס לשון האָט פון די זיך אָפּגעטאָן, די שיין...
געגאַנגען אַ געוואָי פון זיי און אַ געהויל איז.
און אויסגעזעצן זיי האָבן פונקט ווי אין אַ שטייך
אונטער די ריפּן פונעם פערד אונטער די הוילע.

IX.

פון טאָג צו טאָג האָט אַרום זיי דער קרייז
אַלץ ענגער זיך פאַרצויגן און פאַרשלאָסן.
ביז לעצטער שפּענט איז אויסגעגאַן די שפּייז,
דער הונגער, הערשנדיק, האָט איינגעשטעלט אַ מאָס זיי.
צו די טראָפּיינע פאַדלעס האָבן דייטשן ניט דערלאָזט
פון די פאַרבינדעטע בראַדיאַגעס — ניט קיין איינעם.
געסווישטשעט האָט פאַרווילנדיק דער פראָסט
אין זייערע פאַרקילטע אויסגעהוילטע ביינער.
אונטער דעם שנײ — אין פּאַראַיאַריק גראָז
געשנאָרעט האָבן זיי, ווי וועלף, מיט אויגן ברענענד.
און אָפּגעביסן ביי פאָן־שפּעקן דאָרט די נאָז
האָט אין דער פינצטער אַ צעיושעטער רומענער,
ווען ס׳האָט אין אים אַ זאָט געטאָן זיין „רוימיש" בלוט
און דער פאַרשוועכטער כבוד פונעם וואָרעם.
אַ בערסאַליער געפרעסן האָט דעם פעדער פון זיין הוט
אונטער דער ווינטיק־וואָיענדיקער גלאָריע.

X.

ס׳איז גרינג צו אויפברעכן די טיר ב׳אַ פרידלעך הויז
און זיך מיט פרעמדער מי באַזויפן און באַפרעסן.
געחלומט האָבן זיי נאָך אַלץ, צעפוילטע שוין דורכאויס,
פון אָפּגערויבטע רוסישע פּאָסעסיעס.
וואָס מ׳האָט זיי צוגעזאָגט פאַר אויסקוילען אַ דאָרף,
וואָס מ׳האָט זיי צוגעזאָגט פאַר אַ אומברענגען אַ ישוב
אויף רוסלענדישער ערד, אי דאָ אי דאָרט,

פון לייכטע מאַרשן זיגרייכע פּרילישעט.
נאָר ס'האָט די גרוב זיך שוין געטאָן אויף זיי אַ מעסט,
דעם וועג צוריק פון זיי פאַרהוילן.
איעדן איינציקן האָט נאָכגעקוקט אַ מת,
פאַרפאָלגט האָט יעדן איינעם אַ בית־עולם...
געשלאָגן האָבן זיי אַצינד זיך מיט דער שרעק,
זי איז פון זיי קיין אויגנבליק ניט אָפּגעשטאַנען.
און ביי דער פאַדלע שוץ געזוכט אונטערן עק
האָבן די אומבאַזיגטע ריטער פון גערמאַניע.

XI.

פאַרבונדן האָט פאָן־שפּעק מיט אַ פאַטשיילע זיך די נאָז:
צי פרעסט די פאַדלע אים? צי בלויז אים דוכט זיך?
געקריצט מיט ציינער, ווי געפרעסן וואָלט ער גלאָז,
און זיך דערמאָנט, אַז היינט איז זיין געבורטס־טאָג.
ס'איז, דאַכט זיך, ניי־יאָר היינט ביינאַכט...
אַ וועלכעס יאָר? די ריפּן פונעם פערד — גלייך ווי אַ יאַלקע.
און אין דער היים, געוויס, מע וואַרט
אַ בריוו מיט גראַטולירונג פון דער וואָלגע...
ער איז היינט אַלט געוואָרן אַכט און צוואַנציק יאָר —
אַ טאָפּ געטאָן ער, כאַרכלענדיק, די נאָז האָט —
אַ טאָסט וואָלט ניט געשאַדט אויף זיין געבורטס־טאָג, יאָ,
פאַר זיין פּאָסעסיע דאָ, ביי דער נבלה — פּראָזיט!
געקנאַקט די זאַווערוכע האָט אין סטעפּ,
געבושעוועט מיט ברעכנדיקער גבורה.
פון מויל האָט זיך אים בלוט אַ פּאָסיקל געשלעפּט:
אַ טאָסט צום ניי־יאָר פאַר דעם פיורער!

3. די סטאַלינגראַדער זאַווערוכע

I.

און ווערסט נאָך ווערסט, און מייל נאָך מייל,
דורך בראָך, דורך פייער און דורך שנייען —
אַנטקעגן איינס דעם אַנדערן האָבן געאיילט
פאַראייניקן זיך צוויי סאָוועטישע אַרמייען.
פון סאַלסקער פליין און פונעם דאָנער סטעפּ,
ווי שטראָמען לאָווע זיך געטראָגן האָבן פאָלקן
מיט מוט, און וואוט, און בליציקן געשטעפּ
דעם פיינט, ווי אין אַ שטייג, פאַרשליסן ביי דער וואָלגע.

אין אַ צעוואָרפּענעם פאַרקלאָמערדיקן זאַק,
געשטריקט מיט פלאָם פון רויטאַרמייערישע שפּיזן,
אַ טרישטש געטאָן האָבן מיט האַק און פּאַק
די צוויי און צוואַנציק דייטשישע דיוויזיעס.
דער שניי איז אויפגעגאַן מיט צויבער און מיט בלי,
געטראָגן האָט זיך די אַרמיי, פאַרכישופט פון בוראַנען.
און יעדער טראָט האָט אָפּגעקלונגען אין בערלין
מיט אומפאַרמיידלעכן געריכט איבער גערמאַניע.

II.

פון בערג צו ימען האָט געהילכט דער רעש
פון אויפגעפּענטעטער, באַהויכטער גבורה.
איעדער שטויב פון סטאַלינגראַדער אַש
זיך אויפגעהויבן אין דער הייך צושטייער האָט דעם שטורעם
מיט אַלע נײַנציק פלאַמיקע מעת־לעת,
מיט אַלע נײַנציק נעכט פון הוילע קאַנאַנאַדן
ס'איז ביי דער וואָלגע ניט געשען קיין נס,
אַרײַנגערעכנט אַלץ געווען דעם שטורעם איז אין נדן:
געשלעג פון דורות פאַר דער פריי,
אַדורכגעלייטערטער אין שלאַכטיקע קאַיאָרן,
וואָס ווערט אין אָפּשטאַמען אַנטפּלעקט פונסניי
דורך דעם סאָוועטישן פּאַרזיי — פאַר פינף און צוואַנציק יאָרן.
די אויסגעפּרוואוטע קראַפט פון רוסלענדישן גבר,
דער הויכער גייסט און שטאָלץ פון רויטאַרמייאיש חייל,
וואָס אונטערטעניקט האָט דעם טויט און די געפאַר,
די פריקהייט טראָגנדיק אויף שווערד געטרייער.

III.

אַרײַנגערעכנט איז געווען דער אמת פון אַ פאָלק,
וואָס האָט געריסן קייטן אומגעוואָקלט,
וואָס האָט די לענדן אָנגעגורט מיט שטאָל
און שניידט די פינצטערניש מיט אַ פאַרבלענדנדיקן פאַקל;
און די גערעכטיקייט און חכמה פון אַ דור,
וואָס שמעלצן ברודערשאַפט פון פעלקער זיין באַרוף איז
און דורכלייגן אַ וועג — באַהויכט און קלאָר,
צו באַרג־שפּיצן פון נייע תקופות.
באַרעכנט אַלץ דאָס איז געווען אין שלאַפלאָזיקע נעכט
אונטער די הויכע קופּאָלן פון קרעמל,
אַז אַט דער שטורעם דער געבענטשטער אויף געפּעכט
זאָל מיט אָפּצווענגעס ריזיקע דעם קאָפּ ביים פיינט פאַרקלעמען!
אונטערגעשטעלט האָט זיך די וואָלגע נאָך פאַרפּריי'ר,
ס'זאָל ווי נ'אַ שפּיגל אים זיך אויסדוכטן די רויב געכפּלט.

אַ טרייב טאָן זאָל אין אָפּגרונט אים זיין גיר —
אויף צו באַפרעסן זיך מיט נאָך אַמאָל אַזוי פיל!

IV.

איעדער טראָט דערנע׳נטערט האָט די שעה,
וואָס איבערטראָגן וועט זי שווער פאַר פרייד זיין.
און אונטער ווייטן שטערנדיקן שאָרך
געשטראָמט דורך אַלע זייטן האָט פון חייל אַ פאַרפלייצונג.
געווען די קאָמאַנדירן זיינען שוואַרץ פון רויך,
די אויגן — אויפגעהיצט, די ליפּן — אַשיק.
אַרויפגעקלעטערט האָט סאַדאָווסקי אויף אַ בערגל אין דער הייך,
מיט שניי דאָס פּנים און די הענט זיך איינגעוואַשן.
געאיילט האָבן די ווינטן אים אין וועג,
נאָר שטיין אַזוי האָט זיך אַביסל אים געוואָלט דאָ:
ס'איז אים געווען אַ שאָד זיך שיידן מיטן ברעג,
ס'איז אים געווען אַ שאָד זיך שיידן מיט דער וואָלגע.
זי גייט ניט נאָר אַדורך איצט דורכן לאַנד,
נאָר דורך זיין האַרץ, פּונקט ווי דאָס סאַמע נאָ׳נטע;
געקוקט אויף איר פאַרווינטיקט האָט ער לאַנג
און ניט באַמערקט, ווי ס'האָט גור־אריה זיך געטאָן לעם אים אַ פּלאָנטער.

V.

זיך צוגעלייגט איינס צו דעם צווייטן האָבן שטיקער אייז,
געשטופּלטע און דורכגעלעכערטע פון קוילן.
עס וועט זיי קיינער מער ניט געבן אַ צערייס,
אויסער די פרילינגדיקע ווינטעלעך, די וואַרעמע און הוילע.
אַריינגעדרעמלט האָט די וואָלגע אין דער צייט,
ווי אַ מגילה אויף איר קרירערדיקער פלאַך־שויס.
און אייז־באַשלאָגענע, איבערגעקערטע אויף אַ זייט,
האָבן אַראָפּגעקוקט אין גרונט די נעזער פון די באַרזשעס.
אַ הוט געשוואומען האָט נאָך וואו־ניט־וואו,
אין אַ פאַרטרונקענעם פאַראַם אַריינגעפּרווירן האָט אַ פּאַטראָנטאַש זיך.
שוין ווייט געווען פון דער וואָלגעס גבול
זיינען די אָפּגעדונערטע און גיהינומדיקע רעשן.
און אַלץ האָט אַזאַ שטילקייט איינגעזומען מיט דער קעלט,
און מיט דער רו געהאַלטן האָבן כוואַליעס זיך אין טיילן,
ווי זיך געגרייט ס'וואָלט יעדער בראָכשטיק פאַר דער וועלט
וועגן די שלאַכטן אין יאָרהונדערטן דערציילן..

VI.

— איר מעסט די וואָלגער ברייט? די גרייס פון לאַנד
באַוואונדערט איר? — האָט זיך גור־אריה אים אַ וויז געגעבן.

און רייבנדיק, מיט שניי אַ האַנט זיך אין אַ האַנט,
האָט מיטן קאָפּ סאַדאָווסקי הין און צ'ריק אַ דריי געגעבן:
— ניט נאָר אין רוים איז רוסלאַנדס גרויס,
ניט אין דער וואָלגע, כאָטש דעם דייטש מ'האָט דאָ אַרויסגעלאָזט די פּאַרע,
ווי אויך ניט אין דער פעסטונג סטאַלינגראַד. ס'ווייזט אויס,
אין פאָלק, מיין טייערער, מיט יענוועלטיקער פריינט, גור־אריה. —
געלייגט דער שניי האָט אויפן אַש זיך ווי אַ שפּרוך,
און ס'האָט אַ שטערן־שיין אינמיטן העלן טאָג געהערשט דאָרט. —
כ'מעסט דעם מהלך אויס, וואָס רוסלאַנד איז אַדורך
בלויז פאַר די פינף און צוואנציק יאָר די ערשטע.
דאָס איז געווען דער אויספּרואוו פון דער צייט,
דער לעצטער און אַנטשיידענער פאַר דורות אויפגעוואַקסטע:
ווי ווייט ס'איז רייף, באַשטימענדיק ווי ווייט
ס'איז רוסלאַנדס אמת, דער געלייטערטער אין שלאַכטן.

VII.

אַזוי־אַ ווי ער איז — נאָך אונטערוועגס,
נאָך האַלטנדיק אינמיטן פון געבוירן ווערן,
מיט זיין אַנטפּלעקטס, מיט זיין נאָך ניט אַנטפּלעקטס
און מיט דער לאַסט פונעם פאַרגאַנגענעם דעם שווערן —
דערטראָגן וועלן מיר, גור־אריה, אים אַזוי דער וועלט!
ניט אויף קיין טאַצן גאָלדענע מיט קלימפּערדיקע רייפן,
נאָר אין אַ פּראָסטן, אַ סאָלדאַטישן שינעל
מיט אָפּגעברענטע הענט פון סטאַלינגראַדער שריפה,
פאַרווינטיקט דאָס געזיכט, פאַרווינטיקט און פאַרגרעבט,
וועלן מיר גיין — האַרטנעקיקע און יונגע —
פונדאַנען, פון דעם אַש, פון דעם פאַרטויבטן סטעפּ,
און אָפּגעפרוירענע פון סטאַלינגראַדער וויוגע,
געוואַשן אָט אַזוי דאָס פּנים זיך מיט שניי
און דורכגעבראָכן טויזנטקילאָמעטערדיקע שטרעקעס.
מירן דעם אמת ברענגען, ניט־געראָפּענע, אַליין,
און אים פון האַרץ פון גאַנצן טאָן דער וועלט אַ שטרעק אויס:

VIII.

אָט איז ער, אָט, ניט אין קיין פּאַסטעלעס מיט אומעטיקן טראָט,
ניט מיט קיין טאָרבע אויפן רוקן ביז דער ערד געבויגן,
און ניט די אויסגעשטייערטקייט פון גאָטס גענאָד,
ניט בלויז געריש פון וואַלד, ניט בלויז געזאַנג פון פייגל,
מיט טרוים און יונג־־פרויאישן צניעות־חן באַהויכט,
אַריינגערכנט איז אין אָרעם־אומעטיקן נדן —
אַ שטאָלצער אָדלער פון דער שטערנדיקער הייך,
געשטאָלט מיט דונערדיק געזאַנג פון באַריקאַדן!

זיין פּאַנצער איז געשמאָלצן אין דעם באַרגיקן אוראַל
און איינקרוסטירט מיט פעלקער־שטעמפּלדיקע נעמען.
פון זיינע אויגן — שאַרפע דורכזיכטיקייט שטראַלט,
און אויף זיין קאָפּ — אַ בליאַסקענדיקער שטערן פונעם קרעמל.
ער איז אַנטשטאַנען אין יאָרהונדערטן פון שטרייט,
געבענטשט פון שטיבלעך אָרעמע קעגן פּאַלאַצן און באַטריגער,
און איז אַדורך אונטער די שפּיצרוטן פון צייט
מיט אויפגעהויבענע, מיט אויסגעשפּרייטע פליגל!

IX.

אין שטורעמדיקן אויפשטייג — אויף און אָפּ,
דעם חושך ברעכנדיק פון נעכט פון וויסטע,
איז ער אַדורכגעגאַן דורך ראַזינס אָפּגעהאַקטן קאָפּ
און דורך געקעפּטע טרוימען פון די דעקאַבריסטן.
נאָר ביט געמינערט ווערט אַ ים, ווען עס צעקלאַפּט אַ וועל
זיך אָן אַ פעלדז, צום ברעג געגענענד.
אין לייד און ליכט אַן אָנגעזאַפּטער פון דער וועלט,
האָט ער דער וועלט אַנטפּלעקט זיך אין געשטאַלט פון לענין!
אַצינד, פון אָט דעם ברעג וועט ער זיך מעלדן פונדאָסניי,
ס'וועט יעדער בראָכשטיק, ווי אַן אות פון מאַניפעסט, זיך כוואַליען,
וואָס רוסלאַנד בלוטיק אָנגעשריבן האָט געטריי
פאַר דורות מיט דער פּירנדיקער האַנט פון סטאַלין!
ס'איז גוט, — געגעבן צו גור־אריהן האָט סאַדאָווסקי זיך אַ דריי, —
זיך איינוואַשן אַזוי דאָס פּנים און די הענט מיט שנייען,
דערצו אַ בריוול כאָטש אַ קליינס באַקומען פון דער היים
מיט אַ פּאָר ביימעלעך, וואָס אויסגעמאָלט האָט וואָראָביי אים...

X.

דאָס האַרץ — באַהאָפטן מיט דעם ווייטן רעש,
דעם בליק באַטרינקענדיק מיט די פאַרשנייטע וועגן,
געזעגנט האָבן זיי זיך מיט דעם אַש
און מיט דער וואָלגעס איינגעוויגטע ברעגן.
אין אָט דעם אַש זיך אָנגעהויבן האָט גערמאַניעס סוף
און אָנגעצייכנט האָט צום אָפּגרונט זיך דער וועג אים.
אַ ריס האָבן די קייטן זיך געגעבן פון ראָסטאָוו,
אַרויסגעגאַן איז פון געפענקעניש דער שטילער דאָן אַנטקעגן.
געטראָגן האָט זיך, ווי אַ ווייסער שקוואַל,
די מעכטיקע די סטאַלינגראַדער וויוגע.
אונטער דעם גרויזאַם־זיגרייכן געשאַל
זיינען די באַרמעס פון דער צייט שוין ניט געווען גענוג איר.
דער שניי איז אויפגעגאַן מיט צויבער און מיט בלי,

געטראָגן האָט זיך די אַרמיי, פּאַרכישופט פון בוראַנען.
און יעדער טראָט האָט אָפּגעקלונגען אין בערלין
מיט אומפאַרמיידלעכן געריכט איבער גערמאַניע.

4. פאָן־קאַולוסעס לעצטער פיבער

I.

די סעודה איז געגאַן, ווי אַ געהיימער ראַט
פון אויסגעדייוועטע שאַקאַלן אין פּאַטשיילעס.
געטוליעט ציטערדיק האָט קאַט זיך שטיל צו קאַט,
און אַלע — אַקוראַט, באַנאַנד צו דער נבלה.
פאַרשלעפּערט האָט זיי אַלעמען דער ניי־יאָריקער פראָסט,
געגאַנגען איבער זיי פון שניי אַ ווייס געוועב איז.
דאָס איז געווען דער בלענדיקער אַפּאָטעאָז
פון דייטשלאַנדס דראַנג אויף סטאַלינגראַדער סטעפּעס.
— פאַרוואָס האָט מען זיך אָפּגעזאָגט אַוועקלייגן ס׳געווער ? —
געוואָיעט האָט פאָן־שפּעק, געמאָרדעוועט זיך האָט ער, —
ווען ס׳לייגט אַ פראָסט געפּגרט פערד
אַוועק אויף דר׳ערד אַ גרויס־גערמאַניעדיקע ראַטע ? —
דאָס מויל — מיט אַ שטיק פאַדלע אָנגעשטאָפּט,
געפּאָרעט האָט ער זיך אין פערדישע פּאַרפוילטע אינגעווייַדן. —
איך וואָלט דעם פיורער פאַר אַן אָנדענק אָפּגעשיקט דעם קאָפּ,
פאָן־קאַולוסן פּרעזענטירט וואָלט איך דעם ווידל !

II.

פאָן־קאַולוס געזעסן איז אין ערד־שטיבל פאַרטראַכט,
אויף זיין געזיכט האָט דורכגעשפּאַרט די גרינע גאַל אים.
אים האָט ביז גרויל זיך אויסדריקלעך געדאַכט,
אַז ס׳רייסן אָפּ פון אים אַליין זיך די רעגאַליען
אינאיינעם מיט דעם רום פון מאָרד און גיר,
אינאיינעם מיט די צווי און צוואַנציק רויבערשע דיוויזיעס.
זיי רייסן זיך ווי דורך אַן אויפגעשפּאַרטער טיר,
וואָס ער מיט גאָרנישט ניט אימשטאַנד איז צו פאַרשליסן.
צי אָנגעגריפן האָט ער דאָ ? צי אים אַהער פאַרנאַרט מע האָט ?
אַ שטרעקע הינטער אים האָט, אַ דערשטיקטע, זיך געצויגן,
און מיטאַמאָל, צום שלוס, ביים לעצטן טראָט,
האָבן ביז גרויל זיך אויפגעעפנט זיינע אויגן...
ער איז געזעסן איינגעבויגן ביז דער ערד,
צו זיין געהער איז ניט דערגאַן פון בליי דער האָגל,

און ניט דעם קלונג פון זיינע ציילעמער האָט ער געהערט —
אַ שטים פון ערגעץ ווייט האָט זיך צו אים געטראָגן:

III.

וואָס זיצסטו דאָ? גערמאַניע וואַרט דיך אָפּ!
וואָס האַלטסטו אין דער האַנט אַ ביין אַנשטאָט אַ סצעפּטער?
און וואָס עפּעס אַ שאַל אַ ווייבערשע פאַרדעקט דיין קאָפּ?
וואו איז די קרוין די גאָלדענע פון וועלט געקעפּטער?
גערמאַניע וואַרט אויף דיר מיט אומגעדולד,
מע דאַרף דיך דאָרט! אַן אַנפּלי איז געוועזן אויף עסען!
דער פיורער איז דאָרט אויסער זיך. ער איז שוין דול.
וואָס ביסטו אַזוי לאַנג זיך דאָ פאַרזעסן?
עס פאַלט פון טאָג צו טאָג די פּרייז אויף בלוט,
דער פיורער יאָגט זיך אום פון לאַנד צו לאַנד משוגע,
כאָטש ס'גייען די געשעפטן נאָך דערווייל אים גוט:
מיט מתים שלעפּן איבער גרענעצן זיך צוגן,
פון ראָטערדאַם קיין לאָדזש און פון אַנטווערפּען קיין לובלין,
אויף דעם אימפּעריישן יאריד פון קנעכט און שחיטה,
און פייערונגען — פון באַגין ביז צו באַגין,
מיט שייטערס פאַר דעם רום פון רייך פון דריטן...

IV.

פּאַריז האָט איין מינוט באַקומען אויף אַ קלער,
אין פּוילן פּולשטענדיק שוין בליט די נייע אָרד'נונג,
דאָרט גייט שוין דורך, געפּאַסט און רעגולער,
די ריניקונג פון בלוט דורך אויסראָט און דורך מאָרדן.
וואָס פרעסטו אויף די ביינער פונעם פערד?
דער פיורער רעזערווירט זיי פאַר בערלין אויף ניי־יאָר!
וואָס שלאָפן טאַנקען אויף די רויפּן אַזוי שווער?
ווער האָט זיי איינגעגעבן שלאָף־געטראַנק צושטייער?
און ס'וואַרט גערמאַניע אין מדבר שוין אויף דיר.
דו האָסט ביים ניל צו ניי־יאָר זיין באַדאַרפט שוין.
עס וואַרט אויף דיר אַ קיניגלעכער קעמל אין קאַיר,
עס וואַרט אויף דיר דער ריטערלעכער טיטל פון פעלדמאַרשאַל,
איז וואָס פאַרהאַלטסטו זיך ביים וואָלגער ראַנד?
וואָס רוימט עפּעס אַריין דער וואָלגער ווינט דיר?
ווי ווייט איז דען פונדאַנען ביז איראַן?
ווי ווייט איז דען פון דאָרט קיין אינדיע?

V.

ער ווייסט, ווי ווייט עס איז ביז אינדיע, אַקוראַט,
און ביז איראַן, און ביז צו לענדער אַלע —

ער ווייסט נאָר ניט, ווי ווייט עס איז ביז סטאַלינגראַד.
געקוקט האָט ער אויף זייִנע אבלדיק־פֿאַרבראָכענע רעגאַליען:
וואָס פֿאַר אַ ווערט האָבן זיי איצט געהאָט
קעגן אַ ביין פֿון אַ פֿאַרפֿרוירענער פּגירה,
אַזאַ, וואָס הריזעט איצט דער דייטשישער סאָלדאַט,
אַזאַ, צו וועלכער ס׳ציט אַליין שוין איצט דער גיר אים?
און ביי דעם לעצטן שווינדלדיקן פּאָס
געראַנגלט האָבן לעצטע אויסזיכטן אין אים זיך:
וואָס פֿאַר אַ ווערט געהאָט האָט דייטשלאַנדס הערשונג־משוגעת
קעגן אַ טאָפּ מיט ווערעמדיקע ליגדזן?
די וואָגשאַלן געשווינדלט האָבן אויף און אָפּ,
עס איז אים פֿאַרגעשטאַנען בליץ־שנעל אויסצואווילן:
אַריינלאָזן אַ קויל בכבוד זיך אין קאָפּ,
אָדער זיך לאָזן נאָך אַ חלק רויב ביי דער נבֿלה?!...

VI.

און אונטערטעניק אויסגעשטרעקט האָט ער די האַנט —
דאָס לעבן זאָל מען אים, ווי אַ נדבה, שענקען...
ס׳איז אים זיין פֿויזען אויף די קני קיין וואונדער ניט געווען,
דעם אויבערמענטש, דעם הערשער און דעם הענקער,
וואָס איז געגאַנגען שטעלן אויף די קני די וועלט,
וואָס איז געגאַן די ערד אין בלוט פֿאַרטרענקען.
ס׳איז אים זיין פֿויזען אויף די קני קיין חרפּה ניט געווען,
דעם אויבערמענטש, דעם הערשער און דעם הענקער,
דאָס איז געוועזן זיין באַרוף, געניי און אַקוראַט,
געבליבן זיין אַנטפּלעקונג איז געטריי אים:
אַריינגעגאַן איז ער קיין סטאַלינגראַד,
ווי ס׳גייט אין שטייג אַריין אַ חיה...
קיין דריטן אויסוועג האָט ער ניט געהאַט,
די חרפּה, ווי אַ ראַנג, האָט אָנגעטאָן די וואָר אים.
פֿאַרראָטן האָט די ווירדע אים פֿון אַ סאָלדאַט,
געטריי איז אים דער גיר געבליבן פֿון אַ וואָרעם...

5. געגנטן וואַכן אויף

I.

דער שטורעם אויסגעמישט דעם טאָג האָט מיט דער נאַכט.
דאָס פֿייער האָט געבושעוועט מיט אורקראַפֿט פֿון אַ מבול.
ניט איינגעשטילט האָט, ווי די וויוגע, זיך די שלאַכט

איבער די שאַרבנס פון די אָפּגעקילטע שוואָבן,
דעם לעצטן טראַנץ אַרויסגעקלאַפּט פון זיי,
דעם לעצטן „בליץ״ — מיט דונערן מיט הייסע און געפּרעסטע.
געלעגן זיינען ווייטן טיף אין שניי,
עס האָבן מיט הרחבה אויסגעשטאַט די פרעסט זיי.
אין שניי־ווייסע כאַלאַטן האָט געשטיגן די אַרמיי,
זיי נאָכגעפאָלגט האָט ברייט און מלכותדיק די וויוגע.
געדוכט האָט זיך: ס'לויפט אויס, פאַרזידנדיק, דער שניי,
און ס'איז שוין באַלד די וועלט די גאַרע ניט גענוג אים.
געדוכט האָט זיך: אין אָנגריף גייט די גאַרע ערד,
אָן אָנגעפּעלצטע הויך מיט שניי און כמאַרע.
גור־אריה האָט דעם אומקום פון גערמאַניע געהערט,
מער גאַרנישט ניט געהערט האָט, שטייגנדיק, גור־אריה.

II.

און אָט דעם אומקום טראָגט סאַדאָווסקי איר, און דראָזד,
און טויזנטער ווי זיי, אין שניי, מיט זיי צוזאַמען.
אַ טאַטע קער אים איצטער אָן אַן אייגענער דער פראָסט,
און ס'קער די וויוגע אים ביז בלוט איצט אָן אַ מאַמע!
ס'איז גוט, וואָס ביזן האַלדז ער גייט אין שניי,
און פאַלט אויף אים, און קער אַן אייגענער אים אָן זיך,
באַגלייך מיט דעם אומצאָליקן צעזיי
פון די חיילות, אָפּגעוויינטיקט און פאַרבראַנזעט.
עס לייגט אויף אים דער שניי זיך, ווי אַ גוטער זאַלב,
ער לייגט אויף אים זיך, ווי אַ גוטער צוזאָג;
די ווייט שליסט אויף איעדער דונערדיקער זאַלפּ
מיט אַ פאַראַד פון ברויזנדיק־צעשפּאַרטע שליוזן.
געלייגט צופוסנס האָט אַ צאַם זיך נאָך אַ צאַם.
ס'וועט אפשר גיך זיין היים גור־אריה אונטער זיי דערקאָנען?!
נאָר אויפגעהויבן האָט דער אָנגריף אים, ווי כוואַליעס פון אַ ים,
וואו ניט צו זען קיין סוף איז און קיין אָנהייב.

III.

געריסן פון געפאַנגשאַפט האָט אַ קאַנט זיך נאָך אַ קאַנט,
און שטעט געשמידטע — איינע נאָך דער צווייטער.
איעדע איינע האָט גור־אריהן אין זיין בראָך דערמאָנט,
אין יעטווידער פון זיי געוועזן באַגראָבן איז זיין ווייטעק.
פאַרהאַלטן לאַנג האָט אין זיין בליק זיך יעדע שטאָט
און אויסגעמישט מיט ביטערקייט זיין פיבערדיקע פרייד אים.
באַגעגנט האָט ער וואו אַ קבר־ריוו, נאָרוואָס פונעם פאַרשאָט,
און וואור־ניט־וואו — אַ לעבעדיקן עדות...

אַזאַ, ווי ער אַליין געווען איז ערשט ניט לאַנג,
פון יענער וועלט אָדער פון אונטער אַ רואינע.
נאָר דער באַפֿליגלט־אימפּעטדיקער גאַנג
האָט אים מיט רעגנבויגנס בלענדיקע פאַרכלינעט.
סך־הכּל אַנדערהאַלב יאָר זיינען פאַרביי,
זינט פון דער גרוב איז ער אַרויס, פון די געקעפּטע רייען.
און אַ צעוואַקס האָט פריידגעטאָן זיך אויף זיין פּיין.
נאָר אפשר בלויז פאַרדעקט זי אים, ווי עס פאַרדעקט דער שניי אים?

IV.

אַ הילכיקע, אַן אויפגעריכטע גייט
אַנטקעגן אים מיט שניי, ווי ליכט, די וועלט די גאַרע,
נאָר ס'איז אים שווער זיך צו באַטרינקען מיט דער פרייד:
עס לאָזט אים ניט פון איר געניסן דער זכרון.
צעיאַטערן אים ווילט זיך אַלע ווייל דעם ווי,
ביי יעדן שאָס זאָל פאַר די אויגן שטיין אים,
ניט לאָזנדיק פאַרשיטן זיך פון שניי,
זיין היים, זיין שטאָט — פאַרוואַנדלטע אין שטיינער...
די ערד, וואָס וויגט זיך ביז אַצינד
פון לעבעדיק־באַגראַבענע, פאַרשטאָפּטע אין די ריזון, —
אַהין, צו זיי גיט יעדע ווילע אים אַ ציי,
און עפּעס אין די אויגן גיט ביי אים אַ גליווער...
נאָר גלייך פאַרשיכורט אים פון אויפגעפלי דער רעש,
און ס'גיט אים אַ פאַרשוועבק פון שטורעם־ווינט אַ כוואַליע.
אַזוי אַ שליידערט עס אים צווישן בלענד און אַש,
און יעדע וויילרופט אויף אַ פריידיקער געשאַל אים.

V.

עס שטייען אויף די דערפּעלעך דערשראָקן־בלאַס
און שטרעקן אומזיכער נאָך אויס אויף וויט די וועגן.
אָט הייבט שוין דאָס פאַררייכערטע געזיכט אויף דער דאַנבאַס,
אָט שיקט אוקראַינע שוין אַרויס די ווינטמילן אַנטקעגן.
זיי קוקן זיך נאָך אום, פונוואַנען גייט דער ווינט,
און טאַפּן ציטערדיק די לופט נאָך מיט די פליגל.
פון אַנגריף איז דער ווינט! פאַרזוכט אים, ווינטמילן, געשווינד!
און ווייטער גיבן רוימען פונדאַסניי זיך אַ צעזיגל.
באַגלייט גור־אריהן אומעטום האָט אַ געדאַנק:
ביז צו זיין היים, וואָס איז ניטאָ, געבליבן איז נאָך וויפל?
וואָס העכער אויפגעטראָגן האָט ער זיך אין גאַנג,
אַלץ האָט דער אָפּגרונט פון זיין אומגליק אַנגעזען זיך טיפער.
דערווייל דערטרינקט ער אין די שלאַכטן אים, דעם ווי,

דערווייל איז ער זיך מיט די קריץ־ווינטן מפלפל,
און לינדערט זיך דאָס האַרץ מיט פלאַמיקן זאַווי,
און לינדערט זיך דאָס האַרץ מיט די פּאַרטויבנדיקע זאַלפּן.

VI.

ווען אויפדעקן וועט זיך אין גאָרן גרויל
דער טויזנטשטעלדיקער באַבי־יאַר אים,
וואו ס'טראַגט אַרום זיך פון הרוגים אַ געהויל,
איז וואָס וועט דאָרט ער מיט זיין לעבן טאָן, גור־אריה?
ניט זען צומאַל, ווי ס'גייט זיין כלה פון דער גרוב אַרויס
און טאַנצט תחית־המתימדיק פאַר די הרוגים,
ווי ס'דאַכט זיך, צייטנווייז, אים אויס,
ווען סע צעבושעוועט זיך אויפן סטעפּ די ווינגע?
און פונעם הימל ביז דער ערד מיט שניי זי פּלעט
און כישופט אים, און פון די שפּיזן — אַ געבליאַסק איז,
ווען איבער שאַרבנס דייטשישע ער טרעט,
און אים באַטרינקען מיט מוזיק זייערע שפּרינגענדיקע קאַסקעס,
צי זאָל ער אויסמיידן די שוועל פון זיין פאַרברענטער היים
און מיט די קברים זיך געזעגענען פונוויטן,
און אָנקומען צוריק צו זיך אינעם מוזיי,
ווי פאַר דעם קריג, אין די אַמאָליקע, די גוטע צייטן:

VII.

צונויפקלייבן די רעשטלעך פונעם בראָך,
אַן איינזאַמער דאָרט צווישן זיי אַרומגיין,
דעם שטויב אַרומווישן זיי אַלע וואָך
און אָפּהיטן דעם זכר פונעם אומגליק,
און איבערדעקן זיי מיט שטיקלעך צייג,
פּונקט ווי מע דעקט אַ שפּיגל איבער ביי אַן אבל?!
נו, יאָ! אויף דעם וועט אים נאָך קלעקן צייט,
דערווייל, דערווייל — אָ, בלייבן נאָך דערווייל ער דאָ וויל!
דער גסיסה־קוויטש פון דייטש דאָ, אויפן שניי —
דאָס איז זיין שכר! נאָר הערן בלויז איז ניט גענוג אים —
פון גאָרגלען רייסן אים ביי יעטווידן פון זיי
אין דער צעבושעוועטער סטאַלינגראַדער ווינגע!
אַזוי דאַרף זיין איבער גערמאַניע דאָס געריכט —
אויף אירע שאַרבנס, איבער סטעפּעס רוסישע, צעזייטע.
אויף די נאַטור אַליין אַרויס איז קעגן איר
צוריקשטעלן פון דער געשענדטער וועלט דעם סדר!

6. די סעודה אַרום אַ פערדישער פּגירה

I.

פאַן־שפּעקן האָט געפּאַטשט אַ גאַנצע נאַכט דער ווינט,
באַזאַלצן האָט דער שניי זיין ניי־יאָריקע סעודה.
ס׳גיט אַלע וויל אַ קויל די פינצטערניש אַ שינד,
און זיך דערמאָנט האָט ער אין זיין גערטרודע.
אַ גוט זיך ביי דער וואַלגע אָפּגעשפּאַרט האָט ער
אונטער די אויסגענאַגטע ריפּן פון דער פּאַדלע...
ער וועט אַרויסרופן גערטרודען דורך דער פּאָסט אַהער,
זאָל זי די לאָקן קומען ביי דער וואָלגע זיך צעפּאַטלען,
אָט דאָ וועלן זיי נעמען שליוב,
אַהיים ער קלייבט ניט אומקערן זיך מער שוין...
אונטער אַ וויסן באַלדאַכין איז דאָ פאַרגרייט אַ גרוב,
איז קומען זאָל זי גליך — געוועלטיקן און הערשן!
מיט די רומענער קיין געאַמפּער וועט ניט זיין,
זיי האָבן זיך אין קברים שוין באַרוט דאָ —
און דאָס, וואָס אָן אַ נאָז, וועט אים פאַרציילן
זיין טרייע, זיין וויכהאַרציקע גערטרודע.

II.

זיך אָנגעגאָסן מיט שגעון האָט זיין בליק,
גענומען קלאַפּן מיטן קאָפּ האָט ער אין פערד זיך:
ווער האָט אַהערצו צו דער וואָלגע אים געשיקט?
ווער האָט זיין האַכצייט אים פאַריאָגט אַהערצו?
די ציינער שטשירעט אויף אים ס׳טויטע פערד,
זיי שטעכן, בייסנדיק, אין אים אַדורך זיך.
ער גיט מיט שרעק אַ ריר די שווערד.
זי רירט זיך ניט... וואָס איז די אורזאַך?
ער וויל זיך אויפהייבן — און עפּעס האַלט אים צו...
דעם קאָפּ אַ קער׳ווע טאָן ער וויל — און קאָן ניט.
ווי אַ דערוואָרגענער ער שטעקט אַרויס די צונג,
ער וועט שוין ניט אָוועקקריכן פונדאַנען...
עפּעס אַ קול איז אים פון ערגעץ מסרע: וואַרט!...
און אַ געשפּענסט גיט פון דער וויט עפּעס אַ וואונק אים...
ס׳איז ניט דער פראָסט. ס׳איז ניט דער שניי. ס׳איז ניט די נאַכט.
צעשפּריצט פאַר זיינע אויגן האָבן זיך פון ערגעץ פונקען.

III.

אַ כאָרכל האָט ער אויסגעשלוכצט: ווער איז?
און אַ דערציטערטער איבערגעקייט: ווער גייט דאָ?
נאָר דאָס געשפּענסט גייט אַרום אים זיך אַ פאַרשליס
און שטעלט ניט אָפּ זיך אויף זיין אויסרוף אויף זיין צווייטן.
צום דריטן מאָל שוין ער צעכאָרכלט זיך: ווער איז?
און האָט אַ זונק געטאָן, פון שרעק דערטרענקען.
— דאָס בלוט! — האָט אין דער פינצטער זיך געהערט אַ ריס, —
דאָס בלוט, וואָס אויף דער ערד פאַרגאָסן האָסט דאָ, הענקער!
דו וועסט פונדאַנען שוין אין ערגעץ ניט אַוועק,
זאָטל די ביינער פונעם פערד אָן פאָרן פיורער,
צעזייט זיי ליגן אויף דיין גאָרן מערדער־וועג,
ווי דייטשלאַנדס שאַנד פון בלוטיק אויפגעוואַכטן אוראַלט.
די ערד וועט ניט צעפענען איר טראַכט פאַר דיר,
קיין וואָרעם וועט אין גרוב מיט דיר קיין רו ניט טיילן,
דאָס רייך דאָס גאַנצע וועט אַראָפּ פון זינען פריי׳ר,
דערנאָך — אַזוי ווי דו — ביים עק פון אַ נבלה!

IV.

פאַרענדיק, קאַט, דיין לעצטע סעודה אויף דער ערד,
דעם לעצטן בושה־ביס פון רויב דערקייע!
וואָס האָסטו נאָך איצט פאַרן טויט פאַר אַ באַגער?
לייג אויס! עס וועט דיר צייט נאָך סטייען!
עס איז דיר קאַלט? פון שרעק? פון גרויל?
עס בייגט דיך ווי אַ וואָרעם אויס אינדרייען?
עס שיט שניי אויף דיר? נאָר ווער ניט גרוי!
די גרויקייט פונעם מענטש פאַרשוועך ניט, חיה!
אַ מאַמע גרוי געוואָרן איז, ווען האָסט איר קינד
צעפלעט דעם מוח פאַר פאַרווײלונג,
נאָר דו — געקייט האָסט דעמאָלט, ווי אַצינד,
און אַ געלעכטער אויסגעגרעפּצט איעדע ווײלע!
דער בוים געוואָרן גרוי איז דאַן,
ווען האָסט אויף אים, אַ לוסטיקער און אַ פאַרשייטער,
מיט שטעכיק דראָט פאַרקרעמפּעוועט אַן אַלטן מאַן
און אונטער אים צעלייגט אַ שייטער...

V.

די ערד ז׳געוואָרן גרוי, ווען ריי נאָך ריי
האָסטו געטריבן זקנים גראָבן פאַר זיך קברים,
און דו — אויף די בגדים האָסט געוואַרט. נו, מאַך זיך גרייט.
וועסט קריכן פון נבלה צו נבלה, וואָרעם!
אַט דאָס וועט דיין ממשלה זיין אויף דר׳ערד,

אַזוי וועסטו איבער די קברים הערשן!
וואָס האָסטו נאָך איצט פאַרן טויט פאַר אַ באַגער?
קיין איבעריקע צייט דו האָסט ניט מער שוין!
פאַרשליס דיין לעצטע סעודה אויף דעם קריג,
דיין לעצטן ביסן רויב דערקייע!
און מעלדע, כאַרכלענדיק, דיין גרויסן זיג,
פאַרלייקן ניט. און זיך ניט הייע!
די שמאַטעס וואַרף אַראָפּ פון זיך, געשווינד!
עס פּיבערט דיך? עס וואַרפט מיט דיר אויף מיילן?
דערקייע, קאַט! דיין סוף באַגינט!
געבליבן דיר ניט מער איז ווי אַ ווילע!

VI.

דאָ איז דיין ראַנד! צווישן פּגרים־בערג און אַש.
געשווינדער אייל! באַווייליק דיינע וואַרגנדיקע טריט אים!
האָסט אפשר נאָך מיט וואָס צו איבערראַשן? איבערראַש!
באַוואונדערן ווילסט אפשר נאָך מיט עפּעס? ביטע!
נאָר בעט ניט קיין געגנאָד! עס איז דיין מויל אין בלוט!
מאַך זיך צום אָפּשייד גרייט. געזעגן מיט דער האַק זיך.
ס'קערט אפשר אום זיך דער פאַרשטאַנד דיר אויף אַ ווילע? גוט!
איז שלעפּ אַראָפּ דעם ווערעמדיקן רויבזאַק פון די אַקסל,
מיט חשבון טרייסל אויס אים ביז צום דעק,
ווייז, צוליב וואָס זיינען געווען אָפן דיינע אויגן,
צו וואָס עס האָט אַ האַרץ ביי דיר געקלאַפּט — אַנטפּלעק!
און צוליב וואָס עס האָבן דיינע אַנגלען זיך באַוואויגן!
די הענט דיינע די בלוטיקע באַקוק,
די טרערן און דעם ווי, וואָס זיי האָבן געקאָסט, — באַרעכן!
עס זיינען דיינע בערג פּגרים ניט גענוג
אויף צו באַצאָלן פאַר דער שאַנד און די פאַרברעכן.

VII.

וואָס וועלן אומעטום און שטענדיק, קאַט,
פון קברים און בית־עלמינס דיך פאַרפאָלגן
אויף דיין פאַראורטיילטן צוריק פון סטאַלינגראַד
מיט שניט איבערן האַלדז פון דער געשלייפטער וואָלגע.
האָסט דאָך מיט זיי באַקרוינט דיין גאַנצן וועג,
פאַרזייט דו האָסט מיט זיי דאָך גאַנצע לענדער —
ניט אויף קיין רו עפּנט דיין קבר זיך — ער פרעגט:
ווער ביסטו, אומגליק, און פונוואַנען? ענטפער!
עס קאָן דעם וועג ניט טרעפן דער פאַרשטאַנד,
עפּעס פאַרראַטן דאָס געזעץ פון דער נאַטור האָט און פאַרענדערט:
אַ וועלכע טראַכט דיך אויסגעטראָגן האָט אין פעסט און שאַנד?

אַ וועלכע עקדעשן האָבן דיך אויסגעכאַוועט? ענטפער!
דער קבר פרעגט. עס הערט זיך אין דער רוים.
די ווייט, אַן אויפגעוועקטע, רייסט זיך פון די פענטן:
ווער האָט עס דיך, פאַרדאַרבונג, אָפּגעלאָזט פון צוים?
ווער האָט עס דיר אויף דר׳ערד געגעבן שליטה? ענטפער!

VIII.

די מתים, איינגעפרוירענע אין שניי,
מיט ציילעמער, פונדאַנען ביז די ראַנדן,
וועלן קיין צייכנס דיר ניט זיין אין צ׳ריקגאַנג — ניין!
אפילו ווען דער טויט אַליין זאָל פירן פאַר דער האַנט דיך!
דעם וועג וועט דיר פאַרשטעלן יעדעס אויסגעשטאָכן אויג
און יעדע צונג אַרויסגעריסענע פון גאַרגל.
אַ חשבון ווערט געפירט געדולדיק און גענוי,
ער איז מיט בלוט פאַרקריצט, אין ווײ פאַרבאָרגן, —
איז טרינק, ווי גיפט, אים אויס אין לעצטער שרעק,
איידער דעם זכר דיינעם וועט דער ווינט פאַרווייען.
דער קבר וואַרט. טרינק אויס אים ביז צום דעק,
ס׳באַפעלט דיר דאָס געביין פונעם פאַרברענטן רויטאַרמייער,
וואָס דו געשונדן האָסט זיין ברענענדיקע הויט
און ער האָט אין דיין פרצוף טויטערהייט דיר אָנגעשפּיגן,
דו זעסט? ער איז ניט טויט!
דאָס פייער פון זיין לייב האָט זיך צעשפּרייט, ווי פליגל!

IX.

געלויכטן האָבן פענצטער דאָ אַמאָל אין יעדער שטוב —
האָסטו זיי אויסגעפּיקט און זיי באַפוילן זיך אַ לעש טאָן.
איז אין דער פינצטער לאָז זיך גיין דורך אַש און גרוב,
און זיך דעם קאָפּ צעפּלעט אין יעדער האַלאָוועשקע!
דעם וועג פאַרשטעלן קינדער דיר, וואָס האָסט געסמט,
און מאַמעס אומגעפאַלענע, וויביימער אונטער זעגן —
ס׳וועט ניט געגוגנד זיין דער גיהינומדיקער פלאַם
און ביט דער טויטן־קלעם פון פראָסט פאַרדיינעטוועגן!
דיין גאַנג דיין לעצטער, קאַט, זיך דרייט,
ער וועט געדויערן. פון גרוב צו גרוב וועט ער דיך שלעפּן.
די זקנים, וואָס באַגראָבן האָסטו לעבעדיקערהייט,
געקומען זיינען דאָ פאַרשטעלן דיר דעם וועג: — זיי לעבן!
אַ חשבון ווערט גענוי געפירט מיט ווײ,
אים פאַרזעצן — קיין האַרץ און קיין כוח איז ניטאָ מער.
פון בלוט פאַרגאָסענעם זיך קויקלט דאָס געשריי
און פון פאַרפייניקטע די ביינער רייסן זיך: נקמה!

X.

אין קבר גיב אַ קוק אין דיינעם, קאַט,
מאַך זיך באַקוועם! באַהערש די אָנגערויבטע לעבנס־רוימען!
האָסט עפּעס אַנדערש, פאַר געוויס, אין זין געהאַט,
ווען האָסט געלאָזט די וועלט זיך צו באַצוימען!
וואַרט ניט אויף טאָג — ער וועט פאַר דיר ניט קומען מער,
ווי קיינמאָל ער פאַר דיר איז ניט געווען דאָ.
דער הימל מער קיין הימל איז, די ערד איז מער קיין ערד,
אויב ס׳קאָן דיין בליק צו זיי זיך ווענדן!
צעבויטע ניט די נאַכט מיט ווענדונג פון די הענט,
וועסט אויף קיין רגע ניט דערוויטערן די ענד־שעה.
אויב דו האָסט ווען־עס־איז געהערט צום מין פון מענטש,
איז אָפּגעלייקנט גאָר די מענטשהייט!
היל דיין פאַרדאַרבנקייט ניט איין אין פינצטערניש פון אור,
דער חושך וועט דיין מויל דיין בלוטיקס ניט פאַרדעקן.
אויב איינגעשלאָסן האָט די ווידמונג דיך אין דער נאַטור,
איז דער באַשאַף דער גאַרער — שוא ושקר!

XI.

איצט, ביי דיין לעצטער שוועל,
באַרירט ווערן פון דיר זיך לאָזט די ערד אַליין ניט.
ניט נערן זאָל דאָס ווילד־גראָז זיך אין פעלד
מיט דעם פאַרדאַמטן מיסט פון דיינע ביינער.
ס׳וויל ניט דאָס פעלד פאַרשטאַכן זיין מיט צלמים, וויסט,
און ס׳וויל די גרינגע בייט ניט גראָבן זיך פאַר קברים:
דעם אַקער מאָנען זיי! ער זאָל זיי געבן אַ צעשליס,
זיי דאַרפן פרוכפּערונג, זיי דאַרפן בליען און געבאָרן!
נאָר ס׳קאָן די ערד קיין פרוכט ניט געבן פון איר טראַכט
און ביימער קאָנען ניט אַנטפּלעקן זייער שפּראָצונג,
ביז וואַנען ס׳וועט אויף דיר ניט אָנטאָן זיך די נאַכט,
ביז אָפּגעמעקט ס׳וועט ניט דיין לעצטער טראָט זיין!
ניט אויפגיין קאָן פון טיפעניש דער קוואַל,
ניט לייגן קאָנען זיך די טויען אויף געוויקסן,
ביז אונטער שווערד דער לעצטער וועט פון אייך ניט טאָן קיין פאַל,
ביז וואַנען ניט צעבראָכן דאָ וועט אייער לעצטע ביקס זיין!

XII.

און אָט אַזוי וועט זיך אַריינשטעכן די שטראָפנדיקע שווערד
אין אייערע געפּאַנצערט־ווערעמדיקע שאַרבנס,
צעזייטע אויף דער פרעמדער ערד,
ווי שטשורעס פעסטיקע און קרעציקע פאַרדאַרבער.
דאָ וועט איר פראָווען אייער בליץ־שנעליקן סוף,

זיך איבערהריזענדיק די גאָרגלען איינס דעם צווייטן.
אַראָפּ פון זינען אין אומזיסטיקן געלאָף,
ערגעץ אַן אויסוועג זוכנדיק, צעזייטע,
נאָר אָנשטויסן איר וועט זיך ביים געיעג פון בליי
איינס אויף דעם אַנדערן, אין גסיסהדיקן פיבער,
און אויסברעכן מיט בלוט די רויב און מערדעריי,
מיט זיי זיך אויסבעטן צוקאָפּנס אין די גריבער.
און וואַרטן אויף אייך וועלן ערגעץ ווייט
פאַרפלוכטע פוריעס אין בלוט־פאַרפלעקטע העמדער,
נאָר ס׳וועט פאַר זיי אַ ליידיקע אַדורך די צייט
פון די בית־עלמינס אונטערוועגיקע און פרעמדע.

XIII.

איר וועט זיי חלומען זיך ביי די נעכט,
דער וואָי פון ווינט וועט זיי אין אייך דערמאָנען.
אַרויסשפּייען וועט אייך פון זיך די ערד,
און איר וועט טויטע אומקערן צוריק זיך קיין גערמאַניע.
אַדורכגיין וועט איר דעם קורפיורסטנדאַם,
אין רייכסטאַג קומען טויטע אויף אַ זיצונג,
צום וואָרט זיך מעלדן וועט אייער תכריכימדיקער כלאַם.
וואָס איר האָט רויבעריש דעראָבערט אינעם בליצגאַנג.
פאַרנעמען וועט איר דאָרט דעם אויבנאָן.
אין שמאַטעס איינגעהילט, מיט רויבזעק אָנגעפּערעט —
פון דריטן רייך — די אומבאַזיגטע פאָן,
די שיין און שטאָלץ פון דער אימפּעריע!
און אפשר וועט דאָס אויכעט זיין ניט מער,
ווי גרויליקער אלמנהדיקער פיבער,
ווייל פוילן וועט אייער פאַראומווירדיקט געווער
באַנאַנד מיט אייך אין אומבאַוואוסטע גריבער!

7. אויג אויף אויג

I.

סאַדאָווסקי זעט ניט דאָס געווירבל פונעם שניי,
אים דוכט, אַז פרילינגדיק פאַרגייט אין יעדן ווינט אַ פּלייט זיד.
איבער די ברעגן האָט אַ שפּאַר געטאָן דער וויי,
דער צאָרן אָנגעלאָזט זיך האָט ווי אַ כאַרפּלייצונג.
פונעם באַגין ה׳האָט זיך געטראָגן אין באַגין,
אַדורכגעריסענע געיאָגט האָט זיך די גבורה,

און ניט געקאָנט זי איבעריאָגן האָט קיין ווינט,
און ניט געקאָנט זי איבעריאָגן האָט קיין שטורעם.
פאַר איר געעפנט האָט זיך דאָרף נאָך דאָרף,
זיך אויפגעוועקט דאָס וויפל מאָל שוין דורכגעברענטע אַש האָט.
און אין דעם אַפּגעצערטן הימל ער־עץ דאָרט
האָבן זיי ווייסע בערן וואָלקנס זיך געפּאַשעט.
געגאַן מ׳איז צ׳ריק. אויף מערב מ׳איז געגאַן,
די ערד מ׳האָט פון פאַרחלשטקייט באַפרייט שוין.
אַזוי־אָ, טראָט נאָך טראָט און שפּאַן נאָך שפּאַן,
געגאַן די רויטאַרמיי איז משפטן די דייטשן.

II.

עס פאַלן נעכט, און ס׳קומען טעג,
זיי קייטלען זיך מיט שטורעמס און געוויטער.
אָט גיט זיך שוין פאַגאָסט אַ שטעל אַוועק —
מיט האָפענונג אויף זיך באַפרייען — אַ צעבליטער.
באַלאַגערט איז געווען איעדער וועג,
זיך דורכרייסן צוריק האָט ניט געקאָנט שוין קיינער.
די דייטשן האָבן ניט דערפּאַקט די פּעק,
דער סטאַראָסטע האָט זיך גנביש ביי דער מיל געטאָן אַ דריי נאָך.
פון רויען קבר, וואָס ביים וועג האָט זיך געהויכט
צו דער פאַראַדנער תליה, אויפגעטאָרטשעט,
געקראָכן זיינען די „אַריער“ אויפן בויך
אַהין און צ׳ריק, פאַרסמטע מיט דעם בראָך שוין.
און הינטער זיי — דער סטאַראָסטע, פאַרקילט דעם בליק,
צעקנייטשט די באָרד און אויסגעקרימט פון עקל.
אַריינגעגאַן אין דאָרף איז אויך זיין זון צוריק,
וואָס אין די צעטלען אים דערלאַנגט ער האָט פאַן־שפּעקן.

III.

און טאַקע ער אַליין — דער ערשטער איז אין שטאָב
אַריין באַנאַנד מיט די פאַרוווינטיקטע סאָלדאַטן,
און טאַקע ער אַליין — דער ערשטער האָט פאַרכאַפּט
די בלוט־פאַרקויפטע שריפטן פון זיין טאַטן.
דאָס גאַנצע דאָרף דערזען האָט ער אין זיי,
און אויפן דייטשישן פּאַפּיר — דערקאָנט די חתימה...
און אַ פּריטשמעליעטער איז ער געבליבן שטיין,
ווי ס׳וואָלט אַ דונער אים דערשלאָגן פונעם הימל.
ער איז אַהיים שוין ניט געגאַנגען פונעם שטאָב,
געיאָגט אַ פינצטערניש פון בלאָט האָט אים צו בלאָט דאָרט,
מיט פינגער זיך אין זיי געגראָבן און געטאַפּט,

ווי דעם פאַררעטערישן גאַרגל פון זיין טאַטן.
און אַזאַ כריפּ האָט אים געוואָרגן: ער!
עפּעס ניט אַלץ איינגאַנצן נאָך פאַרשטייט ער —
דערזען האָט ער אים אויסגעבויגן ביים פאַרהער,
זיי זיינען איינס געשטאַנען קעגן צווייטן...

IV.

— טאַטאַ! — זיך צום סטאַראָסטע אַ דריי
האָט קאַלט און פרעמד דער זון געגעבן און אַ ריס זיך, —
פאַרדעקט ס׳געזיכט און מאַכט זיך גרייט,
איך וועל אייך באַלד דערשיסן! —
אונטער זיין הוט האָבן די האָר געטאָן אַ קריך,
און ניט געזען האָט ער, צי עמעצער איז נאָך פאַראַנען: —
כ׳וועל אייך דערשיסן ניט פאַר זיך,
נאָר פאַרן פאַרזיצער פון ראַט און פאַר מאַלאַניען! —
ער האָט איינגאַנצן זיך געטאָן אַ נעם צונויף
און האָט פאַררוקט אונטער דער הוט די פּאַטלע: —
פאַר מיר וועלן די הינט פון אונדזער הויף
אייך אָפּטאָן רעכט, ווי ס׳קומט אַ סטאַראָסטע אַ פּאַדלע! —
מיט אַ געוואַי האָט זיך דער סטאַראָסטע געטאָן אַ לאָז:
— אַ טאַטן? — ביין! אַ דייטש! — אַרויסגעקריצט דער זון האָט.
און גלייך האָט זיך דערהערט אַ שאָס,
און גלייך פאַרטויבט האָט אים אַ דונער.

V.

און אָפּגעהילכט ער האָט אויף גאַנץ פּאַגאָסט,
און אָפּגעענטפערט האָבן סטעפּעס אים קובאַנער
מיט פונקען אויסגעשלאָגענע פון פראָסט,
מיט ווינטן אויפגעגאַנגענע פונדאַנען:
שטיי אויף, צעטראָטענע, שטיי אויף, קובאַן,
עס רופט די וואָלגע אויף, אין ווי געלייטערט.
די ערד ניט אָנגערירט, מיט לייכטן שפּאַן
אַדורכגעפלויגן איז אַ טשאַטע רייטער!
די שפּיזן גרויזאַמע, ווי וויזערס בלאַנקע —
זיי שליסן איבער איצט דעם גאַנג פון צייט:
ווי שטערנשאָפּטן, העל און קלאַנגיק,
גייען ראַקעטעס אויף, צעבליצט אויף ווייט.
די בערג פאַרמעלדן זיך, און ס׳איילן טאָלן,
ס׳באַגעגנט ווי אַ מאַמע אומעטום דאָס פעלד.
מיט זיבן שאַלנדיקע ווידערקול׳ן
גייט אויף אין רוימען דעם נאַרקאָמס באַפעל.

VI.

און אָפּגעהילכט ער האָט אויף גאַנץ פּאַגאַסט,
און אָפּגעענטפערט האָבן סטעפּעס אים קובאַנער.
פּגרים דייטשישע — אַ גרינער סטאָס —
געוואַלגערט האָבן זיך נעבן פאַרפּאַקטע טשעמאָדאַנעז.
אַ זיפּ געטאָן האָט זיך אַ זויבערער, אַ לייכטער שניי,
געזייַטיקט זיך פון די מגפהדיקע פלעקן
ווי זיך געמיאוסט צורירן וואָלט ער צו זיי
און טונקלען זיי געלאָזט אין זייער גרינעם עקל.
פּגרים אָנגעפּרעסענע, די קעפּ פאַרדרייט
מיט מיילער צוגעפּרוירענע צו טשעמאָדאַנען שלעסער,
פונקט ווי באַשמעקט זיי האָבן טויטערהייט
די ניט צו שטאַנד געקומענע, די רוסישע פּאָסעסיע...
און ס'איז סאַדאָווסקיס טייל געווען שוין ווייט,
צו קאָנטן אייגענע אָן אָפּשטעל זיך געגנ'נטערט,
און יעדער ישובֿל, אין שלאַכט באַפרייט,
דעם לאַנד געטראָגן האָט אויף מידע הענט ער.

8. דער אונטערבראָך פון די אויבער־מערדער

I.

צוריק אויף מערבֿ אונטער רויטן קרייץ
געשלעפּט זיך עשעלאָנען האָבן דורכגעברענטע,
ווי אין ברעזענט פאַרדעקטע יאַטקעס אַ פאַרפּלייץ
מיט אָנגעבראָקטן פלייש פון דייטשע רעגימענטן —
דער אויסגאַב פון גערמאַניעס אומבאַזיגלעכקייט און רום,
דער אויסגאַב פון דיוויזיעס ביי סטאַלינגראַדער שלאַכטן!
זיי קערן זיך צוריק קיין דייטשלאַנד אום;
זיי האָבן מיט דער וועלט־באַהערשונג זיך שוין אָפּגעפּאַרטיקט!
די שאַרבנס — ווייס, אין מאַרליע איינגעפּרעסט,
די ליפּן — בלוי און אויפגעשפּאַרט פון גאַוווער.
פאַרפּראַסטיקט האָבן זיי די רוסלענדישע פּרעסט,
ס'זאָל אויף דער ערד דער רוסישער ניט גיין פון זיי קיין אָוווער.
און אויף דערמונטערונג געבראַכט האָט מען פּאָר זיי
געפאַנגענע, געשמידט די הענט, דירעקט צו די וואָקזאַלן.
זיי אויסגעסדרט שטרענג, אַ ריי נעבן אַ ריי,
און אַ קאָמאַנדעווע געגעבן צו די קאַליקעס: — באַפאַלן!

II.

קאַנטוזיעס און פיבער־טאַנצנדיקע קעפּ,
פאַרגיפּסעוועטע פיס און צוגעשטוקעוועטע ריפּן.
געוועזן זיינען האַקנקרייצן צוגעקלעפּט
צו די צעבראָקטע און צווייפגענייטע קריפּלען.
אויף קוליעס זיינען זיי אַרויס, צעררייצט,
אונטער די הענט פון באַרעמהאַרצעדיקע שוועסטער;
געשווינדלט אויף כאַלאַטן האָט דער רויטער קרייץ,
און ס׳האָט דער רויטער קרייץ אַליין זיך ווי אַ וואונד געפּעסטיקט.
און מיט אַרויסגעשטעקטע ציינקאַסטנס, אין קויט —
געהאַקטע און געפערטלטע טעווטאָנער,
ווי אָפּגעוואָרפענער אוטיל פון טויט,
האָבן זיי לעכערלעך צעלאָזט אַ שיסנדיקע קאָקאָפאָניע.
„איבער די נידער־ראַסן — בליי!" — האָט די קאָמאַנדע זיי געוועקט,
„קערט זיך קיין דייטשלאַנד, זיגער, אום" — האָט אַ באַפעל געאייטערט.
געבליבן זיינען די געפאַנגענע אינמיטן וועג,
און עשעלאָנען זיך געשלעפּט קיין פּרייסן האָבן ווייטער.

III.

אַ בלאַט אַ דעמבענע האָט אבלדיק געבליט
אויף צווייַ און צוואַנציק אויסגעריסענע דיוויזיעס,
און פון אַן אומגעהערטן ווייטערדיקן שניט
פאַרפאַלגט האָבן דעם פּיורער הימלדיקע וויזיעס:
צעקלאַפּטע טראָגן די חיילות זיך צוריק,
און אויפן דייטשן בליץ פאַרפאַרעט טיי אַ רוסישער סאָלדאַט זיך.
נאָר ער, אַן אַנגעפּלומפּטער מיט מאַנקאָליע ביז צום פּלאַצן,
דערקלערט עס דייטשלאַנד פאַר אַ זיג,
הגם עס האָבן שוואַרצע פאַנען זיך געבויגן אויפן לאַנד,
אין טרויער אַנגעטאָן האָבן אימפּעריעשע דריי טעג זיך.
געמאַרדעוועט האָט זיך דעם פּיורערס צונג ווידעראַנאַנד,
ווי פון אַ בלוט־געשטורץ בשעת אַן אַפּאָפּלעקסיע:
פאַראַן אַ פראָנט, וואו געטלעכקייט איז אים באַשערט,
וואו זיג האָט אים מיט כבוד אויסגעהיט דאָ
גערמאַניעס שווערד.
דער פראָנט איז — יידן!

IV.

געפּיבערט האָט דער דייטשישער גענשטאַב:
עס זיינען יידן אַלץ פאַראַן, כאָטש מ׳האָט פאַרניכטעט אַלע,
וואו נאָר עס האָט זיי די אימפּעריע געכאַפּט,
וואו נאָר איר שאָטן איז אויף זיי געפאַלן.
זיך דורכגעקרייצט אַ בליק האָט מיט אַ בליק,

אין גאווה און אין פיבער איינגעריכטע:
זיי פון די גריבער אויסגראָבן צוריק
און פונדאַסניי זיי נאָכאַמאָל פאַרניכטן!
פאַרניכטן זיי דאָס צווייטע מאָל!
און דאָס וועט אויך פילייכט זיין ווייניק,
האָט דורכגעקרייעט אומרואיק דעם פיורערס קול
מיט כריפּ, באַפעלעריש און ביינִיק,
פאַרגלייזנדיק דערביי דעם בליק פון בליי,
ווי עפּעס וואָלט ער זיך באַדאַרפט דערמאָנען:
זיי ווערן ווידער לעבעדיק פונסניי,
דעם טויט, דעם טייוול אָפּשווינדלען זיי קאָנען!

V.

פאַרגליווערט איז געווען אין זיינע אויגן בליי,
ווי ביי אַ מת מיט אויפגעשפּאַרטע וויעס:
„זיי ווערן ווידער לעבעדיק פונסניי,
פאַרניכטן איין מאָל זיי — אומזיסט די מי איז!"
דער צלם אויף זיין ברוסט האָט זיך געקנייטשט,
און פון געשריי איבערגעקרימט האָט זיך זיין פּנים:
„אַ דייטש איז נאָר אַ דייטש,
און עפּעס אַנדערש זיין ער קאָן ניט.
און זיי — זיי זיינען אַלץ און אומעטום,
אין יעדער שפּראַך. קיין איינע איז פון זיי ניט פריי שוין!"
ער האָט אַ ווילע זיך פאַרהאַקט. אַ קוק געטאָן אַרום, —
זיי זיינען דאָ אין יעדן איינעם פון די דייטשן!
אַדורכגעריסן האָט אַ בראַך זיך אין דעם קול
פונעם צעיושעט־אויפגעברויזטן פיורער:
„זיי ווערן לעבעדיק פונסניי אין גאָלד!
זיי ווערן לעבעדיק פונסניי אין שטורעמס!"

VI.

געמאָרדעוועט האָט זיך זיין יעדער גליד,
און מיט די ליפּן פעך האָט ער געשטויסן:
„דערהרגעסט, דאַכט זיך, אים, באַשיימפּערלעך — אַ ייד,
וואַכט פון די טויטע אויפדאַסניי ער אַ פראַנצויז אויף!
דערהרגעסטו אים ווידער אַ פראַנצויז,
וואַכט ער אַ דייטש צוריק אויף פון די טויטע.
אין ערגעץ ווערן זיי ניט אויס,
אויף דאָס געמיט פון גאָט און טייוול זיי צעבויטען!
דער ערד־קויגל פאַרבאָרגן איז אין יעטווידן פון זיי,
די וועלט ביי זיך ווי אַ פאַרמשכנטע זיי האַלטן
שוין פערציק הונדערט יאָר — דורכאויס און אין צעזיי.

אַ רעטעניש! — האָט ער זיין חסר־דעהדיקן בליק פאַרהאַלטן, —
זיי אויסראָטן ביז איינעם איז זיין געטלעכער באַרוף!
אויב אויסגראָבן? איז דריי מאָל אויסגראָבן זיי וועט ער!
ס׳וועט קלעקן גייסט גערמאַניע דערויף, —
איז אויפהייבן די לעצטע יידן פון דער געטאָ!״

VII.

די נאַכט געדויערט האָט ניט מער, ווי ס׳איז באַשטימט פאַר איר.
די זון איז אויפגעגאַן ניט פריער און ניט שפעטער.
און פונקט ווי אין אַן אונטערהייל,ביים צאַנק פון ליכט,
איז דורכגעגאַן דער לעצטער טאָג פון געטאָ.
אין קלויזן חרובע געטראָפן האָבן יידן זיך מיט גאָט,
אין קעלערס פינצטערע האָבן זיך קינדער ווידערשפעניקייט געלערנט,
און פרייד ביים טויט געריסן יעדערער זיך האָט,
צום לעבן אויפגעוועקט די לויטערסטע באַגערן.
און שפאַנענדיק דורך דער צעשפרייטער בעץ,
די לעצטע רגעס בליציק איבערמאָלנד,
געפעדערט האָבן יידן זיך פון פראַג און מעץ,
פון אוקראַינע און פון האָלאַנד.
איעדע וואונד אויף זיי ווי שטעמפּלען פון מדינות העלט,
איעדערער פון זיי זעט ווי אַ רייזנדער פאַרשווין אויס.
עס זיינען נאָכגעגאַן זיי דורות פון דער אַלטער וועלט,
פון אַלע אומות האָבן זיי באַגלייט פאַרשיידענע לשונות.

VIII.

נאָר צווישן זיך פאַרשטענדיקן זיי האָבן ניט געקאָנט,
און ניט געוואָלט זיי האָבן זיך אין גאַרנישט ניט דערמאָנען.
אַליין איז צוגעגאַן צו זיי דער הימל נאָ׳נט,
פון אַלע צייטן צוגעגאַנגען איז צו זיי דער אָנהייב...
מצרים דורכגעשאָטנט האָט פאַר זיי,
און דורכגעלויכטן האָט פאַר זיי די שיין פון קרעמל.
אָט איז ער, אָט דער וועג פון אויפשטיין און צעזיי,
דער וועג פון בערג, פון אָפּגרונט און פון קלעמער.
ניט אָנגעזען האָט זיך דער טויזנטיעריקער פאַרלענד,
געפירט האָט זיי פון אויסלייזונג דאָס דונערדיקע בלאַנקען.
עס האָבן שייטערס נאָך פאַר זיי ווי יאָרציייטן געברענט,
געברענט האָט ווידערשפעניקייט פון זייערע געדאַנקען...
ווי לעבעדיק־געוואָרענע שוין נאָכן טויט,
געגאַן זיי זיינען אין יאָרטויזנטן פונסניי, ווי אַ פאַרפלייצונג,
מיט בלוט פאַרבאַקנס אויף דער פאַרמעטענער הויט,
אַראָפּגענומענע אויף אַלע וועגן פון דער קרייצונג...

9. שייטערס

I.

די דינע פוקסן־טריט, צעזייטע אויפן שניי,
דערציילן אויסווייניק ביים ריוו פון נאַכטישע באַזוכן,
נאָר אײַנדערפרי פאַרמעקט זיי דער זאַווײַ,
קיין סימן לאָזט פון זיי די זאַווערוכע.
דער וואַלד פאַררייסט דעם קאָפּ אין ווײַ,
אַליין עס שטויסט זיך מיטן ווינט. ניט זען די סעודה,
ווען פוקסן גליטשן זיך ווי געלע פייערן איבערן שניי
מיט אַ גנבישן זיגזאַגיקן גערודער,
און שלאָגן מיט די מאָרדעס מיט די וואַרעמע דעם פראָסט,
און שליסן מיט די ציין דעם ריוו פאַנאַנדער, ווי מיט שליסל,
ביז אונטער זיי אַ פינצטערקייט דער שניי פון זיך צעלאָזט,
ביז איבער זיי די פעל נעמט דער קאַיאָר מיט געלס באַגיסן.
און ווען זיי טראָגן אָנגעפרעסענע צוריק זיך פונעם ריוו,
נאָך דעם פאַרטאָגיקן געהיימען מאָלצײַט,
הייבט זיך די געטאָ אויף ווי פון אַן אָפּגרונטיקער טיף,
און ס׳ציילן איבער די פאַראורטיילטע צום לעצטן מאָל זיך...

II.

דער דאָקטער אויפן אויג אַיעדן חולה האָט געהאַט,
ס׳האָט דער אָקצענט פון יעדנס האַרץ פון ווײַט צו אים געקלונגען,
גאַנצפרי גיט ער אַ גלעט דעם ווייסן ציפּערבלאַט
און לאָזט זיך גיין צום טיפוס און צו דורכגעברענטע לונגען.
אים דוכט, אַז ס׳בלייבט זיין זון. מיט אים — די אַלטע קאַץ,
ווי אַלע מאָל, זי רונדיקט אויס דעם רוקן אין אַ בויגן,
און מיט אַ געניץ אַ פאַרשלינגענדיקן אַלץ
גיט זי אַ שטעל אויף אים די גרינע, שניידנדיקע אויגן.
ער פינטלט דורך דער שויב, ווי אַ שוואַרצאַפּל דורך אַ טרער,
ער שפּילט נאָך אַלץ. ער כישופט אַלץ דעם שניי־פּאַל,
ווי זיך פאַרענטפערט וואַלט ער, אַ געבראַכטער צום פאַרהער,
פון יענער וועלט פאַר זיינע זיבן יאָר, ווי פאַר אַ גנבה...
ביי וועמען־זשע געגנבעט האָט ער זיי?
און צאָלן דאָ פאַר זיי באַדאַרף ער וועמען?
דורך פענצטער קוקט אַריין די וועלט. עס פאַלט דער שניי.
און ס׳האַלט זיין בליק ניט אויס אונטער די ברעמען.

III.

דער טאָג פֿאַרהענגט דאָס פֿענצטער מיט אַ זאַק,
נאָר ס'לעכערן אים דורך די בריענדיקע קלאַנגען:
ער דאַרף אַ דין־וחשבון אָפּגעבן דער האַק,
דאָס צווייטע מאָל דעם גאַרגל איר דערלאַנגען...
עס עגבערן די קלאַנגען דורך אויף ווייט דעם פֿראָסט,
זיי רייסן, ריזלענדיק, אַריין זיך מיט געדוישן.
געזאָגט אַזוי האָבן די זיידעס זיינע חצות
ביי אַ פֿאַרטערנט שטיקל ליכט איבער דעם גאַרן חושך...
עס גייט שוין צו צום האַלדז, צום מויל — דער גזר,
די שפּיצן ביימער פֿון דער הייך אין אים זיך טרענקען —
ער שטייט פֿאַרן געריכט איצט פֿון דער האַק דערפֿאַר,
ווייל ס'האָט אַ וועלט געגעבן זי אין האַנט דעם הענקער...
ער וועט ניט בלייבן קיין בעל־חוב פֿאַר זיינע קינדערישע יאָר,
באַצאָלן וועט ער פֿאַר די שטערן, איבער קאָפּ זיינעם צעזייטע,
ווי פֿאַר דער ליכט פֿון חצות, אויף שייטער־פֿלאַם פֿאַריאָגט,
געצאָלט האָבן מיט קעפּ מיט גרויע זיינע זיידעס. —

IV.

אַן עדות איז דער פֿראָסט, אַן ערב איז דער שניי!
די שלאַכט האָט, ווי אַ וויטער צושלאָג פֿון אַ ים, געהערט זיך
דורך וואָי פֿון ווינט, דורך בראַך פֿון באַטאַריי,
וואָס האָט אַיעדער אויגנבליק געגע'נטערט זיך אַהערצו.
ניט ווייט פֿונדאַנען איז געווען שוין דער טויט,
די וועגן אויסגעקוקט זיך אַלע אויף אַריינגיין;
ווער האָט אַוועקגעלייגט דעם קינד אַ ברעקל ברויט?
ווער האָט דעם אַנגעגאָסן וואַסער אינעם ריינדל?
ס'איז אים? — האָט ס'קינד געקוקט אויף דעם געהיים, —
צי קומט אים עפּעס דען? ניין, ס'קומט אים גאָרניט:
קיין מאַמע ניט און ניט קיין היים,
ניט ער אַליין מיט זיינע קינדערישע יאָרן...
און ווען עס האָט די קאַץ געגעבן זיך אַ צי
און שטיל צו אים אַ לאַשטשע האָט געטאָן זיך,
האָט זיך אים אָפּגעשטעלט דאָס האַרץ: צו אים?
און, אַ דערשראָקענער, זיין בליק געגעבן האָט אַ בלאָנדזשע...

V.

דעם פֿאָטער טרייסט דער אומגליק: רואיק זייט!
זיי טאַנצן ווירטואָז די פֿינגער אויפֿן גריפֿל
און ריכטיק ליגט דער קאָפּ פֿאַרבראָכן אויף אַ זייט,
און קלאַנגען פֿאַרן הימל זיך פֿון גרוב צעטריפֿן.
וואָס נאָך? אַ וואָלקן איז געגאַן, ווי אַ מגושמדיקע טרער,

ווי ס׳וואָלט באַדאַרפט אַראָפּ אויף דר׳ערד אַ מבולדיקער רעגן.
ווער האָט געמאַכט די קינדער הפקר אויף דער ערד?
פאַרוואָס־זשע יאָגט מען זיך נאָך זיי אויף אַלע וועגן?
און טאָמער פליט אַ פייגעלע פאַרביי דער שויב
און גיט אַ פּאַך אין פענצטער מיט די פליגל?
קאָן אויסקומען דעם קינד צו טאָן דעם קאָפּ אַ הייב,
אַן אויפגעוועקטער, אַ ניט־היגער:
און עס אַריינרופן, דאָס פייגעלע אַהער, פאַרטרויט,
און עס דערוואַרעמען... פאַראַן איז דאָך אַ ברעקל ברויט...
דאָס חיות — פייגל האָט דאָך אַזוי ליב ער —
און ס׳האָט דער טאָג אין שויב אַריינגעקוקט אַ טריבער.

VI.

דער דאָקטער האָט קיין קלומעק נעמען ניט געוואָלט,
צוקאָפּנס ביי אַ חולה האָט געטראָפן דער באַפעל אים.
ער האָט ביים זייגער אויפגעמאַכט ס׳קאָפּערטעלע פון גאָלד,
געשפּירט דעם פּולס — קיין איינצל ניט פאַרפעלן.
אַריינגעקוקט דער אומגליק האָט אין שויב
מיט בליק פון אַ געהאַנגענעם — געפאָדערט אומבאַוועגלעך:
— אין וועג! — עס גיט דאָס קינד זיך אַ דערקוּנדיק: שוין?
ווי אַלע זיינע זיבן יאָר ער וואָלט אויף דעם געוואַרט טאָג־טעגלעך...
דער דאָקטער האָט אויף גיך דעם מאַנטל אָנגעטאָן,
גלייך ווי אויף אַ קאָנצערט, וואו גאָר די וועלט וועט ביייזיין,
וואָלט ער געפירט זיין זון, און אויסגעבלוטיקט: — טו זיך אָן
און קום, מיין מזל, ס׳ענדיקט זיך די רייזע... —
פון ווייטן יען־וועלטיקן פלעט
געוועקט דער פאָטער האָט דאָס קינד ביז אינדערפרי דאָרט —
ניט מיט קיין וואָרט, ניט מיט געבעט,
אים בלויז געוואונקען: — נעם דעם פידל!

VII.

ער האָט געטראַכט: אין נסים האָט אַמאָל זיין פאָלק געגלייבט,
אַז אַן אַריינגעוואָרפענער אין לייבן־גרוב ז׳געבליבן לעבן,
אַז אַ צעשפּאָלטענער אויף העלפט האָט זיך דער ים געטאָן אַ הייב,
אַז ס׳האָט אַ פראָסטער שטעקן טייטל־פרוכט געגעבן,
אַז ס׳האָט דער נביא אליהו ברויט געבראַכט אַן אָרעמאַן
און אַז אַ מאַן איז מיט דער קראַפט פון וואָרט אין הימל אויפגעפלויגן...
אָ, ס׳זאָלן אַלע נסים זיך צונויפפלייגן באַנאַנד,
וואָלט אַלע זיי אַ ביקס אַ פראָסטע איצט איבערגעוואויגן!
אַ בליק טאָן זאָל זי איין מאָל כאָטש אין זיין פאַרמעסט,
זיך אויפהייבן מיט איר זאָל ער כאָטש איין מאָל אויף אַ דייטשן שאַרבן!
ניט דאָס געבורט אין פרייד איז דער נאַטורס אַ חסד און אַ נס,

אַ חסד און אַ נס פון דער נאַטור איז מיט אַ שמייכל שטאַרבן!
געגע׳נטערט האָט זיך שוין דער אָנהייב פון צעשייד,
און אויף דער ערד זיך לייגן ניט געוואָלט האָבן די שנייען.
פאַרברענט ווערן דעם פאָטער האָט אַ קינד באַגלייט,
אַ פאָטער האָט באַגלייט אַ קינד — דאָס איז צעווייען...

10. לעצטע מחשבות

I.

די קעפּ אין זשאלעבעס, די הינטנס צו דער וועלט,
געכראָמקעט רעגלמעסיק פערד האָבן דעם האָבער.
מיט ווידלען לייכט געפּאַכעט זיך די פעל
און הירזשענדיק אָנטבלויזט די געלע ציין זיי האָבן.
געריכערט האָט אַ טשאַן מיט רויך פון אינטערוועגס,
צעהאַקט געלעגן זיינען אָנגעוואַלגערט פרײדעקס,
און רייסנדיק פון אונטער פּאַכוועס רוי געבעקס,
האָבן סאָלדאַטן דייטשע זיך געסדרט אין דער ריי דאָרט.
די יידן האָבן טרויעריק פאַרבייגעשפּאַנט,
אין כראָמק פון פערד דאָרט איינגעהערט זיך.
און ביי דער זייט האָט פון קאָנוואָי אַ יאַשטשערדיקע וואַנט
פאַרטויבט מיט שטאָל די וואַרגנדיקע קרעכצן
וואָס האָבן שוין צו קיינעם ניט דערגרייכט,
אונטער די פּיס, צווישן דעם שניי און קויט צעטראָטן,
און מיט די אויטאָמאַטן איבער בייכער אין אַ ריי
זיינען די הענקערס דורכגעגאַן פאַראויס, ווי מיט פּאַגאָטן.

II.

עס האָבן די געטריבענע נאָך ניט פאַרשטאַנען אַלץ,
און גייענדיק ניט אַלץ זיי האָבן נאָך באַנומען,
נאָר עפּעס האָט זיך זיי די לופט געשטעלט אין האַלדז,
און ס׳האָט זיי פאַרן האַרץ פאַרקלעמט אַזאַ מין אומעט,
פּונקט ווי די היים געזען זיי וואָלטן נאָענט און פאַרטרויט,
און, גייענדיק, פאַרוואונדערטע, עפּעס געטענהט מיטן אומגליק:
יאָ, יאָ!... מ׳האָט ניט פאַרגעסן מיטנעמען קיין ברויט,
און יעדער איינער זיך געטוליעט האָט צום קלומעק...
געלעגן זיינען אין די טאָרבעלעך פיר טויזנט יאָר
נבואה, און געוויין, און שטרייטנדיקער טרויער,
אָנטפּלעקונגען, און פרייד, און גלות, און דאָס וואָרט,

און אָרעם ברויט, און חתונות, און דאָרשט פון טרוימער.
וואָס נאָך האָבן זיי דאָרטן אין די קלומעקעס געהאַט,
צו דער עקידה גייענדיק, צום טויט געגעגענעד ?
דער זון־פאַרגאַנג, ווי אַ צעוויקלט־רויטע בלאַט,
געהאַלטן האָט אין זייער בליק נאָך אין דערברענען.

III.

אונטער די לעצטע פאַרקנס האָבן פעלדער הויל
צום קאַלטן הימל־ראַנד, פאַרשנייטע, זיך געצויגן.
ערשט איצטער האָבן די פאַראורטיילטע מיט גרויל
גענומען קוקן איינס דעם צווייטן אין די אויגן
און זוכן שוץ מיט יאָגעדיקן בליק,
און מיט דער לופט זיך וואָרגן, ווי מיט בריענדיקע זאַמדן.
די קעפּ געדרייט זיי האָבן אויף צוריק,
און אַ געשריי האָט זיך געריסן אַ געצאַמטער, —
אַזאַ געשריי, ווי אין געוויטער שרייט דער וואַלד,
אַזאַ געשריי, ווי אין די שטורעם־ווינטן שרייען ימען,
ווי דונערן נאָך דעם, ווי ס׳גיט דער בליץ אַ פאַל,
ווי אין אַן ערדציטעריש אויפגעלייזטע צאַמען,
ווי פון קאַמעטן־שטויס דער קראַכנדיקער שטיין —
אַז אויפטרייסלען זאָל זיך די וועלט אין די געלענקען.
נאָר אין די גאָרגלען זיך דערשטיקט האָט דאָס געשריי,
און אין די גאָרגלען זיך אַליין האָט עס דערטרענקען.

IV.

געלעגן איז די ערד פאַרחלשט, מיד,
פונוויטן ווינקענדיק מיט צלמים און מיט רידלען.
דעם גאַנצן וועג געגאַנגען איז דער דאָקטער אין דער מיט
און פאַר דער האַנט געפירט דעם שאָטן פון זיין זון — דעם פידלער.
זיין זון !... ער פלעגט מיט אים אַזוי אויף אַ שפּאַציר,
הינטערן שטאָט, אין אַ פאַרנאַכט זיך אין אַ זומערדיקן לאָזן,
געוווען דאָס פעלד איז אַזוי בליענדיק באַצירט,
און פון דער שטילקייט האָט אין האַרץ זיך אַזאַ לייטערונג געגאָסן,
אַז שעהן־לאַנג האָט מען פאַרגאַפט אין איר זיך איינגעהערט,
ניט אָפּגעריסן — ניט דאָס אויג און ניט דעם אויער,
איעדע רגע זיך געענדערט האָט די ערד
אין איר באַצויבערדיקער פּראַכט און אין איר געטלעך־שטילן טרויער.
ער פלעגט מיט אים אַמאָל אַזוי אַרויסגיין אויף שפּאַציר
הינטערן שטאָט — פון רעש און טומל זיך פאַרהוילן.
די גוטע מילדע ערד !... אַצינדערט איילט ער זיך צו איר
דאָס לעצטע מאָל, ווי צו אַ חולה...

V.

זי ליגט ווי אַ מצוירערין, אין פיבער און אין שפּאַט,
אונטער די פיס איעדע רגע גרייט זיך אַ צעפאַל טאָן.
געבוירן חיות אין געשטאַלט פון מענטש זי האָט,
וואָס האָבן זי פאַראומווירדיקט און זי פאַרגוואַלדיקט.
פאַר זיי איז ניט אַנטפּלעקט, וואָס מוטער איז אַזויבס,
און וואָס אַזויבס באַטייט אַ קינד — דערגייט צו זיי ניט.
זיי האָבן טויזנט יאָר אין זיך דעם אור געצוימט,
און דורכגעריסן האָט ער זיך דורך זייער מאַרך און ביינער.
ס'איז זייער מיזאַמקייט געוועזן גיר און שלאַק!
אַ ליגן איז געווען ביי זיי דער אומבייט פון די תקופות!
פאַרפולקומט האָבן זיי מיט זייער מיזאַמקייט די האַק,
ווייל הרגענען איז זייער גייסט — און רויב זייער באַרוף איז!
זיי הרגענען אַ מענטש, זיי הרגענען אַ פאָלק.
און אויף דעם רויב און בלוט זיך האַלט זייער מדינה.
האָט ער, מאַרגוליס, יושר דען פון זיי געוואָלט?
צי דען פאַרלאַנגט האָט ער פון זיי אַ פונק פון זינען?

VI.

זיי זיינען אָפּגעטיילט געווען פון אים מיט פינצטערניש פון אור,
מיט אַ דערשלינגענדיקן ים פון האַס און עקל.
האָט ער געוואַרט ביי זיי פון אויפלויכט דען אַ שפּור?
צי מיטגעפיל האָט ער געהאָפט אין זיי דערוועקן?
ער האָט זיין קינד געוואָלט אַ קוק טאָן אין געזיכט
און אויף אַ לעבן אויף אַ גאַנצס זיך פאַרשטעלן אים עלטער,
פונקט ווי געקוקט ער וואָלט אַליין אויף זיך,
צו לעצטער פּרואוו פון גורל אַ געשטעלטער.
דערזען מיט די סימנים אים מיט אַלע פון אַ ייד,
וואָס טראָגט אונטער דער הויט, ווי אַ גנבה, אום דאָס לעבן
פון וועג צו וועג, מיט שטיינער אויף די טריט,
אונטער דער וואַך פון קבר־ווערעם און באַגרעבער.
אַן אורח אין דער פרעמד ביי טישן אים דערזען,
באַלאַנגט צו אַלעמען און קיינעם ניט געהערן,
ווי פאַר זיין ליבשאַפט צאָלט ער מיט דעם הארץ אין ברען,
ווי צו דער גרוב ער ווערט געפירט פאַר קוקן צו די שטערן...

VII.

איז זאָל כאָטש זיין פאַר אים אַ טרייסט דערין,
וואָס ביט אַדורכגעגאַנגען אַלע שטאַפּלען פּיין און מאַנגל,
האָט אומגעקערט זיין קינד זיך צ'ריק אַהין,
פונוואַנען ער איז אויפגעגאַנגען...

געקוקט דער ראַנד פון גרוב האָט ווי אַ שוועל,
מיט אַלעמען געגנע'נטערט האָט דער דאָקטער זיך אַהינצו,
און שטאָלץ, ווי ער געגאַן וואָלט משפּטן די וועלט,
און אָנגעשפּאַרט אין שאָטן פון זיין קינד זיך...
ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. ס'איז דער המון געבליבן שטיין.
אויף זיינע מיטגייער — אַ בליק. און גלייך געלאָזט זיך ווידער.
האָט ער דעם קינד עפּעס געקאָנט דען געבן צו פאַרשטיין,
ווען ס'איז צום טויט געגאַנגען מיטן פידל ?
אים האָט געדוכט: דאָס קינד האַלט אַזוי פעסט אים פאַר דער האַנט,
און ס'טריפט אַזאַ געבעט דאָ פון זיין יעדן פלאַטער...
נאָר ווער איז איצט ביי אים אַליין אין גאָרער וועלט פאַראַן,
זיך אָנכאַפּן אין אים זאָל ער זיך אויך ווי אין אַ טאַטן ?...

11. קרעמאַטאָריעס

I.

אַן אַ באַפעל, בלויז ווי אַ בליץ,
מיט ציין פון שאַרבנס הוילע,
האָט זיך דער גזר געהיים אַדורכגעקריצט,
און ס'טראָגט באַטריבט דער דאָקטער אינעם מויל אים:
מע קלייבט זיך אין אַ צווייטן לאַגער, גיך!
געטייַט די האַנט פון מלאך־המות האָט אַ ברייטע:
ניטאָ מער וואָס איז מיטנעמען מיט זיך,
מער איז קיין שפּייז ניטאָ זיך אויף אַ טאָג פאַרגרייטן.
און ווידער — אונטערוועגס! אַ ביינקער געטופּ.
קיין בענקשאַפט איז אין הערצער אויך ניטאָ שוין,
עס טראָגן ביינער זיך אַליין פון גרוב צו גרוב,
די אויגן בלויז ביי זיי ניט אויסגעלאָשן.
קיין קייטן ביי די מערדער האָט פאַר מורדים ניט פאַרפעלט,
און צוגעשמידט פאַר דעם שפּאַציר־גאַנג איינעם מ'האָט צו איינעם.
זיך צוגעדריקט צו נידעריקע פענצטער האָט די וועלט:
אָט איצטער איז די צייט מיט די פאַראורטיילטע צו גיין איר!...

II.

פון קלעצער אויסגעשטאָט פירעקעדיק אַ פלאַסט
מיט פינקטלעך אויפגעשטיגענעם געקלעטער,
און איבער אים — איבערגעקרייצט און איינגעפּאַסט
אַ שיכט אַרויסגעגראָבענע הרוגים פון דער געטאָ,
און איינס אויף אַנדערן, געפּלאָדנט און געוועלבט

ביז צו דעם אויסזען פון אַ טורעם,
אָן אַנגעצונדענעם, האָט צוגעטראָגן פייערלעך דער וועלט,
ווי די אַנטפלעקונג פון גערמאַניעס מאַכט — דער פיורער.
דאָ האָט אי דייטשלאַנדס וויסנשאַפט געשיינט,
אי דייטשלאַנדס גייסט האָט צו דעם הימל זיך געהויבן,
און אַנגעזען עס האָבן זיך אויף שטרעקעס ווייט
געדיכטע וואָלקנס רויך, ווי שוואַרצע טרויבן:
גערמאַניעס נייע גאָטישע אַרכיטעקטור,
גערמאַניעס לעצטע בליץ־באַהערשטע פעסטונג!
דער פיבערדיקער דראַנג נאָך אָסטן איז אַדורך,
און ס'האָט פאַרביטן אים אַ פיבערדיקער דראַפּ נאָך וועסטן!

III.

באַלויכטן האָט גערמאַניע זיך דעם וועג צוריק
מיט פלאַקערדיקע סטאָסן ביינער פון הרוגים,
אפשר וועט אויפשטייגן דורך דעם איר רום אין קריג?
דער גרויל וועט אפשר פון איר גורל זי פאַררוקן?
דער ריח האָט דעם רוים פאַרפעסטיקט דורך אויף דורך,
געגאַן דער שטיקנדיקער רויך און פייער איז אויף מיילן.
און ביי די שייטערס איז געזעסן היטלערס קרעאַטור,
די ציין די גאָלדענע געשלעפט ביי מתים פון די מיילער.
און אָפּגעשאַצט די ווערט פון יעדן מת,
וואָס דאַרף די גרונטפעסטן פון דריטן רייך פאַרשטאַרקן.
און איר צעקוועטשטע גאווה זיך געקייקלט האָט פּאָמפּעז
מיט אַ פּאַראַד אין אָפּגרונט אין צעשפּאַרטן.
דאָ האָט קיין ווידערשטאַנד איר קיינער ניט געשטעלט,
און ניט דערגרייכט האָט ביי דעם ראַנד די רויטאַרמיי זי.
גערמאַניעס זיגרייכער צוריקגאַנג פון דער וועלט!
גערמאַניעס שטאָלצער אָנגריף אויף די מתים!

IV.

זיך איינגעפּרעסן אין דער הייך האָט זיך אַ שוואַרצער פּוך,
געצויגן האָט דורך אים זיך פייערלעך פונדאַנען
דער דייטשער האַכגייסט קיין טרעבלינקע, סאַביבור,
און צו זיין זיגרייכן נאַציאָנאַלן הערב — מיידאַנעק.
איבערבאַזירט האָט זיך גערמאַניע אַהין
אויף צו פאַרפולקומען דעם עיקר פון דער נייער אָרד'נונג
מיט פלייס און אָנשטרענגונג האָט זיך טרענירט בערלין,
זיין דראַנג זאָל זיך אין ערגעץ ניט קיין בראָך טאָן.
געשטיגן האָט דער אומזאָץ אימפּעטדיק אַרויף:
מיליאָנען מתים! די פּראָפיטן — איבערלוסטיק!
אַ בלוט־בעדער איז אויפגעגאַן דאָס רייך אין זיין באַרוף,

מיט שאַרבן־בערג שטאָלצירט האָט זיין אימפּערישע אינדוסטריע!
נאָר ניט באַפרידיקט האָבן קברים זיין געברויך און דראַנג.
און שייטער־הויפנס ניט גענוג זיינען פאַר דעם געווען שוין:
באַמיט האָט פלייסיק זיך דער דייטשישער געדאַנק
צו אויפשטעלן אויף דר'ערד אַ קרעמאַטאָריע פאַר דער מענטשהייט.

V.

פון צען פאַרקנעכטיקטע מדינות אויף דער ערד
האָט דייטשלאַנד צו זיין מאָלצייט די פּאַראורטיילטע געטריבן
אונטער דעם סווישטש פון בייטש און פּאָך פון שווערד —
דאָס היימלאַנד אָפּגערויבט ביי זיי, און אָפּגערויבט ביי זיי די שטיבער,
און אָפּגערויבט ביי זיי דאָס ליכט, און אויסגעטרייבערט זיי אויף דורך,
און אויסגעטאָן פון זיי דאָס קלייד, און ביז די ביינער זיי באַנומען,
און אויסגענאָגט פון זיי דעם זין, אין זיי געלעסטערט די נאַטור,
און אויסגעריסן זייער בליק פון די פאַרטרויערטע אַרומען.
געגאַן זיינען פּאַראורטיילטע, צעשיידטע מיט דער וועלט,
דעם לעצטן וועג, און דאָך פון פּראַכט אירער באַרוישטע.
אַריבערטרעטן זיינען זיי געגאַן די לעצטע שוועל,
ניט וויסנדיק, אַז זיי זיינען דער לעבעדיקער רוישטאָף,
וואָס דאַרף איבערגעאַרבעט ווערן פאַרן דריטן רייך,
מיטן געביין באַשטעטיקן זיין הערשאַפט און זיין גבורה
און ווי טראָפּייען מיליטערישע — איבערגעשטרייכט
האָט זיי אין זיינע לעצטע אָנגריפן דער פיורער.

VI.

ס'האָבן פאַרנאַרטע ניט געוואוסט, אַז ס'רייסט זיך אָפּ פון זיי די וועלט,
אַז ס'לאָזט אויף זיי אַראָפּ זיך שוין די ענדע,
אפילו ווען געשטאַנען מ'איז שוין ביי דער לעצטער שוועל —
אַנטבלויזטע, אויסגעטאָנענע, געשענדטע...
זאָל זיין, אַז ווירקלעך, ס'איז צום וואַשן זיך דאָס אויסטאָן הויל,
האָט ביי דעם טויט אַליין זיך אויסגעדונגען יעדער.
נאָר אויפגעשפּאַרט האָט דייטשלאַנד שוין זיין בלוטיק מויל
דורך אויוונס פינצטערע, דורך גריבער און דורך בעדער
און זיי אַריינגעשלונגען אויף אַ האַלב־דערשטיקט געשריי,
ווען ניט באַוויזן האָבן זיי נאָך אַלץ באַנעמען.
און אויף קאָנווייערס די געדירטע פונעם זינען, ריי נאָך ריי,
פאַרצערט האָט מיט מוזיק דעם שטנס אונטערנעמונג.
געקאַרטשעט האָבן זיך אין גאַז־צעלן, פאַרשטאָפּט,
אַריינגעשטויסענע מיט הילכיק־שניידיקע געהוילן.
און אויף דעם פלאַם, ווי ס'שלאָגט אין קראַמפּ אַ קאָפּ זיך אָן אַ קאָפּ
געקוקט האָט זיגרייך דער באַלויכטענער, דער געלער גולם.

VII.

פון צען דערשטיקטע לענדער נאָכאַנאַנד
האָבן זיך צוגן מיט פאַראורטיילטע געצויגן.
באַהאַלטן האָט פון זיי דעם אמת דער פאַרשטאַנד,
ניט אויסגעזאָגט דעם עיקר האָט דאָס ליכט זיי פון די אויגן.
די דורכגעריסענע זיך דורך שפּאַרונעס פּאַסן שיין,
דער אויסגעדוכטער ריח פון דער ערד און פון די גערטנער
אַוועקגעפירט האָבן פון זיי דעם נאָכגעביקן פיין,
ווי ס'וואָלט דער וועג, דאָס גראָז, די וויטן זיי געהערט נאָך...
ביי פענצטער האָבן מאַמעס אָפּגעטעמפּט דעם ווינד־און־ווײ
און קינדער איינגעשטילט מיט שמעטערלעך און פליענדיקע ברואים!
— אָט פליט אַ פייגעלע, מיין זון!... זע, נחת מיינס! ניט וויין! —
און איינגעגעבן אויף אַ ווײלע רו אים.
— די פייגעלעך! — צום שויב אַ טוליע צו
געגעבן האָבן קינדער זיך מיט אַזאַ לויכטנדיקן אומשולד.
און ווי די צייט געגאַן אַ צוג איז נאָך אַ צוג
איבער דעם וועג, פון וועלכן זיך מע קערט ניט אום שוין...

VIII.

און דייטשלאַנד האָט מיט פלייס באַרעכנט ביז צולעצט
דעם רייכס פּראָפיטן — פּינקטלעכע, גענויע:
אויף וויפל מאַרק וועט פון די ביינער אויסגעזשאַרבעט ווערן פעטס
און וויפל פאַר די האָר פון אָפּגעשוירענע, דערשטיקטע פרויען!
דאָס גאָלד אַרויסגעריסענע ביי מתים מיט די ציין,
דאָס שוכוואַרג פון דערהרגעטע, די טשעמאָדאַנעס, די הלבשה.
און צוגן האָבן זיך געצויגן איינס נאָך איינס
איבער דעם וועג, פון וועלכן צוריק איז מער ניטאָ שוין...
און עפּעס זוכן מיטאַמאָל גענומען יעדער האָט:
צי איינס דעם אַנדערן, צי זיך אַליין גאָר,
צי פון דעם ערגעץ אים פאַרפירנדן באַראָט,
וואָס האָט מיט פונקען פאַר די אויגן זיך געשלענגלט...
די הענט אין טאַש אַראָפּגעלאָזט, ווי אין אַ ריוו,
דעם בליק — אין וויסטן רוים, ווי אין אַן אויוון —
און איינער האָט אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט אַ בריוו,
ביי איינעם האָט זיך דאָרט פאַרוואַלגערט אַ לשנה־טובה...

IX.

„לשנה־טובה!" האָט ער שטיל געשאָקלט מיטן קאָפּ.
„לשנה טובה!" מיט דעם אומזיניקן בליק געבלאָנדזשעט.
און פון די רעדער ביי דעם צוג האָט זיך געהערט דער קלאַפּ:
די וועלט, די וועלט! פון יעדער זייט זי זעט נאָך אַן זיך...
צווי טייבעלעך מיט צווייגעלעך אין מויל אַרויסגעקוקט,

אזעלכע פרידלעכע און מילדע, האָבן פון דער ווינטשעוואַניע;
זיי זײַנען אויך געפלויגן מיט דעם טרויעריקן צוג
דעם טויט באַגעגענען דורך לייד אויפן מידאַנעק...
פאַרקוקט האָט אַ באַיאָרטער מאַן אויף זיי זיך פון דער זײַט,
און אויף די אותיות פאַרהאַקט דעם בליק האָט לאַנג ער:
זיי זײַנען אים געווען אי נאָ׳נט אי ווײַט.
געהערט האָט ער דורך זיי אַזעלכע וואָרקענדיקע קלאַנגען...
וואָס האָבן זיך די טײַבעלעך אַזוינס מיט אים דען אָנגעקערט?
זיי פלעגן אויך צו אים פון יאָר צו יאָר זיך אײַלן,
אַרײַנפליען צו אים אויף זײַן פראַנצויזישער באַליבטער ערד
מיט צווײַגעלעך מיט פונקט אַזעלכע אין די מײַלער...

X.

געשטאַנען אין אַ ווינקל איז דער אַלטער מאַן
און האָט געוויינט, אַראָפּגעלאָזט די הוט איבער די אויגן.
ער איז אַ ייִד! האָט זיך אים איצט דערמאָנט,
און צו אַ תּפילה אַ צעבראָכענעם האָט אים געצויגן.
געחלומט האָט זיך אים דער נאָטר־דאַם,
און נאָכגעגאַן איז פון פּאַריז אים דער פּאַרלאַמענט;
באַגלייט אים האָט דאָרט, אַ געלעסטערטע, זײַן אַם,
געצויגן האָט צו אים זיך, אַ דערהרגעטע, זײַן מאַמע...
דער צוג האָט זיך געטראָגן באַרג־אַראָפּ,
נאָך ס׳האָט די זון זיך נאָך אַרײַנגעריסן דורך די שויבן,
צולעצט בײַ די פּאַראורטיילטע זיך טאָן אַ גראָב
און אויפגראָבן אַ ברעקל האָפענונג און גלויבן...
ס׳האָבן פּאַרנאָרטע ניט געוואוסט, אַז ס׳רײַסט זיך אָפּ פון זיי די וועלט,
אַז ס׳לאָזט אויף זיי זיך שוין אַראָפּ די ענדע,
אפילו ווען געשטאַנען מ׳איז שוין בײַ דער לעצטער שוועל —
אָנטבלויזטע, אויסגעטאַנענע, געשענדטע...

XI.

און ווי צו טהרה, יאַגנדיק אַהער,
געריסן האָט פון יעדער זײַט זיך, וואָיענדיק, די וויגע.
באַגראָבן אונטער צוואַנג מ׳האָט די פאַרשעמטע ערד,
מחילה האָט מען ווײנענדיק געבעטן בײַ הרוגים.
אַ הייב זיך אויף. אַ בייג זיך אָן.
מיט לאַסט פון קבֿרים, זיבן מאָל געשענדטע...
און איינער פּאַלט: זײַן פרוי! אויף טויטן האַלדז דער מעדאַליאָן,
וואָס ער האָט צו דער חתונה געשענקט איר...
און מאַמעס האָבן ערגעץ, ברענענדיק, אין ווי
געבוירן קינדער און געזונגען בײַ די נעכט זיי,
עס האָבן אויוונס דײַטשישע געוואַרט אויף זיי

מיט בייַנער־מאָלנדיק געווערק, פאַרזויגנדיק און לעכצנד.
דעם רוים פאַרפעסטיקט האָט דער ריח דורך אויף דורך,
געגאַן דער שטיקנדיקער רויך און פייער איז אויף מיילן,
און ביי די שייטערס איז געזעסן היטלערס קרעאַטור,
די ציין די גאָלדענע געשלעפּט ביי מתים פון די מיילער.

12. ציגיינער אין מיידאַנעק

I.

די שטרעקעס שליידערן אונטער די צוג־רעדער זיך פלינק,
ווי אויף אַן איבערגרוף פון טויט שרייען זיך אויס די באַנען:
אויף ווערסטן ווייט האָבן זיך אָנגעזען די אויוונס פון טרעבלינקע,
אויף ווערסטן ווייט האָבן זיך אָנגעזען די קוימענס פון מיידאַנעק.
מיט הויך־אַרומגעקרויזטע ווענט פאַרבויט,
מיט דראָט־פאַרצוימונגען אויף רונד אַרום באַשטאַטע,
געשטאַנען זיינען זיי מיט שטעמפּלען פונעם טויט,
באַוואַכט פון שוואַרץ־געקליידעטע עסעסישע סאָלדאַטן.
אַרומגעגורט האָט זיי אַ גרינער פּאַס געפלאַנץ,
אַ שטרענג־געשוירענער גאַזאָן און גראָזן שווערע.
געגליטשט האָט זיך אויף זיי אַ פייכטער גלאַנץ
פון געלע, פעטע, אָנגעזויפטע ווערעם.
מיט טויט־געערוך איז דער אַרום געווען פאַרסמט,
מיט מאַרג געאָטעמט האָבן ביימער ביי די וועגן.
און אויסגעלייגטע סטעזשקעלעך פון געלן זאַמד
געקלאַמערט האָבן אין דער ערד זיך, ווי דעם טייוולס נעגל.

II.

אַהין, וואו ס'האָבן טייוול־בלומען זיך געגעבן אַ צעוואַקס
אויף בלוט און מאַרך און פעטן אוויר,
געצויגן אויך האָט וואַכלאַנג זיך מיט דער אַקס
אַ פאַרטיע ציגיינער פון מאָלדאַוויע.
ווי אויף אַן אונטערהאַלט — מיט בייטשיקן געפעכט,
די אויגן — ברענענדיק, געמיטן — ליכטיק:
אַריינגעפלאָכטן פאַווערלעך אין גריוועס ביי די פערד,
די בידלעך אויסגעפוצט מיט קאָלדרעס מיט קאָלירטע
און אויפגעלייגט אויף זיי דאָס גאַנצענע פאַרמעג,
די נדנס אָנגעקליבענע פאַר יאָרן האַרעוואַניע;
ס'איז זיי ניט איינגעפאַלן אויפן גאַנצן וועג,
אַז אויסגעהייצט פאַר זיי אַן אויוון האָט גערמאַניע:

„זיי וועלן ברענען נעט! זיי וועלן ברענען גוט!"
האָט זיי די וואַך געשאַצט, די יאַסלעס דרייענדיק פון קייען,
און ווייִן ביי זיי געזויפט דעם גאַנצענעם מאַרשרוט,
און זיי דערלויבט איעדע ווילע אַ לחיים!

III.

משפחות פּאַטריאַרכישע, פון יונג און אַלט,
אין וואַנדערונג פאַרוועלקטע און צעבליטע.
עס האָבן זקנים איינגעהערט זיך אין דעם שאָרך פון וואַלד,
ווי ווינט־פאַרליבטע גרויע וואַרזאַזשביטן.
זיי האָבן טרויעריק דעם בליק אַריינגעוועבט
אין די אַראָפּגעלאָזטע בערד די קוטשעראַווע.
ס'איז ניט צום האַרצן זיי געווען זיך שיידן מיטן סטעפּ,
אַ בענקשאַפט איז זיי נאָכגעגאַן מיט ווינטן פון מאָלדאַווע.
נאָר זיי האָבן צו קיינעם ניט געגעבן זיך קיין ווענד:
צי זיינען זיי ניט אויסגעוועזן וואו אַן אָרט דען?
און מוטערס האָבן זיי מיט ברוינע אָדערדיקע הענט
אַליין אויף פאַרטעכער געוואָרפן קאָרטן.
און ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, נאָר מיט די ליפּן, ווי פאַר זיך,
ווי אין דער שטיל געטאָן זיי וואָלטן תפילה.
און ביידלעך האָבן סקריפּענדיק געאיילט זיך גיך
און זיך ביי ברונעמער ניט אָפּגעשטעלט אפילו...

IV.

ציגיינערינס, געכאָוועטע אין פרייען סטעפּ,
פאַרפּוצט ווי כלות צו דער רייזע האָבן גרעל זיך —
מיט שאַלעכלעך און קאָלפּעקעס איבער די קעפּ,
מיט קרעלן זיבן־רייאיקע אַרום די העלדזער.
די אַקסל ציטעריק פאַרבענקטע נאָך געהעפּ,
איעדער אבער אין באַוועג און אין געדריי איז.
און האָפּערדיק פאָראויס אַרויסגעפּאָכט די צעפּ
און ווי מיט צוויט די צעפּ פאַרפלאָכטן מיט מטבעות.
בראַסלעטן זילבערנע — אַרום די ברוינע הענט
און סיגנעטן פון צין מיט פּאַטשערקעס פאַרלייטע,
און יעדער סטעפּ־קאָליר האָט מיט פאַרגאַנג געברענט
אויף ברייטע, ווינטיקע, געפאַלדעוועטע קליידער.
ווי אויף אַ מאַסקן־באַל מע איילט אין גיהינום גלייך
מיט אַ צעבושעוועטן פריילעכן געהאַווע.
דאָס טרייבט גערמאַניע צו זיך אין דריטן רייך
אַ פּאַרטיע ציגיינער פון מאָלדאַווע!

V.

מ׳האָט וויפל מאָל זיך אָפּגעשטעלט אין וועג
און אויסגעשפּאַנט די פערד, אַראָפּגעלאָזט די בוידן.
און איינער ביי דער וואָך געגעבן האָט אַ פרעג
מיט אויגן אומעטיק־פאַרהייטלט און צעבויטעט:
צי וועט מען קאָנען דאָרטן אויסבייטן אַ פערד,
ווייל ס׳האָט דער לאַנגער וועג פאַרטריבן זיין קאָבילע?
און ס׳האָט זיך אָן עסעסאָווען געטאָן צו אים אַ קער
און אָפּגעקילט מיט אַ פאַרהאַקנדיקן ביל אים.
צעוואָרפן שייטערס זיינען אומעטום געווען,
געפּראַוועט מ׳האָט ציגיינערשע מאכלים.
און איינער צו דער וואָך געטאָן האָט זיך אַ ווענד,
אויףביידלעך וויזנדיק אויף אַלע מיטאַמאָל אים:
צי וועלן אַלע דאָרט אינאיינעם זיין באַשטאַט,
ווי אויפן סטעפּ, אין טאַבאָרן צעכראַסטעט?
אַ טאַפּ האָט דער עסעסאָווער געטאָן דעם אוטאָמאַט
און טעמפּ געטאָן אַ שאָקל מיט דער קאַסקע.

VI.

די יונגען האָבן אָנגעפּוצט די שטיוול ביז צו גלאַנץ,
אַרויסגעלאָזט די פלודערן, געזאַנגען סטעפּישע פאַרצויגן.
און דער עסעסאָווער האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ אַ גאַנדז,
קיין פינטל ניט געגעבן מיט די אויגן.
עס האָבן די ציגיינערלעך די קליינע זיך געשפּילט
און באָרוועסע געפּראָוועט זיך מיט די אַקסעלעך וויברירן.
אויף יעדן ביידל איז געווען צעשפּרייט אַ פּיל,
צעשפּאַרט געווען ביי אַלע זיינען טירן,
און ס׳האָט דער קאַראַוואַן פון ביידלעך זיך געשלעפּט
מיט קלינגענדיקע עמער, טאַצן מעשענע און טשאַנען
פון טרויעריק־געפּאַנגענעם מאָלדאַווער סטעפּ
אין דער געקרוינטער נייער אָרד׳נונג פון גערמאַניע.
אָט זעען זיך שוין אָן די הויכע ווענט,
אָט זעען זיך שוין אָן די קוימענעס די שוואַרצע.
דאָס לעבן אויף די ביידלעך ביי ציגיינער גייט צו ענד, —
ווער וועט זיי זאָגן וואָס הינטער די ווענט דערוואַרט זיי?

VII.

געקומען זיינען די ציגיינער אויפן אָרט.
פאַרכאַפּט האָט זיי דאָס מעכטיקע געביי, דאָס גראָז דאָס געלע
און די גאַזאַנען, ווי אויף אַ גרויסאַרטיקן קוראָרט.
מיט פּיס די סטעזשקעלעך באַטאַפּט: געפעלן!
אַ פּאַלאַץ! דורכגעשור׳וועט האָט אַ שפּרוך,

אזוינס זיי האָבן קיינמאָל ניט געזען באַך.
נאָר עפּעס אַן אומאַנגענעמענער גערוך,
ווי עפּעס וואָלט געהאַלטן דאָ אין סמאַליען זיך און ברענען.
זיך אויסגעלאָדן הילכיק האָבן זיי,
דעם שטויב אַראָפּגעווישט פון אונטערוועגעדיקע וואָכן,
און ווי אַ פייגל־טשאַטע זיך געגעבן אַ צעזיי,
ווי אויפגעפלויגענע געטאָן זיך אַ צעפּאָכע.
געקוקט האָבן די סטעזשקעלעך אין פּראַכט פון בלי,
ניט שווער געווען, ווי ביי אַ טעמפּל, טאָן אַ פּאַל איצט.
צי זיינען זיי ניט אָנגעקומען קיין בערלין?
צי שטייען זיי דאָ ניט פאַר היטלערס פּאַלאַץ?

VIII.

און מיטאַמאָל די אויבער־רעק אַ וואָרף פון זיך געטאָן,
און אַ געפּליעסק האָט אויפגעהויבן פון די הענט זיך.
שוין אין זשילעטן בלויז, די הענט פאַרקייטלט אויף אַ קאָן
און מיט די פיס אַוועקגעשאַרט די שפּענצערס.
און ס'איז אַוועק אַ ווינטיקער געהעפּ,
ס'האָט אַ ציגיינערישער טאַנץ געגעבן אַ צעוואָקס זיך.
מטבעות בלישטשען אויף די שפּרינגענדיקע שוואַרצע צעפּ,
און ווי פאַרחלשטע געגומען ציטערן האָבן די אַקסל.
זיך דורכגעפלאָכטן האָבן אַלע — יונג און אַלט,
ווי אויסגעוויכערט פונעם סטעפּ מע וואָלט דעם גאַנצן וויי דאָ.
די פערד בלויז האָבן מאָרדעס שטיל געגעבן אַ באַהאַלט
און פליגן פעטע אָפּגעטריבן מיט די ווידלען.
אין אומבאַוועגלעכע משחיתים פון עסעס
זיינען מיט שאַרבנס ביי די טויערן געשטאַנען,
געקוקט, ווי אויפגעלייגט מיט שמחה און געפּליעסק
האָבן אַריינגעטאַנצט ציגיינער אין מיידאַנעק.

13. דאָס לעצטע וואָרט

I.

צום אַלטן ראש־ישיבה גליק אין הויז
האָבן זיך דייטשן פרייטיק איינדערפרי געלאָזט אַריינגיין.
אונטער דעם נידעריקן באַלקן אויסגעזען זיי האָבן גרויס
און אָנגעשטאָפּט די שטוב מיט מלאך־המוותדיקע קלאַנגען.
— דער יודע זאָל אַרויסגיין אויף דער גאַס! —
האָט אַ באַפעל אַרויסגעשפּריצט פון צווישן ציינער,

נאָר אומגעקערט צו זיי האָט זיך צוריק דער ראש,
גלייך ווי אין שטוב וואָלט ניט געווען קיינער.
געדאַוונט האָט דער ראָש־ישיבה דאַן,
אים צווינגען מפסיק זיין געווען אַנמעכטיק זיינען זיגער שוואַרצע.
עס האָט זיי אויפגעבראַכט די רואיקייט פון אַלטן מאַן,
און דאַך האָט זי ווי עפּעס אָפּהענטיק געמאַכט זיי.
געשטאַנען איז ער מיטן פּנים צו דער וואַנט, פאַרהילט,
דערדאַוונען געבליבן אים שוין ניט קיין סך איז.
ער האָט מיט קלאָרקייט מיט פרימאַרגנדיקער געפילט,
אַז ס'איז זיין לעצטער שחרית...

II.

האָט ער אַ וואונק געטאָן, ניט אויסקער'ווענדיק זיך:
אין פאָדער־צימער זאָלן אויסוואַרטן די קוילערס!
ער האָט דעם טלית אָפּגעדעקט פון זיין געזיכט,
געגאַן פון זיין געביין אַ שטום געהויל איז...
מ'האָט ניט געהערט: צי ס'איז געזאַנג, צי ס'איז געוויין,
געדוכט, אַז דאָס געהויל קיין אָנהייב און קיין ברעג האָט.
און איילנדיק די טריט די אייגענע אַליין,
האָט ער אַרויפגעכאַפּט אויף זיך דעם שבתדיקן בגד.
אין פאָדער־הויז געהאַלטן אייזן־פעסט די וואַך,
אַזויאַרומער אויספילנד דעם וואונטש פון זקן,
האָבן די קוילערס שיפּענדיק געוואַרט
אַ ביסעלע צעמישט אין זייער חיהשן געלאָקער...
די הוט האָט אויף זיין שטערן זיך געהאַלטן גרינג,
אַרום די לענדן איז דער גאַרטל קוים געווען פאַרצויגן.
פונקט ווי מקבל־שבת זיין פאַרפרי,
ער צו די קוילערס איז אַרויס מיט ביטול אין די אויגן.

III.

אַרום דער שטוב, אין פרעמדער טראַכט פאַרפוצט,
זיך האָבן פריילעך שוין געדונגען פּאָליצייען:
ווי וועט מען זיך צעטיילן מיט דעם גוטס,
צי וועלן די חלקים גלייך אויף אַלע סטייען?
זיי האָבן דויבעשקעס געהאַלטן אין די הענט
און אויסגעשלייפטע העק מיט גלאַנץ מיט שאַרפן.
„דאָס וואָס אַ מענטש באַשאַפט, דאָס ווערט פאַרווענדט,
און זיי האָבן, ווייזט אויס, קיין אַנדערס ניט באַשאַפן —
אויסער די דויבעשקעס און העק”. — האָט דורך געדיכטע ברעמען האַרט
דער זקן מיט פאַראַכט באַקוקט באַזונדער יעדן שונא
און האָט מיט העלער לויטערקייט געטאָן אַ טראַכט:
„ווי גוט איז דעם, וואָס איז ניט ענלעך אויף אַזוינע!...”

און האָט זיך אָפּפּירן פון זיי דערלויבט
צום פּלאַץ, וואו ס'איז די גרוב פאַרגרייט געוועז שוין.
האַלב־נאַקעט און צעטריבערט און פאַרטויבט,
האָט דאָרט געוואַרט אַ שטאָט פון זיי אַראָפּגעפּירטע מענטשן.

IV.

ער איז געגאַן צום בוים און צו דעם שטאַם,
וואָס אויפגעגאַן אין בראַך דורך טויזנט־יעריקן נס איז.
נאָך גאָר ניט לאַנג, באַלעסטיקט מיט זיין אָמט,
איז ער אַזוי טאָג־אויס, טאָג־איין געגאַן אין בית־הכנסת.
צו פּופּציק מאַן האָבן די קוילערס אויסגעשטעלט ביים גרוב,
און רייענווייז האָט זיי די ערד פאַרשלונגען און פאַרזויגן.
דאָס פייער האָט מיט רעש אין קבר זיי געשטופּט,
נאָך דורכגעפלאָכטענע אין קראַמף זיינען זיי אויפגעפלויגן.
דעם זקן האָט דער זאַנדערפיורער אויפגעהאַלטן לאַנג,
ביז צו דעם סוף, ביז דורכגיין וועט דער גאַנצער גלגל, —
אַז ער זאָל זען און זאָל זיך רירן פון געדאַנק,
אַרויסשפּרינגען די אויגן זאָלן אים ביי יעדן וואַלגער.
נאָר ס'האָבן אים דעם בליק די אַרבע־מיתות ניט פאַרהוילט.
און ס'האָט דער פּיין אים ניט פאַרטונקלט די געדאַנקען;
פון זיינע ביינער איז געגאַנגען אַ געהויל:
— מה טובו אוהליך יעקב! . . .

V.

— וואָס בומבלט ער, דער ראַבי? — האָט דער קאָט געטאָן אַ ריס —
פּילייכט פאַרלאַנגט אַ וואָרט צולעצטנס ציונס ווייזע? —
אַוועקגעגאַן די ערד איז פונעם זקנס פיס,
זיין קאָפּ האָט ווי אַ וואָלקן זיך אַ הייב געטאָן אַ גרייזער,
און אין דערוואַרטונג אויף זיין שחיטה האָט ער אויסגעמורמלט דאָך
מיט אָפּגעטאָגענקייט און גלייכגילט, צי ס'וועט עמעץ אים דערהערן:
— אויב ס'איז באַשערט אין יעדן דור,
אַז מענטשלעך בלוט זאָל אומשולדיק פאַרגאָסן ווערן,
איז דאַנק איך גאָט, ווען ס'טוט דער טויט אַ שלאָס אָן
אויף מיין מויל אין גרויסן יום־המיתה,
וואָס יידיש בלוט איז דאָס פאַרגאָסנס
און ניט וואָס האָט געטאָן פאַרגיסן!... —
און אַרום אים אונטער אַ הירזשענדיק געלעכטער און געשריי
געריסן האָט פון בלוט און לייב די דולע לופט זיך.
זיך צוגענע'נטערט האָט צום ריוו די לעצטע ריי,
אַ פאַל געגעבן דונערדיק האָבן די לעצטע פּופּציק.

VI.

און אין דעם בלוטיקן געוואָלגער איז מיט איילנדיקע טריט
צום תּליון צוגעגאַן דער אַלטער ראש־ישיבה
אים מיט זיין וואָלקנדיקער ווייסקייט אָפּגעבריט:
— באַגראָבט מיך לעבעדיקערהייט! — און ווי פאַרגליווערט
האָט ער פון קאַט דעם שאַרפן בליק ניט אָפּגעווענדט,
געעגבערט אַ מחשבה האָט זיין מוח בלענדיק:
ס׳איז ניט קיין כבוד פאַר אַ ייד קומען אויף יענער וועלט,
דעם צלם־אלוהים דורך מאָרד פאַרענדערט...
ער האָט געקוקט, דער זקן, אויף אַרויף,
צו די ידיעות פונעם הימל, די פאַרגייענדיק־געראַמע: —
זאָל ניט מטמא ווערן, קאַט, פון אייך מיין גוף,
ווי ניט געקאָנט איר האָט מטמא מאַכן מיין נשמה!... —
מער האָט דער זקן גאָרנישט ניט באַגערט,
מער האָט ער גאָרנישט ניט געהאַט צו זאָגן.
פאַרנומען האָט מיט פייערלעכער פאַרכטיקייט די ערד
דעם לעצטן ווילן פונעם זקן...

14. די לעצטע זיצונג

I.

צווי בענק, אַ טיש, אַ טאַבורעט,
געהיימע טריט די פינצטערניש באַטרעטן,
אַ שאָטן צו אַ שאָטן רעדט
פון די באַלאַגערטע יאָרטויזנטן אין געטאָ.
אַ קאַנעצל — דורך פינצטערניש געפּלעט,
די אויגן פלאַקערן, דער חושך קלעטערט.
עס גייט אַ זיצונג פונעם אויפשטאַנד־קאָמיטעט,
אויף אַ געשלעג הייבן זיך חורבות אויף פון געטאָ,
איינער דעם צווייטן — קוים וואָס זעט,
די לעצטע בלאַט גיט זיך אין פינצטערניש אַ בלעטער,
ס׳גיט יעדע וויל עמעץ דאָס וואָרט אַ בעט
ערב דעם אויפטריט דעם באַוואָפנטן אין געטאָ,
אַן אַלטער זייגער אויף דער וואַנט: איז נאָך ניט שפּעט?
גראַנאַטעס הוידען זיך, ווי אומרוס אין געוועטן,
דאָס וואָרט באַקומען האָט די שמידעריי פון קאָמיטעט —
די שמידעריי די אונטערערדישע פון געטאָ.

II.

אַ האַלב־פאַרזונקענע זיך טראָגט די געטאָ אום,
ווי אויף אַ ים אַן אָפּגעהאַקטע קריהע.
ווער ערבֿ־מיתהדיק שליסט אויס זיך פון אַרום,
ווער ס׳שליסט נאָך ערשט זיך אין די כוואַליעס פון עפּיר איין.
מע וואַרט אויף בשורות, נאָר קיין איינע קומט ניט אָן,
עס לאָזט זיך, טאַפּנדיק, דער טויט איבער דעם בראָך גיין.
די נעכטיקע זיינען שוין היינט ניטאָ,
די היינטיקע ניט זיין וועלן שוין מאָרגן!
אונטער דער ערד, פאַרבאָרגן און געטריי,
אַלצאיינס, וואָס אפשר אַלץ איז שוין פאַרשפּעטיקט,
געאָטעמט האָט מיט וואוט די שמידעריי,
געוווער געשמידט צום לעצטן האָט די געטאָ.
דער לעצטער אויסוועג! האָט ביי יעטווידן אין בליק
אַ פּייערל פון האָפענונג געבלאַנדזשעט:
— דער איינציקער! — האָט אויפגעזאָטן גליק, —
פאַרוואָס האָט ער דער ערשטער ניט געקאָנט זיין?

III.

... צו לאַנג געטראַכט... געהאָפט צו לאַנג...
צו לאַנג פאַר אונדזער לאָטע אויף דער פּלייצע זיך געדונגען... —
אים האָט געדוכט, ער הערט דעם זיסן קלאַנג
פון שמידעריי, דעם פּאָך פון בלאָזאַקס סאָפּעדיקע לונגען.
ער האָט זיך צו דער טיר געטאָן אַ צי,
זיך אָפּגעשטעלט, ווי עפּעס זיך באַדאַרפט דערמאָנען: —
די אויסגעהרגעטע וואָלטן באַדאַרפט דאָ זיין אַצינד,
און שמידן דאָס געוווער באַדאַרפט מיר וואָלטן גלייך פון אָנהייב!
באַשיצן זאָל זיך יעדער איינער, ווי ער קאָן,
ניט וואַרטן אויף קיין הילף, ניט אויסרעכ׳נען אויף קיינעם!
און זאָל דער קאָט געוועזן אַרויס קעגן ווער ווייסט וויפל מיליאָן —
אַ פויסט קעגן אַ פויסט! און איינער קעגן איינעם! —
ער האָט זיך אומגעקוקט און ווייטער פּיבערדיק גערעדט,
געאַקערט האָט זיין יעדעס וואָרט, מע זאָל עס הערן: —
ס׳איז אונדזער טעות, וואָס מיר הייבן אָן צו שפּעט,
און דאָס וועט אונדז פון קיינעם ניט פאַרגעבן ווערן!...

IV.

געגאַן צום שלוס די זיצונג איז פון אויפשטאַנד־קאָמיטעט,
זיך מער מפלפּל זיין איז קיינער ניט געוועזן קיין בעלן.
זיין יעדעס וואָרט איז ווי אַ בריענדיקע קויל געפאַלן.
און אַלע האָבן אים געהערט פאַרטרויט,

זיך קלאָר אַ דין וחשבון אָפּגעגעבן,
אַז ס׳גייט אַ רייד וועגן בכבודיקן טויט,
וועגן פאַרהאַנדלען אויף דער העכסטער פּרייז דאָס לעבן.
און דאָך האָט אומגעבלאָנדזשעט וואו־ניט־וואו אַ שטראַל
פון האָפענונגען אומקלאָרע, פאַרפירנדיקע, ווייטע...
אַדורכגעשווינדלט האָט פּאַר יעדן איינציקן דער וואַלד
מיט פאַרטיזאַנער און מיט ערד־שטיבלעך און שייטערס...
אַריבערשפּרינגען מיט פאַרמאַכטע אויגן, אין געדאַנק,
איבער דער אומפאַרמיידלעכקייט האָט יעדערן געוואָלט זיך.
זיי האָבן אויפגעכאַפּט מיט דאָרשט דעם ווייטסטן קלאַנג —
ניט־דאַאיקע, פאַראורטיילטע און שטאָלצע...

V.

עס האָבן שאָטנס זיך פון זיי געהויקערט אויפן דיל,
און הויקערדיק באַלאַגערט האָבן זיי די סטעליע.
געווען עס איז, ווי פּאַר אַ שלאַכט, פאַרטייעט־שטיל,
געזיכטן — אָפּגעצערטע, ביינערע און געלע...
— איז אָט! — האָט גליק אויף אַלעמען דערלאַנגט אַ קוק,
באַלויכטן זיין געזיכט האָט פון דער טיף די שמידעריי אים: —
געווער, וויזט אויס, וועט זיין גענוג...
און אויך ניט זיין קיין מאַנגל וועט אין פייער! —
אַ שטילקייט האָט זיך אָנגערוקט. געווען איז גליקן שווער
צו קוקן די חברים אין די אויגן:
ער האָט געוואוסט, אַז ס׳וועט ניט קלעקן קיין געווער,
נאָר ס׳איז די שלאַכט געווען שוין אָפּגעוואויגן!
— דאָס הייסט גענוג? — האָט איינער דאָך איבערגעפרעגט, —
מיט אונדזערע ל״ג־בעומר־שווערדן קעגן דייטשע טאַנקען... —
ער האָט די האַנט געגעבן צו דער גאָס אַ שטרעק: —
דאָס הייסט, אַז ס׳איז אין פייער ניט פאַראַן קיין מאַנגל?

VI.

— קיין אויסוואַל איז ניטאָ! — האָט גליק דערשטיקט זיין אייגן קול,
ס׳זאָל אין דער שטילקייט זיין אים בעסער צו פאַרנעמען, —
דאָס האָבן מיר! און טרעטן אויף מיט יעדער צאָל,
אָדער — צום ריוו געטריבן ווערן, ווי די לעמער!
עס האָבן קעפּ ביי אייניקע געגעבן זיך אַ גראַב,
און בליקן האָבן זיך געבומען איבערקרייצן:
— איז נאַרן מיר, הייסט עס, די אומגליקלעכע אָפּ,
פונקט ווי דער יידנראַט האָט אָפּגענאַרט פאַרשטערלטערהייט זיי?
איז וואָס־זשע שיידט אונדז אָפּ פון יידנראַט,
וואָס האָט געשיקט דעם מלאך־המות גאַנצע הורטן?
ער האָט דאָך אויך אַ הייליקע כוונה פאַר געוויס געהאַט:

ניט וויסן זאָלן די פאַראורטיילטע, אַז זיי זיינען פאַראורטיילט!... —
געבריט האָבן די ווערטער גליקן גלייך ווי שרויט,
און אָפּגעפּאָכעט האָט ער זיך פון זיי, ווי פון אַ האָגל:
— דער יידנראַט האָט אויפגעפּאָדערט גיין אויף טויט,
און מיר — מיר וועקן אויף אויף גיין זיך שלאָגן!

VII.

אוודאי — מיט אַ טאַנק קעגן אַ טאַנק
צו פירן אַ געשלעג איז פריילעכער און בעסער
און זיכערער, לויט אַלעמענס געדאַנק,
ווי מיט אַן אויסגעציילטער ביקס און מיט אַ מעסער,
נאָר ניט אונדזער געווער באַשטימען וועט די שלאַכט,
און ניט די צאָל — צי ווייניקער צי מערער.
ס׳איז אונדזער וואָרט! דאָס אויסגעטראָגענע אין פּיין און אין פאַראַכט!
זאָל עס די וועלט די גאָרע איצט דערהערן!
ניט אָפּגעטייט איז אונדזער גייסט, ווי ס׳האָט דער דייטש געוואָלט.
געשטעמפּלטע מיט שאַנד־לאַטעס, דעם הפקר פאַרנאַרייעט,
באַטייליקן זיך גייען מיר אין קאַמף, ווי ס׳גייט אַ פאָלק
זיך שלאָגן פאַר זיין רעכט און שטאַרבן פאַר זיין פרייהייט!
ס׳איז רעכט אַ שטיין — פּונקט ווי אַ שווערד פון שייד,
ס׳איז רעכט אַ פויסט — אפילו ווען דער שונא דריי האָט.
אויך די, וואָס מ׳האָט פאַרברענט זיי לעבעדיקערהייט,
זיי זיינען אויכעט אומגעקומען פאַר דער פרייהייט!

VIII.

קיין סך געווער האָט ניט געקלעקט אונדז פאַר דער שלאַכט,
ווי ס׳האָט די הים די אייגענע פאַר אונדז דאָ ניט געסטייעט.
אָבער אויך די, וואָס ליגן אין די ריוון אומגעבראַכט,
זיי זיינען אויכעט אומגעקומען פאַר דער פרייהייט!
זיך ניט געקאַרגט דאָס פאָלק האָט אויף זיין לאַנגן וועג,
דאָס האַרץ געשטאָלט, דעם גייסט געשליפט ווי בליי האָט.
די אומשולדיקע עופהלעך, וואָס דייטשן האָבן זיי צעזעגט,
זיי זיינען אויכעט אומגעקומען פאַר דער פרייהייט!
אין יעדן איינציקן פון זיי
געזען איר צוקינפטיקן קברן האָט די חיה.
אויך די דערשטיקטע אין די גאַז־צעלן, אויף זייף —
זיי זיינען אויכעט אומגעקומען פאַר דער פרייהייט!
קיין הייליקערע פרייז איז ניט פאַראַן ווי בלוט און ווייַ,
דאָס גיבן מיר! ס׳איז אונדזער שווערד און אונדזער פייער!
און אין דעם לעצטן בראַך, וואָס רוסלאַנד גרייט פאַר זיי,
וועט אויך אַריינגיין אונדזער הייליקער צושטייער!

IX.

זיי האָבן פוילן אויף דער דריטער וואָך דערשטיקט,
פאַר צוואַנציק טעג האָבן זיי חרוב געמאַכט פראַנקרייך.
און מיט דער מינדסטער צווייג פון ראַטנלאַנד, — דערקלערט האָט גליק, —
דאָס דריטע יאָר שוין דויערט דער געראַנגל,
און ס'איז נאָך ניט באַוואוסט, ווי לאַנג
באָך דויערן, אַ היילינקער, ער ווער דאָ.
און אויב אפילו דאָ איז שוין זיין לעצטער צאַנק,
וועט ער צעפלאַקערן זיך אין אַ צווייטער געטאָ!
זיי האָבן אויף אונדז אויסגערעכנט, ווי אויף שאָף,
וואָס לאָזן מיט אַראָפגעלאָזטע קעפ זיך נעמען.
נאָר ס'איז נאָך ניט באַוואוסט דער סוף —
ווער איבערלעבן וועט אין דעם געראַנגל וועמען?!
זיי האַקן אָפּ אַ קאָפּ, און ס'וואַקסן אויסעט דריי!
זיי שעכטן אויס אַ טייל, און ס'גיט די אונטערערד אַ קלעטער! —
געאָטעמט האָט מיט וואוט צו אים די שמידעריי,
געוועז געשמידט צום לעצטן האָט די געטאָ!

X.

געגאַן די אַרבעט מיט כוונה איז, מיט פלייס,
געגרייט דער איבערבלייב פון געטאָ האָט געטריי זיך.
אַריינגעאָטעמט יידן האָבן גייסט
אין די צעגליטע שטיקלעך שטאָל און שטיקלעך אייזן.
קיין וואונק, קיין וואָרט ניט אויסגערעדט.
אָן מפסיק זיין. אָן איבעררופן.
ווי ס'האָבן זיידעס זייערע כוונה אין געבעט
אַריינגעלייגט בשעת תעניתים און סיגופים.
ס'איז פון די ביינער בלויז געגאַנגען אַ געהויל,
אַ פייער האָט זיך פון די אָדערן געריסן,
און צוגעשלאָסן איז געווען ביי יעדערן דאָס מויל,
און מיטן מויל געפּרוּאווט די אויסגעשליפטע שפיזן...
און אויפגעגאַן זיינען די בליקן גראַד,
ווי שאַרפן פון געווער, ביז צו די הימלשע געוועבן.
געווען דאָן היילינקער פון גאָט איז אַ גראַנאַט,
פון פאָלק דער כבוד — העכער פונעם לעבן!

15. דאָס וואָרט באַקומט די שמידעריי!

I.

שווער דער בלאָזאַק זיך באַוועגט,
ניט ער פאָכעט, נאָר ער וועקט.
ס'איז דער האָרן גאָר די ערד,
יעדער פונק מיט פלאַם באַשווערט.
ס'פלאַמען אויגן, ס'פלאַמען בערד:
שמיד זיך, שפיז, און שמיד זיך, שווערד,
שמיד זיך, מעסער — ניקמת־דם!
ניט פאַרשפּעטיק, ניט פאַרזאַם!
שלייף זיך טיף און שלייף זיך הויך,
ווי געשלייפט ס'האָט זיך דער מוח,
ווי געשלייפט ס'האָט זיך דער מאַרך
ביי די ספרים טאָג און נאַכט.
זײַ דער לעצטער בליץ פון וויי,
זײַ דער לעצטער אויסגעשריי,
פאַל נאָר ניט אַרויס פון האַנט
פאַר דער צייט ביים לעצטן ראַנד!

II.

אויסגעפּויסטיקט אונטער דר'ערד,
ציען הענט זיך גראַד אַהער
פון הרוגים גאַנצע בערג.
ווייסע שטערנס, גרינע בערד,
און די אויגן — שטאַר און גלאָזיק,
כאַפּן זיי זיך אָן ביים בלאָזאַק,
אַ צעהוידע, אַ צעפּאַך
און מיט ביינער אַ פאַרשפּראַך:
רייס זיך, פייער, דורך דער צאַם,
זײַ דאָס לשון אונדזערס, פלאַם,
אונדזער ערשטע מעלדונג זײַ,
וואַלגער איין די לעצטע זייל!
שקר, הימל, שקר, ערד,
אַז אַ קרבן איז באַשערט!
אַז וואָס ניד'ריקער די קעפּ,
העכער אַלץ צו גאָט די טרעפּ!...

III.

ניט קיין שווערד נאָר, שמידעריי,
ס'שמידן לוחות זיך אויפסניי!
זאָל קיין מעסער, אויפגעברויזט,
איצט ניט טרעפן צו קיין ברוסט!
איבער הענקערס אַ געפעכט,
עולם־הבא אויף דער ערד!
אַ געשלעג, ווי אַ קאַיאַר —
אויסגעוויטיקט טויזנט יאָר,
אים געזויגן ווי אַן אַם
און באַשוואוירן נקמת־דם!
דורכגעאָדערט — יונגס מיט אַלטס —
ווער נאָך פּאָדערט אונדזער האַלדז?
ווער נאָך קומט נאָך אונדזער מוח?
ווער — אונדזער לעצטער הויך?
איבער דער טויט איז אונדז פאַרגרייט,
איז לחיים טויטערהייט!

IV.

שווער דער בלאָזאַק זיך באַוועגט,
עס באַגינט דער ערשטער וועג.
ס'קוקט זיך איינס צום צווייטן אום,
און אין זיך, און רונד אַרום,
יעדער בליק באַפעלט און מאָנט,
אויפגעלויכטן, וויט און נאָ'נט:
ווער פון שטאָט דאָ ניט צעזייט איז?
אי די קינדער, אי די זיידעס,
אי דער גלעזער, אי דער רב —
אויפגעוועקט פון טויטן שלאָף,
אַ געפּאָך און אַ געוויי —
ס'וויינען דורות, ווינד און ווי,
אומגעבראַכטע אין דעם בראָך,
ניט־געבוירענע, ווער נאָך?
און דאָס פייער, ווי אַ ים,
זעצט אין הימל: נקמת־דם!

V.

פליען פונקען אויף און אָפּ,
און אין שטראַלן איז דער קאָפּ:
זיס איז דאָך אַזוי די ערד,
נאָר ניט אונדז איז זי באַשערט...
גלאַנציקט אויף אין אויג אַ טרער,

גליטשט מיט ווי זיך לאַנגזאַם, שווער,
פאַלט אויף שטאָל צעגליטס אין פלאַם
מיט באַשווער אויף נקמת־דם:
שאַרף זיך האַרט, און פלינק, און דרייסט,
און דעם לעצטן פענט צערייס!
זײַ פון פּיין דער לעצטער הויך
און דעם שונאס האַלדז דערגרייך!
יעדע גרוב און ריוו דערמאָן!
מעסער, פאָדער! מעסער, מאָן!
פאַר הרוגים אָן אַ צאָל,
מעסער, מאָן! און מעסער, צאָל!

VI.

פאַר דיין ערשטן אויפבליץ, שווערד,
גייט אַ מילכוועג אונטער דר׳ערד:
שמיד זיך, אייזן, שמיד זיך, שטאָל!
ס׳איז קיין אַנדער וועג נישטאָ,
ס׳וועט קיין אַנדער וועג ניט זיין,
זײַ געהייליקט איצט, כלי־זיין!
זײַ די אויסלייזונג, די פאָן,
ס׳זויגן מאַמעס איצט דיך אָן,
און אַ זקן, און אַ קינד,
און עס דעמערט, און ס׳באַגינט —
מיט דעם פייער זיך באַטרינק,
ס׳זאָל לאַיבוד גיין קיין רינג,
זעטיק זיך מיט יעדן גלי,
נעם דעם וויטעק אָן פאַר ליב,
און מיט שנאה אים באַטעם —
זאָל דיין וועג זיין נקמת־דם!

VII.

שוין ניט פרי און נאָך ניט שפעט,
אויס הכנעה! אויס געבעט!
אויסגעצערטע ביז צום ביין,
אויס תעניתים! אויס געוויין!
דורכגעיאָגטע קאַליסטרוי,
אויס תחנונים! אויס פאַרטרוי!
דורכגעספּירטעוועט אין האַס,
אויס מיט באָבע־מעשיות, אַז:
וואָס מיר זיינען זיינען מיר,
אָבער יידן זיינען מיר!
און די אויגן אין אַ זאַק,

און דער גאָרגל פאַר דער האַק,
און דאָס פּנים פאַר אַ שפּיי —
ווער סע וויל נאָר, פראַנק און פריי!
און דאָס האַרץ איז הוילע ריס,
איז מיט פייער — כורת־ברית!

VIII.

אַט וועט מען זיך מלא־האָס
באַלד אַ לאָז טאָן אויף דער גאַס.
אָפּגעצאָלט פאַר אַלץ! וואָס נאָך?
ס׳ברעכט אונדז מער שוין ניט קיין בראָך,
ס׳האָט אויף אונדז דורך בליי און שרויט
מער קיין שליטה ניט דער טויט,
ניט דער אָנהייב, ניט די ענד —
מיר האָבן שוין אויך געברענט,
אונדזער אַש שוין אויך צעווייט,
איצט אין שלאַכט פאַרברענטערהייט!
פאַר געברענטע לייד און פּיין —
ניט קיין ברויט און ניט קיין וויין,
נאָר אַ טרונק בקמה־פרייד
און לחיים טויטערהייט.
אדם־נאַקעט ביז צום שטאַם —
זײַ זיך נוקם — נקמת־דם!

16. אַרויסגעבן לעבעדיקערהייט

I.

דער עלטסטער פונעם יידנראַט איז גרוי און יוסט,
אַ בייזער ווידערקול פון זיינע טריט צעפּלייצט זיך.
אַ געלער מגן־דוד אויף זיין ברוסט,
אַ געלער מגן־דוד אויף זיין פּלייצע.
ער קוקט מיט פּחד זיך אַרום איעדעס מאָל,
ווי ס׳וואָלטן שאָטנס אומעטום איבערגעגאַן דעם וועג אים.
פון חסד טייוולשן ער טראָגט דעם שווערן עול,
געשטעמפּלט איז פון טויט זיין יעטווידע באַוועגונג.
אַ פּדיון־נפש איז אים יעדער איינציקער באַפעל,
וואָס ער פילט אויס מיט שרעק, הכנעהדיק־געבויגן.
אים איז געזיכערט אויף אַ צייט זיין ניט גערירטע פעל

פֿאַר צובינדן מיט האָפֿענונג ביי די פֿאַראורטיילטע די אויגן,
ניט זען די גרוב זיי זאָלן פֿאַר די פֿיס,
פֿאַרגלייבט זאָלן זיי זיין צום מעסער ביי דעם ווײַ־ראַנד.
ס׳האָט מיט השגחה אים פֿאַרוויגט, געוויס,
דער „הכל שוחטין ושחיטתן כשרה״.

II.

ביי דעם צונויפֿשטעלן די צעטלען ס׳לעצטע מאָל,
דעם מלאך־המות אָפּגעבן אַן אָרדנטלעכע פֿאַרטיע,
האָט זיך אַן אַלטער ייד געריסן אויפֿן קול
צום עלטסטן פֿונעם יידנראַט, די באָרד געשפּאַרט אים:
— וואו שטייט עס ערגעץ, האַ? ווייזט מיר אַ דין,
אַז איך דאַרף גיין פֿאַר אייך צו דער עקידה?! —
זיין קול איז אַלע ווײַלע זיך פֿאַרגאַנגען דין,
ווי אַ געהויל פֿון זייער ווייט און אויסגעליידיקט...
— ס׳וועט ניט געשען קיין בייז! דער דייטש פֿאַרשפּרעכט... —
האָט זיך דער עלטסטער פֿונעם יידנראַט געגראָבן אין די צעטלען.
און ווי אַ דורכגעשטאָכענער אויף דורך אין האַרצן פֿון אַ שווערד,
האָט זיך דער ייד צעשריגן ווי אַ לייב איבער דער געטאָ:
— ס׳וועט ניט געשען קיין בייז... טאָ זאָגט, וואָס איז געשען
מיט די, וואָס איר האָט פֿריִקן אָפּגעגעבן?
פֿאַר וויפֿל האָט ער אייך געשענקט
אייער טרייפֿניאַצקע לעבן?

III.

דאָס הויז פֿון יידנראַט קוקט שטרענג אַראָפּ,
דער דאַך איז ווי אַ היטל מיט אַ גלאַנצנדיקן דאַשעק.
די בליקן ציען זיך צו דעם און ווענדן צ׳ריק זיך אָפּ,
ס׳איז דאָרט אַ גאַנצן טאָג אי שטיל אי רעשיק.
דער שראַנק זיך הויקערט, ווי אַן אַלטער קאַטאַפּאַלק,
דאָס דעקל איבער אים פֿאַרהייטלט ברוין איז.
דער געטאָ־שטעמפּל דאַרטן זיך באַהאַלט
און פֿון אַ טויטער שטאָט דער ספֿר־הזכרונות.
אַ לוח אויף דער וואַנט — ווי אַ געהאַנגענער, פֿאַרשטאַרט,
אַביסל אין אַ זייט, ווי עפּעס אומפֿאַרשטענדלעך אים איז,
ס׳הערט אַלץ זיך עפּעס איין, און אַלץ אויף עפּעס וואַרט,
אַ שאָרך זיך הערט פֿון טויטן־צעטלען און רשימות...
און אין דער סקריפּענדיקער טיר גיט זיך אַ שורה׳וועַ דורך
דער באַלעבאָס, באַגלייט פֿון רב און יידן טומלדיק־געפּלעטע,
געקומען איז ער פֿון דער דייטשישער קאָמענדאַטור
מיט אַ בייז־וואונדערדיקער בשורה פֿאַר דער געטאָ...

IV.

און אַ וויכוח איז אין יידנראַט געווען,
דער פּילפּול איז געגאַנגען פון געשפּענסטער.
אַראָפּגעקוקט דער אומגליק האָט פון ווענט,
דער גורל האָט געקלאַפּט שוין אין די פענצטער:
עס פאָדערט שוין דער קאַט מיט זשאַווער אין די רייד,
מיט אַ טערמין, מיט תנאים און מיט צאָלן,
אַז אַ געבונדענעם, לעבעדיקערהייט
דעם לערער גליק אַרויסגעבן מע זאָל אים...
טאָמער פאַרשפּעטיקן די יידן צום טערמין,
איז צו דעם טויט די העלפט געבליבענע זאָל גרייט זיין!
זיך דורכגעכוואַליעט האָט דער פּיין פון יעדן מין:
פון גראָבן גריבער זיך אַליין ביז צו דעם קרייצן...
און דער וויכוח האָט געשטיגן מיט געפּראַל
און מיט פאַרשיידענע רמזים מיט פאַרוויטע:
איז רעכט, פאַר איינעם זאָל אַ קרבן זיין דער כלל,
צי קאָן מען מקריב זיין דאָך איינעם פאַר דער עדה?!...

V.

— פאַראַן אַ דין, — האָט זיך דער רב געטאָן אַ ריס
צו אַלעמען, פון רעכטס און לינקס און קעגנאַיבער,
און האָט געוואַרט, ס׳זאָל ווער־ניט־איז
אים אָפּשטעלן אָדער אַ שאַקל טאָן די קעפּ זאָל מען בציבור...
— פאַראַן אַ האַק! — האָט ווי אַ ווידערקול
זיך דורכגעטראָגן ראַש דורך דער אסיפה
און אָפּגעקלונגען אָן אַ צאָל,
ווי פון דער הייך און פון די טיפן...
— פאַראַן אַ דין, — האָט ווידער זיך דערהערט, —
אויב ס׳שטייט די גאַנצע עדה אין סכנה,
איז... — אומגעקוקט האָט זיך דער רב, — איז רעכט,
אַז איינער זאָל זיך פאַרן כלל, אויב נאָר מע קאָן נאָך...
— ס׳אַ מאָרד! — האָט דורכגעדונערט אויפן ראַט
און גלייך די קעפּ אַראָפּגעבויגן ביי דער עדה, —
— זייט נאָך מקדש, רב, דעם מאָרד מיט „הרי את“, —
האָט אויפּדאַסניי דערהערט זיך אַ געשריי דאָרט...

VI.

אַט דאָן זיך צוגעשטעלט אין יידנראַט האָט גליק,
ער איז אַריין, פונקט ווי פון יענער וועלט פאַרבלאָנדזשעט:
— נו, וואָס, געפּסקנט? — האָט זיין בליק
צו אַלעמען אַ צי געטאָן זיך. —
עס גייט שוין באַלד צו ענדע דער טערמין!...

פאַרלאַנגט דער יידנראַט אים אפשר עפּעס זאָגן,
אויב ניט, וועט ער אַליין זיי מעלדן דעם פסק־דין!
— אַליין? — האָט דורכגעוואָרישט דער יידנראַט. — אַליין! זיך שלאָגן! —
ער האָט מיט ביידע הענט דעם שראַנק געטאָן אַ נעם,
אַ לאָז געטאָן האָט פון זיין מויל זיך שוועבל: —
אַציבד איז אומקומען — מער ניט קיין קידוש־השם,
קידוש־השם איז איצטער לעבן!
בכן איז ער געקומען נאָך געווער! —
האָט נעענטער צו אַלעמען געטאָן אַ גיי ער, —
די חפצים אָפּגעבן אַוועלכע ס׳האָט נאָר ווער,
וואו זיך פאַרוואַלגערט ס׳האָט אין געטאָ אַ מטבע!

VII.

און אים, דעם קאַט, גיט צום טערמין מיין פּאַספּאָרט אָפּ,
ער וועט אין דייטשיש בלוט זיין איינגעטונקען...
מער פאַרלייגן קאָנט איר אים גאָרניט פאַר מיין קאָפּ,
זיך ניט געאַמפּערט! און זיך ניט געדונגען!
ניטאָ אין געטאָ גליק! אים אויסלייגן איר וועט,
מע קאָן פון קבר נאָכאַמאָל דערהרגעטע צום ריוו ניט שלעפּן!
דערהרגעט האָט ער מיך פון לאַנג שוין הער!
ווען מיך פאַרכאַפּט ער אויף דער גאַס האָט מיט די עפּל!
דערמאָנט אים, אַז ער האָט שוין איין מאָל מיך געטריבן צו דער גרוב,
אויף דעם וועט ער מיט מיין פערזאָן זיך מוזן באַגענוג׳נען...
ניטאָ מער גליק! דער פּאַס! אויף אים זיך פעסט פאַררופט!
פאַרבלוטיקט אים געפונען האָט איר אין די קליידער פון הרוגים! —
עס האָט אַ גרויקייט אַ פּריצייטיקע, ווי אַש,
שוין אויף זיין יונגן שטערן זיך באַוויזן,
און אויפן זיגער קוקנדיק האָט ער זיי אויסגעשטרעקט דעם פּאַס: —
גייט גיט אים אָפּ! ס׳איז צייט! אָט איז ער!

17. באַגייסטערונג

I.

אַיעדן אויגנבליק מע טרייבט פון זיך מיט ווי און מי,
אַיעדערן איז קלאָר, אויף וואָס ער האָט זיך נאָך צו ריכטן.
געבראַכט דעם תליון האָט מען פינקטלעך צום טערמין
דעם פּאַספּאָרט גליקס, אין בלוט אַן איינגעריכטן,
און אים דערקלערט: ניטאָ אין געטאָ גליק,

ניטאָ! ניטאָ קיין סימן שוין פון זייער לאַנג אָן,
מע קאָן פון גרוב דערהרגעטע ניט אויסגראָבן צוריק
און אַ דערהרגעטן דעם זאָנדערפיורער נאָכאַמאָל דערלאַנגען...
אַ ראיה — איז דער פּאַס. אין בלוט פאַרפלעקט
געפונען מ׳האָט אים אין די קליידער פון די אומגעבראַכטע...
אַרויסגעשמיסן האָט דער דייטש דעם פּאַספּאָרט מיטן סטעק
פון אויסגעשטרעקטע הענט, פון אומבאַוועגלעכע, פאַרשטאַרטע,
און וואַרפנדיק דעם בליק פון באַלקן צו דעם דיל,
האָט ער באַפעלט זיך צושטעלן אַ נייעם טראַנספּאָרט יידן...
און ס׳האָבן די געקומענע אַוועקגעלאָזט זיך שטיל,
מיט טריט פאַרוויגנדיקע זיך אַליין אויף ווידוי...

II.

גאָר אַנגעגליט געווען אין געטאָ איז די ערד
ביז צו דעם לעצטן גראַד, ביז אויפגעריסן ווערן —
פון אַ געבאָט זיך שלאָגן, שלאָגן אָן געווער,
פון אַ געבאָט — אַ הייליקע פאַרשווערונג.
און אָט דער לעצטער איינציקער באַגער
פאַרפלייצט די הערצער און געמיטער האָט ווי כוואַליעס
דאָס לעצטע בינטעלע גראַנאַטן און געווער
אַרויסגעשמוגלט ביידערנאַכט געווען פון אַרסענאַל איז.
אַ ביקס — אויף דריי! און אַ גראַנאַט — אויף פיר!
די איבעריקע — הויל! מיט שטיקער שטאָל און אייזן!
און גליק, אָן אויפגעלויכטענער, האָט זיי געפירט,
ביים אויסוואַל פון די לעצטע אויגנבליקן, פריי זיין!
געטראָגן האָבן זיך די אָפּקלאַנגען אַהער
פון שלאַכטן ביי דער וואָלגע און ביים דאָן — פּאַרשפּעקטיקט,
פון דאָרטן האָבן זיי, ווי די גאולה־גלעקער, זיך געהערט,
און אויפשטאַנדן האָבן זיך, הייליקע, פון לאַגערן געבלעטערט...

III.

— און איצט איז אונדזער ריי! די לעצטע שעה קומט אָן! —
האָט גליק פון אונטער דר׳ערד אויף בוידעמער געקלעטערט.
ער האָט געזען, ווי ס׳שליידערט זיך אַראָפּ, פאַרוויקלט אין אַ פאָן,
דער לעצטער אויפשטענדלער אין וואַרשע, אין דער געטאָ...
און פונקט אַזוי האָט זיך דאָס לעבן גליק פאַרענדיקן געריכט,
דאָס זאָל פאַר יעדן איינעם הייליק אַ געבאָט זיין.
און האָפענונגען מיט פאַרבלענדיק־שטראַלנדיקן ווי ליכט,
גענומען האָבן זיך ביי אים אין האַרץ צעשפּראָצן.
— נו, וואָס? — האָבן געטענהט איניקע, — מ׳איז אומגעקומען דאָך!
אַ שפּענדל קעגן שטורעם־ווינט... אַלצאיינס — צעשמעטערט!... —
און גליק איז אָפּגעגאַן מיט ליכט, ווי אין פאַרשפּראַך:

— זיי זיינען אומגעקומען, יאָ, די אויפשטענדלער פון געטאָ...
געוויס!... מ'האָט ריכטן זיך אויף עפּעס אַנדערש ניט געקאָנט.
קיין אַנדער סוף האָט ניט געקאָנט געמאָלט זיין,
נאָר ס'האָט איר שטאַנד גערמאַניע געשטעלט אין לעצטן קאָן,
איר מאָרגנדיקן בראָך האָט זי פאַרזוכט אין אָט דעם לעצטן מאַלצייט!

IV.

זיי זיינען אומגעקומען, יאָ, די אויפשטענדלער, געוויס!
פאַרקלעמט מיט שטאָל, מיט פלאַם פאַרשטאָפּערט,
נאָר ס'האָט אין יעדן שאָטן זיך אַנטפּלעקט אַ ריז,
וואָס פון אַזאַ געוואוסט האָט סטאַלינגראַד און סעוואַסטאָפּאָל!
דאָס בלוט זייערס, ס'פאַרגאָסענע אויף יעדן שטיין,
דערקלערט דער וועלט פון געטאָ־גאַסן בקול־רם האָט,
אַז העלדזער שטרעקן זיך ניט פאַר דער האַק מיט אַ געוויין,
און פאַרגעדענקען וועלן הענקער עס אויף תמיד!
בלויז דריי און פערציק פלאַקערדיקע טעג
איבערגעקערט האָבן אַ טויזנטיעריקע לעגענדע
פון אונטערטעניקייט, און פון הכנעה, און פון שרעק,
און פון אַן ווידערשטאַנד זיך לאָזן אומברענגען און שענדן...
געגאַן איז דריי און פערציק טעג די שלאַכט,
דאָס שוואַרצע הענקער־בלוט האָט דריי און פערציק טעג געוואַיעט,
און ווי אַ נייע ספירה, אויסגעקריצט מיט בלוט און פּראַכט,
ביים פאָלק אין האַרץ וועלן זיי אויפבליען לעולם ועד!

V.

פון זינט בר־כוכבאן האָט דאָס פאָלק צום ערשטן מאָל
דערקלערט דעם פיינט אַזאַ אַרויסרוף, ווי דורך גלעקער!
ווידעראַנאַנד האָט עס געשטעלט דער קראַפט פון שטאָל
פון איר מאַרטירערשער געשיכטע — די אַנטפּלעקונג!
דערשלאָגענע פון הונגער און פון פּיין, זיינען זיי דרייסט
אין שלאַכט דערשטיגן צו אַן אומגעהערטער גבורה.
דעם אָפּגרונט האָבן זיי איבערגעדעקט מיט זייער גייסט,
ווי ס'האָט דער רויטאַרמייער מיט זיין האַרץ פאַרדעקט אַן אַמבראַזורע!
צו שלאַכט פאַרמאָלדן האָט זיך זייער לעצטער טאָג,
צו ווידערשטאַנד אויף אַלעמאָל געשוואוירן קינד־און־קייט האָט —
זיי זאָלן פון באַצווינגער צו דער גרוב ניט זיין געיאָגט
אים משמח זיין מיט זייער פּיין און וויטעק.
אויף אייביק האָט דאָרט זייער לעצטער טאָג אַדורכגעהעלט,
אויף צווי יאָרטויזנטן אויף נייע וועט ער סטייען;
ס'וועט מער ניט איינפאַלן קיין הענקער פון דער וועלט
פאַרניכטן אונדז, ווייל ס'איז לית־דין, ווייל ס'איז לית־דיין!

VI.

פאַרטונקלט האָט זיך דעמאָלטן דער העלסטער פלאַם
פון אַלע אויפשטאַנדן ביים פאָלק אין אַלע צייטן,
ווען אויפגעריסן האָט פון געטאָ זיך דער צאַם,
און די פאַראורטיילטע זיינען אַרויס אין שלאַכט געלייטערט,
מיט דעם געווער פון הוילן גייסט און הוילן מוט
קעגן מאַשין־געווער און טאַנקען פון די דייטשע הענקער,
און ס׳האָט איעדער זייער טראָפּן בלוט
באַקרוינט דעם אויפשטאַנד, ווי אַ דענקמאָל,
פאַר וועלכן ס׳איז דער הימל ניט גענוגנד הויך און גראַם,
ווי דער שאול־תחתיה ניט גענוגנד טיף פאַר אונדזער בראַך איז!
עס וועלן דורות וועגדן דעם זכרון צו זיין פלאַם,
צו אים וועלן זיך צייטן אומקערן נאָך ברכות, —
איז פאַלן לאָז אויף אונדז די קדושה־שיין
און שטאַרקן דאָס געמיט אונדז ערב דעם געראַנגל!
מיר טרעטן אויף! אין נאָמען פונעם פאָלק און פונעם פיין!
ווי שלאַכטלייט — אויף געשלעג! — דער איינציקער פאַרלאַנג איז.

VII.

דעם לעצטן טראַנספּאָרט יידן צושטעלן באַפעלט
האָט זיך דער דייטשער קאַט — און צוגעפייפט: — אויף אַרבעט! —
געריכט זיך פון דעם פירער אויף באַלוינונגען אַ וועלט,
און זיגרייך אויף זיין האַנט באַטראַכט די ביינער און דעם שאַרבן.
קיין איינער גייט פון געטאָ ניט אַרויס!
אונטער דער ערד דערשינען אַ באַפעל איז אַ געהיימער.
געווען צעשטעלט זיינען פיקעטן אומעטום, דורכאויס,
און קיינער ניט געלעגן איז באַהאַלטן אין די היימען.
— מיר וועלן זען, ווי לייכט זיי נעמען איין אַ שטאָט! —
האָט גליק ביז ווייטעק אַנגעשטרענגט די ראיה,
און האָט זיך צוגעהערט צו יעדן טראָט
פון יענער זייט, וואו אומגעגאַן זיינען אַריער.
מ׳האָט אויפן אָנפאַל יעדע רגע זיך געריכט,
נאָר זיך באַגעגענען מיט אים איעדער גרייט געווען איז.
געוואוסט האָט גרינטלעך יעדערער זיין פליכט,
און יעדער האָט געוואוסט, וואו ס׳איז זיין גרענעץ.

VIII.

דער אויפשטאַנד־קאָמיטעט באַשטאַנען איז פון ניין פאַרשויך,
געווען איז אָפּגעוואויגן אַלץ — באַדאַכט און ניכטער.
אויף זיי האָט זיך געלייגט די לאַסט צו זאָגן „שוין!"
און אָנהייבן די לעצטע שלאַכט מיט די פאַרניכטער.
און אַ באַפעל אַ ליכטיקן האָבן די אויפשטענדלער געהאַט,

געטראָגן הייליק האָט אים יעדער איינער:
ווען ענדיקן וועט זיך דער לעצטינקער גראַנאַט,
איז דורכהריזען ביים פיינט דעם גאָרגל מיט די ציינער!
צעבליט, ווי פון אַ טויזנטיעריקן פּאַרזיי,
פון שלאַקס־האָגלען געבענטשט אויף שלאַכט און שירה,
איז אומגעגאַן געשפּענסטיק יעדערער פון זיי,
געווען איז יעדערער פון זיי — אַ רואה ואינו נראה!
צעשטעלט געווען זיינען זיי אומרואיק און וואַך
אויף אויסגעטיילטע אונטערערדישע באַצירקן.
און אַרום זיי צונויפגעצויגן האָט זיך די געפאַר,
ווי ס׳ציט צונויפגעצויגן האָט זיך די געפאַר,
ווי ס׳ציט צוזאַמען זיך דער קרייז אונטער אַ צירקל.

IX.

געענדיקט האָט זיך דער טערמין. אַ שעה און צוויי.
אַריינגעריסן האָבן דייטשן זיך אין געטאָ, ווי ב׳אַ פעסטונג.
און פייער האָט געטאָן אַ לאָז זיך איבער זיי
פון אונטער דר׳ערד און פון דער הייך, פון פאַרמאַסקירטע נעסטן.
עס גיסט זיך שוין אין געטאָ דייטשיש בלוט,
עס וואַלגערן זיך שוין אין געטאָ דייטשישע פּגרים.
פאַרקער׳וועט האָבן הענקערס שנעל זייער מאַרשרוט,
באַגלייט מיט פייער און מיט פעך פון קעלערס און פון גאָרנס.
און אומגעקערט זיי האָבן באַלד זיך אויף צוריק
מיט טאַנקען, מיט מאַשין־געווער, מיט מתים.
— זאָלן זיי שטעלן טאַנקען! — האָט געהיצט זיך גליק, —
דאָך וויניקער וועט פאַר דער רויטער, לייבלעבער אַרמיי זיין! —
קיין וויין האָט ערגעץ ניט געטאָן אַ קינד,
קיין מאַמע ניט געפּרואווט האָט וועגן גזר אַ רעד טאָן.
און ס׳האָט דער לעצטער איינס־אויף־איינס באַגינט
פון דייטשן רייכסווער מיט די שאָטנס פון דער געטאָ.

18. אַ טראָפּן האָניק

I.

מיט פייערדיקע צונגען זיך באַלעקט
האָבן פון פענצטער די פאַרבראַכענע שאַליוועס.
צו נאַכט האָט זיך געשטילט ס׳געשלעג,
זיך מיט די לעצטע טראָפּנס פלאַם פאַרשטעמפּלט, ווי מיט טריוואַקס.
דאָך אויסציילן אין דער הפסקה — ווער עס לעבט
און פון די לעצטע ווער ס׳איז שוין ניטאָ מער —

האָט גליק זיך אין דער פינצטערניש געטאָן אַ שלעפּ,
אַ קול פון עמעצן דערהערן... טאַמער...
איבער פאַרשטאַרטע קערפּערס פון די לעצטע פריינט
איז ער געגאַן. זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדן איינעם.
אין יעדנס טויטן בליק דערלאַנגט אַ קוק אַריין,
און יעדנס טויטער בליק דערלאַנגט האָט ווי אַ שטיין אים.
און אָט אַזוי אין אָט דעם פיינלעכסטן שפּאַציר
געשלעפּט איבער דער נאַכט די פיס האָט קוים ער,
ביז צוגעקומען איז ער צום באַצירק,
וואו ביים געוועזער געלעגן אַ פאַרגראָבענע איז נעמי.

II.

זי האָט דאָ מער אויף קיינעם ניט געוואַרט,
פאַרטויבט פונעם געשלעג, געווען איז זי שוין זיכער,
אַז אַלץ האָט זיך געענדיקט מיט דער נאַכט.
און פּלוצעם — גליק! האָט זי אַ דריק געטאָן צו זיך אים:
— ווער נאָך געבליבן איז? נו, זאָג, דערצייל!
— דער גרעסטער טייל איז ניט פאַראַנען מער כמעט שוין, —
האָט ער איַעדעס וואָרט געביסן מיט די ציין,
די ווייסלעך האָבן זיך ביי אים געגעבן אַ פאַרקאַטשע.
אַ שוואַרצקייט האָט געהויזט אַרום זיין מויל.
ער האָט געוואָלט אַ טרונק. איבערגעבראָכענט זיינען געווען די ליפּן.
פון ערגעץ־וואו אַ קרעכץ, פון ערגעץ אַ געהויל
גענע׳נטערט האָט צו זיי און זיי איבערגעהיפּערט...
און נעמי האָט אין דעם געהערט דעם סוף פון אַלץ,
אונטער דעם בלאַנדזשענדיקן וואַי דעם קאָפּ געבויגן.
ס׳האָט גליק דערזען אַ פּאַסיקל אַנטבלויזטן האַלדז,
און גלייך ווי פון אַ ברי האָט ער פאַרמאַכט די אויגן.

III.

ער האָט דעם קאָפּ ביי איר אין שויס געגעבן אַ פאַרהיל,
און ס׳האָט ביי אים אין האַרץ גענומען טאָגן:
— דער גיהינום ענדיקט זיך!... מיר האָבן ניט קיין הילף,
נאָר פּאַר דעם בראָך און חורבות האָבן מיר צו זאָגן:
אַזוי זיינען מיר, יידן, לעכערלעך אין וואָפן און אין צאָל,
פאַרטיידיקן געגאַנגען אונדזער אויסגעלאַכטן כּבֿוד,
שוין ניט מיט גאָט אין האַרץ און אויף די ליפּן „שמע־ישראל",
נאָר מיט פאַרלענדנדיקן פלאַם אין ווייטעק אויסגעכאַוועט...
אַן ברויט, אַן וואַסער, אַן געוועער,
די געטאָ פון איין זייט און פון דער אַנדערער — גערמאַניע...
און ווי סע זאָל ניט זיין, וועט דאָך די ערד

צו בייז אונדז ניט דערמאָנען!
דער הימל האָט פון אַ געשלעג אַזאַ מין ניט געוואוסט,
די ערד געשטוינט האָט ביז צו אירע גרונטן.
ער ענדיקט זיך, דער גיהינום. שלוס.
נאָר קיין סך־הכל פירן מיר ניט אונטער...

IV.

די ביקס ווערט אויס געזעץ און האַר,
וואָס רויבט די רעכט אַוועק, ביי וועמען נאָר איר ווילט זיך,
ווען קינד־און־קייט שטייט אויף, פאַראַכטנדיק געפאַר,
ווען דער געדאַנק איז קלאָר און לאָזט זיך ניט פאַרגרילצן!
כאָטש ווער האָט פון געגנוס זיך אָפּגעהאַלטן, ווער,
אויב ניט מיט פייער, איז מיט האָס פאַרשלייפן
אַ פאָלק, וואָס האָט אָנשטאָט אַ לאַנד געהאַט אַ טאַרבע ערד,
אַ פאָלק, וואָס האָט אָנשטאָט אַ שווערד געהאַט אַ ספר?
דער לעצטער זאַסטעפּ ערד אויף טויזנט יאָר
מיט אַ געפייף פון שפּאָט און לעסטער שיט זיך!
נאָר אונטער אָט די חורבות אויך באַגראָבן ווערט דער יאָך
פון הפקר זיין פאַר יעדן קאָט און היצעל.
צעשיידן וועט אונדז ניט מיט אונדזער ספרדיק געוועֶר
ניט מאָרד, ניט טויט, ניט שייטערדיקע שרפה.
נאָר ס׳וועט אין אונדזער ספר זיין די שווערד,
ווי אין אַ שווערד באַדאַרף צו זיין דער ספר!

V.

ניין, ניט אויף אונדז זיך לייגט די חרפה און דער עול
פון די צעטראָטענע און די באַהערשטע.
מיר האָבן אָנגעהויבן טויזנט מאָל,
און אָנהייבן מיר וועלן אויך דאָס טויזנט ערשטע! —
געגלעט האָט נעמי שעמעוודיק זיין קאָפּ,
אַזוי ווי היינט וואָלט זייער ערשטע ראַנדעוואו זיין:
— פאַרענטפערסט זיך? — האָט זי פון אים געטאָן אַ ריס זיך אָפּ, —
פאַרענטפערן וועט, טייערער, אַ וועלט זיך מוזן! —
און ווידער האָט דעם קאָפּ געגעבן גליק אַ שפּאַר
אויף אירע קני, די אויגן אויפגעהויבן צו די שטערן,
אַז ס׳זאָל צו זיי דערגיין זיין ווי און צער,
אַז וואָס ער זאָגט, פאַרנעמען זאָלן זיי און הערן: —
עס לייגט אונדזער געראַנגל זיך ניט איין אין צייט,
עס זעט אין אַלע טיילן ערד זיך אָן זיין פלאַקער,
און ס׳קוקט די נאַקעטע די אומפאַרשעמטע ווייט,
ווי ס׳וואָלט פאַר איר געגאַנגען אַ ספּעקטאַקל!...

VI.

אַ לאַז געטאָן האָט גליק זיך ווידער אין דער נאַכט
איבער די בראַכשטיקער און רויכיקע רואינען
צונויפנעמען די אויפשטענדלער צו לעצטער שלאַכט,
וואָס אָנהייבן וועט זיך געוויס באַגינען.
ער דאַרף נאָך קלאָר מאַכן פון קוילן דעם באַטרעף
ביי די, וואָס זיינען ערגעץ־וואו געבליבן,
און נאָכאַמאָל זיי פרואוון געבן אַ באַהעפט,
און פרואוון איינס זיי מיטן אַנדערן פאַרקניפן.
ער האָט געוואָרט, דערהערן זאָל פון ערגעץ זיך אַ שטים,
אויף אַ פאַראָל זאָל איבערגיין דאָס נאַכטיש־אומרואיקע לשון,
נאָר שטילקייט האָט געטראָגן זיך אַנטקעגן אים
פון יעטווידן באַצירק. דאָס לעצטע האָט זיך אויסגעלאָשן...
און שווייגנדיק זיך אומגעקערט צו נעמין צ׳ריק.
„ס׳איז אויס מיט אַלץ!“ — האָט ער אין קאָפּ ביי זיך דערוואויגן.
די איינציקע גראַנאַטע אין דער האַנט האָט ער געדריקט
און אָנגעשטעלט אויף איר, ווי אויף אַן אויסלייזער, די אויגן...

VII.

ס׳האָט נעמי אין דער פינצטערניש געזען זיין שוואַרץ געזיכט,
פונקט ווי אַ דורכגעאַקערטע שטיק רויערד;
אַרויפנעמען זיין פיין געגאַרט האָט זי אויף זיך,
מיט צערטלעכקייט געפּרואווט זיך אָפּווישן זיין טרויער.
איר יעדער ריר געווען איז ווי אַ זיסער שפּרוך,
און גליקן אומגעקערט האָט ער צום אָנהייב ווידער;
דערמאָנט האָט ער זיך אין אַ דורכגעלייענט בוך,
וואָס ער האָט קינדווייז נאָך געבלעטערט: „ווידוי“:
„אַן אָפּגרונט — רעכטס. אַ שלונג פון שלאַנג — אויף לינקס,
עס נעמט דער טויט אין זיין געוועב אים שוין פאַרוועבן.
ער אויסקלייבן באַדאַרף נאָר פלינק,
אין וועלכן פון די צוויי פאַרענדיקן דאָס לעבן...
נאָר ס׳האָט אַ טראָפּן האָניק אים געטאָן אַ דוכט זיך אויס,
האָט ער דערווייל — ביז וואָס, ביזוואַנען —
די צונג געטאָן אַ שטרעק אַרויס
און זיך אַ צי געטאָן צום טראָפּן האָניק...“

VIII.

אָט איז ער אָט, דער זיך פאַרשליסנדיקער וועג,
און אין דעם סאַמע שלאָס — פון ליכטיקייט אַ שפּאַרע.
אים האָט געדוכט, אַז ס׳איז די פינצטערניש אַוועק,
און אָפּגעטראָטן ערגעץ די געפאַר האָט.
בלויז ער און זי און אָט דאָס סטעזשקעלע פון ליכט

פון איר אַנטבלויזטן האַלדז, ווי דער באַגינען.
אַ טראָפּן האָניק! אַלץ פאַרשווינדט און זיך פאַרלירט,
דער טויט אַליין פירט פאַר דער האַנט אַהין אים!
גענומען בלאַנדזשען אינעם וואַלד פון אירע האָר
און היפּערן פון צייט דעם אָנהייב און די ענדע.
— באַנייען דאָס געשלעג וועט זיך קאַיאָר! —
האָט ער צו נעמין זיך געטאָן אַ ווענדע
און איר אַ גלעט געטאָן די האַנט,
איר מיטן אָטעם שטיל געטאָן אַ רוים אײַן:
— ס'איז אַ באַהעלטעניש אַ זיכערע פאַראָן,
איך וויל, זאָלסט בלײַבן לעבן, נעמי!

IX.

מע זאָל דיך לייענען, ווי לעבעדיקן כתב
פון דעם, ווי מיט דער וועלט האָט זיך געשיידט די געטאָ, —
אַנטפּלעקט האָט פאַר זײַן בליק זיך דער באַשאָף
אין בראַנד, אין חורבות אַ געפּלעטער.
אַ פלאַם גיט ערגעץ נאָך דעם הימל אַ צעזעג,
אַ קויל פּרוּוווט עפּעס אין דער פינצטער אַ פאַרקריץ טאָן.
ס'וועט נעמי מער אין ערגעץ ניט אַוועק,
פאַר איר איז קיין באַהעלטעניש ניטאָ מער איצטער,
פאַר זיך אָן אויסוועג ווי פאַר קיינעם ניט זי זעט,
נאָר ניט מצער זײַן זי וועט אָצינדערט גליקן.
האָט זי דעם קאָפּ זײַנעם אויף אירע קני געגלעט
און מיטן אָטעם אים געפּרוּווט פאַררעדן און דערקוויקן...
— רו אָפּ! עס האָט קיין האָן נאָך ניט געטאָן קיין קריי... —
געלויכטן אין דער הייך אַ שטערן האָט אַ גרינער...
און מיט אַ טראָפּן האָניק אויפגעגאַן פאַר זיי
צום לעצטן מאָל איז דער באַגינען...

19. דער טויט פון לעצטן אויפשטענדלער

I.

אַדורכגעלאָפן זײַנען פייערן, ווי פוקסן אויפן דאַך,
די בעליקעס ווי הענט אַראָפּגעדרייט אויף הינטן,
און אויפשטענדלער, אַיעדע ווײַלע בייטנדיק די פלאַך
מיט אויסגערעכנטקייט באַטראַכטער און געשווינדער,
האָבן אויף הענקער זיך געוואָרפן מיט די הוילע הענט

און ווי אַ ווירבל־ווינט מיט זיי צוזאַמען
אין אָפּגרונט זיך געקייקלט אונטער פֿאַלנדיקע ווענט,
פֿאַרשטאָפּנדיק די מיילער זיי מיט רויך און פֿלאַמען.
פֿון אויפשטאַנד־קאָמיטעט זיינען שוין זעקס ניטאָ,
מיטן גערעַנגל פֿירן אָן ניט מער ווי דריי שוין.
עס פֿאַלן נאָך. און גליק, צום סוף פֿון טאָג,
זיך שלאָגט דער לעצטער — איינער קעגן דייטשלאַנד!
די געטאָ פֿרייכט, אין נעגל פֿלאַמיקע פֿאַרצוקט,
דאָ אויסהויכן וועט גליק איר לעצטן ווי און פֿיבער,
איז רירט ער פֿאַרכטיק זיך צו יעדן בראָכשטיק צו,
גיט אים, געזעגענענדיק זיך, זיין אָטעם איבער...

II.

די לעצטע שעה אין געטאָ האָט צו אים געפּאַכט,
עס האָבן אָנגעצייכנט זיך שוין אירע שווינדלדיקע שוועלן.
דעם פֿאָטער זיינעם האָבן דייטשן פֿאַר דעם מאָרד
אַ וואָרט אַ לעצטס דערלויבט „גרויסמוטיק" און געפּעליק.
מ'האָט אים דערציילט: דער אויסזען פֿונעם גרייזן ייד, זיין רו
אַרויסגערופֿן האָט דערשטוינונג ביי דעם הענקער.
מ'האָט אים דערציילט, אַז שטייענדיק צולעצטנס ביי דער גרוב,
געווענדט האָט ער זיך, ס'זאָל דער הימל פֿאַרגעדענקען,
און ביז צום הימל דורכזיכטיק און קלאָר
האָט יעדעס וואָרט זיינס זיך געצונדן, ווי אַ שטערן:
„אויב ס'איז באַשערט, אין יעדן דור
זאָל מענטשלעך בלוט פֿאַרגאָסן ווערן,
איז דאַנקט ער גאָט, ווען ס'טוט דער טויט אַ שלאָס אָן
אויף זיין מויל אין גרויסן יום־המיתה,
וואָס יידיש בלוט איז דאָס פֿאַרגאָסנס
און ניט — וואָס האָט געטאָן פֿאַרגיסן!"

III.

דערמאָנט האָט זיך עס גליק אַצינד,
ווען אויסקלייבן אַליין ניט פֿריי איז ער געווען שוין.
און דאָך האָט אים צום פֿאָטער צום דערהרגעטן געטאָן אַ צי,
ווי צו אַ לעבעדיקן מענטשן:
„זיי מוחל, פֿאָטער! ניט באַשערט איז עס קיין דור,
אַז ער מיט בלוט מיט אומשולדיקס זאָל זיך באַוואַשן!
אַ מיטל איז עס צו דער בלוט־פֿאַרגיסונג נאָר
אַזאַ, וואָס פֿאַרן וואָלף ווערט פֿון דער שאָף אַליין געכשרט!
זיי מוחל, פֿאָטער, פֿאַר געשענדטן מוט
און פֿאַר ניט זיין הכנעהדיק און ניט געהאָרכזאַם.
נאָר אויב באַשטייסט, אַז פֿון פֿאַרגאָסן און פֿאַרגיסנדיקן בלוט

זאָל יידיש בלוט ס'פאַרגאָסענע אין יעדן דור זיין,
איז דאַנק איך גאָט, וואָס אויך דער יידישער דער שטאָלצער גייסט,
וועט די געשליפּטע סם־המותדיקע שפּיז זיין
פאַר די, וואָס האָבן דורות זיך געשפּייזט
מיט בלוט־פאַרגיסונג!

IV.

צו מיר וועט גרויסמוטיק דער קאַט ניט זיין,
מיר וועט קיין וואָרט קיין לעצטס דער קאַט ניט געבן,
באַשווער איך יעדן טראָפּן שיין,
ס'זאָל מיין צוואה זיין פאַר די, וואָס וועלן בלייבן לעבן.
ניט שלום מאַכן, פאַטער, וועט אונדז אויך דער טויט,
ניט זיין פאַר אונדזער ווי וועלן אַלצאיינע מאַסן.
אין קבר גיין איז אַ פאַרברעך, ניט נאָר אַ בויט,
אויב ניט דערזען דאָס בלוט, וואָס האָט פאַרגאָסן!
פאַר יעדן דור וועט אָפּגעמאָנט ווערן צוריק,
און דאָס „באַשערטע" אָפּגעשאַפט וועט ווערן פאַר די הענקער...
עס הערן זיך שוין רויטאַרמייער־טריט — דער מענטשהייטס גליק —
זיי גייען שוין! זיי זיינען דאָ, זיי וועלן אַלעס פאַרגעדענקען!
זאָל עס באַוואוסט ווערן ניט נאָר דעם דייטשן קאַט,
נאָר יעדן איינעם, וואָס באַהילפיק אים געווען איז,
אַז צווישן מיר און דיר — ווי צווישן צד און צד —
גייט פון אַ גאַנצן דור מיט בלוט אַדורך אַ גרענעץ!"

V.

פאַרבראָכענע, געפאַלן זיינען שטיבער אויפן גאַס,
און פאַלנדיק אַ קראָקווע אויף אַ קראָקווע האָט געקלעטערט,
איעדע וויל האָט זיך אַ גרוב געגעבן אַ צעכראַסט,
און דאַך זיך ניט אונטערגעגעבן האָט די געטאָ!
געצויגן האָבן זיך פון גאַנעקלעך די טרעפּ,
באַשפּריצט מיט גלאָז געבראָכענעם פון שייבלעך גרינע.
איעדעס שטיקל חורבה האָט געלעבט,
געאָטעמט האָט אַ יעטווידע רואינע.
ס'האָט גליקן אויסבאַהאַלטן יעטווידע געגאַרט,
פאַרשטעלן אים האָט זיך אַ יעטווידע געריסן,
און אויפגעעפנט יעדעס געסל האָט פאַר אים די טראַכט,
דערזען זאָל ער די קינדער־יאָרן דאָרט די זיסע...
דורך אָט די געסעלעך איז ער געגאַנגען אין דער וועלט:
פון חדר צום וואָקזאַל, און ווייטער — אויף געשלעגן...
און ס'איז דער הימל־ראַנד געווען בלויז אַ שוועל
צו ערגעץ אומגעריכטע, אויסגעבענקטע וועגן...

VI.

אַצינד גייט ער צוריק צום אָנהייב דורך דעם סוף,
זיין אומפאַרגענגלעכקייט — אין שלאַכט ווערט ער געוואויר איצט,
באַר יעדער בראָכשטיק גיט דעם וועג אים אַ פאַרלאָף
און רופט אים ערגעץ אויף מיט אַ געהילך פון דורות...
איעדער אויסגעהוילטער פענצטער איז אַ רוף,
איעדע פאַלנדיקע חורבה איז אַ שטאַפּל...
עס רופט אַ שילד אַן אויסגעוויכנעטע אים אויף
מיט בוכשטאַבן מיט לעבעדיקע אויפגעצאַפּלט...
צי פיבערדיק אַזוי די געטאָ זיך שוין עקט?
צי ווי אַ זעאונג אין זיין מוח קומט עס פאַר אים?
אָט דאָ פאַרלויפט אַ קינדער־וויגל אים דעם וועג,
דאָ שפּאַרט אַ שייטער זיך מיט ברענענדיקע ספרים.
דער פלאַם זיך שליידערט אַ באַפליגלטער אויף וויט,
און פאַרן ווינט — אַליין די ביכער בלעטערן זיך איבער.
זיי זיינען הוילע, פון די איינבונדן באַפרייט,
ווי די צעשאָסנענע, אַן קליידער, ביי די גריבער...

VII.

געוואָיעט ווירבל־ווינטיק האָט דאָס פייער: וויי!
און איבער רוימען, ברויזנדיק, געלאָזט זיך וואַנדלען:
האָט צוליב דעם ביים הימל אָפּגערויבט מיך פראָמעטיי,
ס'זאָל זיך זיין גייסט דורך מיר אין אַש פאַרוואַנדלען?
אין וועלכן אָפּגרונט וועט געבוירן ווערן אַזאַ ווינט
מיט אומגעהערטן אומברענג־קרעפטיקן געפעכער,
אַז לאָזן זאָל איך זיך אַליין אים אָפּרויבן אַצינד,
ער זאָל מיך איבערטראָגן אויף דער ערד פון די פאַרשוועכער,
זיי איינשלינגען אינאיינעם מיט די שטעט,
קיין גראָז צו זיי פון אונטער דר'ערד זאָל ניט געגנענען,
און ביז צום סוף פון זון זאָלן זיי זיין געפּלעט
מיט פינצטערניש, ווי אינעם איינגעוויד פון גיהינום!
קיין בערגל אַש ניט בלייבן זאָל נאָך זיי,
און אָפּמעקן אַרום זאָלן זיך אַלע ראַנדן.
האָט צוליב דעם ביים פעלדז געלאָזט זיך קרייצן פּראָמעטיי,
זיין גייסט — אין אַש זאָלן וואַנדאַלן אים פאַרוואַנדלען?

VIII.

דער פלאַם געגאַן איז אין די וואָלקנס גראַד,
געוועזן דער שייטער איז מיט דורות אָנגעהויפּנט.
קיין וועג האָט ווייטער גליק אין ערגעץ ניט געהאַט,
דאָ איז דער אָנהייב. מער ניטאָ איז וואו צו לויפן.
ס'האָבן פון פייער זיך געגעבן אַ פאַרמאַך

ביי גליקן אויף אַן אויגנבליק די אויגן:
געקאָרטשעט האָבן זיך די בלעטער פון תנ"ך,
די טעקסטן האָבן זיך ווי פּאַנצערס מעשענע געבויגן,
זיך אויף צעראָלטע פּייערן געטאָן אַ שטעמפּל אָפּ
מיט יעדן אות, ווי מיט אַ לעבעדיקן זיגל,
און צו דער מענטשהייטס לױכטנדיקן שטאָלצן קאָפּ,
ווי צו אַ פּעלדזן־שפּיץ, האָט סאַפּענדיק דער פלאַם געשטיגן,
און אָפּגעשפּרונגען, ווי אַ וועל, פון דער ניט־צוטריטלעכער הייך,
מיט רעש צעברעקלענדיק זיך ביי זיין טאָפּל.
און אויפן הימל, דעם פאַרבלאָזענעם מיט רויך,
האָט ווי אַ רעגנבויגן זיך אַדורכגעשניטן לעניגס פּראָפּיל.

IX.

באַלויכטן האָט דאָס פייער גאָר די ווייט
אין אַלע עקן וועלט, וואו ס'האָט דער האַקנקרייץ צעשפּאַרט זיך,
אַז קאָנען זען די וועלט זאָל אים אין פּרצוף,
אין אַלערליי געשטאַלטן, אָפן און פאַרטייעט,
זיך איינקוקן אין אים אויף וויפל נאָר מע קאָן,
און מסכים זיין, אין ערגעץ זיך קיין קער טאָן,
אַז עפּעס קער די שאַנד מיט איר זיך אָן,
ווי ס'קער אַ קרעפּס־געשוויל זיך אָן אַ קערפּער.
זאָל זי אים זען און מסכים זיין צו ענד,
אַז עפּעס אויסברענען אין זיך וועט איר אַ נויט געוויס זיין
מיט אירע ריינע הענט
און מיט איר לױטערן געוויסן...
געקלעטערט האָט דאָס פייער דראָענדיק און העל
און צוגעלויכטן שאַרף, און שניידנדיק, און בייניק,
עס זאָל ניט קאָנען זיך פאַרענטפערן די וועלט,
אַז ניט געזען זי האָט איר אייגענע פאַרניינונג!

X.

ביז צו די שטערן הייבט זיך אויף דער פלאַם,
מיט תפילות גאָלדענע זיך פּאַטשט אין קאָפּ אַליין די שריפה;
דער הימל זאָל אַרויסגיין פון די ברעגן, ווי אַ ים,
דער גרונטפעסט פון באַשאַף זאָל אומפאַלן פאַרצוויפלט,
אויב אויף דער מינדסטער ווידמונג פון דער ערד
אַ באַלעבאָס — די הענקערישע האַק איז.
און אין דעם ווינטיק־בושעוודיקן פלאַם זיך הערט
ס'געוויין פון איובן מיט זיינע לעסטערדיקע פראַגעס...
און אַלע וויילע גיט זיך דער רויך אַ דריי,
און אַלעמאָל גיט זיך דאָס פייער אַ פאַרקאַטשע,
נאָר אין דעם טליענדיקן אַש, גלייך ווי אַ בינטל היי,

דאָס פּייער מעלה־גרהט מענדעלעס פּאַריאַגטע קליאַטשע...
און מיט אַ קריע־אויפגעריסענעם געהיל,
געקרייציקט אויף די סווישטשענדיקע קוילן,
שלום־עליכם קוקט אין פלאַם איבער דער בריל
און וואָרגט זיך מיט אַ טרער: „אַך טי, ריבונו של עולם?!"

XI.

דער קאַט — ער טופּעט נאָך איבער דער שיינער ערד...
דעם פּיסק ער מיט געלעכטער הערט ניט אויף צו שטאָפּן.
עס האָט געזען די וועלט, ווי אַ פאַרבלוטיקט קינד האָט ער
געטראָגן אויף אַ שפּיז, ווי אויף אַ גאָפּל...
צו אים האָט זיך דער פלאַם געריסן מיט געפּעכט
פון די ישובימלעך די יידישע אין בלוט פאַרזשבורעט,
וואו אַ געיאָמער פון יאַרטויזנטן האָט זיך געהערט
און וואו דעם טאָג פונעם באַשאַף פאַרשאָלטן די נאַטור האָט:
אויף דעם האָט זי די ערד־אוצרות געקנאָטן און געקלעפּט,
געבוירן פייער אויף זיי האַרטעווען און שמעלצן,
אַז אַפּהאַקן מיט זיי ביי קינדער דער מטורף זאָל די קעפּ,
דערמיט ער זאָל גרויסמעכטיק אין די אויגן פון דער וועלט זיין?
אויף דעם האָט זי פאַרקנסן זיך געלאָזט מיטן געדאַנק?
אויף דעם האָט זיך איר וואונדער־פּראַכט געטאָן פאַרטרויען?
וועט דען די פריד דערפון, וואָס זיין צעטראָטן וועט די שלאַנג,
אַריבערוועגן די פאַרפלייצנדיקע ימען טרויער?

XII.

ניטאָ קיין הימל מער! אַ פינצטער העמד,
אין דעם אַ האַלבע וועלט, אַ הוילע, אַנגעטאָן איז.
און צווישן פייערדיקע לייטערס, אַפּגעשטויסן, פרעמד,
איבער דעם כאַאָס בלאָנדזשען פרצעס מתנות...
דאָ זיינען אַלע, ביז די אבות פון דער וועלט.
דאָס פייער וויקלט זיך — אַ וואַליק אויף אַ וואַליק,
און ס'קלאַפּט נאָך אַלץ צום כסא־הכבודס שוועל
די „שחיטה־שטאָט" פון חיים־נחמן ביאַליק...
אָט גיט זיך, ווי אַ וואָלקן גרייז, מיט בלוט באַצירט,
אַ ספר־תורה אַ צעוויקלט, קאַרטשענדיק און טליענד.
צי דאַרף מען עמעצן נאָך אויפרופן צו איר?
צי דאַרף מען עמעצן נאָך געבן אַן עליה?
עס וועט זיך גליק צום שיטער אויפרופן אַליין,
עס וועט צום שייטער גליק אַליין זיך געבן אַן עליה!
ווי אין באַגין האָט ער אַ לאָז געטאָן זיך גיין,
און קוילן אַרום אים האָבן גענומען פליען.

XIII.

מ׳האָט אים באַמערקט. ווי פונעם פייער אויפגעגאַן ער וואָלט
אין וואָלקנס רויך, צעפּאַכעטע ווי פליגל.
פון אַלע זייטן האָט מען אים פאַרפאָלגט
און אָנגעצייכנט אַרום אים דעם לעצטן טרויעריקן עיגול.
צווישן דעם טויט און אים האָט זיך געהויכט אַ פלאַם,
דאָס פייער אָפּגעטיילט האָט אים פון שונא,
דאָס וואָרט דאָס ליכטיקע פון מענטשן־שטאַם —
דאָס איז געווען זיין טרייסט און זיין באַלוינונג...
זיין ערשטע היים... זיין לעצטע צעל...
און נאָך אַ טרייסט אין דער גראַנאַטע אין דער לעצטער האָט געהאַט ער,
האָט ער זיך אינעם שייטער־פלאַם געגעבן אַ פאַרשטעל,
זיך פון די פייערן געמאַכט אַ באַריקאַדע —
דאַ נעמט ער אויף די לעצטע שלאַכט,
דאַ פאָדערט ס׳לעבן אויף צום לעצטן מאָל אים,
איז אַ פאַרוויקלטער אין רויך האָט ער געוואַרט,
ביז ס׳האָבן זיך צו אים דערנע׳נט די מחבלים.

XIV.

געוואָלגערט האָבן אויפן גאַס זיך זיינע פריינט,
די ברידער און די פריינט די שלאַכטיקע פון געטאָ.
מיט זיי ער אויסגעטרונקען האָט דעם געטאָ־פּיין,
באַלד נעבן זיי — אויך אַ פאַרקוילטער וואַלגערן זיך וועט ער.
געקוקט זיי האָבן אויף אים טויטערהייט,
געמאָנט דער יענוועלטיקער פּיין האָט און געפאָדערט,
און מיט אַן איבלדיקן הירזשע און געשריי
דערנע׳נטערט האָט דער שונא זיך, פאַרשפּרעכנדיק געגנאָד אים:
נו, גיב זיך אונטער, יודע! מאַקאַבי!... —
האָבן זיי, שיכור ריטשענדיק, געשטורעמט.
אַ לעבעדיקן האָט זיך יעטווידן פון זיי
געוואָלט דערלאַנגען אים דעם זאַנדערפיורער.
אַן אויגנבליק! ער קאָן זיך אויפרייסן. און פּטור מיט זיין וועלט!
פאַרענדיקן אַזוי. אַ סוף! אָט איז דער לעצטער ריר שוין.
יאָ, יאָ! נאָר אויב אַזוי, בלייבט לעבעדיק אַ טשאַטע וועלף,
און פון אַ קויל ער גיט אַ שפּרונג, ווי אַ פאַרוואונדעט הירשל...

XV.

אַ קויל־געיעג גייט איבער אים שוין אין דער הייך,
פון אונטן כוואַליק לעקט אים שוין דאָס פייער.
זאָל אים דעם שונא ניט פאַרשטעלן נאָר דער רויך!
זאָל נאָר די שאַרפקייט פון די אויגן בלייבן טריי אים!
ניט לויט די קעפּ, נאָר לויט דעם ריטש ער זיך פאַרמעסט,

ער שפּירט, ווי ס'רייסט זיך דורך זיין האַרץ דורך דער גראַנאַטע.
זאָל נאָך איין אויגנבליק זיין גייסט אים דינען פעסט!
זאָל נאָר דער לעצטער פּאַכע פון זיין האַנט אים ניט פאַרראַטן!
און ס'האָט אַ טרייסל זיך געטאָן די לעצטע זייל,
וואָס ער האָט זיך אין איר, ווי שמשון, בלינדערהייט געהאַלטן.
אַ פּלי געגעבן האָבן קעפּ, און הענט, און קאַסקעס אין איין ווייל,
און ער באַוויזן אויפן שייטער האָט אַ פאַל טאָן,
ווי צו אַ מוטער אין דער שויס, מיט לעצטן ברום,
מיט לעצטן דעך דורך אָפענע פאַרשטאַרטע בליקן.
געגעבן האָט דאָס פייער אים אַ נעם אַרום,
די פלאַמען האָבן אים געגעבן אַ פאַרוויקל...

20. דער צווייטער תחית־המתים

I.

געשאַל און ריס איבער איעדן צוים
אין פלאַמיקן געיעג און איבעריאָג זיך קרייצן,
איעדער דונערדיקער קנאַל צעטראָגט דעם רוים,
און ווי מיט האָפענונג טרינקט אָן מיט אים די וויט זיך.
עס האָט קיין שטורעם קיינמאָל ניט געהאַט אין זיין רשות
אַזוי פיל קראַפט און דראַנג אויף אומוואַרפן אַ פעסטונג,
ווי דער געדולדיקער דער צאָרנדיקער רוס,
מיט וויי פון לעסטערונג באַלעסטיקט.
פאַרטויבט אויף מיילן פון געיעג האָט זיך דער סטעפּ,
פאַרטויבט אַליין האָט ערגעץ זיך דער טייוול,
און אומעטום זיינען געפאַלן דייטשע קעפּ,
און דייטשער גיר, און דייטשע גולמדיקע גאווה.
ווער קאָן פאַרהאַלטן דען אַ רוסישן סאָלדאַט?
ווער קאָן אים אָפּהאַלטן? ווער קאָן דעם וועג פאַרגיין אים?
דעם גאַנצן צוריק פון סטאַלינגראַד
וועט ער די ערד פאַרזייען מיט גערמאַניעס ביינער!

II.

איעדער הויפן ערד, באַפרייטער אין געשלעג,
באַפליגלט און פאַרשיכורט, ווי די ערשטע ליבע.
ווי הענטלעך קינדערשע, פאַרבראָכענע אין וועג,
איז יעדעס גרעזל דאָס צעטראָטענע און טריבע.
קיין טראָפּן רו סאַדאָווסקי זיך פאַרגינט,

ביי ברונעמער קיין טראָפּן ווילט זיך אים ניט זאָמען, —
אויף הענט אויף מידע אויפהייבן אַ קינד,
עס אָפּגעבן מיט פרייד און צערטלעכקייט דער מאַמען
און זי אַריינפירן — זאָל זיין דורך בראַנד און אַש —
אין איר פאַרלאָזטער נעסט, פון פיינט באַפרייטער,
אַרויסלייגן פאַר איר דאָס לעצטע ברויט פון טאַש
און זיך געזעגענען: אַ גוטן, מוטערל! און ווייטער!
אַ ביימל אַ פאַרבראָכנס אויסגלייכן אין וועג,
פונקט ווי ביי זיך אין שטוב צעסדרן דאָס מעבל...
איעדער הויפן ערד, באַפרייטער אין געשלעג,
איז נאָכאַמאָל, פונסניי דער אָנהייב לעבן.

III.

באַפרייטע דערפעלעך, פאַרווינטע מאַמעס
און היימען חרובע, באַדעקט מיט שניי,
פאַר זין פאַר אייערע ניטאָ קיין צאָם איז,
זיי וועלן אָפּוואַשן פון אייך דעם ווי.
דער ווי באַגעגנט זיי פון די פאַרלוסטן,
ס׳באַגלייט פון שלאַכטן זיי דער העלער רום.
שטיי אויף, פאַריתומטע, שטיי אויף, ווייסרוסלאַנד,
אין וועלדער קערן זיך שוין פייגל אום!
די וועגן שליסן זיך. די דייטשן — פליטה.
קיין שאַנד זיי האָבן ניט, פון טויט באַרירט.
האַרמאַטן גרויזאַמע! מיט פלאַם טרומייטערט
און מעלדעט דונערדיק: עס גייט ס׳געריכט!
ניט שטיל זיך, שטורעם־ווינט, ניט לעש זיך, פייער,
ניט לייג אין שייד אַריין זיך, הוילע שווערד,
ביז וועסט ניט ס׳פאָטערלאַנד פון פיינט באַפרייען,
ביז וועסט ניט אָפּווישן דעם פיינט פון דר׳ערד!

IV.

באַגנעטן — בליציקע! די פערד — פחד!
און סטעפּעס לייבלעכע באַגלייטן ווייט.
די טשובן גרויזאַמע אונטער פאַפּאַכעס,
פון שאַרבנס פיינטלעכע אַ שניט מע שניידט.
ס׳איז מער אין ערגעץ ניט פאַראַן קיין אָפּהאַלט.
דער וועג אויף מערב איז. דער וועג איז גראַד.
מאַטראָסן לייבלעכע פון סעוואַסטאָפּאָל,
דיוויזיעס גרויזאַמע פון סטאַלינגראַד!
ס׳וועט קיינער אָפּהאַלטן דעם צאַרן־אָנגריף,
ס׳וועט קיינער אָפּשטעלן זיין דראַנג און ברויז.
פּגרים דייטשע אויף באַשנייטע לאָנקעס,

מיט שטאָל געאָרעמטע ביים טויט אין שויס.
עס קליגגען קאַפּיטעס אויף קאַסקעס בלייענע,
צעזייט פאַרזשאַווערטע אויף דאָנער סטעפּ:
שטיי אויף, פּאַרפּיניקטע, שטיי אויף, אוקראַינע,
ס׳וועט גיך צעזינגען זיך פונסניי דער דניעפּ!

V.

סאַדאַווסקיס טייל טראָגט זיך אַדורך אינעם געשלעג,
אים ווינקען דערפלעך — לייבלעכע, פאַרלאָזטע,
און ס׳לויכטן אים אויף ווייט דעם גאַנצן וועג
סאַליוטן ליכטיקע פון מאָסקווע!
אָט דאָ אין קאַנט, אין דעם אַרום,
אין קלעם אין ביטערן געווען זיין טייל איז,
איצט קערט מען, גרויזאַמע, זיך אום
איבער די קעפּ פון דייטשישע נבלות!
דער רוים אַליין גיט זיך פאַר אים אַ רוק,
די ווייט אַנטקעגן גייט אַליין אים.
דאָ ערגעץ פליסט אַדורך דאָס טייכעלע בורלוק
מיט טעג פאַרגאַנגענע, מיט שלאַכט-פּריינטס ביינער...
דורך דאָנען אָפּגעגאַנגען איז סאַדאַווסקיס טייל,
געשוואוירן האָט מען זיך אין וועג מיט בלוט דאָ
אַיעדעס זעמדעלע, אַיעדן שטיין —
איצט וועקט מען אויף זיי מיט סאַליוטן!

VI.

ווי לאַנג, אין דער אַרומרינגלונג, אַהער,
גאָט ווייסט אַליין דאָך ניט פונוואַנען,
האָט טאַניע צוגעשטעלט זיך מיט אַ פערד
און מיט אַן עמער זיסן האָניק?
אַיעדער שטיין איז דאָ אין וועג באַקאַנט
און גייט אַנטקעגן, ווי דער גורל.
דעם ליבן דאָקטער דאָ אין קאַנט
אין יענע טרויער-טעג האָט ער פאַרלוירן...
זכרונות גיבן זיך דאָ אַ צעבלי,
און זיי צעטעטעמען אויף אים זיך ווארעם:
אָט דאָ זיך פאַרגעשטעלט פאַר אים
פון גראַנאַטאָפּער קבר האָט גור-אריה...
ער גיט אים מיטן בליק אַ צי
און מיט דערמאַנונגען אַ שפּאַר אים:
„דיר קומט דער כבוד דאָ אַצינד
אין אויסשפּיר לאָזן זיך, גור-אריה!"

VII.

און ערגעץ האָט דער דאָקטער, אין אַ ריי — געשמידט,
געטראָגן אויף די הענט אַ הרוג נאָך אַ הרוג
פון קברים אויסגעגראָבענע, ווי סייפן פון גערמאַניעס ערע,
באַלאָדן, פאַלנדיק און פלאָנטערדיק די טריט.
עס האָבן אים די דייטשן ניט געשוינט,
די נארמעס אים געציילט מיט אויטאָמאַטן.
אים האָט געדוכט, עס פרעגט ס׳פאַרברענטע קינד זיינס: „שוין?״
אים האָט געדוכט, עס וויינט ס׳פאַרברענטע קינד זיינס: „טאַטע!״
— נאָך ניט! — אַרומגענומען דאָס געשפענסט האָט ער. —
דו דאַרפסט נאָך שפּילן, קינד, — האָט ער צו דעם געבלעבלט, —
אויב ס׳וועט אפילו בלייבן איין ייד אויף דער ערד,
וועט זיין אַ פאָלק און עס וועט אייביק לעבן!
מע וועט אונדז טויטערהייט אַרויסגראָבן אויף פיין פון דר׳ערד, —
אַ לעצטן קוק געטאָן האָט אויף דעם טרויעריקן שניי ער.
ס׳האָט מיטאַמאָל אַ קאַנאָנאַדע זיך דערהערט,
איבערן שניי געלאָפן זיינען רויטאַרמייער.

21. רעיונות

I.

אין ווייסן קלעם געהאַלטן האָט דער פראָסט
די טרויעריקע ערד — אַן אויפגעוואַכטע אונטער שנייען.
עס האָבן יידן זיך געטאָן צוריק אַ לאָז
און אויפן האַלדז אַ פאַל געטאָן די רויטאַרמייער.
זיי האָבן אַרום זיך די קאַנאָנאַדע ניט געהערט,
געקלונגען יעדער שאָס האָט ווי דער שופר של משיח.
דער שניי איז ווידער שניי. די ערד איז ווידער ערד.
ס׳האָט ווער זיך דאָרט אַליין געזוכט, ווער פון צעטומלטקייט געשריען.
אַ ווילדע אָפּגענומען ביי סאַדאָווסקין האָט די שטים,
ווען ער דעם דאָקטער האָט דערזען צווישן דעם עולם,
נאָר גלייך ווי צו אַ טאַטן צוגעגאַנגען צו אים,
און צוגעקייקלט פונדערווייט האָט זיך אַליין צום מויל אים:
— דאָס אַלטע אויסקויף־בלוט פון דר׳ערד?!...
דערוואָרט זיך דאָך! — ווייל איר האָט ניט פאַרשפּעטיקט!
— וואו איז דאָס קינד? — ניטאָ קיין קינד איז מער!
— איז גיין מיט אונדז, מיט דער אַרמיי, אַצינדערט וועט איר!

II.

צעעפנט האָט פאַר אים אַליין זיך זיין פּלאַנשעט,
אַרויסגעגאַנגען פון דעם בריוו זיינען זיין קינדס געמעלן,
און מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט ער זיי געגלעט,
און זיך מיט זיי באַמיט דעם דאָקטערס קינד פאַרשטעלן.
אַ נאַרישקייט געווען ביים דאָקטער פרעגן וועגן קינד,
און מיט דעם „אויסקויף־בלוט" איז אויך געווען אומגעלומפּערט.
געהריזעט האָט סאַדאָווסקי זיך אַצינד:
דאָס האַרץ איז אויף דעם קריג, וויזט אויס, געוואָרן שטומפּיק...
ער האָט געוואָלט וועגן מאַרגוליסן, דעם פּליער און דעם העלד,
ביים דאָקטער זיך דערקונדיקן, צי קער ער זיך ניט אָן אים,
נאָר אויף אַ האַלבער פראַגע זיך פאַרהאַקט און אָפּגעשטעלט:
„מע דאַרף ניט! טאָמער... וואָס... איז האָט עס, ווירקלעך, ניט קיין פּנים!"
אַדורכגעשווינדלט די באַגעגעניש די ערשטע האָט אויף גיך,
ער האָט זיך גלייך דערוואוסט, אַז ס'האָבן פויערן פאַרהיט פון מאָרד אים.
נו, גוט! אַצינדערט נעמט ער ווידער אים מיט זיך,
דערווײַלע אין סאַנבאַט, און אין שפּיטאָל — דערנאָכדעם!

III.

סאַדאָווסקי האָט באַשלאָסן אָפּשלאָפן אַ נאַכט,
אײַנאײַנעם מיט אָוואַדיסן פאַרנומען אַ כאַלופּע,
נאָר ס'האָבן זיך ביי אים די אויגן ניט פאַרמאַכט,
עס איז אים שווער געווען אויפבינדן די קנופּן
פון דעם, ווי פויערן האָבן געראַטעוועט אַ פרעמדן מאַן
און ווי דער סטאַראָסטע פאַרראַטן האָט די סאַמע נאַ'בטע.
ער האָט אין זאַכן פיל געטאָן זיך אַ דערמאָן,
זיי האָבן אין געדאַנק ביי אים מיט וויטעק זיך געפּלאָנטערט.
אָוואַדיס אויסגעלאָשן האָט פון קאַנעצל דאָס ליכט
און ליגנדיק געבאָברעט מיטן שלאָף זיך:
„האָסט זיך דערמאָנט אין סטאַראָסטע און אין דעם זונס געריכט?"
האָט ער אַ פּרוּוו געטאָן, צי רעדט ניט פונעם שלאָף סאַדאָווסקי.
און ניט געזען האָט ער און זיך ניט פאַרגעשטעלט,
פונוואַנען ס'פּליסט דער ענטפער אים אַנטקעגן:
צי פון דער שטוב צי פון דער גאַנצער וועלט...
נאָר ס'האָט סאַדאָווסקיס יעדעס וואָרט אים דורכגעעגבערט.

IV.

געגעדט סאַדאָווסקי האָט פאַר זיך אַליין,
צי וועט אים יאָ צי וועט אים ניט עמעצער הערן
איז אין דער פינצטערקייט פון נאַכט געווען אַלצאײַנס,
נאָר אײַנהאַלטן דאָס וואָרט געווען איז שווער אים:
— ס'איז פינף און צוואַנציק יאָר ניט קיין טערמין, —

אַ טאָפּ געטאָן דאָס וואָרט האָט אין דער פינצטער,
ווי ס׳וואָלט געזוכט אַ וועג אַהער, אַהין,
און ווייטער שוין אַליין אַזוי געשפּינט זיך, —
ס׳איז פינף און צוואַנציק יאָר ניט קיין טערמין
אויף איבעראַקערן דעם גיר, אים איבערשטרייכן,
דעם גיר, וואָס האַלט אין קלעם אין אײַזערנעם אָזאַ־אַ מין,
ווי אַט דער סטאַראָסטע און אַנדערע זיין גלייכנס...
די פינצטערניש! איר פאַנצער אייגבערעכן פאַרפרואַוו,
וואָס אַנגעפּלאָסטערט איז מיט גיפט פון אוראַלט...
מע דאַרף צו איר געפּרעסטע לופט,
אַן איבערקערנדיקן שטורעם!

V.

זי זעט ניט גאָרניט אויסער זיך אַליין,
און אַלץ איז אין איר גיר אין בלינדן ווייניק.
ס׳איז ניט דערגאַנגען צו דעם סטאַראָסטע ס׳געוויין,
און ניט דאָסליידן פון אַן אומקומענדיק דאָרף מיט שכנים,
און ניט דער טויט, וואָס האָט דעם זון דעם לייבלעכן באַדראָט.
און ניט ס׳געביין ס׳געלעסטערטע פון זיידעס,
קיין לאַנד, קיין טאַטע און קיין גאָט.
אַ טייסטער אויפן האַרץ ווי אויף די הענט אַ קייט איז!
איז אַט די פינצטערניש — פאַרפרואַוו זי, איבערקער
מיט אַ פּיסטויל פון צייט, וואָס אין געפּרעסטקייט איז געמאַנגלט!
אַ זון אַ לייבלעכן ז׳דעם סטאַראָסטע געווען ניט שווער
מיט הענט מיט אייגענע די וועלף דערלאַנגען
פאַר אַ מיראַזש — בלויז פאַר אַן אויסגעדוכטן גיריקן מיראַזש
פון ווערן צ׳ריק אַ שפּין אויף זיין געליימטער ווינטמיל,
און וועבן זיך דאָס שוואַרצע שפּינוועבס צווישן אַש,
און הערשעווען אויף חורבנס און אויף צווינטערס...

VI.

און אויסגערעכנט האָט דער דייטש אויף זיי,
אַ בונד אַ טייוולשן מיט זיי פאַרקניפּן האָט געהאָפט ער. —
זיך אין דער פינצטערניש געטאָן סאַדאָווסקי האָט אַ דריי.
אים האָט געדוכט: עס הערן טריט ניט ווייט זיך אָפּטע...
אַ ווייל פאַרטייעט זיך: צי קומט עס ניט פון אויפרעג בלויז?
און ווידער מיט דער שטילקייט זיך באַהעפט אינאיינעם: —
צום גליק, איז זייער צאָל ניט גרויס, —
ער פאַרגעזעצט האָט ווייטער, ווי פאַר זיך אַליין נאָר, —
ווען דורכגעפירט די יידן האָט מען דאָ
באַגראָבן לעבעדיקערהייט, מיט בירקעס אויף די העלדזער,
איז האָבן דען ניט דאַן די איינוואוינער פון דאָרף

פאַר זיי מיט טרערן אין די אויגן איינגעשטעלט זיך ?
— נו, יאָ, — האָט איינגעשטימט אָוואַדיס אויפן קול,
ניט זעענדיק צוליב דער פינצטערניש סאַדאָווסקיס פּנים.
כאָטש פאַר זיין פליכט האָט ער געהאַלטן און געוואָלט
סאַדאָווסקין וועגן אַנדערע געמיינזאַמקייטן דערמאָנען,

VII.

דאָך האָט ער ווייטער אויפמערקזאַם געהערט.
אין דעם פּאַראַט פון סטאַראָסטע, דעם טאַטן,
און אויך אין אַנדערע, וואָס זיינען נאָכגעגאַן אַהער,
געזען האָט ער דעם דייטש אין זיינע טייוולדיקע טאַטן...
האַלב־אויסגעטאָן — איז פון געלעגער ער אַראָפּ
און פאַרן פענצטער אין דעם גאַנצן וואוקס זיך אויסגעצויגן,
אַ טוק געגעבן אין דער נאַכט האָט ער דעם קאָפּ,
און ס'האָבן די געשפּענסטער זיך צעוויגט פאַר זיינע אויגן
די חורבות, צוגעדריקטע איינס צום צווייטן נאָ'נט,
דערוואַכטע דורך די טריט פון פרילינגדיקן האָגל.
אַ טאַרבע אָנטאָן וואָלט איעדערע געקאָנט,
זיך מיט אַ שטעקן אָפּלאָזן אויף וואַנדער און אויף וואָגל,
נאָר זיי פאַרשטעלט דער ווינט פון פעלד דעם וועג,
וואָס ווי אַ צושלאָג שפּאַרט צו אָפּגעברענטע שייערס.
דער הימל אַזוי הויך איז קיינמאָל ניט געווען,
און קיינמאָל ניט געווען די ערד איז אַזוי טייער.

VIII.

ווי איצט, ווען רויטאַרמייאיש קלייד איר לייב באַדעקט,
ווען זאַפט און צאַרן אויפגעוועקט זיך האָבן.
ס'האָט דאָ דער טויט מיט ביינער אויסגעבעט דעם וועג,
דעם רום פון רויב און מאָרד אין זומפּ באַגראָבן.
ס'בלאַנדזשעט אויף חורבות די לבנה־שיין מיט בינטלעך בעז,
איעדן בראָכשטיק צערטלען זיי און פעסטען...
אַהיים זיך אומקערנד פון זיין צוגעסט,
אויך ניט געטראָפן פייגל האָבן צו די נעסטן, —
איז וואָס ? איז זינגען זיי דען ניט ווי אַלעמאָל ?
איז בויען זיי דען ניט קיין היימען זיך קיין נייע ?
ס'איז קיינמאָל נאָך אַזוי ניט שיין געווען דאָס פאָלק,
און קיינמאָל אַזוי הייליק ניט געווען איז נאָך זיין פרייהייט,
ווי איצט, ווען ס'איז זיין גורל — שלאַכט,
און אָפּפערונג פאַר גליק זיין יעדער טראָט איז. —
האָט, ביי דעם פענצטער שטייענדיק, אָוואַדים שטיל געטראַכט
און אין דער שטיל די אומענדלעכע נאַכט אַריינגעאָטעמט...

22. אויפֿן לעצטן פֿאַרהער

I.

די הענט — אַרויף, דער צלם — אויף אַ זייט,
די ביקס — אין קויט, און די שוואַרצאַפּלען לויפֿן.
עס גייט פֿאַר קלאַפּסן דורך די גאַנצע צייט —
זינט ער מיט מאָרד און רויב האָט זיך באַזויפֿן,
זינט ער האָט אָפּגעלאָזט זיך אויף מלוכהיש ברויט
מיט דער געקרוינטער האַק אויף קינדער און אויף זקנים.
איז וואָס־זשע ציטערט ער אַזוי עס פֿאַרן טויט,
דער ריטער פֿונעם שאַרבן און צונויפֿגעלייגטע ביינער?
טעווטאָמער שטאַם — מיט הערנער און מיט טלאָ —
די שיין און שטאָלץ פֿון פּרייסישע קאַבאַקן,
די אויסגעשטאָלטע שרעק פֿון קאַט און גלאָמפּ
מיט קרייצן אויסגעקריצט און טעמפּן האַלדז־און־נאַקן,
ער האָט דאָך ערשט באַרוואָס געפּאָכעט אין דער לופֿט
מיט שפּיגלדיקער האַק איבער די אומבאַשיצטע העלדזער,
און איצטער פּאָכען זיך די הענט זיינע אין שרעק אַרויף,
ווען אין געפֿאַר געשטעלט האָט אויף אַ ווייל זיין פֿעל זיך!

II.

ער האָט געוויס ניט אויסגערעכנט שטיין אויפֿן פֿאַרהער
מיט זיינע הויכע מיליטערישע טראָפּייען,
וואָס אָנגערויבט פֿון טויטע ביי דער גרוב האָט ער,
און אויסטאָן זיך געלאָזט דערפֿאַר זיין פֿאַרטופּייע.
איצט, אָן דער האַק, דערמאָנט ער אַ שטיק ליים,
פֿון בלוט צעוויקט, אין קויט אָן איינגעריכטע.
עס קאָנען אפֿשר ווערעם ברוינע אַלערליי
פֿון אים, ווי גיפֿט און גאַל, זיך אַ צעקריך טאָן.
עס דוכט: עס קאָן אַזאַ אַרויסשלעפּן פֿון טאַש
אַ ריפּטל פֿלייש פֿאַרבלוטיקטס פֿון אַ הרוג,
זיך שטעלן קייען טעמפּ און גאַווערדיק, אָן רעש
און אַלץ אַרום באַקוקן ווי געהעריק,
מיט פּחד פֿינצטערן פֿאַר העלן טאָג,
מיט אומבאַגרייפֿלעכקייט פֿאַר שטערבדיקע הייכן
און זיך פֿאַרוואונדערן, פֿאַרוואָס ער זעט ניט דאָ
קיין איינפֿאַרשטאַנד צו זיינע געגנלעכע געברויכן.

III.

עס דוכט: עס קאָן אַזאַ די ערד אַ טאַפּ טאָן מיטן מויל
און, קניִענדיק, דאָס מיסט אַ שמעק טאָן און אַ שנאָרע,
און אָפּגעטאָן פון אַלץ, פאַרשטאָפּט און פויל,
זיך אויסציען ב׳אַ זייל און זיך פאַרגראָבן אין אַ נאָרע.
ער האָט געוויס ניט אויסגערעכנט שטיין אויפן פאַרהער,
די ווערק פון זיינע הענט פאַר אַלעמען פאַרהאַלן.
עס באָמבלען זיך געוויס ביי אים אין קאָפּ די נעכט
פון מאַלצייטן פון בלוטיקע אין האָלאַנד,
די וואַקכאַנאַליע אויף גאַסן פון פאַריז,
דער טויטן־טאַנץ פונעם געקעפּטן פוילן,
וואָס ער האָט הוליענדיק געטראָטן מיט די פיס
אויף פלעצער אויסגעטאָנענע און הוילע...
געוויס אין טעמפּן קאָפּ
זיך אַ דערינער גיבן אַלעמאָל אים
די זקנים די געשאָכטענע אין גראַנאַטאָפּ,
די לעבעדיק באַגראָבענע מון מינסק און מאָלעוו.

IV.

עס דוכט: צו אים אַצינד דערטראָגט זיך דאָס געשריי
פון קינדער צוגעטוליעטע צו מוטערס שויסן,
וואָס ער האָט אין פאַרווילונגען לעבעדיקערהייט
אין קברים אויפגעגראָבענע געשטויסן.
אַ מידקייט ברעכט, דאַכט זיך, אים אונטער זיינע קני
און בייגט דעם קאָפּ אים אויס, ווי ביי אַ ווערבע:
צי הייבן זיך ניט אויף אַנטקעגן אים
די טעכטער די געשענדעטע פון סערביע?
אַרום אים ווערט אַלץ פינצטערער און שוואַרצער,
אַ פעל באַלייגט אַ ברוינע, אים, ווי מאָך,
עס קאָן דאָ נאָך, ווי אַ שאַקאַל, צעוואָיען אין דער נאַכט זיך
זיין טעמפּע בענקשאַפט נאָך פאַרצוקונג און נאָך מאָרד!
און דאָ האָט מען אים פלוצעם אָפּגעשטעלט,
און דאָ באַפעלט מע האָט צוריקגעהאַלטן זיין אים,
בשעת ער האַלט אין אויסקנעטן די וועלט
אין זיין געשטאַלט, אין ענלעכקייט אין זיינער!

V.

ער קוקט, ווי אומפאַרשטענדלעך וואָלט עס אים געוועזן:
פאַרוואָס מע לאָזט אים דאָ ניט הרגענען און קוילען?
אויף וואָס דען אַנדערש דאַרף ער זיינע הענט?
וואָס האָט מען נאָך דען אים פאַרזאָגט און אים באַפוילן?
— די תליה — ווי אַן אַרקע צו דער נייער וועלט,

און ברענענדיקע שטעט — ווי פּאַקל־צוגן פאַר דער נייער אַרד׳נונג.
אים האָט געדוכט, ער איז אַריבער מיט דערפאָלג איר שוועל
אין יעדן מאַרד דאָ
און איינגעפונדעוועט אין איר זיך טיף,
און זי באַקרוינען מיטן רויבזאַק ריטערלעך ער טרעט דאָ.
ער האָט אפילו אָנגעשריבן שוין אַ בריוו
צו זיין געליבטער פלאַקסנהאַרעדיקער גרעטכען:
„דו בעסטע, איך זאָל דיר שיקן אַ מאַנטאָ,
זי פון אַ יידישקע אַראָפּשלעפּן, מיין ליבסטע,
איז האָב איך דיר, מיין טייערע, צום וואויל געטאָן,
די זאַכן זיינען נעט, זיי זיינען זייער היפּשע...

VI.

די צירונג איז פון ריינעם גאָלד,
פּונקט ווי דער אָפּשטאַם אונדזערער פון ריינעם בלוט איז.
איך וואָלט דיר אָבזענדערן נאָך עפּעס געוואָלט,
נאָר כ׳וועל שוין גיך אַליין דיר ברענגען אַלעס גוטעס.
און דאָס מאַנטאָ איז פּראַכטפול. פוטער — ביזן לאַץ.
און נאָך האָב איך געפּאַסט פאַר דיר אַביסל זידן גרעט דאָ.
פאַרבלייב מיר טריי. איך קיסע דיך, מיין שאַץ,
מיין הייסע פלאַקסנהאַרעדיקע גרעטכען!
די יידישקעס — זיי גיבן פון זיך אַלץ,
נאָר נעמען — איז בעדויטנד גרינגער
די האַלדז־באַנדן אינאיינעם מיטן האַלדז,
די פינגערלעך — אינאיינעם מיט די פינגער.
ס׳איז פריילעכער אַזוי, און אַכטונג מער,
און פורכטבאַר אַמוזירנד, דאַנער־וועטער!"
ער האָט ניט אויסגערעכנט שטיין אויפן פאַרהער,
ווי אַ צעווייקטער גולם, אַ געפּלעטער.

VII.

און איבערענטפּערנדיק אים דעם קאָמאַנדיר,
געוועדעט האָט גור־אריה זיך: — איך האָב די ערע...
דאָס ריינסטע אַדל־בלוט, כ׳קאָן אים פריי׳ר:
אַ זאַנדערפיורער פון דער דייטשישער אימפּעריע.
אין אויסשפּירונג דעם כבוד כ׳האָב געהאַט
באַדינען מיט אַדורכשניטלעכער קויל אים.
איך האָב געמיינט, אַז ס׳איז אַ דורכשניטלעכער קאַט,
איך האָב געמיינט, אַז ס׳איז אַ דורכשניטלעכער קוילער, —
געשטאַנען דער געפאַנגענער איז אָן אַ הוט,
די צונג אַרויסגעשטעקט פון מויל, ווי פלייש אַ שטיקל פון אַ קוישל.
ס׳האָט אפשר אים געוואָלט זיך אויסשרייען, אַז היטלער איז קאַפּוט,

נאָר ניט באַקומען האָט זיך עפּעס מער, ווי אַ געוואַי שוין.
— וואָס וועט באַפוילן זיין מיט אים צו טאָן? — האָט, ווי ס׳געהער, גור־אריה ביי דעם קאָמאַנדיר אַ פרעג געגעבן.
און נאָך אַ רגע טראַכטן: — אָפּפירן אויף אַ פאַרהער, — געענטפערט האָט סאַדאָווסקי, קוקנדיק אויף אים, ווי דורך אַ נעפּל.

23. געשפּרעך מיטן שטן

I.

סאַדאָווסקי האָט די טעג אין אומגעדולד געציילט,
געריסן זיך אַהיים אין אומעט פון דערוואַרטונג.
דורך אַ באַפרייטן שטעטל דורכגעגאַנגען איז זיין טייל
און זיך געשטעלט אויף נאַכטלעג.
דאָרט איז קיין אַנדייט אויף קיין גאַסן ניט געווען,
און פון באַלעבאַטקייט ניט געווען קיין מינדסטער סימן,
בלויז איינגעבראָכענע, פאַרוויגטע ווענט,
איבערגעדעקטע מיט אַ גרויסן אויסגעהוילטן הימל.
אַרומגעגנישטערט האָט אַ ווינט, פון וויסטקייט דול,
איעדע וויל, ווי אַ יללה, אויפגעוויגט די שטויבן,
און אַן אַרויסגעקראָכענע פון אונטער אַש געשטאַנען איז אַ שול
און זיך אַרומגעקוקט מיט אירע אויסגעזעצטע שויבן.
ווי אַ דערוואָרגענע האָט זי אַרויסגעשטעקט די טיר,
דער דאַך האָט איבער איר געהויערט ווי אַ כמאַרע.
אַן איינגעבויגענער, די בײשטידלען ניט טאָן קיין ריר,
איז אינוויניק אַריינגעגאַנגען גור־אריה.

II.

אַ שטיקל הענגלייכטער האָט זיך געטאָן פאַר אים אַ נויג,
די סטענדערס אויפן פּאָל, צעוואָרפענע, זיינען געשלאָפן.
און ווי צום אויסנעמען זיינען די שערי־אדוני
געווען ביים ארון־קודש אויסגעוויכנעט־אָפן.
עס האָט נאָך אַלץ געשמעקט מיט פאַרמעט און מיט קויט,
און וואו־ניט־וואו אַ שטיקל וואַקס — צעטראָטן.
לעם אַ פאַרשטויבטן ספר ביי אַן אויסגעברענטן קנויט
האָט פון סופית געהוידעט זיך אַ שאָטן.
גור־אריהן האָט געדוכט, אַז ערגעץ דאָ די עדה שלאָפט,
אַז פונעם שלאָף וועט זי באַלד אויפכאַפּן זיך בעמען...
ער האָט אַ קער׳זוע אויס געטאָן דעם קאָפּ,

דערזען אַ קינדערש שיכעלע אויפן באַלעמער,
געמאַכט אַ טראַט, צוריק געטאָן אַ גיי,
אַ פיר געטאָן די אויגן צו די ווענט האָבן אַליין אים —
פאַרצירעוועטע אויפשריפטן דערזען האָט ער אויף זיי
און, אַ דערדריקטער, זיך געשטעלט האָט ער זיי לייענען.

III.

צי דאַכט זיך אים נאָר אויס, אַז ס'איז דאָ שטיל,
צי דאָס, וואָס ער איז דאָ — אים אויך נאָר אַזוי דאַכט זיך?
אָט זיינען ווענט. אָט איז די סטעליע און דער דיל,
און דאָס פאַרטויבנדיקע קלאַפּן פון זיין האַרצן...
ער האָט קיין פינטל ניט געוואָגט צו געבן מיטן אויג,
אים ניט געלאָזט אַ קרעכץ טאָן האָט די שטילקייט די צעשטרייטע,
זי האָט איעדע ווילע אים געגעבן אַ פאַרטויב,
ער האָט געפילט: דעם גרעסטן רעש זי איבערשרייט דאָ...
ס'איז, דאַכט זיך, קיינער אין דער חורבה דאָ ניטאָ,
און אַזאַ אַנגעפילטקייט שפּאַרט זיך פון די ווענט דאָך,
אַז ער אין ערגעץ קאָן קיין ריר זיך דאָ ניט טאָן,
ווי ס'וואָלט אַן אומזיכטיקע עדה אים געפּענטעט...
געזען באַשיימפערלעך פאַרוואָגלטע ער האָט
אין זייער הילכיקן פאַרפּלייצנדיקן וואַנדער,
ווי ער באַשיימפערלעך געזען האָט קינדוויז גאָט,
וואָס איז ניטאָ און ס'האָט געדוכט — ער איז פאַראַן דאָך...

IV.

מיט אותיות געפלאַכטן ווי הבדלות זאַלבענאַנד,
באַהויכט מיט שאָטנס ציטערדיק־פאַרזיגלט,
צום הימל — פון דער דעמערדיקער מזרח־וואַנט
אַן אויפשריפט האָט פאַרצווייפלט פון אַ קינד אַרויפגעשריגן:
„כ'געזעגן זיך מיט דיר, מיין וועלט,
וואָס כ'האָב נאָך ניט באַוויזן זען פאַר מיינע אויגן!"
אַ ווייל האָט זיך גור־אריה אָפּגעשטעלט.
געלייענט ווייטער. נאָך. זיך איינגעהויקערט.
„פאַר אונדזער בלוט באַצאָלן ניט פאַרגעסט!" —
געבראָכן האָבן זיך די אותיות פון שרייען.
„אַרומגערינגלט איז די שול פון צוויי הונדערט עס־עס
און קנאַפּע פינעף הונדערט פּאָליצייען".
פאַרהייטלט זיינע אויגן האָבן זיך מיט פלאַם,
די שיין אַדורכגעגאַן אין זיי שוין קוים איז,
געטראָגן האָט זיך, ווי אַ קריעה אויפן ים:
„וואו איז דער אל נקמות?"

V.

אונטער איעדן אות האָט ער געזען די האַנט,
וואָס האָט צולעצט זיך אויסגעשטרעקט אין אָנמאַכט.
געשריגן האָט אַ וואַנט דאָרט צו אַ וואַנט:
דער טויט איז נאָ׳נט. קיין ווערטער זיינען שוין ניטאָ מער!
עס האָט איעדע אויפשריפט זיך צו אים געווענדט,
זיך אויסגעקריצט אויף אים מיט פייער און מיט וויטעק,
אים האָט געדוכט, זיי פליען אום פון ווענט צו ווענט:
„לבאים אחרינו — לשארית הפליטה!"
פאַרוועבט אין זיי, ווי אין אַ נעץ, האָט זיך זיין קאָפּ,
דעם האַלדז פאַרציען זיך געלאָזט פון יעדן איינעם האָט ער,
און ווי אַ האַמער האָט אַ קללה זיך געטאָן אַ לאָז אַראָפּ:
„אל טל ואל מטר!"
די שטומע שול־ווענט זיינען מיט געשריי אין אים אריין,
פון אַלע זייטן אים געגומען אַ פאַרליש טאָן:
דעם פסוק קאָנען מיר אפילו ניט מקיים זיין:
„תמות נפשי עם פלשתים"...

VI.

איעדע אויפשריפט פון די ווענט האָט זיך צו אים געשפּאַרט,
אים ניט געלאָזט פון זיי אין ערגעץ זיך פאַרטיַיען.
זיי האָבן דאָ אויף אים געוואַרט,
ניט אָפּגעווישט קיין שווערד האָט זיי און ניט קיין פייער.
ער זעט שוין אונטער יעדן אות די אויגן און די בערד,
ער הערט שוין אונטער יעדן קריץ די קינדערשע געוויינען,
און אַלע מאָנען זיי ביי אים און בייגן אים צו דר׳ערד —
צעזעגענע, געקעפּטע ברוסט־קינדער און זקנים:
„גיי, שריי אונדז אויס אויף בערג מיט אָפּגרונטן באַנאַנד
און זיבן מאָל דאָס פּנים זיך מיט נאַכט פאַרוויקל!
זאָלן ניט זען די הענקערס אונדזער שאַנד
און זאָלן זיי מיט אונדזער אומגליק זיך ניט קוויקן...
גיי, שריי אונדז אין דער מדבר אויס, די צונג געשמידט,
דאָרט, וואו ס׳הערט זיך פון קיין פויגל ניט קיין פלי און קיין געפּעכער,
זאָלן גלייכגילטיקע זיך ניט פאַרשטערן זייער רואיקן געמיט,
און זאָלן זיי מיט מיטגעפיל דעם בראָך אונדז ניט פאַרשוועכן!

VII.

ס׳איז רחבותדיק אַצינד, געוויס, ביי זייער שוועל,
געוויס פאַרדייען זיי אַצינד די אומגעריכטע רייכקייט.
ווער מיט דער האַק געמאַכט פון אונדז האָט טיל־און־טעל,
און ווער ס׳האָט אונדז דערשטיקט מיט טויבן גלייכגילט!
צו זייער ישוב זאָל דיין טראָט ניט טאָן דיך קיין פאַרפיר

און מיט אַ קלאַפּ אין פענצטער קיינעם ניט באַלעסטיק!
מע וועט מיט מיטגעפיל זיך אָפּקערן פון דיר,
ווי נאָר דיין אָפּשטאַם אויסבלוטיקן וועסטו...
ס׳איז קיינער ניט געווען, ס׳איז קיינער ניט פאַראַן,
וואָס ניט פאַרשלאָסן האָט דאָס האַרץ, אָן אָפּגעקערטער.
בלויז איינס — דער לעצטער קברדיקער ראַנד,
בלויז אים וועלן אַריבערגיין פון פיין די ווערטער.
עס גילט קיין טענה, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין געוויין,
ס׳האָט די גערעכטיקייט קיין ווערט, ווען טרערן זי באַוועגן —
אויף איבערצייגן דאַרף דער יושר ציין!
אויף איבערצייגן דאַרף דער יושר נעגל!״

VIII.

עס האָט די שרייענדיקע שטילקייט אים געפּלעט,
דער טאָג האָט מיט דער נאַכט געגומען זיך פאַרפּלאָנטען.
באַלאַגערט האָבן אים פון ווענט די שאָטנס: „רעד!
האָסט אין די אויפשריפטן דיין האַנט דאָ ניט דערקאַנט דען?
צי האָסט דען ניט דערקאַנט דיין הפקר־בלוט, וואָס פליסט
אין זיי איינאיינעם מיט דיין מאַמעס טרערן?
דו טראָגסט אַצינד אין האַנט אַ ביקס
און אויף דיין הוט אַ רויטן שטערן,
דיין יעדע וואונד איז אין שינעל פאַרוויקלט און פאַרגלעט
און פון דיין חרפה איז קיין מינדסטער שפּור ניטאָ שוין״.
געטוליעט שאָטנס האָבן זיך צו אים: „איז רעד,
אויב ס׳איז פון בראַך געבליבן כאָטש ביי דיר דאָס לשון,
ווי ס׳בלייבט דער זוים פון אויסמעלויצעטן געוויקס,
ווי ס׳לאָזט אַ קרעכץ ביי דעם געדרעשׁ זיך הערן.
צי האָסטו ניט פאַרשעמט דיין רויטאַרמייערישע ביקס?
צי זיך געהיילקט אין נקמה האָט דיין קריגערישער שטערן?״

IX.

דאָס האַרץ האָט חוץ דער גרוב קיין תיקון ניט געהאַט,
דעם מוח, פונקט ווי בליצן, האָט דער רוים פאַרשלונגען:
„צי האָט אין שלאַכט דאָס מזל דיך געטרייסט, סאָלדאַט,
פאַר אונדזער שאַנד, פאַר אונדזער אומגליק?״
עס האָט אַ שיין זיך אַרום אים געגעבן אַ צעגאָס,
איעדער ריגעווע און דיר האָט זיך געטאָפּלט:
„צי דורכדרינגלעך געווען דיין קויל איז אין דער מאָס?
צי האָט דיך צאָרן ניט געוואוסט קיין גרענעץ און קיין אָפּהאַלט?״
איעדער בראָכשטיק האָט צו אים געטייַט
און, איבערוואַנדלענדיק פון פאָרם אין פאָרם, ניט אויפגעהערט זיך מינען,
„צי האָט דיין וואונד כאָטש אָנגערירט פון וויט

דאָס זיך אַנטפּלעקנדיקע ליכט פונעם באַגינען?
דיר אַנגעטרויט מיר האָבן אונדזער האַרץ ס'צעפּיקטס,
אונדזער געשענדטן צער, ער זאָל, ווי ס'לעבן, דיר געהערן.
צי האָסטו עפּעס־וואָס געפּרעגלט מיט דער ביקס?
צי האָסטו עפּעס־וואָס דערוואָרבן מיטן שטערן?

X.

צי ווייסטו ניט, אויף וויפל אַט דער ים מיט בלוט
וועט פאַר דער וועלט דער חיה־רעהדיקער קלעקן?
ס'דערטראָגט זיך שוין אַהער אין קבר דאָס געהוד
פון אויפדאָסניי זיך שלייפנדיקע העק אין אַלע עקן...
ווער האָט איבער דער ערד געיאָגט אונדז רונד אַרום,
ווער האָט פון אַפּגרונט אונדז געצוואונגען אויפשטיין
און בעכערס אונדז דערלאַנגט אויף פּיין און רום —
פון יושר ווערן זאָלן מיר דער טרויעריקער פּראָווּשטיין?
מיר האָבן אַלץ באַצאָלט! מיט בלוט פאַר יעדן שטייג אַרויף
באַמיסטיקט האָבן מיר מיט מאַרך די פּעלקער־בליענדיקע הייכן, —
אַט איז ער אַט, דער יושר, אויסגעפּראָוווט
אויף ווענט, ווי אויף מצבות אַנגעצייכנט.
לייען פון אות ביז אות אַט זיי אַלע דורך,
באַשריבן אויף דער באַלקן און דער דיל איז.
דאָס איז דער לעצטער פּנקס־בוך
פון אויסגעשאָכטענע פון יידישע קהילות!"

XI.

אַדורכגעברענטערהייט געבלאָנדזשעט האָט זיין בליק,
געריסן האָט ער פון דעם שאָטן־קלעם זיך, ווי פון רייפן:
„פון גרוב גייט אַ געהרגעטער אַרויס צוריק
ניט אויף צו לייענען די אייגענע מצבה,
נאָר אויף צו זען מצבות איבער דעם,
וואָס האָט די ערד אין קברים דורכגעגראָבן!"
אַריינגעקוקט האָט דורך דער שויב אַן אָפּגעפּליקטער דעמב,
אויף זיינע דאַרע צווייגן שפּערעלעך געזעצט זיך האָבן,
גור־אַריהן האָבן זיי זיך אויך ווי לעצטע אויפשריפטן געדאַכט
פון קריגס־געפאַנגענע אין קלויסטערס טונקלע.
ווי שטערן אויסגעקריצטע אין דער נאַכט
צו אים זיי האָבן פון דער ווייט געוואונקען,
מיט אומפאַרגייענדיקן טרויער זיך געווענדט
און זיך פון אומעטום צו אים געריסן.
איבערגערופן האָבן זיך פון שול די גרויע ווענט
מיט שטעכיק דראָט פון טויט־לאַגערס און תּפיסות...

XII.

איבערגערופן האָבן זי זיך פון דער ווייט, פאַרטרויט,
מיט שטומען וואַלד־געוואַי און ווינטיקן געכוואַליע
פון פאַרטיזאַנער פון פאַרפייניקטע צום טויט
מיט לעצטע אויסגעשרייען „סטאַלין!"
זי האָבן זיך אין קאָפּ ביי אים געהאָפּט,
צונויפגעפלאָכטענע דורך בלוט און פייער,
ווי אין צוואהדיק־באַשוואוירנדיקער כתב —
קיין איינציקן פון זיי האָט ניט געקאָנט פאַרביי ער.
געכפלט האָבן זי אין אים זיך מער און מער,
ניט אָפּגעטיילטערהייט דעם בליק זיינעם פאַרטרענקען,
ווי ס'איז זיין ביקס ניט אָפּגעטיילט פונעם געווער,
מיט וועלכן ס'חיל איז זיך נוקם אין די הענקער,
איז ערגעץ דען געמאָלט אַ גבול,
אין העכסטער לייד און ווי געלייטערט,
צווישן דעם זקן דעם פאַרפייניקטן אין שול
און דעם געפאַנגענעם פאַרברענטן אויף אַ שייטער?

XIII.

פאַרבלייבן נאָך אין שול איז אים געוואָרן שווער,
געשטיקט האָט אים דאָס איינגעהאַלטענע געשריי דאָ.
ווי לאַנג איז דען, ווען, נאָך אַ קינד, געגלייבט האָט ער,
אַז אין די חורבות האַלטן אויף זיך שדים...
און כישוף בלענדיקן זיי פראַוּוען ביי די בעכט,
און מענטשן דורכגייער מיט אַ געפיף פון קלעזמער זיי פאַרנאַרן.
ווי לאַנג איז, ווען מיט מויל און אויגן אָפענע געהערט
האָט אין פאַרגאַפּטקייט קינדערישער ער אַליין, גור־אריה,
וועגן אַ פייערל אַזאַ, אַן אויסגעדוכטס פון ווייט,
וואָס פירט אַראָפּ פון וועג מיט בלענדעלעך קאַלירטע,
און דופט נאָך זיך, פאַרכישופט און פאַרשייט,
און אַלץ איז אַזוי מוראדיק און ליכטיק...
אַדורכגיין קינדוויז פלעגט אים זיין אַ שרעק
פאַרביי אַזאַ מין אָרט ביי זיך אין שטעטל.
ס'איז אפשר צייט פונדאַנען שוין אַוועק,
נאָר ער איז איצט אַליין, ניט אַנדערש, ווי געפּלעט דאָ...

XIV.

גור־אריהן האָט געדוכט, דער שטן שטייט לעם אים
און לאַכט, פאַרגייענדיק זיך אין געלעכטער.
אים איינגעבויגן האָט די אויסגעדוכטע שטים,
ווי דורך יאָרטויזנטן פאַרגאַנגענע האָט ער געהערט אים:
„כ'באַגריס דיך, אבל, מיט דיין ווינד און ווי,

געזען כ'האָב, ווי געברענט האָבן די פאַרמעטענע ריזן,
געשטאַנען איז דער יושר נעבן זיי —
פאַרקערפּערט אין געשטאַלט פון קאָמוניזם.
און די גאולה יובלדיק דערקלערט דער וועלט —
דער איינגעטונקענער אין אומרעכט און אין חשכות...
ס'אַרא געלייטערט ליכט האָט פונעם פלאַם איר דורכגעהעלט!
ס'האָט נאָר איר ניט געשמעקט דער רויך פון האָלאָוועשקעס,
וואָס האָבן זיך געקאַרטשעט צוליב איר משונה לאַנג,
ווי מיט אַן אומגעהייערער הנאה און כוונה,
און ביזן הימל האָט דער פלאַם דערלאַנגט,
אין אַלע זייטן זיך צעשפּרייט האָט ווי אַ רויטע פאַן ער..."

XV.

די שטים געגאַנגען איז פון ערגעץ זייער טיף,
געוויקלט זיך אַרום גור־אריהן און פאַרדרייט אים:
„איבער אַ האַלבער וועלט געגאַן דער יושר איז פון ריוו צו ריוו,
וואו ס'האָט דאָס פאָלק געהאַלטן גיין צו דער עקידה,
געמונטערט זיי אויף פעסטשטאַנד, זיגנענדיק און הייס,
אויף גובר זיין פון פּיין די קלעמער און די צאַמען,
און מיט אומשטערבלעכקייט געבענטשט זיי און געטרייסט:
פאַרברענט ווערן איר האָט די זכיה אין דער מענטשהייטס נאָמען,
וואָס האָט מיט אויסדערוויילטקייט אייך באַערט:
פון יעדן אומגליק זיין די שולד, פון יעדן אויפבלי די געפאַר זיין,
די האַק זאָל שטענדיק זיין גערעכט,
און זיין באַרעכטיקט זאָל דער אכזר...
איר האָט דערגרייכט די ליכטיקסטע מדרגה עכט,
אַז ס'זאָל דער נאָמען „ייד" אויף שטערנס זיין געקרייציקט.
כ'האָב זיי געזען אין אַלע געטאָס פון דער ערד,
ביי יעדן בראָד־גראָבן געזען כ'האָב ברענענדיקערהייט זיי!

XVI.

דאָס האָלץ פאַר זיך אַליין געטראָגן האָבן זיי
און אויף די שייטערס, ווי אויף קרוינשטולן, אַרויפגעגאַן געפּענטעט...
כ'באַגריס דיך, אבל, מיט דיין ווינד און ווי,
מיט זעקס מיליאָן געקעפּטע און פאַרברענטע!
דיר ניט געווען צום הארץ איז זיין אַ מת ביי זיך אין אייגן לאַנד,
איז לעב! אַ שכן ביי דער וועלט! און לויט איר וואונטש באַצאָל איר!
ניט דו אַליין — דאָס גאַנצע פאָלק מיט דיר באַנאַנד
אַרויס איז פון דער גרוב, ווי שטערן אין די צאָלן...
נאָר ס'קאָן דער כאַם ניט קוקן אין די אויגן דעם,
וואָס אויפגעטאָן האָט עפּעס פאַר זיין אויפשטייג,
כדומה, ווי דער וואָלף דעם בושל פאַר זיין נאַבעלן באַנעם...

צי איז עס דען ניט פון גערעכטיקייט דער זעלבער פּראָוושטיין?
פאַר דער געפעליקייט — דעם בושל אויפפרעסן האָט ער געוואָלט,
ער זאָל זיך מער ניט ווייזן אויפן וועג אים —
ניט נאָר דערפאַר, ווייל ס׳איז אַ וואָלף אַ זוואָלף,
נאָר אויך דערפאַר, ווייל ס׳האָט דער בושל ניט קיין נעגל!"

XVII.

זיך דורכגעבייטשיקט אויף זיין לייב האָט מיט אַ קנאַל
איעדעס וואָרט און אים דאָס האַרץ געזעגן:
„ס׳וועט אויך די שאָף די מילדסטע אַ שאַקאַל
אין דער מינוט, ווען זי באַוואַקסן ווערט מיט נעגל!"
אַ ווינט האָט מיט אַ קראַקווע אויפן דאַך געקלאַפּט,
פּונקט ווי אַ פּיקהאָלץ, ריירנדיק זיך פּונעם זינען:
„האָט דען אַ מויז ניט אָפּגעהריזעט ביי אַ לייב דעם קאָפּ
ביים וויינענדיקן ניעמאַן אונטער ווערבעס גרינע?
איז לייען, — האָט ער אים די וועגט געטאָן אַ וויז, —
פון אות ביז אות און ניט אַנטויש זיך!
דאָס איז פון נע ונד די פּרייז,
דאָס איז די פּראָוו פון וואָגלדיקן יושר!
צייל אויס און לייען דורך געגוי —
די פּרייז פון פריהייט און פון דאָרשטיק צו איר גאָרן!..."
— איך ווייס, איך ווייס! עס האָט אונדז דאָך געלוינט, —
אַ שאַקל מיטן קאָפּ געגעבן האָט גור־אריה.

XVIII.

די פאַלעס פון שינעל פאַרציענדיק אויף זיך: —
מיר וועלן דאָך מיט נעגל קיינמאָל ניט באַוואַקסן ווערן! —
געלויכטן העל האָט זיך דאָס בייניקע געזיכט: —
מירן אַדורכגיין מיט דער שאַרף מיט דער געשליפענער פון שטערן!
פאַרבאָרגן ליגט אין איר די לעצטע שלאַכט,
וואָס וועט ביי אַלעמען אַרומברעכן די נעגל בלענדיק. —
אַראָפּ איז אומבאַמערקט די נאַכט,
און שטיל אַראָפּגעלאָזט האָט זיך גור־אריה אויף אַ סטענדער: —
ניין, ניט קיין שכנים ביי די פעלקער זיינען מיר,
און קיין געצאָלטס ביי אונדז זיי האָבן ניט געפאָדערט, —
געטאָן דעם בליק גור־אריה האָט אַ פיר, —
מיר האָבן זיך אַליין מיט זיסער לאַסט פון פּרוכט באַלאָדן
אויף יעדער גאַסטפריינטלעכער ערד,
אויף יעדן אויפגעוועקטן באָדן,
און האָבן זיי מיט בלוט מיט אונדזערס אָנגעהערט,
און זיי צו אונדז — מיט זייער ברכה און גענאָדן...

XIX.

אַן ערי־מקלט האָבן פעלקער אונדז געגעבן אומעטום,
באַדעקט מיט בלי פון אונדז זיינען געוואָרן אַלע גאַבן.
גענאָסן האָבן מיר צוגלייך פון זייער רום,
און זייער פיין צוגלייך געטיילט מיר האָבן, —
האָט אים זיך דער געדאַנק קיין וויַיל ניט אָפּגעשטעלט,
פאַרהילכט די שטילקייט און די אויסגעדוכטע שאַרכן, —
אַ פאָלק איז קיינמאָל ניט קיין שכן ביי דער וועלט,
ווי ס'איז קיין טראָפּן בלוט אין קערפּער ניט קיין שכן! —
ער האָט זיך דעם זכרון אויפוועקן געפלייסט,
אים אָנגעשלאָסן אין די מיטלאַלטערלעכע וויַיטן; —
איז דען אויף שפּאַניער ערד ניט אויפגעגאַנגען אונדזער גייסט
צעצווייגטער, העכער פון די אײלבערטן און שייטערס?
און ביי דעם ברעג פון ריין און אין דער נייער וועלט
זיינען ניט אויפגעגאַן קיין פרוכט פון אונדזער מי דען?
צי האָט אין לאַנד פון פרייהייט בליאונג אונדז פאַרפעלט?
צי האָט דאָס גליק פון אַלע זיינע פעלקער אונדז געמיטן?

XX.

ער האָט געצויגן פון פאַרגאַנגענהייט די קייט,
נאָר ניט פאַרפענטן זיך געלאָזט פון איר געהודע; —
צי זיינען מיר, איבער דער גאָרער וועלט צעשפּרייט,
געבליבן הינטערשטעליק פונעם אוראַלטן יהודה? —
געקוקט אויף אים האָבן די בראָכשטיקער געהיים,
געבלעטערט האָבן זיך פאַר אים יאָרהונדערטן פון וועלקונג.
גיט ניט אַיעדעס פאָלק צושטייער דען זיין היים
פאַר ברידערלעכקייט הייליקער פון פעלקער?
און מייז זיינען פאַראַנען אומעטום:
אין קלויסטערס, און אין שולן, און אין שייערס;
זיי קריכן, פּעסטיקע, אין יעדער נאָרע אום
און הריזען אַלץ. פאַר זיי איז ניט פאַראַן קיין טייערס!
לאָז פון די ווענט די חורבהדיקע, שטן, זיך אַרויס!
די אָפּגעלאָפענע יאָרהונדערטן, זיי זיך מטריח, לייען!
צי האָט דזשאָרדאַנאָס לייבן־קאָפּ ניט אָפּגעהריזעט דען אַ מויז?
צי האָט ניט אָפּגעהריזעט דען אַ מויז דעם קאָפּ ביי גאַליליייען?

XXI.

עס האָט די צייט אַליין געגעבן אַ פאַנאַנדעריס
אויף זיך די גינגאָלדענע זיגלען פאַר גור־אַריהן: —
און ווער, אויב ניט די פּעסטיק־שוואַרצע מייז
אַראָפּגעהריזעט האָבן דאַן די שטאָלצע קעפּ ביי קאָמובאַרן?
אויך אָט דער בראָך איז אונדזערער, ווי גאָר דער וועלטס,

אויך אונדזערער, ווי גאַר דער מענטשהייטס, אַט דער צער איז.
אָבער זוען ס׳פאַלט אין אַפּגרונט אום אַ פעלדז,
הערן די אַדלערס אויף דען פליען איבער כמאַרעס?
די פּראַש איז דעם געוויקס ניט מוחל פאַר דעם טוי.
און פאַר דעם זאַפט, וואָס נערט ביי יעדן וואַקסנדיקן טראַט אים,
ווערט זי די וואַרצלען און דער פּרוכט אַ שונא אויפן טויט:
די פּיכטקייט וואָלט איר דאָך געקאָנט פאַרברייטערן די בלאַטער!
נאָר כ׳וויס, — האָט ער די פינצטערניש געטאָן אַ שפּאַר,
און אָנגעשפּיזט זיך האָבן זיינע אַקסל, —
אַז ס׳האָבן מענטשן אויסבאַהאַלטן קינדער פון געפאַר,
די קעפּ די איגענע פאַרקנסנד מיט דער האַק זיך!

XXII.

און די געפירטע צו דעם טויט דורך בוקאָווינער בערג
האָבן דען ווערעם לאחדים ביי די וועלף ניט אָפּגעדונגען,
לויט דעם, וויפל געהאַט זייער הלבשה האָט די ווערט?
אַ קייקל זיך געגעבן האָט דעם שטנס קול מיט פונקען.
— דאָס איז דעם וואָרעמס רעכט! ס׳נעמט קיינער עס ניט אָפּ, —
געגוומען שנעל דער בליק האָט ביי גור־אריהן לויפן, —
דאָס רעכט פון ווערן אויף די מתים פעט און גראָב
קאָן דאָך דער וואָרעם ניט פאַרטרויען קיינעם בכל אופן!
— נאָר כ׳וויס, — האָט צו דער וויט גור־אריה זיך פאַרטרויט
מיט בלאַנדזשענדיקן בליק צעוויטן, —
אַז פויערס רוסישע אונטער געפאַר פון טויט
איבערגעטאָן האָבן פאַרפאַלגטע אין די איגענע די לעצטע קלידער! —
און דאָך, ווי ביי אַ גרוב אַן אָפענער פון פאַלק,
געשטאַנען אין דער חורבה איז גור־אריה,
געפילט, ווי ס׳יאָגט אויף אים אַ כוואַליע נאָך אַ כוואַליע אַן אַ צאָל
און צו אַן אָפּגרונט ערגעץ אים זיי שפּאַרן...

XXIII.

די פינצטערניש האָט אים געגעבן אַ פאַרזויג:
דער כאַם האָט פיינט אַ רוק טאָן זיך פאַר עמעצן אינמיטן,
ס׳זאָל האָבן וואו אַראָפּפאַלן אַ מינדסטער זוים,
זיך אָנכאַפּן אין דר׳ערד, זיך ערגעץ אַ צעבלי טאָן...
די שפּין וועבט אַלעמאָל איר שפּינוועבס צווישן ביימער דורך,
זי כאַפּט זיך אָן פאַר וואו אַ צוויג מיט אירע ראַנדן
און קאָן נאָכהער ניט מוחל זיין דער פּרוכט,
וואָס וואַקסנדיק זי שפּאַרט די נעץ אירע פאַנאַנדער...
— מירן זי אויפבויען פונסניי, די היים, —
האָט ער זיך אויפגעשטעלט, אַ שווימענדיקער אין דער פינצטער, —
פּונקט ווי אַ פויגל פלעכט אַ נעסט זיך אויף אַ בוים.

נאָר ניט פאַרהיטן וועלן מיר פון הפקרדיקן ווינט זי,
ביז ס'וועט ניט בלייבן פון פאַרדאַרבער קיין געדעך און קיין געביין —
ביז דעמאָלט אויך די וועלט די גאַרע אומפאַרמיידלעך
וועט זיין דער טאָפּ, וואָס פאַלט אַנידער אויפן שטיין
און וואָס אויף אים דער שטיין זיך שליידערט!

24. אַ קאָנטר־אָנגריף

I.

דעם גלאַנץ פון ריטערלעכקייט וואַרפנדיק אין קאָז,
אונטערן דעק פון האַקנקרייצערישע טורעמס,
געגאַן אין קאָנטר־אָנגריף איז אַ דייטשער באַטאַליאָן —
אַ ראָטע רויטאַרמייער דורכברעכן מיט שטורעם.
געגאַן דער באַטאַליאָן איז אין דער גאַנצער וואוקס,
די בייכער דורכגעקרייצט מיט שוואַרצע אַוטאָמאַטן —
אַ שטאָלענער פירעקעדיקער צוג,
די טריט געמאָסטן פונקט און אַקוראַט דאָרט,
ווי פערד אין קאַרעטעס געשפּאַנט קאַרוץ
אויף אַ גרויסאַרטיקן פּאַראַד פון דער אימפּעריע.
די קאַסקעס צוגעדעקט האָבן פון פנימער דעם שמוץ,
געצויגן האָבן זיך פון האַקנקרייץ די ווערעם.
באַגלייט אין אָנגריף האָט זיי שיכורע מוזיק,
דעם מאַרש געוויגט האָבן צעיושעטע געוואָיען.
פאָראויס, פאַר זיך — אויף אָפּהאַלטן דעם זיג —
געיאָגט זיי האָבן שוצלאָזיקע פרויען.

II.

דער אָנגריף איז צוערשט געגאַן פון שטוב צו שטוב,
אַרויסגעקלאַפּט פון דאָרטן זויגקינדער און מוטערס,
און זיי די ערשטע צו דעם ראַנד געשטופּט
מיט אַוטאָמאַטן, זיגרייך און גרויסמוטיק.
געטריבן האָבן זיי די פרויען, רייסנדיק דאָס קול
מיט הויך־פּחדנישן און בלוטדאָרשטיקן האָנער,
ניט נאָר מיט פאַנצערן פון אייזן און פון שטאָל —
מיט פרויען זאָל אויך זיין געפּאַנצערט דער טעווטאָנער.
באַוואָרנט האָבן זיי דעם זיג פאַרפרי'ר:
זיי איז באַוואוסט, אַז ס'שיסט אַ רויטאַרמייער אין קיין פרוי ניט.
זיי האָבן אפשר שוין געפילט אויף ברוסט דעם ריר

פון צלם אייזערנעם — די נאָבעלע באַקרוינונג,
וואָס, טראַגנדיק פון דייטשלאַנדס רום די העכסטע מאָס,
שוין שוועבט מיט דאַנקבאַרקייט פון ריי צו ריי אום.
ס'האָט ניט געהערט פון רויטאַרמייער זיך קיין שאָס,
געטאָפּלט האָט דער אומגליק זיך אין בליק פון רויטאַרמייער.

III.

— ס'איז פרויען! — זיך אַ ריס געטאָן סאַדאָווסקי האָט
צו די געפאַנגענע, וואָס ס'האָט דער דייטש פאַראויס געטריבן.
זיך ניט געגלייבט האָט קיינעם די וואַרשיינלעכקייט פון טראָט:
צי דוכט זיך עס זיי אויס? צי איז עס בלויזער פיבער?
דער טויט האָט פאַר צעריסענע מלבושים זיי געשלעפּט,
געקרייציקטע אין פּיין אויף דייטשע אַוטאָמאָטן.
פאַרוואָרפן אין דער הייך געווען זיינען די קעפּ,
און ס'האָבן אויפן ווינט זייערע שאַלעכלעך געפלאַטערט.
די אויגן — אויסגעבראָטן ביז צום דעק,
די הענט אין שרעק — פאַרפלאָכטן אויף די בריסטן.
צו קיינעם האָבן זיי זיך דאָרטן ניט געשטרעקט,
און ניט געפּרואווט זיי האָבן זיך פון טויט אַ ריס טאָן.
איעדע רגע נע'נטערט זיך די ערשטע ריי,
עס פילט שוין קיינער ניט פון זיי די ערד דאָרט,
נאָר איינע האָט דערלאַנגט צו רויטאַרמייער אַ געשריי:
— אַ פייער עפנט אויף דורך אונדז איבער די מערדער!

IV.

און ווייטער פאַרגעזעצט דעם צוג פון טויט,
דאָס שאַלעכל פון קאָפּ אין הינערפלעט פאַרהאַלן,
ביז ס'האָט דאָס ליכט פאַר איר געטאָן זיך אַ צעבויט,
ביז ס'האָט אַ ריס געטאָן פון מויל דאָס בלוט זיך מיט אַ קללה
דערנאָך האָט זיך די ערד געטאָן אַ ריס
און מיט אַ וואַנט פון פייער אָפּגעהאַקט די וועגן.
און יעדער איינער מיט גראַנאַטע און מיט שפּיז,
און יעדער איינער מיט די ציין און מיט די נעגל
געפלאַסטערט מיט נבלות דייטשע האָט דעם ראַנד.
פאַר יעדער פרוי — פגרים דייטשישע אַ מאה!
און פאַר דער מוטערשאַפט דער הייליקער פון לאַנד
פאַרוויגט געלעגן איז אויף דר'ערד אַ גרופּע רויטאַרמייער.
די שלאַכט אַדורכגעגאַן איז בליציק גיך,
ווי ס'וואָלט געווען פאַרזאָגט: קיין סך זאָל עס ניט קאָסטן!
אָוואַדיס אָנגעטאָפּט האָט בלוט אויף זיין געזיכט,
און נאָגנדיקער ווי האָט אָנגעיאָגט סאַדאָווסקין.

V.

פאַרוואונדעטע זיינען ביידע גלייך געווען.
געטריפט פון ביידע האָט אין בלוט, אין צאָרן.
אַרויסגעריסן מאַמעס רוסישע פון שונאס הענט
און אויסגעצײלט אַ דייטשן באַטאַליאָן פּגרים.
ביי אַ פאַרברענטער שול מיט טאַרטשענדיקער טרויב
באַגעגנט האָבן זיי זיך, הילכיקע קאַיאַר־געסט.
די אויגן — בליציקע, די פּנימער — אין רויך,
מיט דורכגעשאָסענע, פאַרשטויבטע גימנאַסטיאָרקעס.
געשטאַנען זיינען זיי אויף אַ פאַרוואונדעטער שטיק ערד,
געטריפט אויף איר האָט דער קאַיאַר מיט טרויער,
און ערגעץ האָט אַ הירזש געטאָן אַ פערד,
זיך אויפגעעפנט ערגעץ האָט אַ טויער.
און ביים באַנדאַזש אַריבער איז אַוואַדיס מיטאַמאָל
אויף אַ געשפּרעך פון בירגער־קריג, אָן שום פאַרבינדונג:
— געשלאָגן ווי פּאָר אַ געליבטער האָט זיך דאָן דאָס פאָלק,
און איצטער, קאָמאַנדיר, ווי פאָר אַ מאַמע מיט די קינדער!

25. אַ סאָוועטישע סאַניטאַרקע

I.

סאַדאָווסקי האָט געדריקט אַוואַדיסן די האַנט:
— האָסט גוט געזאָגט, און צוגעטראָפן ריכטיק! —
טראָפּייען דורכגעקוקט צעוואַלגערטע ביים ראַנד.
געציילט דערהרגעטע, פאַרוואונדעטע, פאַרבאַנדאַזשירטע.
ס'האָט אויף אַ האַלבן הימל דער קאַיאַר געטאָן אַ גאָס זיך אויס,
פאַרצערט, אָן אויסגעזויגענער פון דער פאַרדאַרבונג.
און פונקט ווי אויף אַ שניט, די ערשטע טאַניע איז אַרויס,
אָן דער פּילאָטקע אויפן קאָפּ, פאַרקאָשערט הויך די אַרבל,
איבער אַ נעץ וואָראָנקעס וויגנדיק זיך הין און הער.
געדוכט האָט זיך: אין פייער זי געשוואומען אַנגעגורטערהייט איז,
און צענדליקער פאַרוואונדעטע מיט דעם געווער
אַרויסגעטראָגן זי אַליין האָט אויף די פּלייצעס.
גערופן אין דעם טייל מע האָט זי וועזדעכאָד.
הגם מיט די פאַרוואונדעטע נאָר פויזען מ'האָט באַוועגט זי,
נאָר זי פאַרענטפערט שמייכלענדיק זיך האָט,
אַז פויזען איז איר שווער צוליב איר רונדיקער קאָמפּלעקציע!

II.

דער לעצטער, וואָס זי האָט אַרויסגעטראָגן פונעם פעלד,
געווען איז דער פאַרוואונדעטער קאַזאַך מאַמעדאָוו.
ער האָט געקרעכצט און לאַנגזאַם זיך געפּעלט,
נאָר זי האָט יעדע ווייל געגעבן אַ פאַררעד אים.
— מאַמעדאָוו, לעבן ווילסטו? — אים אַ מונטער גלייך געטאָן
האָט זי, און ס'האָט דאָס קול ביי איר פאַרהאַקט זיך, —
איז מיט די הענט נעם פאַרן האַלדז מיך אָן
און לייג דעם קאָפּ אַוועק מיר אויף די אַקסל!
אַזוי! — די אויגן האָבן זיך באַוועגט שוין קוים,
דער הימל האָט אין זיי אַ גרויער זיך געשפּיגלט.
זי האָט אים צוגעטראָגן צו אַ בוים,
די וואונד אים פּרוואון טאָן אָן איבערוויקל.
ער האָט די ערד באַרירט מיט גליווערדיקע הענט,
ווי לייב באַליבטס, וואָס ער וועט מער שוין ניט קיין גלעט טאָן.
דאָס מויל האָט אים פון דאָרשט געברענט,
אַראָפּגעלאָזט אויף אים האָט פונעם בוים זיך אַ פאַרבליבן בלעטל.

III.

— ס'איז שוין ניט וויט דער פונקט. שוין באַלד. דו זעסט? —
האָט זי אים אויפהייבנד געגעבן אַ צעטורקע. —
דו לעבסט, מאַמעדאָוו? האַלט זיך פעסט!
ס'איז היינט געווען די אמתע מאַזורקע!
געדענקסט דאָס פערד, וואָס כ'האָב געבראַכט אַהער?
מאַמעדאָוו, האַ? נו, און דעם עמער האָניק?
געווען אַ שכל — אָפּשיקן דעם דייטש אין דר'ערד
אינאיינעם מיטן הילצערנעם פּאַלאָנעק!
אַזוי, אינמיטן וועג, אַנטבלויזט די שווערד,
אין כאַליעווע פאַררוקט דעם הילצערנעם פּאַלאָנעק,
געפאָרן רייטנדיק איז ער זיך אויפן פערד,
געאָרעמט פריילעך מיטן עמער האָניק.
עס איז אים אויפגעלייגט געווען זיין חזיריש געמיט.
די עופות אונטער אַקסל אַלע ווייל אַ טאַפּ געטאָן האָט.
געפאָרן איז ער, ווי מע פאָרט אויף אַ יאַריד,
באַדאַכט: ס'זאָל זיך ניט אויסגיסן דער האָניק...

IV.

אפשר אַ טרונק, מאַמעדאָוו, האַ? נו, נאַ! —
האָט זי אים די באַקלאַזשקע גלייך צום מויל געגעבן. —
איז רייט ער אויפן פערד אַזוי זיך, יעקע נאַר,
און האָט זיך אַזאַ טרייפענע הנאה פונעם לעבן.
ער זיצט אין זאָטל אויפגעלייגט, באַרוט,

און ס'שטייט ניט צו דאָס ליכט צו זיינע אויגן.
געזעסן אויף זיין שאַרבן איז אַ הויכע הוט,
ווי אַ געפּענטעטער, אַן אויסגעהוילטער פויגל.
דריי מאַנטלען האָבן צוגעדעקט זיין אויבערהויט,
דער רוקזאַק האָט געבאָמבלט זיך אינאיינעם מיט אַ לעפל,
פּונקט ווי אַן אויפגעקומענער משרת ביי דעם טויט,
וואָס קאָן קיין עצה זיך ניט געבן מיט דער שפע.
און מיטאַמאָל אַ רויטער סאָניטאַר אַנטקעגן אים!
איז וואָס? נאָר ס'טרעפט ביי אים אַ צאָן שוין אין אַ צאָן ניט...
האָט ער אַ ריטש געטאָן מיט זיין זאַראַזנער שטים.
נאָר שיסן ניט געקאָנט. ס'איז אים אַ שאָד געווען דער האָניק...

V.

ווי פּילסטו זיך, מאַמעדאַוו, האַ? שוין באַלד!
נעם אויף מיין אַקסל פעסטער שפּאַר זיך אָנעט!
איז ריטשעט ער, דער דייטש, דעם הימל ער צעשפּאַלט:
ווי זאָל זיך יעקע נאָר צעשיידן מיטן האָניק?
איך זע, ווי פון דער הויט ער קריכט. אַ סאָניטאַר...
צו וואָס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט? נאָר איצט איז שפּעט שוין.
ער האָט געמיינט, אַז ס'איז פאַראַנען נאָך. אַ סך.
און מיטאַמאָל האָט אים דער זאַטל אָנגעהויבן קוועטשן...
אָט גיט ער שוין דעם האָניק, דאַכט זיך, באַלד אַ לאָז!
וואָס קוועטשט עס אַזוי פּריקרע אין געזעס אים?
טראַכט איך זיך: טאָניע, ס'אַ רחמנות אויפן דייטשישן בומאַז,
דערלאַנג אַ שאָס, וועט ער אין האָניק גלייך פאַרגעסן!
נו, אָט! — האָט זי דעם קאָפּ געטאָן אַ דריי
און ניד'ריקער געגעבן זיך אַ בייג אַן, —
דאָ זיינען מיר פאַקטיטשעסקע שוין אין דער היים. —
און ס'האָט אַ שמייכל זיך צעשטראַלט אין זיינע אויגן.

VI.

דאָ האָט אים טאָניע מוטערלעך באַשטאָט
און אָפּגערוקט פון טויט אים אויף אַ שטרעקע ווייט שוין.
צווישן געבראַכטע רויטאַרמייער אין סאַנבאַט
איז אויסגעוואַקסן אויך אַ בינטל דייטשן,
אַ בינטל ניט־דערבאַקטע הערשער פון דער וועלט,
אַ בינטל אויבערמענטשלעכע איבערגעקרימטע מערדער.
געלעגן זיינען זיי, ווי גרינע קרעכצנדיקע וועלף,
נאָר אויף דער לינקער זייט איבערגעקערטע.
— ס'האָסט דו זיך, טעכטערל, אַזוי באַמיט?
ס'האָסט דו זיך, טעכטערל, אַזוי פאַסטאַרעט? —
גערייצט מיט איר אויף שריט און טריט

זיך האָבן אין סאַנבאַט די סאַניטאַרן.
און איינער האָט צו איר זיך שמייכלדיק געווענדט,
און פּונקט ווי מיט אַ יעדן וואָרט וואָלט ער באַלעקט זיך:
— האָסט זיי פון פייער נאָך געשלעפּט מיט דיינע הענט,
געטראָגן האָסטו זיי נאָך אויף דיין רונדיקער קאָמפּלעקציע?!

VII.

זי וואָלט באַדאַרפט אַוועקוואַרפן די טאַש פון סאַניטאַר,
זי וואָלט באַדאַרפט אַ ביקס, ווי אַ סאָלדאַט, זיך אָנטאָן,
דאַן וואָלט זי מיט דער ביקס געטאָן איר זאַך,
און קיין רחמנות וואָלט ביי איר זיך ניט געפּלאָנטערט.
זי פילט דען ניט אַליין, אַז ס'שטעלט איר בלוט זיך אָפּ,
ווען צו אַ קרעכצנדיקן דייטש זי גיט אַ בייג זיך אָן נאָר,
ווי אויסדרייען באַדאַרף זי אין דער זייט דעם קאָפּ,
אַז אויספילן די פליכטן זאָל זי קאָנען?
זי זעט דען ניט אין יעדן איינציקן פון זיי
דעם גיפט, וואָס אויך אין קלעם קאָן ער נאָך אַלץ פאַרסמען,
אַז ס'איז אַ פליכט אַ הייליקע אים לאָזן אומקומען פון ווי,
דעם מינדסטן וועג צום לעבן אים פאַרצאַמען!
און דאָך האָט זי געטאָן אַ הייב זיך אויף
און אויפגעהויבן פונעם דיל אַ קוליע:
— פאַראַנען זיינען גרעסערע נאַטשאַלניקעס דערויף,
פאַרווערן קאָן עס מיר דער דאָקטער נאָר — מאַרגוליס!

26. פּיין

I.

פון פרי ביז שפּעט אַ קיילעכיקן טאָג,
אַ קיילעכיקן טאָג, פון דעמער ביז צו דעמער,
האָט זיך די שטילע שעה געצויגן אין שפּיטאָל,
נאָר פון די בעטן יעדערער געטריבן האָט דעם דרעמל.
אַרומגעדרייט האָבן זיך אייניקע אין קאָרידאָר,
און ווער אין דרויסן אויף דער זון האָט זיך געשמאָלצן,
ווער אויף אַ דאַמקע האָט געזוכט אַ צווייטן צו דער פּאָר,
נאָר שלאָפן האָט דאָרט קיינעם ניט געוואָלט זיך.
זיך אויסגעשלאָפן מ'איז דאָ פאַר אַ גאַנצן יאָר
און אויסגעשלאָפן פאַר אַ יאָר מע איז פאַרויס זיך.
אַרויסכאַפּן האָט לעווין זיך פאַרגינט קאַיאַר

אין אָנהייב האַרבסטיק־שמעקעדיקן דרויסן
און זיך דערמאָנען אין דער קינדהייט, אין אַמאָל,
דערהערן, ווי עס קרייט אַ האָן, דעם וועג דאָרטן פאַרגיין אים.
די שטילע שעה האָט זיך געצויגן אין שפּיטאָל,
נאָר שלאָפן ניט געוואָלט האָט פון פאַרוואונדעטע זיך קיינעם.

II.

אָוועקגעלייגט די קוליעס ביי דער זייט.
די אָפּגעהאַקטע קני פאַרוואָרפן אויף דער גאַנצער,
און אין דער אָפּגעגאַנגענער, דער גוטער צייט
פון שניידעריי פון פריילעכער דערמאָנט זיך.
פאַרדעדט האָט ער אַליין אין זיך דעם ווי,
געפילט אים בלויז האָט ביי דעם ערשטן שריט ער.
נאָכהער, וואו נאָר געווען עס זיינען צווי,
איז ער געווען דער דריטער.
אויף יעדן וואָרט געגעבן זיך אַ ריס,
בלויז פאַר זיין מוט קיין מינדסטן בלעבל;
גלייך מער ווי אַנדערהאַלבן פיס
וואָלט ער גאָר קיינמאָל ניט געהאַט אין לעבן.
אים האָט געדוכט — אויף קוליעס גייט די צייט,
און ער באַמיט אַריבעריאָגן זיך דאָס לעבן.
געשפּרייט האָט זיך אָן אומקלאָרע די ווייט,
מיט אומעט האַרבסטיקן פאַרנעפּלט.

III.

אַ ווייסע שטילקייט אין פּאַלאַטע האָט געהערשט,
פאַרוואונדעטע האָבן אין היץ געשוואומען, ווי אין שנייען.
אַריינגעטראָגן מ׳האָט פון אָפּעריר־זאַל ערשט
אַ באַנדאַזשירטן יונגן רויטאַרמייער.
געדאַכט האָט זיך, דאָס טראָגבעטל איז אָן אָן ערך לאַנג
פאַרן פאַרוואונדעטן, וואָס מ׳האָט אויף דעם געטראָגן.
ס׳האָט דורכגעשוועבט גלייך ווי אַ וואָלקנדל אַ בלאַנקס
פון ערגעץ ווייט נאָך אַ פאַרניכטנדיקן האָגל.
דאָס זיסע שלאָף־געטראַנק ניט אָפּגעטאָן נאָך זיך
האָט אויף דער בראָך־שטול פון פאַרוויגטן רויטאַרמייער.
געוועזן בלאָס און דורכזיכטיק איז זיין געזיכט
פון אָפּגעגאַנגען בלוט, פון פּיין און ווייען.
עס האָט קיין שפּראָצונג ניט באַלעסטיקט נאָך זיין הויט,
בלויז שאָטנס האָבן אומגעבלאָנקעט אונטער די פאַרמאַכטע אויגן.
דורך פענצטער האָט די וועלט די גאָרע זיך פאַרטרויט,
און ס׳האָט די ווייסע שטילקייט זיך אַ ליכטיקע געצויגן.

IV.

אַן אומבייט און דורכאויס, פון וואָך צו וואָך,
מיט אַזאַ ליכטיקן און לייטערדיקן פלאַטער,
האָבן אויף שטילער שאָטנדיקער שפּראַך
געשושקעט זיך אַליין די זאַכן פון פּאַלאַטע.
פאַרדעקטע טומבעס צווישן בעט און בעט
מיט ניקל־גלאַנצן שעמעוודיק אַדורכגערעדט זיך האָבן.
און צוגעהערט פאַרזאָרגט האָט זיך איעדער טאַבורעט
מיט די מיקסטורן, מיט די פלעשעלעך און טראָפּן.
און נאָר פון צייט צו צייט געטאָן אַ שאָרך
האָט פון אַן אויפגעמאַכטן בריוו אַ האַרצעדיקער דרייעק,
און לאַנגזאַם דורכגעגאַן אַ שעה איז נאָך אַ שעה
אין אַזאַ אויסגעהיטער שטילקייט אַ געטרייער.
און אויפגעכאַפּט האָט זיך מיט אַ פאַרטויבטן קרעכץ
דער אויסגעפּייניקטער, דער יונגער רויטאַרמייער,
און אומרואיק, ווי עפּעס זוכנדיק פון לינקס אויף רעכטס,
גענומען האָט זיין קאָפּ מיט אַ געוואַי זיך דרייען...

V.

געהערט האָט פון זיין קול זיך אַ געפּליס
מיט אַזאַ ווייטעקלעכן כליפּע יעדע ווילע:
— נעם, חברל, נעם, דעק מיר אָפּ די פיס,
נעם, חברל, אַראָפּ פון מיר דעם ליילעך!... —
דער קאָפּ האָט פון דעם קישן זיך געטאָן אַ ריס,
געשטרעקט אין היץ האָט זיך זיין בליק צו דער פּאַלאַטע: —
איר ווייסט ניט, ברידערלעך, וואו זיינען מיינע פיס?
איר ווייסט ניט, ברידערלעך, כ'האָב ביידע פיס געהאַט דאָך?! —
און מיט דער האַנט, כמעט אַ קינדערשער, האָט ער
געטאָן אַ טאַפּ דאָס טאַבורעטקעלע דערנעבן
און צו דעם שכן זיך אַ וואָרף געגעבן: — הער,
ווי וועל איך איצטער גיין? ווי וועל איך איצטער לעבן? —
געווען די ליפּן זיינען שוואַרץ, איבערגעברענט,
און זיך גערייכערט האָט אויף זיי בלויז אַ געשטאַמל.
אַליין צעוואָרפן האָבן זיך אין פיבער זיינע הענט,
און ווי פון שלאָף האָט ער געקרעכצט, פאַרגייענדיק זיך: — מאַמע!...

VI.

דער קרעכץ האָט אין פּאַלאַטע אַלעמען געפּלעט,
איבערן האַרץ איז ער אַדורך מיט מעסערס שאַרפע.
געוואַלגערט האָבן זיך נאָך שטעקשיך ביי דעם בעט,
ווי זיי וואָלטן געוואַרט — מע וועט זיי אפשר נאָך באַדאַרפן...
געווען זיי זיינען לעבעדיק־צעקנייטשט. מיט שטויב פאַרהילט.

ווי ס׳וואָלט די וואַרעמקייט פון פיס אין זיי געהויזט נאָך.
און דער פאַרוואונדעטער געשיקלט האָט פון סטעליע צו דעם דיל
מיט ווי פון אויגן פון אַנטבלויזטע.
און לעווין צוגעשפרונגען איז צו אים,
זיך האַלטנדיק פאַר ווענטלעך פון די בעטן,
און פול מיט צאַרטקייט איז געווען זיין שטים,
נאָר ניט געוואוסט, וואָס זאָגן אים ער וועט דאָ...
האָט ער די שטעקשיך בלויז אָוועקגעשאַרט פון בעט
און אויף דעם פוס דעם איינציקן געלאָזט זיך ווייטער.
זיך אומגעקערט האָט ער אין דער פאַלאַטע שפעט.
די שטילקייט איז געווען דאָרט תפילהדיק־געלייטערט.

27. די העכסטע פרואוו

I.

אַ גאַנצע נאַכט ניט צוגעמאַכט דער דאָקטער האָט קיין אויג.
געפילט האָט ער שוין ווידער אין שפּיטאָל זיך פאַר אַן אַלטן.
איעדע וויל האָט ער צום טיש געגעבן זיך אַ בייג,
זיין בליק האָט לאַנג זיך אויף אַ פאָטאָ־בילד פאַרהאַלטן.
ס׳האָט מער זיין ווי, ווי זיינע אויגן, זיך געליגט דערויף,
און אָפּגעשטעלט דאָס האַרץ איעדע וויל האָט זיך פון ווי אים.
אַראָפּגעקוקט פון בילד האָט אַ צונויפגעדרייטער גוף
פון אַ געפּאַנגענעם פאַרברענטן רויטאַרמייער.
די קני — אַרומגעלעכט פון פייער און פאַרצערט,
זיין אָפן מויל, אַן ליפּן, האָט געהויערט,
ווי ס׳וואָלט פאַרברענטערהייט געשריגן פון דער ערד
מיט אַ געשריי פון ימען טרויער.
דאָס בילד ביי אַן עסעסאָוועץ געפונען מ׳האָט אין טאַש,
נאָך דעם, ווי ס׳האָט אַ קויל דעם ברוסט־קאַסטן געטאָן אַ ריר אים;
אַצינדערט ליגט ער אין שפּיטאָל מיט אַ באַנדאַזש,
ס׳שטייט פאַר מאַרגוליסן פאַרטאָג אים אָפּערירן.

II.

אַ שטילקייט אויף אַרום, ווי אין אַ תהום.
עס שור׳זועט אום דער טויט צווישן די בעטן.
אויף אַ ספּירטאָווקע אין אַ בוטעלע פון כראָם
זיך דורכגעזאָטן האָבן סקאַלפּעלס און פּינצעטן.
געגרייט די אָפּעראַציע האָט מאַרגוליס אַקוראַט.
דער טיש אין מאַרליע אַנגעהויפנט, ווי אין שנייען.

ער דאַרף נאָך איצט באַזאָרגן אַט דעם קאַט,
מיט שלאָף־געטראַנק פאַרמינערן דעם ווי אים —
דעם, וואָס דער וועלט פאַרשאַפן האָט אַזוי פיל ווי
מיט יעדן ריר, מיט יעדן קער, מיט יעדן ווענדע.
די אויגן גיבן זיך מיט פיין דעם דאָקטער אַ פאַרוויי,
און ס׳לאָזן זיך אַליין אַראָפּ די הענט אים,
דאָס האַרץ ווערט אים, ווי פון אַ שטורץ, פאַרפרעסט,
און ס׳גיט אַ שפּאַר צום האַלדז דער וויטעק ביז צום שרייען:
ווי לאָזט מען צו דאָס לעבן נאָ׳נט צו אַזאַ פעסט?
ווי שטויסט מען אָפּ דעם טויט פון אַזאַ חיה?

III.

די נאַכט איז ערגעץ ווייט געלעגן שוין צעפּליקט,
זיך אָנגעהויבן האָט דער טאָג מיט לעצטן פאַל פון בלעטער.
אָוועקגעשטעלט זיך האָבן פאַרן דאָקטערס בליק
די יידן די געקוילעטע פון שטעט און שטעטלעך.
זיי האָבן צו דעם טיש אים צוגיין ניט געלאָזט,
אים האָט געדוכט, אַז פאַר דעם טויט צושטייער
טוט זיין געצייג אַליין זיך אָן אין ראַסט,
די היץ דערשטיקט אַליין אין זיך דאָס פייער.
נאָר ער געגאַנגען איז. ס׳האָט אָטעם אים פאַרפעלט,
ווי ס׳וואָלט פון אַש אַ זאַווערוכע אים פאַרווייעט.
פאַר זיינע אויגן האָבן ביימער אָפּגעברענטע זיך געשטעלט,
ביי וועלכע ס׳זיינען לעבעדיק געווען געצונדן רויטאַרמייער.
זיי האָבן אים דעם וועג פאַרוואַלגערן געפּרואווט
מיט ביימער, ווי מיט צווייגן אָנגעבראַקטע,
נאָר צום פאַרוואונדעטן האָט אים געטריבן זיין באַרוף,
זיין פליכט זיין הייליקע פון דאָקטער.

IV.

אָט טרייבט עס אים פאַראויס, אָט טראָגט עס אים צוריק —
איןביידע זייטן שלידערט עס און ס׳ציט אים.
ער האָט געפילט, ער ווערט דערשטיקט
אונטער דעם באַרג פון זיין באַרוף און זיינע זיטן.
אָוועקגעשטעלט האָט זיך זיין פאָטער קעגן אים:
די באָרד — אין בלוט, די אויגן — אָפענע, באַזינטע.
צי הערט דער דאָקטער ניט פון יענער וועלט זיין שטים,
ער הענגט ביז איצט נאָך אויף אַ פליגל פון דער ווינטמיל?!...
געטאָן אַ וויג האָט זיך פאַר זיינע אויגן דער באַראַק
פון די געפאַנגענע ביים שונא אין דער טיף דאָרט,
וואו דייטשן היילן רויטאַרמייער מיט דער האַק,

וואו די דאָקטוירים שטעקן אָן זיי מיט פאַרגיפטונג.
עס שטעלן זיך פאַר אים, ווי עדות, שטיין און בייז,
ער ווייסט עס גוט און כפלען נאָך ער קאָן עס, —
וואָס־זשע דערשטיקט ער ניט די מענטשלעכקייט ביי זיך אין האַרץ אַליין ?
וואָס האַלט ער אין זיין האַרצן ווי אַ שונא דעם רחמנות ?

V.

אים האָט געדוכט, דערווידער איז דער ערד אַליין,
אים האָט געדוכט, אַז מיט זיין פליכט ער איצט פאַרראַט זי.
דאָך דעם פאַרוואונדעטן אַריינפירן האָט ער
געהייסן צו דער אָפּעראַציע,
דערגרייכן זאָל זיין היכער פיין דעם גרונט,
וואָס מיט דער ביטערקייט פון גיהינום איבערפול איז.
האָט ער באַפוילן אים אַרומוואַשן די וואונד :
„בייך, מיט אַ ליגנדיקן שלאָגט זיך ניט מאַרגוליס !“
ער האָט בלויז, טראַכטנדיק, געקוקט אויף זיין געוועב,
ווי אין דעם מענטש צוריק די חיה איז אַנטשטאַנען,
אויף וויפל שוואַרצע אָפּגרונטיקע טרעפּ
האָט זיך אַ קויקל אויף צוריק אַראָפּ געטאָן גערמאַניע...
אים ביים פאַרוואונדעטן איז יעדע ווייל געוואָרן קלאָר.
אין אים זיך גראָבנד מיטן סקאַלפּעל אין די הענט שוין :
ניט בלויז פון אים די וואונד, נאָר גאָר זיין דור
באַדאַרף מען אויסשניידן ווי וואונדפלייש פון דער מענטשהייט !

VI.

דאָך האָט דער דאָקטער ביזן סאַמע סוף פון טאָג
שוין מער קיין אויגנבליק געפונען זיך קיין רו דאָרט.
נאָך לאַנג געהוידעט אין זיין האַרץ האָט זיך די וואָג
און זיין געמיט און זיין געוויסן אים גערודערט.
מיט די פאַרוואונדעטע, פון לינקס און רעכטס,
האָט ער באַמיט זיך ניט צו זען דעם גאַנצן טאָג דאָרט.
אים האָט געדוכט, צו אים זיך ווענדעט יעדער קרעכץ
מיט אַ פאַראיבלדיקער טענה : חבר דאָקטער !
אויב ס׳וועט צו מאַרד אַמאָל נאָך אויפוואַכן דער קאָט,
וואָס איר באַלעבט אָט דאָ מיט אייער היילונג,
וועט עס ניט זיין דען פונקט און אַקוראַט,
ווי איר אַליין אין אזא מאַרד וואָלט זיך באַטייליקט ?“
ער האָט ווי קיינמאָל זיך אַ שולדיקער געפילט,
פאַרפאָלגט האָט פון פאַרוואונדעטע דער וויי אים,
און ניט געוואַגט האָט ער אַ קוק טאָן אויפן בילד
פונעם געפאַנגענעם פאַרברענטן רויטאַרמייער.

VII.

דער טאָג דער האַרבסטיקער האָט טרויעריק דערברענט,
זיך אָפּגעריסן, ווי פון בוים זיך רייסט אַ בלאַט אָפּ.
אַרומגעגאַן דאָס בילד איז אויף די הענט
צווישן די קראַנקע פון פּאַלאַטע צו פּאַלאַטע.
געקוקט אויף דעם מ׳האָט, קריצנד מיט די ציין,
איבערגעגעבן מ׳האָט עס, שווייגנד, איינס דעם צווייטן,
און אויפגעהויבן האָבן פויסטן זיך אַליין,
דאָס האַרץ זאָל ניט צעפּלאַצט ווערן פאַר ווייטעק.
ס׳האָט ניט געטראַכט מער קיינער פון דער היים,
מ׳האָט אין די וואונדן אין די אייגענע פאַרגעסן,
און אַ פאַרשווערונג האָט אַ גיי געטאָן געהיים —
ס׳איז מער ניט איינגעגאַן קיין רו און ניט קיין עסן.
איבערגעברענט האָט אין די מיילער יעדעס וואָרט,
און ווי אַ שׂרפה האָט דער צאָרן אויסגעבראָכן.
ס׳האָבן די בעטלעך זיך אַ רוק געטאָן פון אָרט,
ס׳האָבן אָנפּיסיקע זיך אויפגעשטעלט פאַרשפּראָכן...

VIII.

פון די פּאַלאַטעס זיך געטראָגן האָט אַ רעש.
איבערגעפּולט האָט דער שפּיטאָל זיך מיט געטומל.
געטײַט פון טראָגבעטלעך באַנדאַזש האָט צו באַנדאַזש,
מיט ווי דער צאָרן דאָרט געטריפט פון אומעטום האָט.
דער אומרו אויפגעגאַנגען איז, געטאָפּלט זיך, געמערט.
פון רעש — אָן אויסגעשריי. דאָס אויסגעשריי — ווי בליי ווערט:
— וואָס האָט מען אין שפּיטאָל עסעסאָווצעס געבראַכט אַהער?
דאָס הינטיש בלוט זייערס אין דרערד אַריין! צום טײַוול! —
און פון פּאַלאַטע צו פּאַלאַטע — אַ געשטויס!
שוין טירן אויפגעבראַסטעט, ריגעווען זיך אָפּן.
און ווי אַ ווינט זיינען פאַרוואונדעטע אַרויס,
מיט קוליעס און מיט דויבעשקעס באַוואָפנט,
און זיך געלאָזט אין פּיבער און אין היץ,
און דער געטומל טראָגט זיך אין דער ווייט שוין:
— וואו זיינען זיי? — האָט דורכגעבלאַנקט אַ בליץ, —
צום שד די הינטישע געדערים פון די דייטשן!

IX.

אונטער די פּיס זיך אויפגענעפּלט האָט אַ שטויב,
אין גאָרגלען איז געוואָרן יעדע ווילדע ענגער.
עס האָבן פויסטן זיך געגעבן אין דער הייך אַ הייב,
צעפּאַכט האָבן זיך דויבעשקעס און דרענגער.

מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אין וועבלענעם כאַלאַט
האָט צווישן זיי דער דאָקטער, איילנדיק, געשטעלט זיך,
נאָר וואָס צו זאָגן האָט ער ניט געהאַט
די אויגן, אָנגעגאָסענע מיט פלאַם, די העלדזער,
וואָס האָבן אויסגעלאָדן אַזאַ אוממענטשלעך וויי,
אין ציכטיקע באַנדאַזשן זאָרגפעליק געשמידטן.
און ער, צעטומלט, איז געשטאַנען צווישן זיי
און פאַר דעם צאָרן זיין אַ הרעבליע זיך באַמיט דאָרט.
פאַנאַנדערטיילן זיי באַמיט זיך, ווי אַ וואַנט,
באַרואיקט די פאַרוואונדעטע ער האָט דאָרט.
ער האָט געטאָן, ווי ס'האָט געהייסן דער פאַרשטאַנד,
און זיי — ווי ס'האָט גערעכטיקייט געפאָדערט.

28. אויפן וועג קיין טאַשקענט

I.

די פליאַגע אויסגעזייט ביז צו דער שפּענט,
דאָס ברויט אין רוקזאַק אויסגעטריקנט שוין אַ צייט איז.
געצויגן האָט אַן עשעלאָן זיך קיין טאַשקענט
דעם צוועלפטן טאָג איבער די מדבר־דיקע ווייטן.
אַ קעמל האָט געטראָפן ערגעץ זיך אין וועג,
דאָס מויל פאַרריסן, מעלה־גרהנדיק דעם אומעט.
קיין זעמדל האָט אין ערגעץ ניט געטאָן זיך קיין באַוועג,
געקוקט פון ווייטן האָט דער מדבר, ווי אַ מומיע.
אַרום אַ טעלעגראַף־סלופּ האָט זיך געקרייזלט אַ בערקוט,
געשטעלט זיך אויפן שפּיץ, צונויפגעלייגט די פליגל
און מיט די נעגל אָפּגעשלאָגן זיך פונעם געהוד,
דעם פּיסק דעם מעכטיקן פאַרריגלט.
„מע עסט זיך מיט דעם פאַרעכץ אָן איבערגענוג"
געטראַכט האָט לעווין, צו דער שויב זיך טוליענד.
אַראָפּגעגאַן איז ער אַ בלאַסער פונעם צוג
בלויז מיט איין פוס און מיט אַ פּאָרל נייע קוליעס.

II.

אַ ליכט אַ גאָלדענע איז אויפגעגאַן פון טאָל,
און דורך אַריקן זיך געטראָגן האָבן ווינטלעך ווייכע.
זיך אויסגעשריבן לעווין האָט ניט לאַנג פונעם שפּיטאָל
אַביסל אָפּגעצערט, נאָר מיטן זעלבן שמייכל.
געשטאַנען ער אַצינד אויף דר'ערד איז מיט איין פוס,

זיך אײַנגעקוקט אין אַלע פֿיר צעשפּאַרטע זײַטן:
וואָס זאָל ער טאָן מיט זיך — האָט ער נאָך ניט געוואוסט,
און ניט געוואוסט, וואוהין זאָל ער זיך לאָזן ווײַטער...
באַגראָבן איז זײַן היים אונטער אַ באַרג מיט אַש,
דאָרט זײַנען אַלע ייִדן אויסגעהרגעט.
אַ טאָפּ געטאָן דאָס אָרט, וואו ס׳האָט געהויזט זײַן פּאַטראָנטאַש,
און ס׳האָט אַן אומעט אים אַזאַ גענומען וואַרגן.
דער קאָפּ עטוואָס געגעבן האָט אַ פּאַל:
דרײַ פערטל מענטש. געבליבן ווייניק וואָס צו היטן...
און מיט דעם פּוס דעם אײנציקן אַרויף אויפֿן וואָקזאַל,
אַ וואָרף געטאָן די קוליעס, זיך אַוועקגעזעצט אינמיטן.

III.

און גלײַך דערפֿילט אויף זיך אַ בליק מיט טרויער און מיט נײַגיר:
— וואָס זיצט איר דאָ? — האָט לעווין זיך געטאָן אַ נע׳נטער צו, —
אַ ייִד? — אַ ייִד! מיר וואַרטן אויף אַ צוג!
— וואוהין? — וואָס הייסט וואוהין? צוריק קיין „ניט־געדאגהט!”
כאָטש ס׳האָבן ייִדן דאָ געהאַט, ברוך־השם,
ניט צו פאַרזינדיקן, דאָס שטיקל ברויט, אַ דאַך, און אַ פּאָר הויזן,
אין פערגאַנאַ דעם „ניט־געדאגהט” ניט פאַרשעמט,
ווער אין קאָלכאָז, ווער — בײַ דער בויאונג, ווער — אַזוי זיך...
און ווער צו וואָס עס טויג זיך אויס, ווער — וואָס סע קאָן,
און טאַקע מיט די קינדער און די ווײַבער.
און אָט אַזוי פּאַוואָליע אָפּגעפּידלט צוויי סעזאָן,
אַז עפּעס אויף צוריקוועגס זאָל נאָך בלײַבן...
און אָפּגעשפּאָרט אַביסעלע אורויוק,
אין ראָזשינקעס זאָל אויך די ערשטע צײַט ניט זײַן קיין מאַנגל.
און איצטער וואַרט מען און מע קאָן זיך ניט דערוואַרטן אויף אַ צוג,
מע זאָל זיך נאָר דערמאָנען אים אַמאָל דערלאַנגען.

IV.

ווי ס׳זעט זיך אויס לויט דעם, וואָס שטייט אין בלאַט,
איז לערנט מיטן דײַטש די רויטע אַרמיע בלק!...
זי צאָלט אים אויך פאַר אונדז דאָרט אַקוראַט,
דעם גזלן דעם עמלק...
אַצינד, באַדאַרף מען לערנען דאָך דעם פּשט,
ווער פאַר געוויס שוין לאַנג ניט אויסקומען צו וואַרטן!
און איר ווי מיינט? איר זייט דאָך עפּעס אַ סאָלדאַט!
דער חשבון, לפי דעתי, טראָגט — ביז חנוכה! און פאַרטיק! —
האָט ער עס לעווינען כמעט שוין אײַנגערוימט צום שלום.
דער ווינט האָט, לויפנדיק, אַ צי געטאָן פון אים די פּאָלע

און אָפּגעדעקט אַ וואַנדעראָוונעם גלותדיקן פּוס.
ער איז געווען פּאַרקילט, פּאַרבראָקנעט און געשוואָלן.
— אַראָפּגעכאַפּט מיט צוויי יאָר צ׳ריק וואָלט איר זיך אין דער צייט, —
האָט ביי דעם זקן זיך אַ קנייטש געטאָן די ברעם אויס, —
וואָלט איר געזען... נו, דאַנקען גאָט... עס איז שוין ווייט,
אַז ניט פאַר אייך געדאַכט: אָט זייט איר דאָ, אָט זייט איר „ברוך דיין אמת״!

V.

נו, אָט! — האָט ער געטאָן אַ וואָרף דעם בליק
און מיט אַ כריפּ דעם אָטעם טיף פאַרצויגן, —
אָט דאָ־אָ, וואו איר שטייט, ערשט מיט צוויי יאָר צוריק
איז, ניט פאַר אייך געדאַכט, אַ בעזשניק אויסגעגאָן פאַר מיינע אויגן...
איר זעט דעם הימל? איז ער דאָן געווען הוילע שטויב!
איר זעט די וואָלקנס? איז עס דאָן געווען הוילע רעגן!
און צוגן האָבן צוגעוואָיעט גרילצנדיק און טויב
צו די געקומענע, די בייזע עולי־רגל...
געוויינט האָבן אַליין די טאָרבעס פון דער ערד.
דער רעגן האָט געפּאַטשט אין קישנס, ווי אין פּויקן,
און קללות אויפן דייטש האָבן זיך מיילן־ווייט געהערט.
דער רעגן איז געגאָן איבער די איינגעדעקטע הויקערס,
און ניט געאיילט האָט זיך פון אינדערפרי ביז אינדערפרי
די ביטערע טאַשקענטער כמאַרע,
און ביים וואָקזאַל געלעגן איז דער ייד
אַן אָפּגעוואַשענער, ווי נאָך דער טהרה...

VI.

ס׳האָט לעווין אויסגעהערט אים אויפמערקזאַם, באַדאַכט,
זיין שמייכלדיקן בליק האָט לעווין ניט געקאָנט פאַרבייגן.
— און איר ווער זייט? — האָט מיט דער קוליע ער געטאָן אַ מאַך.
— כ׳בין אויך אַ ייד! אַ בעזשענעץ פון „ניט־געדאַגהט״! —
ס׳האָט לעווין דעם וואָקזאַל שוין ווי אַ היימישער באַטראַכט,
צי זיינען נאָך אַזעלכע דאָרט ניטאָ מער..
און צו דעם יידן צוגעזעצט זיך האַרט:
— צי האָט איר ניט קיין זון אויף דער מלחמה?
— ניט איינעם, טייערער! נאָר פינף האָב איך געהאַט...
און אַלע פינף אָוועקגעלייגט די קעפּ, ווי אָפּגעהאַקטע צוויגן...
איר קוקט מיך אָן... מע רופט מיך מענדל, ליבינקער סאָלדאַט,
איז וואָס־זשע זאָגט איר, טייערער, מכוח „ניט־געדאַגהט״?
געהאַט... קיין מזל ניט געהאַט כ׳האָב נאָר צו זיי...
און ניט צו זיך, אַז כ׳זאָל איינגאַנצן ניט געבוירן ווערן...
נאָר וואָס? ס׳ווערט קיינמאָל ניט אַ ייד פאַרפאַלן אין ראַסיי,
ס׳אַ לאַנד, זאָג איך אייך, טייערער, פון זען און הערן...

VII.

איר קוקט מיך איצטער, חברל וואָיענער, אָן, —
געהאַלטן האָט אָן אויפהער אויסריידן דער ייד זיך, —
ווען ניט אָט די קאַלכאָזנע צווי סעזאָן,
און דער אוריוק, און די ספּירטאָוונע היצן,
געהאַלטן וואָלטן מיר איצט ביי דער סדרה „אחרי מות"
און צ'ריק אַהיים זיך מער שוין ניט געזאַמלט...
אַצינדערט זע איך ווי אַ מלך אויס,
געדאַרפט האָט איר אויף מיר אַ קוק טאָן דעמאָלט!...
נאָר, דאַנקען גאָט, געוואָרט און זיך דערוואָרט,
אַצינד קיין „ניט־געדאגהט" צ'ריק און פון מה־טובו — ווידער!... —
„אָט דאָס, הייסט עס, — געטאָן האָט לעווין שטיל אַ טראַכט, —
געבליבן איז מזומן פון אַ וועלט מיט יידן..."
ער האָט פון טאָרבעלע אַרויסגענומען, וואָס ער האָט געהאַט —
אַ לאַבן ברויט, אַביסל צוקער פונעם דנאָ אַרויסבאַקומען
און — זיידעניו, — אַ זאָג געטאָן, — כ'לויף עפּעס נעמען אויפן אַטעסטאַט,
און איר וועט זיך מטריח זיין אַ קוק טאָן אויפן קלומעק.

VIII.

ווען ביים פאַרגיין געהאַלטן האָט דער טאָג,
האָט זיך געזאָגט אַליין דער שניידער לעווין
— כ'וועל זאָגן, ווי מיין זיידע האָט געזאָגט:
הבל הבלים, הכל הבל!
— און ווער איז עס געווען דער זיידע דיינער, ווער? —
איז יעדן איינציקן געווען טשיקאַווע.
— געווען מיין זיידע איז אַ פּראָסטער בער,
געווען מיין באָבע איז אַ גאָלדענע פּאַווע...
ווי נאָר אַ פייגעלע צום שטוב פאַרפליט.
איז אויס געניי, איז אויס געהאַווע.
דער עיקר איז געווען דאָס גאָלדענע ליד,
דאָס גאָלדענע ליד וועגן דער גאָלדענער פּאַווע,
און אַ טרונק בראָנפן נאָך דערצו, געוויס,
ס'זאָל ווי דער הימל ס'האַרץ זיך טאָן אַן עפן.
און אַלץ דאָס איבעריקע איז —
הבל הבלים, הכל הבל!

IX.

ווען צוגעכאַפּט צום ביסל בראָנפן זיך ער האָט
און אויסגעלייידיקט ביים וואַרשטאַט אַ האַלבן שקאַליק,
איז אויסטענהן האָט ער זיך ליב געהאַט מיט גאָט,
אַריינרייבן אַ פּסוק אין דער גאַל אים:

„אַ וועלט האָסטו עס אויפגעניייט, אַ וועלט,
איז מעג זיך ווינטשן אַזאַ יאָר דער בעסטער שניידער!
נאָר קוקסט זיך צו — איז דאָ ביסל פּעלט,
און דאָ איז שוין צו פיל, און ערגעץ איז פאַרשמיידיקט!
אַזוי ווי מיט די געגדז, להבדיל — אַקוראַט,
זאָלסט פאַר די רייד פאַר מיינע, גאָט, מיך נאָר ניט שטראָפן.
דער רב האָט זיך אַ חדר געגדז, אַ כשרן באַשטאַט:
און אויף די קאַטשקעס חשבון זיי פאַרפּוצט דאָרט אין פאַנטאָפל".
ער גיט אים נאָך עפּעס אַ זאָג פון דאָס און יענץ,
די אויגן גיט צו אים ער אַ פאַרגלייז פון אויבן:
„נו, מילא! העלף אים, גאָט, מגדל זיין די גענדז
לתורה, לחופּה ולמעשים־טובים!"

X.

געוועזן — און אויס! שוין לאַנג אויף יענער זייט פון ראַבה, —
גיט לעווין טרויעריק אַזאַ פאַרטראַכט זיך.
דעם זיידנס טויט האָט ער זיך מיטאַמאָל דערמאָנט,
און ס'האָט אַ זיסן קלעם געטאָן אים פאַרן האַרצן.
אַ מניך שניידערס פון די עלטסטע אויפן שטאָט
דעם לעצטן טאָג פאַררופן האָט צו זיך אַהיים ער.
געמאַכט מ'האָט אַ לחיים, צוגעווינטשט, אַז גאָט
זאָל צושיקן דעם חולה אַ רפואה־שלימה.
האָט ביי דעם זיידן זיך אין בליק געטאָן אַ צונד
אַ פייערל אַ טרויעריקס מיט יונגער בליאונג:
„איר ווינטשט מיר, יידן, בעסער צו,
ס'זאָל מיין נשמה האָבן אַן עליה!"
און האָט זיך אויסגעקער'וועט צו דער וואַנט,
אין קראַמפּן אויסגעאָטעמט שטיל „רבותי",
און ס'האָט אַליין אַ פאַל געטאָן זיין האַנט,
ווי ניט אָט דאָס איז ער דאָ אויסן...

29. אַ שפּרונג אויף איין פוס

I.

און שטייענדיק אַזוי מיט איין פוס אויף דער ערד,
באַטראַכט די וועלט האָט לעווין פונדאַסניי דאָ.
אַ פייף געגעבן אומעטיק צו זיך אַליין האָט ער:
„נו, לעווין, אויס סאָלדאַט און ווידער שניידער!"
ער האָט געהאַט שוין אויסגעקוקט די גאַנצע שטאָט

און אויף די גאַסן אַלע אויסגעוועזן שוין,
געזען די גרינסן אַלערליי, געזען די קאַוועניעס ער האָט
און אויסגעזען אַ וועלט, אַ גאַנצע וועלט מיט מענטשן,
אין יאַרמעלקעס קאַלירטע, לויטן שטאַנד,
מיט בערדלעך שיטערע, פונקט ווי פאַרצילעוועטע פּאַדעס,
און אייניקע פון זיי האָבן אַביסל אים דערמאָנט
אין די, וואָס זיינען אויסגעמאָלט אין דער הגדה.
ווער מיט אַ זינגענדיקן קולעכל אַ דינס
און ווער בלחש זיך געוויגט האָט ביים רונדוקל.
געקויפט, פאַרקויפט, מיט היזק און פאַרדינסט, —
נאָר וויפל איז דער שיער צו שטיין און קוקן?

II.

באַגעגענט אויפן וועג האָט ער אַן אַלטן מאַן
אין אַ קאַלירטן בגד, אויסגעטריפלט קונציק,
מיט קנייטשן־כּתב, וואָס האָט אין שפּין־געוועב דערמאָנט,
געווען די זון אין זיין געזיכט איז איינגערונצלט.
געגאַן פון אים איז אַ געזאַנג, ווי ס'גייט אַ רויש פונעם אַריק,
און ווי אַ וואָלקנדל געטייעט — ניט צום זען, ניט צום באַנעמען.
און וויגנדיק דעם קאָפּ מיט האַלב־פאַרמאַכטן בליק,
איז אויף נאמנות נאָכגעגאַן אים גלייכגילטיק אַ קעמל.
ס'האָט לעווין אין דעם זקן זיך געגעבן אַ פאַרזויג,
אויף חידוש ער די אויגן האָט געגעבן אַ צעפּראַלע,
ער האָט זיך אליעזרן אין חומש פאַרגעשטעלט אַזוי,
ווען ער געגאַן איז אָנקוקן פאַר יצחקן אַ כּלה...
זיך אומגעקערט אויפן וואָקזאַל האָט ער צוריק,
אין אָקרעפּ האָט דאָס קעסעלע געגעבן אַ דערמאָן אים.
ניט אָפּגעטאָן האָט זיך דער זקן מיטן קעמל פון זיין בליק
און גאַנץ טאַשקענט, וואָס האָט געשמעקט מיט בין־הזמנים.

III.

און שטייענדיק אַזוי מיט איין פוס אויף דער ערד,
האָט ער באַטראַכט מיט קאָפּ זיין וויטערדיקן גורל.
ער האָט שוין דאָ, אויפן וואָקזאַל, אַזוינס זיך אָנגעהערט,
געוואָרן אויך אויפן וואָקזאַל איז ער געוואוירע,
אַז יידן אַרבעטן אַצינד אויפן אוראַל,
אַז יידן האָבן זיך באַזעצט אויף קאַזאַכסטאַנער סטעפּעס.
ס'האָט פונדאַסניי די וועלט געטאָן זיך אַ צעפּראַל,
און אָנכאַפּן אין איר מ'האָט זיך געדאַרפט פאַר עפּעס —
אין וואָס־ניט־איז זיך געבן אַ פאַרזויג.
געחלומט האָט זיך ווידער שוין דאָס שניידעריי אים.

די באָדל נעמען נאָך דער ביקס וועט זיין אים פּונקט אַזוי,
ווי אין טאַשקענט זיך דורכשטופּן אין די טראַמווייען.
און מיטן רוקזעקל דעם דאָרן אין די הענט
אין וועג זיך לאָזן ווייטער — פּיקס־און־פּאַרטיק,
האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיך: גענוג טאַשקענט!
ס'איז צייט שוין וועגן תכלית, זיאַמע, דיר אַ טראַכט טאָן!

IV.

ער האָט פאַררייכערט, זיך פאַרהוסט
און שמייכלדיק געטאָן די אויגן אַ צעעפן:
וואָס שפּילט ביי דיר אַ ראָליע איצטער אויף איין פוס
צו דעם אוראַל אַ שפּרונג טאָן, זיאַמע לעווין?
צו קאַזאַכסטאַן איז אים געלעגן ווייניקער דאָס האַרץ:
דאָס לשון און דער סטעפּ דער הוילער...
כאָטש דאָרטן זיינען פּליטים אויך געווען אַ סך
פון אומעטום — פון אוקראַינע און פון פּוילן,
און זיך פון בערעקעס געלערנט מאַכן פּלאָוו,
און אויף די יידישע מאכלים אים פאַרטוישן,
און קעמלען אָנטרייבן, און שערן שאָף,
און טראָגן אויף די קעפּ געפּאַקעוועטע קוישן.
אָבער אַז אויסקלויבן ער קאָן זיך, וואו ער וויל,
כל־זמן ביי אים אַליין איז נאָך די דעה,
איז וואָס באַדאַרף אַזאַ מין ווייטן טיל
אַ מענטש, וואָס איז נאָך ערשט געווען אַ רויטאַרמייער?

V.

און אַז מע וויל, איז דער אוראַל פּונקט ווי אַ פּראַנט. כמו.
דאָרט, ווייסט ער, קאָכט מען יעקען פריילעכע געקעכצן,
אַז אויסברעכן זאָל ער די קישקע דורכן מויל,
אפילו ניט באַווייזנדיק, ווי ס'דאַרף צו זיין, אַ קרעכץ טאָן.
און פאַרשטעלן דעם קאַנט גענומען זיך האָט ער:
אַ קאַנט אַ גאַנצער אין אַ ריזן־באַטאַריי פאַרוואַנדלט.
די טאַנקען שפּאַרן זיך אַליין אַרויס דאָרט פון די בערג,
און ס'רייסן זיך די בערג אַליין מיט פייער צו די ראַנדן.
דירעקט געצילעוועט, דירעקט און גראַד.
פאַרזיי, און שניט, און שוין די סטויגן!
און מיידלעך ביים מאַרטען און מאַמעס ביים פּראַקאַט.
איז וועט אַ מענטש מיט איין פוס אויך צו עפּעס טויגן!
און נאָך! — האָט אים צעוואַרעמט דער געדאַנק,
פּונקט ווי צו זיך אין ווזוואָד קאָן ער אַהין אַצינד אַ גיי טאָן.
ער ווייסט דאָך די טייטש פון אַן אוראַלער טאַנק,
פאַרוואָס־זשע זאָל ער אויפן פראַנט ניט קאָנען זיי באַגלייטן?

VI.

אים האָבן פרעסט ניט אָפּגעשראָקן פון אוראַל
ער וועגן זיי האָט רואיק אָפּגענומען גרוסן.
דאָס מאַכט ניט אויס אפילו אינעם ערגסטן פאַל,
ווייל קאַלט, ברוך־השם, וועט בלויז אים אין איין פוס זיין!
פיל שווערער וועט אים זיין זיך טאָן אַ באַק
ערגעץ אויף זאַמדיקע אויף הייסע קאַראַקומען...
און נאָך: קיין חשק ניט געהאַט האָט ער צו אַ קישלאַק,
און ס׳איז דאָך מיט איין פוס ניט לייכט אַזוי אַהין צו קומען!
ער האָט אַ קוק געטאָן מיט אומעט אויף זיין שער,
זי האָט מיט אים דעם גאַנצן קריג אַדורכגעשלעפּט זיך:
„נו, זיאַמע, ס׳פעלט דיר שוין אַצינדערט גאַרניט מער,
נאָר ווערן אַ צירולניק ביי די שעפסן!"
האָט ער אַרויפגעכאַפּט זיך אויפן ערשטן צוג,
וואָס איז אויף מערב אָפּגעגאַן דעם נאָ׳נטסטן שבת,
און ניט באַוויזן טאָן, ווי ס׳דאַרף צו זיין, אַ קוק,
האָט פון דער ווייט זיך דער וואָקזאַל געשפּרייט שוין פון טשעליאַבינסק.

VII.

געווען איז פייערלעך און רעשיק דער פּעראָן,
פּונקט ווי אַ שלאַכט־לאַגער אָן אויסזען האָט געהאַט ער.
געגרייט האָט זיך צום אָפּפאָר אויפן פראָנט
אַ פריוויליקע טאַנקעווע בריגאַדע,
פאַרמירט פון היגע און פון פליטים אויף אוראַל —
פאַרשיידנשפּראַכיקע, געאייניקט אין פאַרלאַנגען.
באַפאַלן לידער האָבן לעווינען אַ שלל,
געטאָן אין האַרץ האָט אַ האַרמאָשקע אַ דערלאַנג אים...
עס האָט די גבורה פון אוראַל אין זיי געהערשט,
געלאָזט די אורקראַפט פון די בערג האָט זיך דערקאָנען.
אָן עמער אָקרעפּ האָט געטראָגן אברהם־הערש,
און — „ניט פאַרשפּעטיקן!" — געאיילט האָט אים אלקנה.
צום פראָנט, פּונקט ווי אַהיים, געשטרעקט האָט זיך דער וועג.
גענומען ריגעווען זיך לאַנגזאַם און צעצויגן
האָט, פייפנדיק, דער צוג, מיט דאַמף באַדעקט,
און נאָכגעקוקט האָט לעווין אים מיט טרערן אין די אויגן...

30. ביי אַ שאַכמאַט־פּאַרטיע

I.

אין קאָרידאָר פון אַ שפּיטאָל האָט דורכגעריִשט אַ שאָרך,
דורך טירן אָפענע האָבן זיך אָנגעזען די בעטן.
צו אַ שאַכמאַט־טישל האָט אויף אַ פּאַרטיע שאַך
סאַדאָווסקי דעם מאַיאָר מאַרגוליסן פאַרבעטן.
ער פלעגט מיט אים באַנאַנד אַיעדן טאָג
אויף אַ שפּאַציר אַ לאַנגזאַמען זיך לאָזן
איבער דעם גרין באַדעקטן הויף פונעם שפּיטאָל,
און צוזעצן זיך אָפּרוען אויף צוגעפּרעסטע גראָזן.
ביז איין מאָל שוועבנדיק איבערן גראָז פאַרטראַכט,
אין ביידע זייטן רודערנדיק מיט די קוליעס,
האָט זיך אַ שטעל געטאָן מאַרגוליס: — וואַרט. —
עפּעס אַזעלכעס אין סאַדאָווסקין האָט באַמערקט מאַרגוליס
און זיך פאַרקוקט אויף אים, דערלאַנגט אַ פרעג: —
מאַיאָר: ניט אייך האָב איך אַנומלטן געבראַכט קיין מאָסקווע
אויף מיין מאַשין — אין יענע טעג,
ווען אויף דער קרויבשטאָט האָבן דייטשן זיך פאַרמאָסטן?

II.

סאַדאָווסקי האָט אַ הייב געטאָן פון קאָפּ די הוט.
איבערגעטראָגן זיך אין יענעם האַרבסטיקן געוויטער:
— אַז עמעץ האָט קיין מאָסקווע מיך געבראַכט, געדענק איך גוט, —
און אין מאַרגוליסן זיך מיטן בליק אַריינגעשניטן: —
ס'איז איר! — אַ פּליעסק געטאָן. — איך שווער! —
און פריידיק מיט פאַרשעמטקייט זיך צעשטאַמלט. —
איז וואָס־זשע שוויגט איר, האַ, ניט ווייניקער ניט מער
דאָס לעבן מיר געראַטעוועט האָט איר דאָך דעמאָלט! —
און ביידע האָבן, שוויגנדיק, אַזוי נאָר, אויפן וואונק
אַ מעסט געטאָן דעם וועג, דעם דורכגעגאַנגענעם פון דאַן אָן.
און ס'האָט באַטייט: דאָס צווייטע מאָל זיך דאַרף מען ערגעץ־וואו
באַגעגענען שוין, ברודער, אין גערמאַניע!
אַציִנד איז אין שפּיטאָל סאַדאָווסקיס לעצטער טאָג.
און פון קאַיאָר האָט מיט אַ יידיש בוך מאַרגוליס ניט צעשיידט זיך,
ס'האָט פון זיין ווי אים ווייט געגעבן אַ פאַרטראָג
געלעכטער לויטערער — אַ ליכטיקע פאַרפלייצונג.

III.

וי פון אַ זומערדיקן רעגן אָפּגעפרישט,
אין שטעקשיך וואָלענע מיט טריט מיט ווייכע
איז צוגעגאַן מאַרגוליס צו דעם טיש,
אונטער דער האַנט פאַרלייגט אַ באַנד שלום־עליכם.
אין קאָזאָדאָיעווקע נאָך אומגעבלאָנקט האָט ער
נאָך דעם פאַרכישופטן שלימזלס שפורן.
אים איינהאַלטן געווען איז דעם געלעכטער שווער,
צעשטעלנדיק איבער דער שאָך־ברעט די פיגורן,
ווי אָנגעטרונקען וואָלט ער זיך אַליין
מיט דעם געטראַנק פונעם זלאָדייעווקער פאַרשייטן מערדער.
— וואָס האָט איר דאָרט אַזוינס אַרויסגעלייענט ? —
געפרעגט סאַדאָווסקי האָט אַן אָנגעשטעקטער מיט געלעכטער.
— אַ שניידער ! — האָט ער פאַר די זייטן זיך געטאָן אַ כאַפּ
און פון געלעכטער ליטערן נאָך אַלץ געטיַיעט, —
געקויפט אַ ציג און האָט געבראַכט אַ צאַפּ.
גיי, — זאָגט ער, קאָך וואַרעניקעס און קרעפּלעך פון אַזאַ מין חיה !

IV.

— איך גיי מיט שוואַרץ ! — אַ קוק געטאָן סאַדאָווסקי האָט
צום בוך מיט שמייכל און מיט אַכטונג. —
אין קאָזאָדאָיעווקע ? כ'געדענק ניט אַזאַ שטאָט...
זי איז ביים דייטש ? ס'איז אייער גאַנג ! וואָס טראַכט איר ? —
גענומען אַ פיגור מאַרגוליס האָט אין האַנט
און זיך פאַרטראַכט, ווי אָנגעשוואָומען אויף די אויגן האָט אַ נעפּל :
— זי איז שוין, דאַכט זיך מיר, אין ערגעץ ניט פאַראַן,
ווי זי וואָלט קיינמאָל ניט געווען גאָר אין לעבן...
— אַזוי, אַזוי !... — האָט שטיל אַראָפּגעכאַפּט אַ מאָס
סאַדאָווסקי פונעם בוך און זיך גענומען איילן. —
הייסט עס, געקויפט אַ ציג און האָט געבראַכט אַ... וואָס ?
אַ צאַפּ ? איז גיט אַהערצו מיר דאָס פערד דערווילע !
דאָס איז אַ גאַנג, פאַרשטייט זיך פון... אַ שניידער אַן אַנטיק, —
האָט ער די מעשה מיטן כישוף זיך געלאָזט אַליין פאַרטייטשן. —
נאָר ס'מאַכט ניט אויס ! מירן זי אָפּנעמען, די קאָזאָדאָיעווקע, צוריק,
מיט צוועלף סאַליוטן ! אויף צעפּוקעניש די דייטשן !

V.

מיט איין אויג אויפן בוך און מיטן צווייטן אויף דער ברעט,
און אויף מאַרגוליסן — מיט ביידע, בילדנדיק אַ קאַנוס,
האָט פאַרגעזעצט סאַדאָווסקי, פלעט באַך פלעט,
נאָך צוויי־דריי גענג — און אויס דער קאָן איז.

— איר שפּילט עפּעס, מאַרגוליס, היינט אַן היץ!
די מלכה היט! אויב זי איז אייך אַ טראָפּן טייער!
— און איר, סאַדאָווסקי, גייט, ווייזט אויס, מיט בליץ!
האָט מיטאַמאָל מאַרגוליס אָפּגעקלאַפּט פיגורן דריי אים.
— נו, דאָס איז שוין, מיין פריינט, גערעדט זיך גלאַט אַזוי,
איר זייט מיט אייער קאַזאַדאַיעווקע אַוועק צו ווייט שוין!
אַ פּאַרטיע מיט בליץ, — האָט ער אַיעדעס וואָרט אַרומגעזוימט, —
ווי ס'איז באַוואוסט דער גאַנצער וועלט, געמאַכט האָבן די דייטשן!
און ס'איז ביי זיי, ווי ס'איז באַוואוסט דער גאַנצער וועלט, אַרויס
נאָך ערגער, ווי ביי דעם שלימזל מיט דער קאַזאַדאַיעווקער מציאה;
געכאַפּט אַ ציג, געבראַכט אַ צאַפּ, געלייזט אַזאַ מין שטויס,
אַז קיין זלאַדייעווקע צו זיך די פיס זיי וועלן ניט דערציען!

VI.

איז וואָס־זשע מאַכט איר מיטאַמאָל מיך פּאַר אַ פּריץ
מיט בליץ... איר וועט דעם אָפּיצער מיר צוגעבן דערצו נאָך!
אַ, יאָ!... זיי האָבן אונדז, ווי ס'דאַרף צו זיין, געבליצט,
נאָר מיר — מיר האָבן זיי, ווי ס'דאַרף צו זיין, געדונערט! —
ס'איז פּאַר מאַרגוליסן אַדורך דער גאַנצער וועג —
פון סטאַלינגראַדער פּאַרשטעט ביזן דניעפּער,
וואָס שוין מע פּרוואוט אים טאָן אַ וועק,
און אַ צעוויג, און אַ באַלעב אים...
עס זיינען פאַר אים שטעט און שטעטעלעך אַדורך,
ווי קברים ניט פאַרצוימטע, ווי בית־עלמינס אויסגעטראָטן,
פון די געפירטע צו דעם טויט — דער לעצטער שפּרונג,
צום לעצטן מאָל פון זיי — דער פאַלנדיקער שאָטן...
געלעגן איז דער באַנד שלום־עליכם ביי דער זייט —
אונטער פיגורן אומגעפאַלענע, ווי נאָך אַ שלאַכט אויף אַ מלחמה,
און ס'האָט זיך טרויער פון מאַרגוליסן געצויגן וויט —
אַהין, וואו ניט קיין שמעון־עליע, ניט קיין ציג זיינען ניטאָ מער..

VII.

דאָך זיי געזען באַשיימפּערלעך האָט ער —
אינמיטן וועג פון איין געקוילעט שטעטל צו דעם צווייטן.
פאַרבישופט, דאַכט זיך, איז אַרום די גאַנצע ערד,
און ס'רייסט פון איר זיך יעדער קבר אַ געשריי טאָן...
— חבר סאַדאָווסקי! — האָט מאַרגוליס זיך געטאָן אַ כאַפּ, —
דער משל איז אַ גאָלדענער... ס'איז אייער פערד אין אַ סכנה...
ס'איז נאָר קיין משל ניט פאַראַן צום בלוט צום אויסגעצאַפּטס,
ווי ניט פאַראַנען איז צו דעם קיין סוף און ניט קיין אָנהייב.
ניט אויסקויפן מיט גאַרניט קאָן מען ניט דעם ווי

פון סאַמע מינדסטן קינד, געקוילעט וואָס זיי האָבן,
אפילו אויב די פעל אַראָפּשינדן מירן ביי אַלעמען ביי זיי
און אין די רינשטאָקן זיי לעבעדיקערהייט באַגראָבן!
אָבער דער חשבון צוגעשטעלט דאַרף זיין ניט זיי אַליין;
דעם חשבון וועט דאָס בלוט באַדאַרפן ברענגען
איעדן איינציקן פון גרויס ביז קליין,
וואָס האָט די טיר געעפנט צו דער וועלט די הענקער.

VIII.

— געוויס!... — האָט זיך סאַדאָווסקי אַ באַוועג געטאָן,
געגומען זוכן אין געשפּרעך אַן אַנדער פּלאַן נאָר. —
נו, יאָ! וואָס הערט זיך עפּעס מיט דעם צווייטן פראָנט?
ס'איז, דאַכט זיך, היינט אין צייטונג וועגן דעם פאַראַנען!...
— איך לייען ניט פון דעם! ס'גייט מיר כמעט ניט אָן, —
גענומען ביי מאַרגוליסן די אויגן האָבן גלאַנצן. —
איך בין אַן אַנהענגער פון ערשטן פראָנט.
איך גלייב אין אים, ווי ס'גלייבט אין אים די וועלט די גאַנצע!
דער צווייטער פראָנט, — האָט ער געטאָן אַ ברען,
איז אויך אין ערשטן, טייערינקער חבר,
פונקט אַט אַזוי, ווי חוה איז אין אדמס ריפּ געווען,
נאָר בויען קאָן מען אויף אים פונקט אַזוי פיל, ווי אויף חוהן!
מיט מיין פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ, סאַדאָווסקי, איך קאַוויר, —
האָט ער דעם טור אַ ריר געטאָן, אַ ווייל געוואַרט נאָר, —
דעם צווייטן פראָנט געבוירן וועלן מיר!
און די פאַרבינדעטע... יאָ, אַט דעם גאַנג באַדאַרף מען גוט באַטראַכטן...

IX.

זיי וועלן פרייַ'ר צי שפּעטער נאָך אַ גלאַנץ טאָן מיט פאַרראַט.
מיר וועלן מיט זיי האָבן נאָך צו זינגען און צו זאָגן, —
ער האָט אַ רוק געטאָן דאָס פערד קעגן סאַדאָווסקין גראַד, —
מיט זיי איז אַ געפּאַר אַ שטיין צוזאַמען איבערטראָגן...
און אויב דו טראַגסט, איז ניט פאַרקוק זיך אויף קיין ווייל,
זיי זאָלן הינטערוווילעכס אים ניט וואַרפן דיר אין רוקן. —
עס האָבן אויפן שאָך־ברעט שלאַכטיק אין געאייל
פיגורן זיך גענומען איבעררוקן,
און ער האָט פאַרגעזעצט מיט אַ צעוואָרעמט קול,
די אויגן האָבן זיך מיט טרויער און מיט האַס צעברענט אים: —
אַריינגעלייגט זיי האָבן אין מלחמה זייער גאָלד
ניט פון רחמנות אויף דער וועלט, נאָר אויף פּראָצענטן!
ניט מער ווי היטלערן „געפרייט" האָט סטאַלינגראַד זיי פאָר געוויס,
און ליבער אויסגעשטרעקט זיי וואָלטן אונדז אַ קוליע

ווען עס העלפט זיי גאָט — מיר זאָלן בלייבן אָן די פיס. —
געפּאַכעט מיטן פערד קעגן סאַדאָווסקין האָט מאַרגוליס.

X.

ער האָט אַ צי געטאָן דאָס פערד צוריק
און מיט נאָך מער צעשפּאַרטע אויגן זיך פאַרטראַכט אַ רגע: —
מירן נאָך זען, ווען ס'וועט זיך ענדיקן דער קריג,
ווען אויפהערן וועט בלוט באַטרינקען זיי מיט גין־גאָלדענעם רעגן...
ווען איבערציילן וועלן מיר די חורבות פון אַרום,
די וואונדן און די ווייען פרואוון איינגעמען אַוואר נאָר...
זיי וועלן ניט פאַרגינען אונדז דעם אויסגעקעמפטן רום,
די ליבע, וואָס מיר האָבן אין דער וועלט געוואונען...
דעם דראַנג, וואָס האָט אונדז אין דער ערשטער ריי געשטעלט,
און ניט דאָס אָרט, וואָס אָפּגעבן מע וועט אונדז מוזן.
זיי וועלן וויסן פּינקטלעך, וויפל בלוט אונדז פעלט,
און זיך באַמיען אונדז ניט לאָזן קומען צו זיך...
אַזוי, אַזוי, מיין טייערער מאַיאָר, —
געזוכט אַ קלאָרן גאַנג האָט פאַרן פערד ער, —
און אָפּשטיין וועלן זיי ניט אויף קיין האָר
פון זייער קרעאַטור — די דייטשע מערדער.

XI.

— ביי זיי מיט היטלערן, אויף וויפל דענקען זיך עס לאָזט, —
באַטראַכט סאַדאָווסקי האָט אַ גאַנג, — איז פּונקט אַזוי, אויב רעדן אָפן,
ווי מיטן הונט, וואָס האָט אַ ביס געטאָן דעם באַלעבאָס,
און ס'ווייסט דער באַלעבאָס ניט ווי אַזוי אים צו באַשטראָפן...
דערשיסן אים? איז וואָס, אויב דאַרפן וועט מען זיינע ציין?
און אויך קיין תכלית ניט צו לאָזן איז אַזוי אים.
איז וואָרפט זיך, אַ צעטומלטער, דער באַלעבאָס אַליין —
צווישן דעם ביס און דעם בזיון...
און ניט דערלאָזן קאָן ער אויך,
ס'זאָל עמעץ אַנדערש אים אַרויסהאַקן די ציינער.
און כאָטש אָן אָנשטעל מאַכט ער גרויזאַם, אין דער היץ,
איז דאָך קיין טראָפּן שוועער ניט צו פאַרשטיין אים!
זיי האָבן דאָך אַ לאַנגע צייט געהאָפט,
אַז ער וועט קעגן אונדז זייער געטרייער הונט זיין,
און פון דער האַנט געקאָרמעט אים מיט גיפטן־שטאָף.
אָבער אַ הונט בלייבט דאָך אַ הונט. ער ווייסט ניט פון קיין קונצן!

XII.

— איר האָט, סאַדאָווסקי, מיטן הונט און מיטן באַלעבאָס
איינגאַנצן מיר צעבויטעט די געדאַנקען, —

געגעבן האָט אויף אים מאַרגוליס זיך אַ לאָז, —
איך ווייס שוין איצט ניט, וועמענס גאַנג איז!
איר זייט מיר מיטן הונט אין סאַמע מיט אַריין
און די פיגורן אַלע מיר איבערגעפּלאָנטערט.
נו, גוט! ווי מיינט איר, אַ סאַליוט צום אָוונטברויט וועט זיין?
גיט באַר אַ קוק, וואָס זאָגן היינט די פראָנטן? —
געהערט האָט זיך אַ שאַרך פון שטעקשיך אין שפּיטאָל,
אַ שטילקייט האָט געשוועבט אַ לויטערע, אַ העלע. —
די פראָנטן זאָגן אַלע אין איין קול,
אַז מיטן דייטש האַלט פּונקט, ווי מיטן באָק ביי שמעון־עליען,
ביי דעם פאַרכישופטן אין אָט דעם בוך, —
האָט ער געטאָן, די זייטן בלעטערנדיק, אַ דערקלער אים, —
ער לויפט דאָרט הין און צ׳ריק און קאָן ניט דורך:
גיי קאָך וואַרעניקעס פון רוסלאַנדס אַרטילעריע!

XIII.

און נאָך זאָגן די פראָנטן אין איין קול, —
האָט אין דער הייך אַ הייב געגעבן זיך דער קאָפּ אים, —
נאָך יעדער שלאַכט, אַיעדעס מאָל,
אַז אויך אַ טעות האָט געהאַט אין אונדז איראָפּע!
ניט דייטשלאַנד בלויז און זיין נאַציאָנאַלער קאַט,
ניט בלויז די טעמע גאווה־גולמדיקע מערדער —
אַ טעות האָבן אין דעם פאָלק דעם רוסישן געהאַט
די פינעף זעקסטלעך ערד — ווער ווייניקער, ווער מער דאָרט.
און אויפגעקלערט האָט זיי דעם טעות שנעל און קורץ
און פון די אויגן זיי אַראָפּגעווישט דעם נעפּל —
די שלאַכט ביי סטאַלינגראַד, דער שפּרונג ביי קורסק,
דער אונטערמאָסקוועדיקער בראָך און דער צוריק־קער צו דעם דניעפּער!
געמאָלדן האָבן זיי זיך איצטער מיט פאַרהער,
ווען ס׳האָט אַנטפּלעקט פאַר גאָר דער וועלט אַזאַ מין מוט זיך.
נו, יאָ, זיי האָבן מער באַגריפט די קראַפט פון אונדזער שווערד,
ווי דעם באַרוף פון אונדזער רעוואָלוציע!

XIV.

שוין ניט געזען סאַדאָווסקי האָט, וואָס ס׳טוט זיך אויף דער ברעט,
און ניט באַמערקט די אומאָרד׳נונג פון די צעוואָרפענע פיגורן.
ער האָט געקוקט, ווי אומרואיק מאַרגוליס רעדט
און ווי ביי יעדן וואָרט ער צוימט אין זיך אַ שטורעם.
דערמאָנט האָט ער זיך מיט פאַרדראָס אין דעם סאָלדאָט,
וואָס מיט געביל אויף יידן פלעגט ער נאָכגיין יעדן איינעם,
און האָט אויף זיך פאַראיבל גרויס געהאַט,

פאַרוואָס ניט צוגעשטעלט צום וואַנט האָט ער אַליין אים...
עס האָט אים ווי געטאָן, וואָס ס׳זיינען אָט אַזעלכע נאָך פאַראַן
און טראָגן גיפט אַרום אין די פּאַרסמטע מיילער.
מע טרעפט זיי, צום באַדויערן, אי אויפן סאַמע ראַנד
אי אינעם הינטערלאַנד, זיך מיט דעם גיפט פאַרווילן.
זיך אויפגעהויבן אין דער גאַנצער וואוקס האָט ער
און צו מאַרגוליסן אַ נייג געטאָן זיך פּלוצעם:
— יאָ, יאָ! זיי האָבן מער באַגריפט די קראַפט פון אונדזער שווערד,
ווי דעם באַרוף פון אונדזער רעוואָלוציע!

31. מאָסקווער סאַליוטן

I.

פונסניי די פעלדער אין סענטיאבער זיך צעגרינען,
מיט פרישקייט האַרבסטיקער טוט אָן זיך יעדער טאָל.
באַפרייטע שטעט זיינען מאַרגוליסן באַגיגנען
מבקר־חולה זיין געקומען אין שפּיטאָל.
איעדע איינע, ווי אַ קרוב ווי אַ נאָ׳נטער,
מיט וואונדן אָפענע, מיט קברים אומעטום —
זיי האָבן אַלע אין געלעסטערטקייט דערמאָנט אים,
די קעפּ אַראָפּגעלאָזט בית־עלמינדיק און שטום.
ביי זיי, ביי די באַרויבטע און געשענדטע,
ביי אָט די בראַכשטיקער אַ פרעג וואָלט ער געטאָן:
„זיינען פאַראַן נאָך ערגעץ יידן, ווי געווען דאָרט,
צי חוץ אין קברים זיינען יידן מער ניטאָ?"
און מער נאָך לייבלעך יעדע שטאָט איז אים געוואָרן,
אים האָט, ווי קיינמאָל, זיי זיך אָנקערן געוואָלט;
באַפרייטע שטעט זיינען אים — יעדע ווי אַ קרוב,
מבקר־חולה זיין געקומען אין שפּיטאָל.

II.

צווי הונדערט פיר און צוואַנציק מעכטיקע קאַנאָנען
אויף אים גיבן אַ מזל־טוב פון גאַר דעם לאַנד.
פון רויך דער ריח זיסער איז פון האָניק,
און אַזאַ שטילקייט זיך פאַרשפּרייט נאָך יעדן קלאַנג.
אָן אָנגעשפּאַרטער אויף די גליטשעדיקע קוליעס,
אין ביידע זייטן — דער צעפליגלטער כאַלאַט,
האָט אין דער לופטן זיך אַ ריס געטאָן מאַרגוליס,
ווי אויף אַן אויפגאַבע ניט לאַנג ביי סטאַלינגראַד.

אויף וויפל וויט קאָנען די אויגן דען דערגרייכן?
ווי לאַנג זיך טראָגן קאָן אין בלענדיקייט דער קאָפּ?
מיט יעדן אויפשטייג פון ראַקעטן אין די הייכן
האָט זיך די פינצטערניש אַ זעץ געטאָן אַראָפּ.
ס'איז ערשט דער אָנגלי פון געפעכט, דער אינדערפרי נאָך.
נאָר ס'פּלאַצט דער רוקנביין ביים פיינט איעדעס מאָל.
באַפרייטע שטעט זיינען מאַרגוליסן באַגינען
מבקר־חולה זיין געקומען אין שפּיטאָל.

III.

פונסניי צעגרינען אין סענטיאבער זיך די פעלדער,
מיט פרישקייט האַרבסטיקער טוט אָן זיך יעדער טאָל.
אויף ווייסע בערגעלעך אַ בלענד געטאָן האָט בעלגאַראַד,
און אַ צעשפּרייט געטאָן די פליגל האָט אַריאָל.
מיט אַ געקנאַל פון חדווה אויפגעוואַכטער,
מיט הערצער פּלאַמיקע, צעוויגט פון רום,
נעמט דעם געלייטערטן און אויסגעפּלאָגטן כאַרקאָוו
די מאַמע מאָסקווע שוין אַרום.
באַרויבטע שטעט מיט מיילער פון רואינען
זיך מעלדן, אויסגעברענט אין חורבנדיקן אַש;
זיי קומען שטילע צו מאַרגוליסן באַגינען,
זיי קומען שטילע צו מאַרגוליסן אָן רעש.
ער וועט אין אַש איעדעס שטיבעלע דערקאָנען,
די טויטע ליקעלעך, פאַרשפּאַרטע צווישן זיי.
צוויי הונדערט פיר און צוואַנציק מעכטיקע קאַנאָנען,
ווי אַ קאַפּעלע פון דער זיגרייכער אַרמיי!

IV.

ער האָט געציילט די העלע זאַלפן פונדערווייטן,
ער האָט דעם פולס פון בלוט זיינעם געציילט,
ער האָט די טעג געציילט, אין אומגעדולד געלייטערט
ווען ער וועט אומקערן צוריק זיך אין זיין טייל.
אים האָט געחלומט זיך פון שקיעה ביז צו שקיעה.
אים האָט זיין שטעטל צו די אויגן זיך געקלעפּט:
ער דאַרף באַווייזן נאָך צו שלאָגן זיך פאַר קיעוו,
ער דאַרף באַווייזן צו די שלאַכטן פאַרן דניעפּ.
ס'איז אַזאַ גליק, וואָס בלעטער שורעווען נאָך גרינע,
וואָס ס'לייגן פייגל אָפּ דעם אָפּפלי יעדן טאָג.
באַפרייטע שטעט זיינען מאַרגוליסן באַגינען
מבקר־חולה זיין געקומען אין שפּיטאָל.
צוויי הונדערט פיר און צוואַנציק מעכטיקע האַרמאַטן,

ווי שופרות ריזיקע, דעם אַנגריף זאָגן אָן.
ס'באַגעגנט, וויינענדיק, אַ זון זיך מיט אַ טאַטן
אונטער דער דורכגעשאָסן־פּלאַטערדיקער פּאַן.

V.

פאַרבענקטע רוימען, זיבן מאָל געגאַרטע!
מאַרגוליס קלויבט זיך פון שפּיטאָל שוין אויף צוריק!
דאָס לעצטע מאָל האָט ער אויף קוליעס ביי דער קאַרטע
די שטייגנדיקע ראַנד־שנורן געמאָסטן מיטן בליק.
פון טאָג צו טאָג האָבן זיי, פאַרביקע, געקלעטערט,
ווי קוועקזילבער אונטער אַ ברויזיקן־צעגלי.
ער אויף דער מאַפּע האָט געקוקט, ווי אויף אַ טערמאָמעטער,
וואָס האָט טאָג־טעגלעך אים די היץ געוויזן פון בערלין.
און אונטערברומענדיק „אַ בריוועלע דער מאַמען"
געטראָגן האָט מאַרגוליס זיך צוריק אין טייל.
עס וועלן שלאַכט־פריינט פון שפּיטאָל צו גוטנס אים דערמאָנען
אי ביי אַ פאַרטיע שאָך אי ביי אַ גלעזל טיי.
— וואָס מאַכסטו? — האָט מיט בליקן וואַרעמע און גוטע
דער קאָמאַנדיר באַגעגנט אים, ווי אַלעמאָל.
— אין מאָסקווע, חבר קאָמאַנדיר, היילן אַצינדער די סאַליוטן
נאָך פיל געשיקטער, ווי די שוועסטער פון שפּיטאָל!

VI.

דער דניעפּ האָט שוין געבליאַסקעט פון דער ווייט,
געשטרעקט, ווי הענט, האָט ער די כוואַליעס פון אַנטקעגן.
און מיט געאייל האָבן מאַרגוליסן אַרומגערינגלט פריינט,
כאַטש אויף אַן אויגנבליק זיך עפּעס צו דערפרעגן,
געדריקט די הענט מיט פריינטשאַפטלעכן שטויס:
„ווי זעט עס אויס אונדזער באַליבטע מאָסקווע?"
און ביט דערוואַרטנדיק קיין ענטפער, צ'ריק אַרויס
און צום אַעראָדראָם, באַפליגלטע, געלאָזט זיך.
געזאָטן האָט מיט ברען די אַרבעט ביי דעם ברעג,
פאַראַמען האָבן, זינגענדיק, געפלאָכטן זיך צוזאַמען.
— וואָס מאַכן דייניקע? — האָבן חברים זיך צעפרעגט, —
צי האָסטו שוין אַן ענטפער אויף דיין „בריוועלע דער מאַמען"? —
נאָר ער האָט, אַ פאַרטויבטער, זיך געפאַסעוועט מיט לוסט
און קונציק זיך מיט מונטערקייט געפּייניקט.
ער האָט זיך אין שפּיטאָל פון זייניקע דערוואוסט,
אויך דאָרטן זיך דערוואוסט פון אַלע יידן אין אוקראַינע...

VII.

אומצאָליקע געצויגן, צוג נאָך צוג,

האָבן דורכן וועלדער און דורך טאָלן זיך די פּראָנטן.
אויף ערטער דריי איז מען צום דניעפּער צו
פּאַרטייעט שטיל און אים אַ תּפילהדיקן וועק געטאָן דאָרט,
ווי לויט אַזאַ פאַרשפּראָכענעם פּאַראָל,
ווי לויט אַזאַ מין אָפּגערעדטן סימן...
געמערט פון שטערן האָט זיך ציטערדיק די צאָל,
זיך צוגעטוליעט האָט צום דניעפּ אַליין דער הימל,
ס'האָבן אים שטורעם־פייגל פון דער הייך געוועקט,
די לופט צערייסנדיק אויף פלאַקערדיקע פּאַסן.
און ערגעץ צוגעפּאַלן איז סאַדאָווסקי צו דעם ברעג —
זיך אָנטרינקען דער ערשטער מיטן דניעפּערישן וואַסער.
ער האָט די קאַסקע תּפילהדיק אַראָפּגענומען פונעם קאָפּ,
פאַרכישופט צו דער שטערנדיקער אויבערפלאַך געגענען.
ס'האָט רוסלאַנד זיך צום ברעג געטאָן אַ לאָז אַראָפּ,
געווען ס'איז פייערלעך, ערב אַ נס געווען איז.

VIII.

געווען ס'איז זיס אַראָפּשלינגען אַ טרער,
געווען ס'איז זיס צו אָט דעם אונטערוועגס געהערן.
ערגעץ האָט אָפּגעטיילט מאַרגוליס זיך פון דר'ערד
און האָט זיך אויסגעמישט אינאיינעם מיט די שטערן.
ווי אַ באַשוואוירענע — די הייך האָט זיך געשטרעקט,
דער שטילער פּליעסק האָט קוים געלאָזט פון זיך צו הערן.
עס האָט געדוכט: מיט יעדן איינעם ביי דעם ברעג
רעדט זיך אַדורך מאַרגוליס דורך די שטערן.
פון אומעטום האָט מען מיט דרענגער זיך געלאָזט,
געטראָגן פּעסער מ'האָט מיט פּאַרקנס און מיט ברעטער;
עס האָט געדוכט, אַז ס'וועט צעזינגען זיך דאָס גראָז
און אויפן וועג וועט יעדער טאָפּאָל באַלד אַ רעד טאָן:
„עס קומען זין דיינע מיט דאָרשט מיט ניט־געשטילטן,
מיט קאַסקעס גיבן זיי די בענקשאַפט אַ פאַרשעפּ
פון דיינע וואַסערן די אוראַלטע און מילדע,
פון ווילדער כוואַליע, דיינער, אויסגעבענקטער דניעפּ!"

32. די דריי קאַוואַלעריסטישע פערד

I.

אַן אַ באַוועג און אָן אַ מינדסטן ריר,
ווי אַ פאַרכישופטער אין שטערנדיקן נעפּל,
געזען גור־אריה האָט זיין קאָמאַנדיר

אַ פֿאַל טאָן מיט דער קאַסקע צו דעם דניעפּער.
ער האָט די אויגן ניט אַוועקגענומען לאַנג,
ווי פֿון אַ פֿייערלעכער זעאונג אויפֿן דניעפּער.
מ'האָט אַזוי קיינמאָל נאָך ניט ליב געהאַט דאָס לאַנד
און אַזוי קיינמאָל ניט געשפּרייט פֿאַר דעם דאָס לעבן.
אַזוי וועט יעדער ייִד אַ פֿאַל טאָן צו דעם אַש
פֿון שטעטלעך חרובֿע, פֿון קבֿרים און פֿון שייטערס.
זיך אויפֿגעהויבן אין זיין האַרצן האָט אַ רעש:
זיין לייבלעך שטעטעלע ווערט אויך באַפֿרייט דאָך...
געפֿינען וועט עס די אַרמיי ערגעץ אין וועג,
געפֿינען אַ דערהרגעטס און אַ הוילס, באַריסן פֿון די קעפּער;
דאָך וועט ער בעטן ביי סאַדאָווסקין זיך אויף אַ פּאָר טעג,
ווי נאָר מע וועט אַריבערגיין דעם דניעפּער.

II.

אַ זיסע פֿאַרכטיקייט אין האַרצן האָט געוועקט
דאָס אומגעדולדיקע דאָס כוואַליעדיקע רוישן.
געטראָגן שיפֿער האָבן שיפֿלעך צו דעם ברעג,
פֿאַרהוילט פֿון דייטש און איינגעהילט אין חושך.
דערשינען ווי געשפּענסטער פֿון טשערעט,
בעגאַנגען דאָרטן זיינען דערפֿלעך גאַנצע,
און עפּעס שטיל צווישנאַנאַנד גערעדט,
און שושקענדיקערהייט איעדע וויל עפּעס דערמאָנט זיך.
זיך אומגעקערט צוריק, זיך פֿונדאַסניי אַ לאָז פֿאַראויס.
די קינדער — אויך. דערוועקט פֿון שטילקייט אומגעהערטער.
מיט מולטערס פֿרייד, מיט צעבערס ברויז.
און יעדע וויל האָבן די מחנות זיך געמערט דאָרט.
געדאַכט האָט זיך, אַז ס'גייט די ערד אַליין,
אַליין זי טראָגט דאָס האַרץ אירס אויסגעפּייניקט.
ס'וועט באַלד געשען אַ נס! איבערן דניעפּער גיין
וועט באַלד זיך לאָזן דיין באַפֿרייערין, אוקראַינע!

III.

גור־אריה האָט געאיילט באַשטאַטן אַ פּאַראָם.
געווען איז אַ באַפֿעל: צו האַלבער נאַכט זיך לאָזן.
דער רעכטער ברעג געקוקט האָט ווי אַ תהום,
מיט אַ געדיכטן נעפּל מיט האַרבסטיקן פֿאַרבלאָזן.
לעבנגאַויס געשניטן האָט גור־אריה דאָרט דעם ברעג —
פֿון שטאָל צו שטיבעלע, פֿון קלוניע צו כיבאַרקע.
ס'איז אַלץ געווען פֿאַררעכנט צום באַוועג:
אַ טיר, אַ דאָך, אַ בענקל און אַ פּאַרקן.

ווי בעמט מען עס נאָר אַלץ צונויף ?
ווי פּטרט מען נאָר ניט קיין איבעריקע רגע ?
געדאַכט האָט זיך, אַז ס׳רופט אים יעדער הויף,
געדאַכט האָט זיך, אַז ס׳גייט אַיעדעס שטיבל אים אַנטקעגן.
און מיטאַמאָל פון אַ כיבאַרקע אומדערוואַרט
געגעבן האָט מיט סקריפּ אַ טיר זיך אַ צעשפּאַר דאָרט,
און ס׳האָט אַ זקן העל אַ שניט געטאָן די נאַכט
מיט אַ פּאָר שטאָלצע סיווע באַקענבאַרדן.

IV.

ער האָט צום דאַשעק צוגעלייגט די האַנט,
גוואַרדייאיש אויסגעצויגן זיך געהעריק
און אויסגעטאַקט: — גאָספּאָדין לייטענאַנט,
איך האָב די ערע . . .
איר ווערט מיט מיר אַריבערגיין אין שטאַל,
איך האָב אייך עפּעס דאָרט איבערצוגעבן! —
גור־אַריהן איז געוואָרן קאַלט פון אַט דער רואיקייט און שטאָלץ
און האָט אויף אַיעדן פאַל אַ וואָך געטאָן די ווערט פון לעבן. —
צוויי מיט אַ האַלבן יאָר האָב איך, ווי ס׳איז אין קאָפּ,
דריי גוטע פערד פון די זאַראַזנע דייטשן אויסגעהיט דאָ.
זיי זיינען אייערע! איז נעמט זיי אייך צוריק זיך אָפּ! —
האָט אין דער פינצטערניש זיין שטים אַדורכגעציטערט. —
אַ שיפּל האָב איך אויך פאַרגראָבן דאָ געהאָט,
האָט עס צום טייך אַ פּאַרטיזאַן פאַרטראָגן אינדערפרי נאָך,
כ׳בין אַ געוועזענער לייב־גוואַרדיע־סאָלדאַט
פון אימפּעראַטאָרישן פּאָלק פּונעם וואָלינער!

V.

די אויגן האָט ניט אָפּגעווענדט גור־אַריה פון די פערד,
די אויגן ניט אַראָפּגעלאָזט גור־אַריה האָט פון זקן,
און ניט געפילט, צי שטייט ער אויף דער ערד,
און עפּעס האָט ער זיך, ניט וויסנדיק פאַרוואָס, געשראָקן:
אַ קשיא אויף אַ מעשה מיט גאָספּאָדין לייטענאַנט?
אַ קשיא אויף געוועזענע לייב־גוואַרדיע־סאָלדאַטן?
ער איז זיך אויך איבער די פערד אַדורכגעגאַנגען מיט דער האַנט,
געפּרעסן זיך פאַר יעדער רגע, וואָס ער פּטרט,
נאָר ניט געאײַלט האָט דער געוועזענער לייב־גוואַרדיע־סאָלדאַט,
דערציילט דעם יחוס פון די פערד, און ווי ער האָט געהיט זיי.
— און, גאָספּאָדין לייטענאַנט, — שוין אים אַ זאָג געגעבן גלאַט, —
איר זייט אַביסל ענלעך אויפן פירשט גאַגולעגידזע!
מיט אַ יאָר זעכציק צ׳ריק, און אפשר מער איז שוין פאַראַן,

אויף אַ פּאַראַד ביי אונדז אין פּאָלק אַדורך ער ווי אַ בליץ איז...
צי שטאַמט איר ניט אַמאָל, גאַספּאַדין לייטענאַנט,
פון יענעם הויכן שטאַם גאַגולעגידזעס ?

VI.

„גאַגולעגידזע ?!... יאָ... וואָס טוט זיך עס דאָ, ליבער גאָט ?
וואָס קומט עס פאַר אין אָט דער אומגעהערטער נאַכט דאָ ?—
האָט שוין גור־אריה, בייטנדיק אין אומגעדולד דעם טראָט,
ניט אויפגעהערט מחשבות אַלערליי צו טראַכטן... —
נאַ דיר געוועזענער לייב־גוואַרדיע־סאָלדאַט !
און גאַספּאַדין לייטענאַנט ! — באַשלאָגן האָט אַ היץ אים. —
און טאָמער איז דאָס ווייניק אַלץ, איז נאָט :
„איז זאָל איך וואויל באַקומען נאָך אַ פירשט גאַגולעגידזע !"
נאָר ס׳האָט דער זקן פייערלעך אַרויסגעפירט די פערד,
אַ זאָג געטאָן דעם גאַסט : — נו, פאָרט ! דערבראַקט דעם היצעל ! —
עס האָט זיך אין זיין שטים פאַרשטיינערטקייט געהערט,
און אין די אַלטע אויגן האָבן פייערלעך צעגליט זיך.
געקוקט דורך אָט דעם זקן האָט אויף אים די גאַנצע ערד,
די דורכגעאַקערטע פון ווייטעק און פון בליצן.
„די וועלט, ווייזט אויס, האָט דאָך עפּעס די ווערט", —
אַ טרייסט געטאָן האָט זיך דער נייער פירשט גאַגולעגידזע.

VII.

און אין זיין זיידן פּלוצעם זיך דערמאָנט ער האָט.
געוועזן אַ ייד אַ באַלאַגור אין געגנט איינער.
אַיעדעס יאָר אַ קינד. געגלייבט אין גאָט.
ביז ניינציק יאָר פאַררעדט דעם מלאך־המות האָט די ציין ער.
און שטאַרבן האָט זיך אים סכנות ניט געוואָלט,
זיין בלוט, ווי אַקעוויט, האָט נאָך געברויזט דאָן.
און ווען מ׳האָט אים געפרעגט : ר׳ וואָלף,
עס איז די וועלט ניט מער דאָך, ווי אַ פּרוזדור !" —
האָט ער די באָרד אַ ריר געגעבן אויף דער באַק,
און טרויער האָט געגעבן אַ באַפאַל אים :
„דאָ, אַז איך גיב אַן אָרעמען אַ שיבוש, אַ פּיאַטאַק,
ווערט גלייך געבוירן אויפן הימל נאָך אַ מלאך !"
די נאָז מיט טאַבעק אָנגעשטאָפּט זיך ראַש,
אַ ניס אַ הילכיקן מיט אַלע אברים גלייך געטאָן נאָך :
„און דאָרט, פאַרשטייט איר מיך, וועט אַ בר־נש
אַזעלכע מצוות טאָן שוין מער ניט קאָנען".

VIII.

איז האָט מען אים געהרגעט, — האָט אַצינד גור־אריה זיך דערמאָנט.
געקומען אויך דער פאָטער איז אויפן זכרון

און אים אַ זאָג געטאָן: „נו, גאָספּאָדין לייטענאַנט,
אַ לעבן דיר באַשערט איז צווישן אַש און קברים!...“
ער האָט דערזען אַ קייט פון דורות פיר געשטאַט,
אין טרויער און אין פּיין אין ליכטיקן געלייטערט.
עס האָט נאָך אַלעמען פאַרשיידן זיך געיאָגט דער קאַט,
געלויערט פון דער פינצטערניש אויף זיי אין אַלע צייטן,
נאָר ס'איז דער בוים געווען ניט גאָכגיביק דער האַק,
מיט זאַפט אַן אָפּגעגאַנגענער, ער קעגן שטורעם איז געשטאַנען.
ער זעט דעם זיידן נעבן זיך, דעם אָפּגעריבענעם פּיאַטאַק,
ווי פאַר אַ מלאך ער דערלאַנגט דעם אָרעמאַן אים.
אַצינדערט האָט ער נאָך אין זיידן שוין געהאַט,
דאָס קול זיינס האָט אים נאָכגעיאָגט: „דערבראָק דעם היצעל!“
„פאַראַן דערבראָקן אים, געוועזענער לייב־גוואַרדיע־סאָלדאַט!“ —
געזאָגט האָט זיך דער ביט־געדאַכטער פירשט גאַגולעגידזע.

IX.

סאַדאָווסקי האָט אין אומגעדולד אויף אַ באַגעגעניש געוואַרט,
זיך אויף אַ רגע צוכאַפּן אַהיים, אַ לעבעדיקן זיך דערברענגען,
געציילט די רגעס די געבליבענע צו האַלבער נאַכט,
מיט יעדער רגע איז אין האַרץ געוואָרן ענגער.
נאָר אַ באַפעל איבערגעקרייצט האָט זיין פאַרלאַנג:
„צום צווייטן ברעג! פאַראָמען זייבען פאַרטיק!“
די שטילקייט איז געווען ווי אַ געטראַנק,
און ווי אַ תפילה איז געווען די דערוואַרטונג,
און אַ באַרוישטער האָט גור־אריה אויף די פערד
צום קאָמאַנדיר געהאַלטן אין דערשטראָמען:
— וואָס וועט באַפעלט זיין טאָן? — האָט זיך דערהערט.
— איבערן דניעפּער אויף די פערד! מיט די פאַראָמען! —
דעם לעצטן פלויט צום ברעג האָט מען דערשלעפּט,
צעקנייטשט די אויבערפלאַך פון טייך האָט זיך אויף ריפּטלען.
און ס'האָט אַ פּליעסק געטאָן דאָס וואַסער אויפן דניעפּ,
ווי ס'וואָלט צעקושט זיך אין דערוואַרטונג מיט געליבטע.

.33 פאַרטיזאַנישער פלאָט

I.

נאָך פרי'ר האָט זיך געהערט פון פאַרטיזאַנער אַ געטופּ,
נאָר פון דער העלער שיין געווען מע איז פאַרהוילן.
פאַרוואָרפן צו מעפּאָדין האָט אַ רוף וואַסילי דוב,

באַגעגנט אים מיט שמעקנדיקע רויכן־קנוילן
און, ווי אַ זון, אים שמייכלדיק באַגריסט:
— פאַראַן, מעפּאַדי, איז פאַר דיר אַן אײדל שטיקל אַרבעט —
אַ פּלאַט אַ פּאַרטיזאַנישן, פון וואָס דו ווילסט:
פון פלויטן, און פון ביימער, און פון דייטשע שאַרבנס! —
עס האָט וואַסילי דוב דער קאָמאַנדיר געוואוסט,
אַז אויב ס'פעלט אויס מעפּאַדין צו דער פּאַר אַ וואַליק,
האַקט ער אים אָפּ אינאיינעם מיט אַ דייטשן פּוס,
און ניט געכאַפּט, אַדורכגעטראַכט, פּאַוואָליע.
און פּונקט אַזוי, אויב ס'פעלט אַן אַוטאָמאַט,
אַזוי איז אַלץ, וואָס נאָר דעם פּאַרטיזאַן איז נייטיק.
עס האָט דער קאָמאַנדיר מעפּאַדין ליב געהאַט
און איידעלע אַרבעט אָנגעטרויט אים.

II.

ער איז געווען אי האַרב, ווען מ'האָט באַדאַרפט, אי מילד,
און פּינקטלעכקייט אין יעדער אויפגאַבע געפאָדערט, —
דאָס האָט אין זיין אַ יעטווידער באַוועגונג זיך געפילט.
און ניט פאַרגעסן האָט עס, שטייענדיק לעם אים, מעפּאַדי.
ס'איז אין אַטריאַד געווען באַוואוסט אַ פאַל,
ווען קומען פון דער שטאָט האָט איינער זיך געקליבן,
און ער, וואַסילי, האָט אים אָפּגעוואָרט אין וואַלד,
און די באַשטימטע שעה איז שוין פאַרביי, שוין נאָך איינע פאַריבער,
און יענער איז ניטאָ. ס'איז אַ געפאַר... צום סוף,
ווען זיך באַוויזן האָט אין וואַלד דער הולך,
האָט אים וואַסילי פאַר ניט־פּינקטלעכקייט באַשטראָפט —
און אים צוריק אין שטאָט זיך אומקערן באַפוילן,
אַז גיין ער נאָכאַמאָל זאָל אויפדאָסניי
און ווידער אויפן אָרט צו דער באַשטימטער שעה זיין.
צום צווייטן מאָל איז אויסגעפילט געווען דער תנאי —
קיין רגע ניט אַדורכגעלאָזן...

III.

אַליין ער מיט זאַסטעפּ איז אַריין אין וואַלד, וואַסילי דוב,
צוויי אַוטאָמאַטן דייטשישע — ווי די שוואַרצאַפּלען אויסגעהיט זיי.
דערצו אַ וואונד, איבערגעבונדן אויף אַ קנופּ
מיט אונטערשלאַק פון דער שמאַטאָווער דייטשער אַמוניציע,
וואָס ער האָט, ווי אַ רעצעפּיס, גענומען ביי די צוויי עס־עס,
ווען ער האָט זיי די פּרייז פון בערן־פעלץ ביים גרוב געסילוקט,
און זיך מיט זיי אויף לעבן און אויף טויט געטאָן אַ מעסט,
און קלאָר געמאַכט דאָרט — צווישן זיך און זיי דעם חילוק.

ניט ליב געהאַט האָט ער דערציילן וועגן זיך קיין סך
און גלייך פון ערשטן טאָג ביים וואַלד געוואונען דרך־ארץ.
און אין אַ צייט אַרום איז ער געוועזן שוין קאָמיסאַר,
און קאָמאַנדיר געוואָרן ער נאָכהער איז.
און יעדערן, וואָס טרעט צו אים אַריבער נאָר די שוועל,
האָט ער דאָס שווערסטע פונעם וואַלד אים אָנגעמאָסטן.
עס איז זיין קוק געוועזן גלייך צו אַ באַפעל,
נאָר מילדקייט האָט קיין רגע ניט פאַרלאָזט אים.

IV.

מעפּאַדי אויסגעהערט האָט שטייענדיק זיין קאָמאַנדיר,
דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, ווי צום געהער ס׳וואָלט זיין אים בעסער,
אַ ווייל פון אָרט זיך ניט געטאָן קיין ריר,
ער זאָל קיין וואָרט קיין איינציקס ניט פאַרגעסן.
און כאָטש נאָך ניט געוואוסט האָט ער, פון וואָס מע הייבט דאָ אָן,
וואו אין אַ זאַך אַזאַ באַהאַלטן די געפאַר איז,
האָט ער גאַלינגען, גייענדיק צוריק, אַ וואונק געטאָן:
— מע וועט באַדאַרפן שיפלעך, חבר קאַפּטענאַרמוס! —
און מיט אַ בינטל פאַרטיזאַנער שפּעט ביינאַכט
איז ער אַוועק, אַ צי געטאָן דעם פּאַס זיך. —
נו, זינעלעך! — האָט ער אַ זאָג געטאָן פאַרטראַכט, —
אַ פּרואוו טאָן וועלן מיר דאָס פאַרטיזאַנסקע מזל! —
מ׳האָט אויפגעוועקט ביים ברעג פון גרויס ביז קליין
די, וואָס אין אומגעדולד אויף זיי האָבן געוואַרט דאָ,
און אויפן ערשטן שיפל האָט געוויזן אים אַליין
אַן אַלטער מאַן מיט סיווע באַקענבאַרדן.

V.

מעפּאַדי האָט לעם שיפל זיך געפּאַרעט ביי דעם ברעג,
דערמאָנט דעם זקן מיט די ווייסע באַקענבאַרדן,
דעם ברעג פון קעגנאיבער יעדע ווייל געטאָן אַ שמעק,
און אַז ער וואָרט פון זייער לאַנג — האָט זיך געדאַכט אים.
ער האָט די שטיוול אויסגעטאָן: אַן זיי אים לייכטער זיין דאָ וועט.
די אַרבל ביז דער העלפט פאַרנעצט און אויסגעטריפלט.
מיט סמאָלע די זאָוועסיעס אויפן שיפעלע דערגלעט,
זיי זאָלן אים אין וועג זיך פּלוצעם ניט צעסקריפּען.
די עקן פון די רודערס פאַטערלעך ער האָט
מיט אַנטשעס געטאָן אַ וויקל איבער,
אַז שטיל, פאַרהוילן זיין זאָל זייער טראָט,
דאָס וואַסער זאָל אויף זיי ניט האָבן קיין פּאַריבל.
ס׳איז אַלץ אין אָרדענונג ביי אים געווען,

א לייכטע פאַרכטיקייט אַרומגעאַרעמט האָט אים.
„דאָס איבעריקע איז אין גאָט געווענדט!"
האָט ער דעם רעכטן ברעג געטאָן אַ טיפן אָטעם.

VI.

אַצינד אין שיפל באָרוועס ער געשטאַנען איז,
פאַרקאַשערט אויף אַרויף די מייטקעס ביז די קניען.
זיך אַנגעזען האָבן די הוילע זיינע פיס,
זיך אַנגעזען האָבן די קעפּ די גאָלדענע פון קיעוו.
ער האָט די פייכטע מאַרינאַרקע אָנגעגורט מיט שטריק,
אַ שטיק טשאַוואון — די באָרד — צום רעכטן ברעג געריכטעט.
און מיטאַמאָל געגעבן האָט דאָס שיפל זיך אַ וויג,
ווי מיטאַמאָל וואָלט אויף אַן אויגנבליק געוואָרן ליכטיק.
זיך אַנגעפילט מיט אונטערוועגס דאָס שיפל האָט,
און דראַנג זיך אָנגעצויגן האָט ווי זעגלען מיט געפלאַטער,
און אין דער פינצטערניש געגלאַנצט האָבן די ראָלן דראָט,
פאַרברוינטע פנימער, און מוט, און אַוטאָמאַטן.
מעפאָדי מיט די רודערס האָט געטאָן אַ שפרייט זיך אויס
און ניט געוואָלט די פּאַסאַזשירן זיינע ציילן...
נאָר פריי'ר, איידער דאָס שיפל טאָן פון ברעג אַ שטויס,
האָט ער זיך אויגנבליקלעך גיך איבערגעצלמט.

34. דער מיף אויפן דניעפּער

I.

זיי זיינען געגאַן אויף געשלעג, די פאַראַמען,
פאַרפאָלגט פון דער הייך מיט אַ פלאַמיקן האָגל,
און ס'האָבן געקושט זיי פון דניעפּער די שטראָמען
און האַסטיק צום אַנדערן ברעג זיי געטראָגן,
מיט שוימיקן שפּרוך פון צעהוידעטע תהומען,
מיט הייסן געמורמל: קיין צאַם איז נישטאָ מער!
צוויי יאָר אין געפאַנגשאַפט דער ברעג האָט געוואַרט
און האָט זיך דערוואַרט אין דער דאַזיקער נאַכט.
עס האָבן אַליין זיך געריסן די ביימער,
פאַרפלעכטן מע זאָל זיי אין קרעפטיקע פליטן
באַנאַנד מיט דעם נאַכטישן צוג דעם געהיימען,
זיי זאָלן, ווי קיינמאָל, מיט רום אַ צעבלי טאָן.
איז זיינען אויף ברויז און אויף אימפּעט געריטן,
פון אָנגריף פאַרשיכורטע, גרויזאַמע ריטער,

און ליכט האָט פון האַרצן באַלויכטן די שלאַכט
אויף מיילן אַרום אין דער דאָזיקער נאַכט.

II.

די קריגער — געשפּענסטיק פאַרהוילן מיט נעפּל,
אַזוי ווי אין נאַכטישע וואָלקנס די שטערן,
און בלויז אויפן וואונק זיך געגריסט מיטן דניעפּער —
קיין וואָרט זאָל די שטילקייט פון נאַכט ניט צעשטערן.
נאָר ס'קרעכצט דער פּראָם פון געלאַדן פון שווערע,
אָט גיט עס אַ וויג אָט אַהין, אָט אַהער אים,
און פּייערלעך האָט זיך געטראָגן די שלאַכט
פון ברעג צו דעם ברעג אין דער דאָזיקער נאַכט.
אַראָפּ די שינעלן. די פיס זיינען הוילע.
אויבן עפּעס — איז זאַטלען די כוואַליעס באַפוילן!
די עקן פון רודערס, פאַרוויקלט מיט וואוילעק,
געררודערט דעם דניעפּ האָבן לייכטער פון פליגל,
בלויז אַנגערירט, ווי מיטן אָטעם פון מויל אים,
אַז ס'זאָל זיך קיין פליעסק אויפן וואַסער ניט וויגן,
קיין אָפּהילך קיין מינדסטער ניט זיין זאָל געדאַכט
ביים דורכשווים פון טייך אין דער דאָזיקער נאַכט.

III.

סאַפּיאָרן געוואַגטע און פלינקע פאַרבינדלער —
אַריבער די קני אין די דניעפּערשע פּאַטלעס,
מיט שנור און מיט קאַבעל, געגאַרטלטע פינקטלעך,
זיך דורכגעקוקט האָבן מיט די אַוטאָמאַטלער,
ווען אויפגעשרויפט האָט אין דער הייך זיך אַ כוואַליע,
און ס'איז אַ פּאַראָם זיך פאַנאַנדערגעפאַלן.
נאָר באַלד האָבן קלאַפּטערס עקשנותדיק־האַרט
אַ לאָז זיך געטאָן אין דער דאָזיקער נאַכט,
אַזוי ווי אַ קייט אויפן שלאַכטפעלד, צעשאָטן.
פון ווייט אַ צעוואָלגערטע בריק האָט געשאָטנט
מיט פּערמעס פאַרבראָכן, אין אויסשפּיר פאַרטייעט,
און קריגער — אויף כוואַליעס, און קריגער — אַנטקעגן.
און ווער צו דעם ברעג איז געשוואומען דאָרט ווייטער,
און ווער מיטן ברעג זיך אויף אייביק געזעגנט,
און ווער מיטן טויט, אין דער פינצטער פאַרשפּאַרט,
געראַנגלט זיך האָט אין דער דאָזיקער נאַכט.

IV.

אין אָפּגרונט, פון אַלע פיר זייטן פאַרשלאָסן,
געריסן, פאַרכלינעט, האָט דראָזד פונעם דנאָ זיך,

און ס׳האָט אַ פֿאַרבראָכענער זייל מיטאָמאָל דאָ
געגעבן אַ וואונק צו אים, ווי אַ פֿאַרענטשע.
— פֿאַראַן! זיך פֿאַרפֿעסטיקט! — סאַדאָווסקין געמאָלדן, —
אַ העלפֿט פֿונעם דניעפּ איז ביי אונדז אין די הענט שוין, —
דער אַנדערער וויגט זיך, און הוידעט, און גאַרט,
אין אָרד׳נונג איז אַלץ אין דער דאָזיקער נאַכט! —
זיי זײַנען געגאַן אויף געשלעג, די פֿאַראַמען,
באַלייגט פֿון דער הייך מיט אַ פֿלאַמיקן האָגל,
און ס׳האָבן געקושט זיי פֿון דניעפּער די שטראָמען
און האַסטיק צום אַנדערן ברעג זיי געטראָגן,
מיט שוימיקן שפּרוך פֿון צעהוידעטע תהומען,
מיטן הייסן געמורמל: קיין צאַם איז בישטאָ מער!
צוויי יאָר אין געפּאַנגשאַפּט דער ברעג האָט געוואַרט
און האָט זיך דערוואַרט אין דער דאָזיקער נאַכט.

V.

דעם אומבייט פֿון ליכט און פֿון חושך פֿאַרווישן
די ראַנדן פֿון צייט: צי ס׳איז נאַכט, צ׳אינדערפֿרי שוין.
זיך אויפֿגעכאַפּט האָט נאָך אַ ישוב אַ ישוב,
און זיך אַ צעפּענטע געגעבן דער סטעפּ האָט.
פֿון ערגעץ האָט שיפֿלעך געטראָגן אַ פֿישער,
ווי דרשה־געשאַנק, צו דער שלאַכט אויפֿן דניעפּער
מיט האַרבסטיקן ווינט און מיט גרויזאַמער פֿראַכט
אויף גאָר אויף דעם לאַנד אין דער דאָזיקער נאַכט.
דער הימל דורכאויס מיט ראַקעטעס זיך צלמט,
און כוואַליעס פֿון דניעפּער מיט פֿייער פֿאַרזידן.
ביים ברעג פֿונדאַסניי שוין די רגעס זיך ציילן,
און ס׳ציילן זיך ברעטער, און ס׳ציילן זיך פֿליטן.
עס וועלן קאָבזאַרן דעם לאַנד עס דערציילן,
אויף דורות זיי וועלן עס רימען אין לידער,
ווי ס׳זײַנען פֿאַראַמען דורך אָפּגרונט צעשפּאַרט
געשוואומען צו רום אין דער דאָזיקער נאַכט.

VI.

זיי האָבן געצוימט אויפֿן דניעפּ דעם געהאַווע
מיט דראַנג צו געגאַרטע און וואַרטנדע ברעגן.
„וואו ביסטו, מיין מאַמע? וואו ביסטו, פֿאָלטאַווע?" —
האָט דראָזד מיט דער נעסט פֿון דעם זייל זיך געזעגנט.
אָט זעט שוין אַרויס זיך די קיעווער לאַווּרע,
אָט גייט שוין דער באַרג מיט שעווטשענקאָן אַנטקעגן,
באַגעגענען איז ער אַרויס אין דער שלאַכט

די העלדן פון פאָלק אין דער דאָזיקער נאַכט.
ווי רופט מען דעם שטאָם פּאַרטיזאַנער און ריטער,
וואָס האָבן געקליידט זיך אין ווינט און געוויטער?
ווי רופט מען די פישער, וואָס האָבן פאַרהיט דאָ
די שיפלעך, ווי ס'הארץ, און קיין טראָט ניט פונדאַנען,
און האָבן געבראַכט זיי מיט פריידיקן ציטער?
ס'פאַרבעט דער קאָבזאַר אויפן באַרג זיי קיין קאַניעוו,
פון קבר ביים דניעפּער ער האָט אויפגעוואַכט
באַזינגען זיי שטאָלץ אין דער דאָזיקער נאַכט.

VII.

צום ברעג, אין געלאָקער פון הארבסטיקע ווינטן,
די אויגן צו לייבלעך-געטרייע סאָלדאַטן,
געטראָגן טשערעט אויף די קעפּ האָבן קינדער,
אַז וויך אויף פּאַראָמען זאָל זיין די האַרמאַטן.
און ס'איז אויף אוקראַינע געגאַן אַ באַגין דאָרט
מיט זיבן מאָל שיין און מיט זיבן מאָל פלאַטער,
מיט זיבן מאָל ליכט און מיט זיבן מאָל פּראַכט
פון ערשטן פּאַראָם אין דער דאָזיקער נאַכט.
אים האָבן געטראָגן גבורים פון וואָלגע,
ס'האָט יעטווידער קריגער אין האַרצן געהאַט אים,
מע האָט אים געטראָגן פון דר'ערד ביז די וואָלקנס
צום ברעג קעגנאיבער, געשטאָלטע און גראַדע,
די מעכטיקע זין פון אַ יעטווידן פאָלק, וואָס
האָט העל זיך אַנטפּלעקט אין דעם רום סטאַלינגראַדער.
אַט זעט זיך שוין דניעפּראָפּעטראָווסק אַן פאַרשמאַכט
פון שרפהשן פלאַם אין דער דאָזיקער נאַכט.

VIII.

נאָר מיט אַ בייזוואונדערנעם רעש און צעבויטע
שוין ווידער אין הימל פּאַרטייעט — אַ שפּאַרבער.
און ס'גיט פון אַ דונער דער דניעפּ זיך אַ הוידע,
און ס'גייט דער פּאַראָם שוין אין דר'הייך אַ צעשפּאַרטער,
פון ערגעץ אַ ווינט גיט אַ וויג, ווי אַ קאָבזע:
„אַוואַדיס, פראַשטשיי! איך צום דנאָ לאָז אַראָפּ זיך...“ —
און ס'גיט זיך אַ טוק אַן אַרמייער אין טראַכט
פון שוימיקן דניעפּ אין דער דאָזיקער נאַכט.
„צי דונערט מוזיק דאָ אויף גאָלדענע טרויבן,
און ס'רייסן זיך קייטן, און ס'ברעכן זיך שויבן?“ —
פאַרוואונדערט, אויף כוואַליעס די ביקס גיט אַ הייב ער;
ער שווימט, און דער אָפּגרונט אים ציט אין די טיפן,

ניין, ניט נאָר ער שווימט, נאָר די כוואַליעס ער צוויבערט.
צום ברעג זיינען קלאַפּטערס געבליבן נאָך וויפל?
אים דאַכט, אַז די אברים שוין זיינען פאַרשטאַרט —
דערשווימען ער מוז אין דער דאַזיקער נאַכט!

IX.

ווי רופט מען דעם גבור, וואָס ער האָט דער ערשטער,
געהאַלדזט און געאָרעמט פון דניעפּערשע שטראָמען,
מיט ברכה פון כוואַליעס, באַוויליקט פון תהומען,
דאָס זעמדל דאָס ערשטע געקושט און באַהערשט דאָרט?
ווי רופט מען די שווערד און ווי רופט מען דעם האַמער,
פאַרמאָסטן אויף קייטן, צעפּאַכעט אויף צאַמען
אין אַט־אָ דער פלאַמיק פאַרכישופטער שלאַכט,
וואָס וועט ניט פאַרגיין, ווי די דאָזיקע נאַכט?
ווי רופט מען די קראַפט, און דעם מוט, און דאָס פייער,
וואָס האָט זיך פון טויזנטער הערצער צעשטראַליקט
מיט קוואַלן פון וואונדער, מיט קוואַלן פון טרייהייט
אויף ברעכן און בראָקן באַצווימונגען אַלע?
דער נאָמען איז פאָלק, און דער נאָמען איז פרייהייט,
דער נאָמען איז היימלאַנד, דער נאָמען איז סטאַלין,
וואָס בלייען וועט אייביק אין רום און אין מאַכט,
ווי בלייען וועט אייביק די דאָזיקע נאַכט!

X.

און אין דעם געאָרעם פון טויט און געפאַרן
זיך דוכט אויפן דניעפּ דעם באַרוישטן גור־אריה:
אַרויס זיינען יידן פון קברים און גריבער,
דערוועקטע דורך וויטע פאַראַמיקע שפּרוכן,
און ס'וויגט איבער זיי דאָרט די ערד זיך אַ טריבע:
דערמאָרדעטע, ווילן זיי ניט קיין מנוחה —
דעם טויט פונדאָסניי, ווי סאָלדאָטן אין שלאַכט —
ביים ווידערבאַשאַף אין דער דאָזיקער נאַכט.
און ס'זיינען אויף אויפברויז געגאַן די פאַראָמען,
פון הימל פאַרפלייצט מיט אַ פלאַמיקן האָגל,
און ס'האָבן געקושט זיי פון דניעפּער די שטראָמען
און גרויזאַם צום אַנדערן ברעג זיי געטראָגן,
מיט שוימיקן שפּרוך פון פאַרצויבערטע תהומען,
מיט הייסן געמורמל: קיין צאַם איז נישטאָ מער!
צוויי יאָר אין געפאַנגשאַפט דער ברעג האָט געוואַרט
און האָט זיך דערוואַרט אין דער דאָזיקער נאַכט.

35. דערקאַנט דעם פאָטער

I.

מעפאָדיס שיפל זיך געוויגט האָט הין און צ׳ריק.
אַרויפגעוואַלגערט האָט די קאָרמע אויף דער נאָז זיך.
די רויטאַרמייער — איינס צום צווייטן צוגעדריקט,
און ביי דעם רודער האָט מעפאָדי אויסגעזען אַ גזיר.
— דו ווייסט שוין, שוואַב, וואָס קאָסט אַ בערן־פעלץ? — האָט דוב
אינמיטן דניעפער אויסגעשאָסן אַ געלעכטער.
ס׳האָט זיך פאַראָם צווישן די כוואַליעס זיך געשטופט
און אונטער פייערווערק געצווייט זיך און געפערטלט.
אים יעדע וויג איבערן תהום געווען איז זיס,
און יעדער פליעסק ווי אַ באַפעל געווען איז הייליק.
אויב ער אין מיפן האָט געצווייפלט ווען־עס־איז,
האָט ער אין גרעסטן מיף אַליין זיך איצט באַטייליקט.
ס׳ווייזט אויס, אַזוי האָט זיך געהאַרטעוועט די ערד,
אַזוי געצונדן האָבן שטערן זיך אין הימל.
נאָר פון מעפאָדין האָט וואַסילי איצט געקלערט:
„וועט ער צום ברעג מיט רויטאַרמייער נאָך דערשווימען?“

II.

צי האָט אַ בלאַסקייט זיך געריסן פון געזיכט,
צי אַ פראָזשעקטאָר זיך געלייגט האָט פון אַנטקעגן?
געווען מעפאָדיס פנים איז אין ליכט,
ווי אויפן טייך באַלויכטן ס׳וואָלט דעם וועג אים.
צי וויגן שטערן אין די טיפן זיך מיט פאָרכט,
צי זיינע רודערס שלאָגן פונקען אויס פון צאָרן?
ס׳האָט זיך געדוכט, אַז ער צעבלאָזט מיט יעדן פאָך
אַזאַ געהיימניספולן שווימענדיקן האָרן.
דעם טייך געשניטן האָט ער גראַד, ווי אין אַ פאַרשפראָך,
פאַרטויבט מיט רודערס ער דעם שפרוך האָט פון די וועלן.
ס׳האָט זיך געדוכט: מיט יעדן קלאַפּטערדיקן פאָך
שפאַרן די אַנגלען פון זיין פנים דורך זיך העלע.
ער ווי אַ פייל געטראָגן האָט זיך גלייך,
דער שווייס אַ גלאַנציקער געטריפט האָט פון די האָר אים.
ס׳איז ניט דערגאַן צו אים דאָס קרעכצן פונעם טייך
און ניט דאָס וואָיען אין די הייכן פון מאָטאָרן.

III.

און האַלב־פאַרגאַפּט, ווי אויסגעגאָסן פון טשאַוואון,
זיינען געשטאַנען רויטאַרמייער אויפן שיפל,
און אַט אַזוי, אויפן געהער און אויפן וואונק,
זיך דורכגעסודעט מיט דער ווייט און מיט די טיפן.
איינער אין אַנדערן פאַרוואַקסן און געלענט,
אַלע אינאיינעם — מיט געפאַר אַדורכגעפלאָכטן.
ווי אַ פאַרשפּעטיקטער פאַרשוין האָט מיט די הענט
אַליין זיך אָנגעכאַפּט דער גורל פאַר די באָרטן:
„צי וועט ניט עמעצער זיך געבן דאָ אַ רוק?
צי ניט געלאָזט האָט מען אין שיפל דאָ אָן אָרט אים?"
ס'האָבן די שווימענדע זיך שטיל איבערגעקוקט,
געשוואומען ווייטער איז מען שווייגנדיק און פאַרכטיק.
מעפּאַדי רודערט גראַד, ווי אין פאַרשפּראַך,
און זיינע רודערס שלאָגן פונקען אויס פון צאָרן.
ס'האָט זיך געדוכט, אַז ער צעבלאָזט מיט יעדן פאָך
אַזאַ געהיימניספולן שווימענדיקן האָרן.

IV.

שוין עגבערט פון דער הייך אַ בילנדיק געוואַי.
עס טאַפּט שוין עפּעס אימהדיק אויף כוואַליעס פונדאַסניי אַן.
ס'וועט באַלד אַדורכשווימען דאָס שיפל קאַליסטרוי
צווישן די אָפּגרונטן פאַרבאָרגענע און פייער,
איעדער איינער אין דער שטילקייט קוקט זיך אום,
ס'געפאַר איז פייערלעך, און וואונדערלעך, און רוישיק,
דער טויט — פון אויבן, און פון אונטן, און אַרום,
און גאָרניט מער זעט אַחוץ אים זיך ניט אַרויס שוין...
און ס'האָט אַ זעץ געטאָן די פינצטערניש מיט בלייַ,
געטאָן דאָס שיפל דורכן אָפּגרונט ס'האָט אַ שליידער,
נאָר אויסגעבליצט דאָס פייער האָט פאַרביי,
און אָפּגעהילכט די ווינטן האָבן: ווייטער!
מעפּאַדי האַלט ביי זיינע רודערס זיך געטריי,
ס'האָט בלויז אַ כוואַליע אים אַראָפּגעזעצט דאָס היטל,
נאָר היטלען שווימען שוין אַ מענגע אויפן טייך,
און אויפן טייך איז אַ געדרענג און אַ געוויטער.

V.

געשוואומען הימלען זיינען איינזאַם אויפן טייך,
אין ווייסן שוים האָבן זיך שטערנדלעך געבאָדן.
דעם בליק ניט אָפּווענדנדיק, איינגעשפּאַרט און גלייך
צום רעכטן ברעג גערודערט האָט מעפּאַדי.

נאָר ניט געוואוסט האָט ער, באַלאַגערט דורך דעם תהום,
וויפל געבליבן זיינען קריגער נאָך אין שיפל,
וויפל פאַריאָגט אין אָפּגרונט ס׳האָט דער שטראָם
און מיט די כוואַליעס ראַנגלען זיך נאָך וויפל ?...
און ניט געוואוסט, אַז בלוט פון גאָרגל זיינעם שפּאַרט,
אַז ס׳טריפט אַראָפּ אויף זיין צעוויקעטער מאַרינאַרקע...
געזעצט אויף זיינע הענט האָט זיך די נאַכט,
געוואונקען האָט פון ברעג אַ פינצטערע כיבאַרקע.
דעם ווי פאַרקריצט, פאַרביסן מיט די ציין,
האָט ער געטראָגן זיך אַריבער אַלע גרענעצן
און ניט געוואוסט, אַז ס׳גייט דאָס שיפל שוין אַליין
און אַז די רודערס שלעפּן נאָך שוין זיינע הענט זיך...

VI.

אין ברעג אַריינגעגאַן דאָס שיפל איז פאַרטרויט,
ווי אין די אָרעמס פון אַן אויסגעבענקטער מאַמע.
נאָר ניט אַראָפּגעלאָזט מעפּאַדין האָט דער טויט,
ער איז געזעסן אין די רודערס איינגעקלאַמערט.
ער האָט דורך כוואַליעס שוימיקע נאָך פאַרגעזעצט דעם וועג,
ווי נאָך ניט אַלץ דערזאָגט וואָלט ער געהאַט די טיפן.
אַראָפּגעטראָגן האָט מעפּאַדין אויפן ברעג
אַ רויטאַרמייער, אַן אַראָפּגעשפּרונגענער פון שיפל.
עס האָבן וואַסערן די האָר מעפּאַדין אויסגעעגלט,
איבער זיין קאָפּ איז אַ ידיעה אויף צוריק געגאַן שוין:
„דער רעכטער ברעג. אַוואַדיס רעדט.
פאַראַן שוין אַ פּלאַצדאַרם. ס׳פעלט איינער פון דער מאַנשאַפט".
צום אומגעקומענעם איז דראַזד געלאָפן ניט געזאַמט,
מיט דער פּאַלאַטקע אים פאַרדעקן און באַשטאַטן,
נאָר זיך פאַרהאַקט האָבן די קני זיינע אין זאַמד,
און אויף אַ ווייל האָט ס׳האַרץ זיך אָפּגעשטעלט אים: — טאַטע!

36. דעם זיידנס שיפל

I.

דאָס שיפל האָט סאַדאָווסקי גלייך דערקאַנט.
דער זיידע, ווי אַ טאַפּאַל, האָט פאַר אים אַ שטעל געטאָן זיך.
וואַסיאַנע, וואַראַבי — זיי זיינען אַלע דאָ, דערנעבן, נאָ׳נט,
נאָר ס׳האָט אויף יענער זייט פון דניעפּ זיין בליק געבלאַנדזשעט.
אָהין זיך דורכשלאָגן! צום־אַלעם־ערשט — אָהין!

דעם זיידנס קול האָט איצט ניט אָפּגעלאָזט אים:
„מיר וועלן פרי׳ר דאָס דריטע מאָל אַריינגיין קיין בערלין,
אײדער זיי וועלן ס׳ערשטע מאָל אַריין קיין מאָסקווע!״
— וואַסיאַנע! — האָט סאַדאָווסקי אויסגעהילכט דאָרט הויך,
ווי נאָר פון פליט דעם טראָט דעם ערשטן האָט געטאָן ער,
און האָט דערלאַנגט אַ פאַל, פאַרהילט אין רויך,
ניט פילנדיק דאָס זעצנדיקע בלוט פון פּנים.
ער האָט געטאַפּט דעם באָדן מיט די הענט,
ווי טייערע געזיכט־צוגן, געוועקט פון שלאָף זיי,
און צו די גראָזן די פאַרוועלקטע זיך געווענדט:
„ס׳איז איך, ס׳איז איך, ס׳איז אַלעקסיי סאַדאָווסקי!״

II.

פאַרטויבט האָט ער דעם ווי מיט ברויז און רעש,
וואַסיאַנען רופנדיק, פאַרוואָרפן אין אַ שאָפע,
נאָר ס׳איז זיין קול דערגאַנגען צו אַ בערגל אַש
אונטער אַן איינגעבראָכענעם פאַרברענטן טאָפּאָל.
ס׳האָט עמעצער אַהין געבראַכט אַ שטיין —
געהיים דעם אומבאַוואוסטן קבר צאַמען.
געערוט האָט דאָרט וואַסיאַנעס מוטערלעך געביין
מיט זיבן קינדער, אומגעקומענע צוזאַמען.
און עמעץ נאָך ביינאַכט אַליין
געבראַכט אַן אונטערוועגיק ביימל האָט צו שלעפן,
און טאָג ווי נאַכט מיט אַ געוויין
באַוויינט דעם קבר האָט דער דניעפּער.
צוויי וועגן — אויסגעצויגן גלייך,
מיט טרויער האַרבסטיקן פאַרוויטע:
געגאַנגען איינער איז צום טייך,
און צו אַ קינדער־שול — אַ צווייטער.

III.

אַ שוואַרצער זרוב, פונקט ווי מיט טינט פאַרפלעקט,
דער טאַרטשענדיקער קוימען — גרייט אַ פאַל טאָן.
דאָס איז וואַסיאַנעס שול, אין זייט פון וועג,
דאָ האָבן קינדער יידישע זיך אויסבאַהאַלטן.
אַרומגעהוליעט האָט אין פעלדער שוין דער שניי,
ביים וועג די ביימער שוין געשטאַנען זיינע הוילע.
אין שרעק געלאָפן פון אַ שטעטל זיינען זיי,
וואו דייטשן האָבן אַלע יידן אויסגעקוילעט.
די גרוב בלויז זען באַוויזן האָבן זיי,
באַוויזן הערן דאָס געשריי און דעם געוואָי נאָר,

און זיך אויף גאָטס באַראָט געגעבן אַ צעזיי,
ווי זיבן לעמעלעך, אַנטלאָפּענע פון בוינע.
געקומען זיינען זיי אין דאָרף ביינאַכט,
ס'האָט איינער אין אַ שטיבעלע געטאָן אַ קלאַפּ אָן.
וואַסיאַנע האָט זיי שפּיז דערנאָך אין שול געבראַכט,
אין עדות איז געווען — אַן אַלטער טאָפּאָל.

IV.

ביז סאַמע פרילינג האָט זי זיי אין שול געהיט,
דערנאָך האָט זי אַוועקגעפירט אין פרייען פעלד זיי:
דער ווינט ניט פרעגן וועט ביי זיי — אַ ייד, צי ניט קיין ייד,
דאָך צלמלעך זיי אָנגעטאָן דאָרט אַלע אויף די העלדזער.
נאָר אויפן האַרצן האָט געלייגט זיך איר אַ שטיין,
פאַרצויגן האָט דעם גאַרגל אַ געוויין איר:
קיין עוולה קענען זיי וועלן די פייגל ניט באַגיין,
זיי אויסגעגעבן אין פעלד וועט פאַר געוויס ניט קיינער,
און דאָך האָט זי פאַרטויבן ניט געקאָנט דעם ווי,
ווייל טאָמער וואָס... ווייל טאָמער ווערט מען דאָך געוואוירע?!...
וועט דען געווענוג זיין אויף באַהאַלטן זיך אַ סטערטע היי?
ניט אויפגעהערט דער אומרו האָט אין האַרץ אין אירן יורן...
זי וועט זיך נאָך אַראָפּכאַפּן פון צייט צו צייט אַהער,
זיי ברענגען עפּעס־וואָס, דאָס חיות צו דערהאַלטן,
ביז זי אַליין, פון עמעצן באַמערקט,
וועט פון די פיס פון אירע ניט קיין פאַל טאָן.

V.

זיבן קינדער יידישער אין הפקר־פעלד,
ווער פאַרצוקן ס'וויל זיי — פראַנק און פריי איז!
ווי ניט קיין מאַמע וואָלט געטראָגן און געהאַט זיי אויף דער וועלט,
נאָר ווי אַרויסגעיאָגט די טראַכט האָט זיי אויף שפּיז פאַר חיות.
זיי האָבן אומגעוואָגלט הפקר, נע ונד —
אַ יונגע, אַ פאַרפאָלגטע זיבן־קינדערדיקע עדה.
פון אַלץ, פון אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט,
פאַרוואָלגערט האָט ביי איינעם זיך אין קעשענע אַ דריידל.
געגאַנגען איז פון דעם אַ זיסער שאַרך
אַ שפּיל טאָן זיך און די געפאַר פאַרוויגן...
איז בלויז אַ חיי־שעה,
אין דריידל שפּילנדיק, ניט־דאַאיקע, ניט־היגע,
געגאַסן פון הכנסת־אורחים ביי דעם תהום
מיט דאַנקבאַרקייט זיי האָבן איילעוודיק־פאַרשייטע,
ווי אַ קאַפּעלע פייגל אונטערוועגס, איבערגעראַשט פאַרטאָג,
וואָס דאַרף זיך אָט שוין אויפהייבן און פליען ווייטער.

VI.

דאָס דריידל האָט געדרייט זיך קאָן נאָך קאָן.
געפעלט האָט נאָר אַ היים, אַ טאַטע און אַ מאַמע.
פאַרגעסן זיך, אַז זיי דערזען דער אומגליק קאָן
און מיט אַן עיגול זיי אַרום דעם וועג פאַרצאַמען...
און אײדער מ׳האָט באַוויזן טאָן זיך אַ צעזיי,
האָבן זיך הינט צערייצטע אָפּגעלאָזט זיי כאַפּן.
אויף טויט אַ קינד צעריסן האָבן זיי,
די איבעריקע — צום געריכט מיט וואַראַבייען אין געסטאַפּאָ.
„היגע זיינען מיר!״ — ניט־רירעוודיק און גלייך
געשטאַנען זיינען זיי אין שחיטה־הויז פאַרטשאַדעט —
זיבן קינדער הפקרדיק אַנטקעגן דריטן רייך,
זיבן קינדער, ווי אַ פייגלדיקע טשאַטע.
געזען דעם מלאך־המות אין מאַנאַקל האָבן זיי,
געקוקט אויף די פאַרשנורעוועטע ציינקאַסטנס, ווי קלאַמערס.
וואו האָט דער אומגליק זיי אַהינגעטאָן די היים?
וואו האָט דער אומגליק זיי אַהינגעטאָן די טאַטע־מאַמעס?

VII.

וואו האָט דער אומגליק זיין אַהינגעטאָן די וועלט?
האָבן זיך קינדער אין דער לופט, פאַראורטיילטע, געקלאַמערט.
ביינאַכט האָט מען די קינדער אויפהענגען באַפעלט
און ביז ביינאַכט — צו דער באַשיצערין אין קאַמער.
ס׳האָט יעדערער פון זיי די לערערין דערקאַנט,
אין שול האָט יעדערער געגעבן אַ דערמאָן איר.
— וואָס וועט מען טאָן מיט אונדז ביינאַכט? — האָבן זיי נאָ׳נט
זיך צוגעטוליעט, ווייַנענדיקע, צו וואַסיאַנען.
— אויף אַרבעט וועט מען אונדז אַוועקפירן ביינאַכט,
אין פעלד וועלן מיר פּאַשען לעמעלעך און ציגן... —
און יעדן איינעם שטיל און צאַרט
גענומען האָט זי מוטערלעך פאַרוויגן... —
שלאָפט איין, שלאָפט איין און רוט זיך אָפּ, —
פאַרשפּראָכן האָט אין קאַמער זיי וואַסיאַנע,
און יעדערן פון זיי אַ קוש געטאָן אין קאָפּ,
און יעדערן פון זיי קוש געטאָן אין פּנים.

VIII.

און שטיל אין זיך געוואָרגן דאָס געוויין,
די לעצטע רגעס ציילנדיק אין אומעט.
די קינדער האָבן דאָך זיך אויפגעכאַפּט אַליין,
קיין שלאָף איז מער אויף זיי שוין ניט געקומען.

— ווי שפּעט איז, לערערין, ווי שפּעט איז שוין? —
האָט איינער זיך געפרעגט, — פאַרשלאָפן נאָך מיר קאָנען! —
געחלומט האָט זיך אים אַ קלאָר־ווייס ציגעלע, ווי שוים.
און קרעכצנדיק, אַראָפּגעלאָזט די אויגן האָט וואַסיאָנע.
ניט קוקנדיק, געגלעט אים פאַר דער האַנט,
אים אויפן שטערן אויסגעגלייכט די הערלעך:
— איר וואָלט זיך, קינדער, עפּעס אין אַ שפּיל דערמאָנט,
אויב שלאָפן ווילט זיך אייך שוין מער ניט... —
עס האָט געטאָגט. דערהערט האָבן זיך טריט.
זיך אויפגעעפנט האָט די טיר. אַריין דאָס דריטע רייך פאַרשייט איז,
און זיבן קינדער מיט וואַסיאָנען אין דער מיט
באַגעגנט האָבן זיבן תּליות מיט אַ שייטער.

IX.

— וואַסיאָנע! — האָט סאַדאָווסקי גאָר די ערד געוועקט
מיט יעדן טראָט, וואָס ער האָט דאָרט געטאָן נאָר, —
עס זייגען אונדזערע פון רעכטן ברעג פּאַראַויס אַוועק,
דער וועג דירעקט אויף מערב גייט, וואַסיאָנע! —
נאָר ס'האָט איר מוטערלעך געביין אונטער אַ בוים גערוט,
פון אָפּגערעשטער צייט זיך לאָזנדיק באַרירן.
געמאָנט די ערד האָט דייטשיש בלוט,
געמאָנט די ערד האָט דייטשישע פּגרים.
סאַדאָווסקי האָט געטאַפּט דעם באָדן מיט די הענט,
ווי טייערע געזיכט־צוגן, געמונטערט ווי פון שלאָף זיי,
און צו די גראָזן די פאַרוועלקטע זיך געווענדט: —
ס'איז איך, ס'איז איך, ס'איז אַלעקסיי סאַדאָווסקי! —
פאַרטויבט ער האָט דעם ווייַ מיט ברויז און רעש,
וואַסיאָנען רופנדיק מיט בלוטנדיקע טראָפּן.
נאָר ס'איז זיין קול דערגאַנגען צו אַ בערגל אַש
אונטער אַן איינגעבראָכענעם פאַרברענטן טאָפּאָל...

37. עצמות היבשות

I.

— קומט, חבר קאָמאַנדיר, — האָט צו סאַדאָווסקין זיך געווענדט
גור־אריה, ווי עפּעס וואָלט ער אים דערמאָנען,
ווען אויף די אַלטע קיעווער באַפרייטע ווענט
האָבן פונסביי צעפלאַטערט זיך רויטע פאָנען,
ווען אָפּגעהילכט אין מאָסקווע האָט

דער פיר און צוואַנציקסטער סאַליוט אויף אַן עליה
דער אַלטער גאָלדן־קעפּעדיקער שטאָט
אינאײנעם מיט די אויפגעוועקטע טרויער־בערג פון קיעוו...
צו דעם מאַיאָר סאַדאָווסקי זיך געווענדט האָט ער,
ווי ער דעם גורל וואָלט דעם אייגענעם פאַרטרויט אים: —
איך וויל אייך פירן צו דעם אָרט, וואו ס'האָט די ערד
איבער די לעבעדיק־באַגראָבענע זיך זיבן טעג געהוידעט.
ס'האָט אַ המון פון העכער הונדערט טויזנט מאַן —
פאַרנאַרטע מאַמעס, זויג־קינדער און זקנים —
געשאָכטן דאָרט דער דייטש. — און ווי געטאָן זיך אַ דערמאָן: —
זי וויגט זיך נאָך, די ערד. און שטילן וועט זי זיך ניט קיינמאָל.

II.

געשפּרייט האָט זיך אין ווייט אַ חרובדיקער וועג,
געקעפּטע טאָפּאָליעס אונטער אַ קריעדיקער כמאַרע.
— האָבן אַ סך פאַרלאָזט די שטאָט? — מיט שטילן פרעג
האָט זיך אַ קער געטאָן סאַדאָווסקי צו גור־אריהן.
געדאַכט האָט זיך, אַז יעדעס זעמדל, יעדער שטיק
מיטן אַדורכגעברענטן מויל גור־אריהס בריט אים:
— אָ! דאָס האָט אויך געדמאַניע באַזאָרגט אַליין,
ניט אויסריינען פון אירע הענט זאָלן דעם רייכס פּראָפיטן...
דעסאַנטן האָבן זיי פון מיטן לויפן אומגעקערט,
צוריק מיט פייער פון פוגאָסן זיי געטריבן.
און נאָך: די אָרטיקע געקויפטע קנעכט,
וואָס זיינען וועגווייזער נאָכהער געוואָרן צו די גריבער... —
געקריצט אונטער די טריט האָט בראָך פון גלאָז,
געשטיקט האָט זיך סאַדאָווסקי מיטן קול נאָך טריבער:
— פאַרוואָס־זשע האָבן זיי די הענקער ניט געלאָזט
די רידלען אין די קעפּ, אָנשטאָט זיך גראָבן גריבער?

III.

גור־אריה אָפּגעווישט האָט פון די ליפּן שטויב,
געגאַנגען שווייגנדיק און אויפגעכאַפּט ווי פּונעם שלאָף זיך,
נאָכהער אַ זאָג געגעבן איילעוודיק און טויב:
— געווען איז אַלץ. און אויך אַזוינס. געווען, חבר סאַדאָווסקי,
אָבער ניט די, — האָט ער אים מיטן בליק געטאָן אַ ריר,
און זיך פאַרלאַנגזאַמט אויף אַ ווײַלע האָט די טריט ער, —
די מענטשן טויזנטער פון גאַנצע שטעט געשטאָרבן זיינען פריי'ר,
נאָך איידער ס'האָט דער קאַט געפירט זיי צו דער שחיטה...
געשטאָרבן פרי'ר זיי זיינען פון בזיון און פון פּיין.
ערשט דעמאָלט האָט דער קאַט ווי ליים געקאָנט זיי קנעטן,

און צווינגען זיי הכנעהדיק־געהאָרכזאַם זיין
צום מעסער, צו דער האַק און צו דער גערטאַ.
פונקט ווי פון קינדער אויסגעצאַפּט געדמאַניע האָט דאָס בלוט,
אַזוי פון דערוואַקסענע זי אויסגעגאָגט האָט די נשמות,
און אָנגענומען האָבן זיי דעם טויט פאַר גוט,
אַן אויסלייזונג פאַר זיי געווען דער לעצטער תהום איז...

IV.

זיי זיינען וויטער, שווייגנדיק, אַוועק.
קיין וואָרט ניט אויסגערעדט שוין מער זיי האָבן
די גאַנצע צייט פון טרויעריקן וועג,
וואָס האָט געצויגן זיך צווישן בראָך און גראָבנס.
געגאַנגען זיינען זיי איבער דעם זעלבן וועג,
וואָס איבער אים געטריבן האָט דער דייטש די מחנות יידן.
דער טויט געגלאַנצט האָט דאָן אויף שאַרף פון העק,
נאָר ס׳האָט דער הארבסט מיט ווידערוואוקס אויף זיי געבליט דאַן...
געגאַן זיי זיינען אָפּצאָלן מיט בלוט דער ערד,
וואָס האָט מיט זאָמען זייערע באַפרוכפּערט פאַר דער וועלט זיך.
אפשר דערפאַר האָט קיין יללה זיך געהערט
פון זייערע געשאָכטענע און אויפגעהאַקטע העלדזער?
אפשר דעריבער האָבן זיי אין לעצטן גאַנג
די לייד אויף זיך געלאָזט מיט רו מיט אומגעהערטער,
ווייל ס׳האָט אומשטערבלעכקייט צו זיי פון אומעטום געבלאַנקט,
און ס׳האָט אין איר איבערגעבערענט דער מעסער־בלאַנק פון מערדער.

V.

געגאַנגען זיינען זיי מיט האַק־און־פּאַק צום טויט,
מיט חופּות און מיט וויגעלעך אין שבתדיקע קליידער;
געגאַן זיי זיינען מיט געצייג און מיט דעם אָרעם ברויט.
אַן אומפאַרלענדטע לעבעדיקע עדה.
אַ פּחד אויף די הענקער אָנגעוואָרפן האָבן זיי,
אויך טויטערהייט, פאַרברענטע און צעמאַלטע,
מ׳האָט דורכגעזיפּט דאָס אַש און מיט די ווינטן עס צעזייט,
נאָר יעדעס שטויבל האָט געלעבט און, בלאַנדזשענדיק, געמאָלדן
איבער דעם ראַנד פון קברדיקער שוועל,
איבער די העק פון די באַזויפענע און דולע מערדער:
זיי האָבן ניט פאַרשפּילט די וועלט,
אויב אומגעקערט האָט זיך גור־אריה צ׳ריק אַהער דאָ
מיט אַ סאָוועטישער אַ בלאַנקענדיקער שווערד
צווישן פיל טויזנטער רויטפאָנעדיקע יידן —
אַליין אויף דריי גוואַרדייסקע פערד,
וואָס ס׳האָט פאַר אים אַ ביינציק־יעריקן זקן אויסגעהיט דאָ...

VI.

די אויגן מאַכט ער יעדע ווײַלע צו.
דער ניט־געטרייסטער פּײַן גיט יעדע ווײַל דעם קאָפּ אַ בייג אים,
און ער דערזעט דעם לאַנגן טרויעריקן צוג,
וואָס ס׳האָט זיין ווי אַדורכגעהאַקט דעם הימל, ווי אַ רעגנבויגן.
עס רוישט דער זעלבער האַרבסטיק־טרויעריקער ווינט,
עס שאַרכען מיט דעם זעלבן שאָרך די הוילע ביימער,
אין ווייט זיך טראָגט דער ניט־געשטילטער ווי און ווינד
פון די, וואָס האָבן זיך ניט אומגעקערט אַהיים מער,
עקשנותדיק, מיט ביטול צו דעם קאָט,
דעם איינציקן געבאָט — געבאָט פון זיין — געטרייע.
אַ טרייסט, אַ טרייסט האָבן זיי דאָך געהאַט,
ווייל פאָלנדיק געהערט האָבן זיי טריט פון די באַפרייער,
און רואיק זיינען זיי געווען אַזוי דערפאַר,
ווייל זייער גורל איז געווען מיט שטערן־שיין זיך כאַוועז.
און אויפגעדעקט האָט זיך אין ווייט פון באַבי־יאַר
אַנטקעגן זיי — דער שוואַרצער טרויעריקער טאָוול.

VII.

זיך אָפּגעשטעלט, אָן אבל, האָט אַליין די צייט:
זיך ניט באַוועגן מער און מער ניט שטראָמען פליסיק,
געצויגן האָט אַ טאָל אַ ברייטער זיך אין ווייט,
באַדעקט מיט אַש און דורכגעברענטן פּריסעק.
אַ לייכטער האָט געוואָלגערט זיך אינמיטן באַבי־יאַר,
פון דור צו דור צו מאַמעס יידישע געוואַנדלט האָט געוויס ער,
און דורכגעלאָזט דורך זיך אַ ים פון צער,
און דורכגעלאָזט דורך זיך פון טרערן אַ געוויסער...
ווען ס׳גיט אין אים אַ שמעלץ פון שאַרפקייט זיך אַ ליכט
פון אַ פאַרוואָגלט־הימלאָזיקן שטערן,
דאַכט אויס זיך, אַז דורך שאָטנס ווערט דער טאָל באַרירט,
און אַז געוויינען אונטערערדישע פון מאַמעס זיך דערהערן.
דער ווינט דער האַרבסטיקער האָט ניט געשטערט די רו,
אַ טשאַטע פייגל איז מיט פאַרכטיקייט פאַרבייגעפלויגן.
סאַדאָווסקי איז געשטאַנען אָן דער הוט,
גור־אריה האָט דעם בליק אין מתים־טאָל אַריינגעצויגן...

VIII.

געצויגן האָט זיך ווייט אַרום דער באַבי־יאַר,
ווי אַ געהיימע טויזנטיעריקע דערמאָנונג.
קיין ברעג איז ניט געווען צו דעם צער,
און צו דער שטילקייט ניט געווען איז קיין אָנהייב.

אַ שטיקל שאָל אַ טערקישע געשטעקט האָט פון דער ערד,
געגלעט האָט שפּילעוודיק אַ ווינט און זי געצויגן,
פּונקט ווי פאַרדעקן דאַרט געוואָלט האָט ער
דער גאַנצער וועלט די אומפאַרשעמטע אויגן...
נאָך קינדוויז — מיטאַמאָל האָט זיך גור־אריה איינגעטראַכט —
דערציילט האָבן אין שול די זקנים פון לאַנגאַנגען,
אַז ס׳שטייען מתים אויף ביינאַכט
און אין טליתים זיינען זיי מחדש די לבנה...
ער ווייס ניט, צי געווען איז ער אַ קינד אַ קליינס,
ער ווייסט ניט, צי געווען זיין קינדהייט וואָר איז,
ס׳איז וואָר בלויז איינס, אַז ער אַליין
איז אויפגעשטאַנען פון אַ בית־הקברות.

IX.

פון דעם, אויף וועלכן דאָ ער שטייט אַצינד,
פון דעם, וואו ס׳ליגט געשענדט דאָס פאָלק דאָס גאַרע,
און ס׳האָבן זיינע אויגן זיך געגעבן אַ פאַרצי
מיט אַש פון טויזנטער אַזעלכע מאַנענדיקע קברים...
און מיטאַמאָל האָט פון דער ערד אַ שפּאַר געטאָן אַ בייך,
און נאָך. אַ סך. גענומען האָבן זיי זיך פלאַנטען.
אים האָט געדוכט, ער הערט זייער דערשטיקט געוויין:
מע זאָל אין לייב און הויט פונסניי זיי אָנטאָן...
זיי וועלן זיך אַליין צונויפהעפטן באַנאַנד,
אַריינהויכן זאָל פייער זיך אין זייער ווײ־שויס.
גור־אריה האָט זיך, שטוינענדיק, דערמאַנט
אין טאָל פון די עצמות היבשות...
ער האָט געהערט פון ביינער רוישיקע דאָס קול,
ווי אין אַ שטיינעריקן ברעג פון כוואַליעס די געפּליעסקן:
„אָט אויף אַזאַ־אַ וויסטן ביינער־טאָל
איז אויפגעגאַן די וויזיע פאַרצייטנס צו יחזקאלן.

X.

און אים געפירט אַרום, אַרום, פאַרביי
און האָט אַרויסגעוויזן, פרעגנדיק, גענאָד אים:
צי וועלן לעבעדיק די ביינער ווערן פונדאָסניי,
בן־אדם?
און אים געזאָגט: זיי וועלן ווערן לעבעדיק פונסניי;
זאָג צו דעם גייסט: פון ווינטן פיר אַהער קום, אָטעם
זיך אין געביין פון די געהרגעטע אַריין,
וועלן זיי ווערן לעבעדיק, בן־אדם!
גענומען זיך דערנע׳נטערן האָט בייך צו בייך,

און אָנגעפּאַנגט האָט זיך אַ רעש אין אַלע עקן:
מיט אָדערן און פליש פון אויבן האָט אַליין
איעדער ביין געגומען זיך באַדעקן,
און ס'איז אין זיי אַריין דער גייסט,
און גבורה איז אין זיי אַריין מיט פייער —
זיי האָבן אויף די פיס געשטעלט זיך דרייסט
און זיך אויפגעלאָזט — אַ גרויס, אַן אומגעהייער חיל".

XI.

דאָס האָט גור־אריהן אויסגעדוכט זיך בלויז,
איבערגערוקט די צייט האָט אויף אַ ווייל זיך אין זיין מוח,
בלויז אויף אַן אויגנבליק איז ער פון איר אַרויס
און אָנגעקומען אין דער קינדהייט פון זיין טרויער.
אַ גראַדן צוטריט האָט אַצינד געהאַט
צום פאָלקס געשעענדטן טויזנטיעריקן ווייַ ער,
נאָר ער איז ניט קיין נביא — אַ סאָלדאַט
איז ער, אַ פּראָסטער רויטאַרמייער...
און נעבן אים איז אַש פון טויזנט יאָר,
אַ שטיקל שאָל אין בלוט מיט ווינטיקן געשטאַמל,
אַן אויסגעקרימטער לייכטער, איינגעוויגט אין בראָך,
וואָס אין די דורות איז אַריבער פון אַ מאַמע צו אַ מאַמע...
— איצט קאָן אַהער אַראָפּנידערן גאָט אַליין, —
אַרויסגעהויכט אין טרויער האָט גור־אריה, —
און זיך דעם קאָפּ צעזעצן אין אַ שטיין,
אויף קברים פון די באַבי־יאַרן...

XII.

מיט גליווער אָנגעגלאָזט געווען איז זיין בליק.
איעדע ווייל האָט שווערער צוגעשמידט צום טויטן טאָל אים.
— ס'איז שוין, גור־אריה, צייט צוריק! —
האָט אים סאַדאָווסקי אויפגעוועקט, ווי פון אַ חלום.
און מיט די אויגן בלויז אַ צייכן אים געמאַכט,
און אַן באַדערפעניש אַ צי געטאָן אויף זיך דעם רימען.
זיך אָנגערוקט אַ שווערע האָט די נאַכט,
און נידעריקער מיטאַמאָל געוואָרן איז דער הימל.
סאַדאָווסקיס טראָט געווען איז האַרט,
זיין טראַכטן אויסגעקלאָפּט האָט יעדער שפּאַן אים: —
מיר וועלן זיי, גור־אריה, שניידן היינט ביינאַכט,
מיר וועלן זיי דעם טאָל דעם דאַזיקן דערמאָנען... —
דער ווינט דער האַרבסטיקער האָט ניט געשטערט די רו,
אַ פויגל האָט די הייך געשניטן מיט די פליגל.

סאַדאָווסקי האָט פאַרגעסן אָנצוטאָן די הוט,
גור־אריה האָט דעם גאַנצן וועג צוריק געשוויגן.

XIII.

ביינאַכט איז מען אין אַנגריף איילנדיק אַוועק,
זיך אַ צוואָרף געטאָן ביים ראַנד אין פעסטע קייטן.
גור־אריהן, אויפן פלאַנג, ביים סאַמע עק
האָט איינגערוימט סאַדאָווסקי צווישן איין קאָמאַנדע און דער צווייטער:
— עס וואָלט, גור־אריה, רעכט געווען, אַז אויף דער דייטשער ערד
וואָלסטו דער ערשטער אָט אַזוי אַריינגעריטן
אויף דיינע ברענענדיקע דריי געשענקטע פערד,
וואָס דער לייב־גוואַרדיע־סאָלדאַט האָט אויסגעהיט דיר. —
אַ הייב געטאָן גור־אריה צו סאַדאָווסקין האָט פון דר׳ערד
זיינע פאַרפלאַמטע, שלאָפלאָזיקע אויגן:
— דער כבוד קומט דאָך אייך, דער כבוד און די רעכט, —
און זיך פאַרטראַכט, ווי אין געדאַנק נאָך עפּעס־וואָס געוואויגן.
ער האָט זיך איינגעהערט אין צויבערדיקער פראַכט,
פאַרוועבט אין שטערן־שיין, פאַרהייבלטער און דינער:
ווי וועקט מען אויף אַן ערב־בראשיתדיקע נאַכט,
ווי וועקט מען אויף אַ מבול אויף דער בלוטיקער מדינה?

38. די קבורה פון אַ פויגל

I.

דער דריטער ווינטער איז געגאַן צו ענד,
געאיילט דער פרילינג האָט דורך פראָסט און שנייען.
ס׳האָבן נאָך דערפער רוסישע געברענט,
און שוין געפלאָקערט האָבן דייטשישע אַרמייען.
ווי שטשורעס אָנגעצונדענע אין שטייגן רונד אַרום,
געגאַוועט האָבן זיי אונטער דעם גרייפנדיקן אָקער,
עס האָט אויף זיי געבראַנט דער רויבערישער רום,
די פעל די ברוינע האָט אויף זיי געפלאָקערט.
זיי האָבן אויף צוריק מיט שרעק זיך אומגעקוקט:
די וועגן — אָפּגעהאַקט, פאַרוואַלגערט מיט פגרים.
געשטערעקט צו זיי האָט, ווי אַ מעסער, זיך דער בוג,
און ווי אַ שלייף זיך אָנגעוואָרפן האָט אויף זיי דער האַרין.
דער דריטער ווינטער איז געגאַן צו ענד,
געאיילט דער פרילינג האָט מיט מילדן שיין און שטילע פרעסטלעך.

זיך אומגעקערט האָבן די פייגל פון דער פרעמד
און ניט געטראָפן ניט קיין ביימער, ניט קיין נעסטן.

II.

זיי האָבן טשאַטשעסוויז געדרייט זיך אין דער הייך,
ווי אַזאַ ברויזנדיקער אָנפלי פונעם פרילינג,
געשמעקט האָט אויף אַרום מיט שׂרפה און מיט רויך,
געשמעקט האָט אויף אַרום מיט בראַך און מיט פאַרטיליק...
און אַ געפאַך אַזאַ און אַזאַ פריידיקער געקוועל
פונעם צוריק־קום אויף די לייבלעכע, די ליבע ערטער.
דעם הימל פאַרן דייטש האָבן זיי, פאַכענדיק, פאַרשטעלט
און אים פאַרטויבט מיט זייער פייגלשן געלעכטער.
וואָס מער די זיינען פריילעכער געווען און האָפערדיק וואָס מער,
אַלץ נענטער דעם טויט געזען האָט דער דייטשן.
אַ תּפֿילהדיקער טרויער איז געגאַן פון דר'ערד,
געוועןדער דריטער פרילינג איז ניט ווייט שוין.
געזוכט די פייגל פונעם וואַלד האָבן דעם רעש,
געזוכט פון ווינטן האָבן זיי דעם טריבן פלאַטער,
און ס'האָט דאָס דייטשישע געוועער אין אָנמעכטיקן כּעס
געעפנט איבער זיי אַ פייער פון האַרמאַטן.

III.

אויף שטרעקעס ווייט האָבן די זאַלפן זיך געהערט,
און אין זיגזאַגן בלוטיקע, אין קראַמפּנדיקע, קרומע
געגומען פאַלן האָבן פייגל צו דער ערד,
זיך צוטוליען די פייגל צו דער ערד האָבן גענומען.
פאַרשליידערט ס'האָט אַ פויגל דורך דעם ראַנד
צו דער טראַנשיי לעם קאָמאַנדיר סאַדאָווסקי.
האָט ער צום פויגל צום דערשאָסענעם געטאָן אַ שפּאַן,
אַ קוק געטאָן אויף אים: דאָס מיילכל — אָפן, ווי אַ קנאָספּל...
דערנעבן גלייך איז אויסגעוואַקסן דראָזד,
זיך צוגערוקט גור־אריה מיט אַ קללה אויף די דייטשן.
— אַן אונדזערער! — האָט זיי סאַדאָווסקי צוגעלאָזט, —
געמיינט, דער וואַלד איז אויף געוויס באַפרייט שוין... —
צונויפגעלייגט ביים פויגל ער די פליגל האָט באַנאַנד,
אַ הייב געגעבן דעם פאַרבראַכענעם דעם טויטן קאָפּ אים: —
דו ביסט געפאַלן, ברודער, פון אַ דייטשער האַנט,
איז וועלן מיר מיט כּבֿוד, פויגל, דיך באַגראָבן!

IV.

אַ קבֿר אויסגעגראָבן האָט ער מיט דער שפּיז
און אין דעם גאָטזעליקן פויגל איינגעטענהט:

— ניטאָ קיין וואַלד. זיי האָבן אַלץ געמאַכט דאָ וויסט.
זיך צוגעאײַלט אַביסל האָסטו, ברודער מײַנער! —
גור־אריה איז געשטאַנען ביי דעם ראַנד,
געהערט סאַדאָוסקיס וואָרט און שטיל אַרײַנגעטראַכט זיך:
ווי גוט עס איז צו זיין אַפילו נאָר אַ פויגל פון אַ לאַנד,
וואו מ'האָט דיך ליב און וואו מע טראָגט דיך אום אין האַרצן
אָט בלויז דערפאַר, וואָס ביסט פאַראַן,
פאַר דיין געפאַך, ווי פאַר דיין ליד און דיין געשטאַמל...
ווי גוט עס איז צו זיין אַפילו אַ געוויקס נאָר פון אַ לאַנד,
אַז ס'זאָל דאָס גאַנצע פאָלק דעם לייבלעך אָנקערן אַ מאַמע!
געקוקט, ווי ס'ווערט דעם פויגל רעכט געטאָן ביים ראַנד,
ווי אויסגעהיט אין יעדן האַרץ איז פאַר אים ליבע,
און דאַן אין די הרוגים פון זיין שטעטל זיך דערמאָנט,
וואָס מיט געלעכטער האָבן הענקער זיי געשליידערט אין די גריבער...

V.

דער איינגעשטילטער אומעט פונעם ראַנד
האָט אין זיין בליק מיט וויטקייט זיך אַריינגעזויגן.
וואָס פאַר אַ גליק, וואָס ער קער אויך זיך אַן דעם לאַנד
ניט וויניקער ווי יעדער בוים, ווי יעדער פויגל.
זיך אויפגעהויבן האָט אַ בערגעלע מיט ליים,
דאָס קליינע קברל איז אויף די אויגן אויסגעוואַקסן.
ער וועט זיך אויך איצט, ווי אַ פויגל, אומקערן אַהיים
פון אָפּגעברענטע טעג, פון שטורעם און פון שלאַכסן...
אויך ער האָט מיט דער העכסטער מאָס געצאָלט
פאַר זיין אַ זון, אַ גלייכער צווישן גלייכע,
ניט נאָר מיט קברים פון קדושים אַן אַ צאָל,
ניט נאָר מיט הפקר־בלוט צעגאָסנס איבער טייכן,
נאָר אויך מיט קברים פון אַ שלאַכט־געפּרוואווטן דור
און אויך מיט בלוט פון שטערן־אויפגעשיינטע העלדן...
ווען ער וועט דורך פון סטאַלינגראַד ביז אַן אוקראַיניש דאָרף,
איז וועט צו אים זיין אייגן בלוט אַ רויש טאָן פון די פעלדער!

VI.

פון אַלץ אין זיין פאַרוואַרלאָזט־חרובדיקער שטאָט,
פון אַלץ, וואָס ניט באַוויזן האָט דאָרט צו דערברענען,
פון יעדער גאַס, פון יעדן הויף געזען ער האָט
זיין אַלטע היים, ווי זי האָט אויסגעזען. ווען נאָך אַ קינד ז'געווען ער.
געזען האָט ער באַשיימפּערלעך זי אויף דער וואָר,
די לאָדן אויף די פענצטער, ווי צונויפגעלייגטע פליגל,
און אונטער זיי — די ווערבע־ביימעלעך די פאָר,

וואָס ס'האָט דורך זיי דער הימל זיך געצויגן צו זיין וויגל...
געשוואומען איז זי איצט, די היים, זיך טוקנדיק אַליין
אינמיטן ים פון צייט — אַן אַלטע אויסגעשניצטע כלי,
אַן אָנגעזאָפּטענע מיט צער, מיט טרערן און געוויין,
דערשווימען זאָל זי ערגעץ־וואו און זיך אַרויסדערציילן...
געזען האָט ער איר דאַך, פון שימל גרין,
געזען ער האָט אין בראַך אירע פאַרפוילטע שטאַמען,
און דאַך וואָלט ער צוערשט אַריין אַהין
און זיך אַ וואָרף געטאָן, ווי אויף אַ קבר פון אַ מאַמען...

VII.

אין טרויער ער געגעבן צו סאַדאָווסקין האָט אַ פיר
די אויסגעמאַטערטע, די שלאָפלאָזיקע אויגן:
— איך וועל זיך, דאַכט זיך, אויכעט, חבר קאָמאַנדיר,
נאָך דער מלחמה אומקערן אַהיים, ווי אַט דער פויגל...
אַלצאיינס, — האָט ער אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט, —
זאָל זיין, אַז ס'איז שוין ניט קיין שטאָט און ניט קיין היים מער... —
געפאַלן איז זיין בליק איבער דעם אויסגעברענטן ראַנד
און אויף די אומגעפאַלן־ליגנדיקע ביימער. —
אַלצאיינס, — האָבן די אויגן זיך ביי אים צעגרינט, —
זאָל זיין ניט מער, ווי אַש, — האָט ער דעם קאָפּ אַ הייב געגעבן, —
כאָטש אין אַ מאַמע נייטיקט מען זיך בלויז, ווי לאַנג מע איז אַ קינד,
נאָר ליב האָבן באַדאַרף מען זי דאָס גאַנצע לעבן... —
סאַדאָווסקי האָט דאָס קברל פאַרשאָטן לייכט און דין,
געהייסן ברענגען זיך פאַר דעם אַ שטיין נאָך:
— צו וואָס, גור־אריה, איצט זיך אומקערן אַהין?
דו האָסט דאָך איצט שוין דאָרט ניט קיינעם! . . .

VIII.

אַ קוק געגעבן האָט גור־אריה דורכדרינגלעך און לאַנג,
באַטראַכט אויף זיין געזיכט דעם גאַנג פון צוגן,
און אויפגעגאַנגען אין אים איז אַ פאַרלאַנג
געגענען באַ'נט צו אים, ביז צו די סאַמע אויגן צוגיין
און אים אַ זאָג טאָן: „הערט! יאָרהונדערטן באַנאַנד
איין וועג אַדורכגעמאַכט מיר האָבן.
מיר שלאָגן זיך די גאַנצע צייט דאָ האַנט ביי האַנט
אין איינעם און דעם זעלבן גראָבן".
נאָר אויפגעהויבן האָט ער פון דער ערד אַ פאַראַיאָריק בלאַט,
צעריבן מיט די פינגער עס און גלייך צעזייט עס:
— אַביסל אַש... און ווי אַ מאַמע איז עס אַקוראַט...
אַ קבר... און ס'געביין פון עלטערן און זיידעס... —

געקוקט ער אויף סאַדאָווסקין האָט ווי ביי דעם ערשטן מאָל
און עפּעס נאָך און עפּעס נאָך געוואָלט אים זאָגן...
געצוימטער רעש פון בלוט געשפּאַרט האָט פון זיין קול,
און ס'האָט דער ווינט דעם רעש איבערן ראַנד צעטראָגן...

39. רוסישער חסד

I.

זיי זיינען לעבעדיק, די בערגלעך אַש פון סטאַלינגראַד,
די חורבות שפּיגלען זיך אין טיפן פון דער וואָלגע.
עס קוקן ווענט מיט פענצטער־גריבער גראַד,
ווי רויטאַרמייער־לאַוועס רייסן זיך אַנצאָליקע,
אַריבער נעפּלען באַלטישע זיי קוקן אויפגעריכט,
פון די קאַרפּאַטן־בערג דער רוים שפּרייט פאַר זיי פריי זיך,
זיי זיינען ביי ווי אויפגערופענע אויף דעם געריכט,
וואָס גייט שוין אויף דער ערד דער בלוטיקער פון פרייסן.
דעם הימל יעדער בראָכשטיק זייערער דערלאַנגט,
דעם אורטייל דייטשלאַנדס גרויזאַם זיי דערמאָנען:
דאָס האַרץ דאָס טיקולשע — אויף בראָך ביים מערדער־לאַנד!
דורך פינצטערניש פאַרשלונגען ווערן זאָל גערמאַניע!
ס'פאַרלאָזט זיי ניט דער רעש דער הייליקער פון שלאַכט,
און ס'טוט פון זיי זיך ניט דער לעגענדאַרער מוט אָפּ,
די פענצטער גיסן זיך ביי זיי אָן יעדע נאַכט
מיט דעם ראַקעטן־ליכט פון זיגרייכע סאַליוטן,

II.

וואָס לייכטן וויט, אויף אַלע וועגן צו דער וועלט,
און וועקן אויף די שמאַכטנדיקע רוימען מיט באַפרייאונג.
ס'קלייבן שוין פאַסטעכער פון יוגאָסלאַוויע אויפן פעלד
ראַקעטן מאָסקווער אויף, ווי עפּל גאָלדענע פון עץ־החיים.
איעדער זאַלפּ ווערט חדוהדיק דערהערט,
ווי אַ געשאַל צו דייטשלאַנדס לעצטע גסיסהדיקע גרוילן.
ס'נעמט שוין, ווי זאָמען, זיי פון אויפוואַך אויף דער ערד
פון דער פאַרפייניקטער טשעכאָסלאָוואַקיע, פונעם דערשטיקטן פוילן...
ער גייט פון רוסלאַנד גראַד, דער גאָלדענער פאַרזיי,
מיט שטיקלעך זון איבער דער ערד, פאַרטריקנטער פון גאַרן.
שוין ערגעץ גלייך, ווי שטערן, חופהדיק פאַרפלעכטן זיי
אויף זיך די נעכט די אויסגעבענקטע פון בולגאַריע.
באַטרונקען איז מיט זייער רעגנבויגן־ליכט די ווייט,

און צוימען ברעכן זיך, און פענטעס זיך צערייסן.
אַט שטייט דער רויטאַרמייער דראָזדביים ראַנד און טײַט
און ריכטעט דעם נקמה־מאַרש דעם גרויזאַמען דורך פרייסן.

III.

דער וועג איז אויף בערלין אַדורכגעבראָכן, גראָד.
פונקט ווי אַ בריק איבער אַ זומפּ — צום אויפפליען פאַרמאָסטן.
זיך אָנגעהויבן האָט ער נאָך ביי סטאַלינגראַד,
פאַרלייגט געוואָרן איז ער אונטער מאָסקווע!
עס זעט פון נאָ'נט שוין קעניגסבערג זיך אָן,
פאַרדעקט די רויב־נעגל די גאָטישע מיט וואָלקנס.
אים האָט סאַדאָווסקי אָנגעזען נאָך ביי דעם דאָן,
אים האָט סאַדאָווסקי אָנגעזען נאָך ביי דער וואָלגע!
צו זיינע פאַרשטעט צוגעגאַן איז האַרט דער ראַנד,
דעם צווינטער לייגן טויטע פאַר — אין גראַבנס אים פאַרשפּאַנען.
נאָר ס'שטעלט אָוואַדיסן אַ דענקמאָל אָפּ: דאָ ליגט באַגראָבן קאַנט.
און ער דערמאָנט זיך די געשענדטע יאסנאַיאַ־פאָליאַנאַ...
ער וואָלט צו דעם געשפּענסט פון דענקער זיך געווענדט:
„זאָל אייער רו, גאָטזעליקער, אין קבר ניט געשטערט זיין!
ס'הייבן ניט אויף ביי רויטאַרמייער אויף וואָלע די הענט,
ניט לעסטערן קיין הייליקייט געקומען זיינען זיי אַהערצו"!

IV.

אַט איז עס, אַט, דאָס פאַנצערדיקע אויבערלאַנד,
עס גייט אַצינד דאָס אָגגערויבטע עקלדיק אַ בראַך טאָן.
פאַרפלייצט די וועגן האָבן פליטים דורכאַנאַנד
מיט רויבזעק, קינדער־וויגעלעך און טאָרבעס.
די גייען איצט הכנעהדיק און לעקנדיק דעם שטויב,
און ווייסע פרידן־בענדעלעך אויף טאָרבעוואָטע אָרבל,
פונקט ווי די אויבערזין, פאַרקנסטע מיטן טויט,
געטראָגן האָבן הערשעריש צונויפגעלייגטע ביין־און־שאַרבן.
— די פערדינאַנדן און די טיגערס — ווי זיי זעען אויס?! —
האָט צו גור־אריהן סאַדאָווסקי ווינקענדיק געווענדט זיך.
פאַרפלייצט די וועגן האָבן היימלאָזע דורכאויס
מיט זאַנטיקעס, מיט דוקזעק און מיט רענצלעך.
און ווען ס'האָט צו סאַדאָווסקין זיך נאָך ברויט געווענדט
אַן אויבערמאַן מיט אויגן הינטישע, פאַרבלוטיקט און פאַרנעפּלט,
האָט ער, ניט אויסקער'וועגדיק זיך צו זיינע אויסגעשטרעקטע הענט,
געהייסן אויפן וואָונק אַ לאַבן ברויט אים געבן.

V.

גור־אריה האָט געקוקט, ווי עס באַטאַפּט דער דייטש דאָס ברויט,
ווי אומפאַרשעמט ער שטאָפּט מיט דעם דאָס מויל אָן.

אים האָט געדוכט: שוין ווידער קריכט די טומאה אויף זיך הויט.
עס האָט פון עקל אים געגומען גרוילן,
די אויגן האָבן זיך ביי אים געגעבן אַ פאַרקלעפּ,
ניט זען ער זאָל די מיאוסקייט אין זיינע דלד־אמות.
אַט דער צעקוועטשטער טיגער האָט געהאַקט ביי קינדער קעפּ,
אַט דער געפּאַטשטער פערדינאַנד געזעגן בייכער האָט ביי מאַמעס,
אַצינדערט לעקט ער ווערעמדיק דעם פוס,
וואָס טרעט אויף אים. ער ווייסט עס גוט. ער קאָן עס.
אַזוי וועט ער זיך פּרואוון ביי דעם גרויסמוטיקן רוס
פאַרשטעלט און צביעותדיק אַרויסרופן רחמנות.
צוערשט אַ שטיקל ברויט...
דערנאָך — אויף שנײַדן עס — אַ מעסער...
דערנאָך וועט אפשר נאָך עפּעס אים זיין פאַרטרויט,
ער זאָל מיט הינטער־טריט אַריינשטעכן אים קאָנען בעסער!...

VI.

„איר קאָנט מיר אפשר זאָגן, חבר גוואַרדיע־מאַיאָר, —
אַ פרעג טאָן ביי סאַדאָוסקין האָט געוואָלט גור־אריה, —
פאַר וועלכע מעשים־טובים, האַ? צו וועלכע שוואַרצע יאָר
זייט איר צום שלאַנג אַזוי גוטהאַרצעדיק און וואָרעם?
איך ווייס: איר קאָנט מיר זאָגן קורץ און שאַרף:
אין שלאַכט אַ קויל און ברויט ניט זשאַלעוועט דער זיגער!..."
נאָר ער האָט בלויז דעם בליק געטאָן אַן איבערוואַרף
אויף דעם צעקוועטשטן טייַענדיקן טיגער:
מיט נעגל קלאַמערט זיך די פּעסט נאָך אין דער נעץ,
וואָס אין דעם שליף גיט יעדע ווילע אַ דערמאָן איר —
גערמאַניע — די פּריסטערן פון טראָסטיניעץ,
גערמאַניע דער מאַלצייט פון מיידאַנעק,
גערמאַניע — די קללה פון דער ערד,
גערמאַניע — דער רויבזאַק פון תליינים!...
ווי הייליק איז די גרויזאַמע, די רויטאַרמייער שווערד,
וואָס גייט דעם הענקער־לאַנד אין יום־הדין דערמאָנען!

VII.

עס ברענען שוין די גיפטן־נאָרעס פון דער פּעסט,
די קללה ברענט פון צוואָנציקסטן יאָרהונדערט,
אַן אַנגעצונדענע, זי לויפט צוריק נאָך וועסט
אַ הייל זיך אויסשמעקן, פאַרלאַטען זיך די וואונדן.
און הינדענבורג טרעט אָפּ פון טאַנענבערג אַליין,
אין גרוב האָט נאָכאַמאָל פאַרשפּילט דעם קריג ער.
אונטער האַרמאַטן־רויש שלעפן אַוועק אויף זריעה זיך געביין,

גליַיך ווי שאַקאַלן — די פאַרדאַרבענע, געפּאַטשטע „זיגער״!...
קיין פרילינג ניט געוואוסט האָט נאָך אַזאַ מין פרייד און רעש,
מיט זיי פאַרגליַיכן זיך קיין שטורעם קאָן ניט.
אונטער דעם אָטעם זייערן ווערט לעבעדיק דאָס אַש
פון די פאַרפּייניקטע, פאַרברענטע מיליאָנען.
גור־אריה האָט געקוקט באַרוישט, גליַיך ווי אין היגערפלעט,
סאַדאָווסקיס גרויסמוט אומפאַרשטענדלעך איז געווען אים;
אים האָט ביי יעדן זאַלפּ איבער די ברענענדיקע דיַיטשע שטעט
פון מויל געריסן זיך מיט חדווה: שקץ תשקצנו.

40. ביים בראַנדענבורגער טויער

I.

דורך רויך רייסט זיך דער פרילינג דורך פאַרצויבערנדיק־גרין,
ווי הענט שטרעקן די צווייגן אים די לינדן און די טאַנען.
איז ווי־זשע קאָן מען אויף די ברענענדיקע גאַסן פון בערלין
זיך אין דעם פייערווערק פון מאָסקווע ניט דערמאָנען?
איבער דעם רייכסטאָג העלט אַ רויטע פלאַטערדיקע פאָן,
געפּענטעט נידערן די פערד פון בראַנדענבורגער טויער.
איז ווי־זשע זאָל סאַדאָווסקי זיך ניט געבן אַ דערמאָן
זיין אויסגעפּייניקט שטיבעלע ביי דניעפּ ביים בלויען,
דעם ערשטן טאָג פון קריג אין דאָרפישן באַגין —
און ווי זאָל ער מיט אָט־דעם פרילינג־צויבער ניט צוזאַמענפּאַסן
דעם פירערס רייד, וואָס האָבן אים מיט מוט געטראָגן אויף בערלין,
אַז „אויך אַ יום־טוב וועט אויף אונדזער גאַס זיין!?
— גור־אריה! — רופט ער אויס, נאָר ס'איז גור־אריה אין געפּעכט,
עס זעטיקט זיך מיט אַפּהילכן פון זאַלפּן נאָך זיין אויער.
ער וואָלט די לאַטע אַנגעטאָן אַציַינד, אַרויפגעקלעטערט אויף די פערד
אַ קוק טאָן אויף דעם פלאַמיקן בערלין פון בראַנדענבורגער טויער!

II.

דערזען, ווי ס'קייטלט זיך אַ טייל פאַנאַנדער פון אַ טייל,
ווי געגנשטאַנדן איינס פון צווייטן שליסן אויס זיך,
ווי ס'קערט אין כאַאָס אום צוריק זיך דער פאַרשוועכטער שטייך,
וואָס זיך באַקליידט מיט אים, ווי מיט אַ פּאַנצער האָט דער חושך,
און שליידערט זיך אַליין מיט וויכער און מיט וואוט,
די ערווה שמייסנדיק פון דר'ערד מיט אַ פאַרהאַלע,
וואו יעדע גאַס איז אָנגעזויגט מיט בלוט
און יעדער פלאַץ פאַרטרונקען איז מיט קללה;

דערזען, ווי ס'וואַרפט געביי זיך אויף געביי, ווי וועל אויף וועל,
ווי גאַסן קאַרטשען זיך און פלעצער רייסן זיך אין ווייטן אור אויף,
אַז מיט אַ מענטשן־ביין אין מויל, פאַרוויקלט אין אַ פעל,
זאָל דורכגיין צו דעם ראַנד דער לעצטער דייטשישער מטורף
„סאַדאָווסקי! — האָט געוואָלט זיך טאָן אים אַ געשריי,
ווען פון דער זעאונג איבערפולט איז ער געווען שוין, —
ס'איז טויזנט יאָר! ס'האָט אונדזער מעכטיקע אַרמיי
געגעבן אַ מתנה זיי דער מענטשהייט!"

III.

די חורבות שפּאַרן, ווי געשווירן, ביז צום ראַנד,
באַזויפּענע מיט בלוט, פאַרלאָפענע מיט איַיטער.
פון אָט דער ערווה אויפגעשטאַנען איז דער דראַנג
נאָך מאָרד און רויב, נאָך תליה און נאָך שייַטער.
דאָ פונקט ווי פון אַ מבול אומקומען וועט ער,
קיין פויגל אין דער לופט וועט, שוועבנדיק, אים ניט דערקאָנען.
אָט שטייט ער אויף דעם לעצטן שענדלעכן פאַרהער
פון קבר, פון האַרמאַטן און קאַנאָנען:
די דעכער וואַרפט אַראָפּ, אַנטבלויזט די ווענט!
די בלוט־פאַרפלעקטע פעל טוט אויס די ברוינע!
דורך אייך איז זיבן מאָל געלעסטערט און געשענדט
די גנעסט די הייליקע פון מענטשן־וואוינונג.
זאָל וויסטקייט זיין דער איבערבלייב פון אייך,
און זומפּ זאָל זיין פון אייערע יאָרהונדערטן דער סימן,
און איבער הוילע חורבות פונעם דריטן רייך
אַן אָפּגרונט לויערן זאָל פון דער הייך אַנשטאָט אַ הימל!

IV.

געפלויגן דיין געדאַנק איז גיכער פון אַ פייל.
אָבער דעם באַרג פון פיין אַדורך וועט עמעצער דען קאָנען?
ער האָט פאַרמאַכט די אויגן אויף אַ ווייל,
דערזען ביי גריבער אויסגעשאָכטענע מיליאָנען,
און מחנות צו דעם טויט געפירטע פון אָרום
אונטער דער וואַך פון אַוטאָמאַטן, קאַסקעס און פון הערנער,
און שטעטלעך טויטע ער דערזען האָט אומעטום,
בית־עלמינס גייענדיקע פון גובערניע צו גובערניע:
פּאָנאַר... טרעבלינקע... מיידאַנעק... סאָביבור —
אונטער די טריט פון הירזשענדיקע הענקער און באַגרעבער.
דאָס ניט־געשטילטע בלוט געגעבן האָט פון אינוויינִיק אַ זשבור
און דייטשלאַנדס בראָך פאַרטרונקען, ווי אַ הרעבליע.
פאַרשווענקען האָט עס אַלץ פון זוים צו זוים,

און ניט געווען פאַר דעם קיין אָפּהאַלט און קיין צאַמען.
אפילו ווען די גאַנצע וועלט זאָל חרוב ווערן אַט אַזוי,
וועט עס דען אויסקויפן איין ריס ביים גרוב צום זויגקינד פון אַ מאַמע?

V.

ווי צויגן ליגן זיך די פוריעס אונטער בליי,
און היצעליעס געפּאַנצערטע — מיט זיי צוזאַמען.
וועלן דען לעבעדיק דערפון נאָך ווערן אויפדאַסניי
די ידישע די שטילע, טויזנטיערעדיקע שטאַמען,
וואָס האָבן וואונדער־קינדער אויסגעוויינט אין צער
און מוחות שאַרפע פאַר דער וועלט געליפערט?
עס גיט זיך יעדע ווייל דער אָפּגרונט אַ צעשפּאַר,
דער ווי ווערט וואָס אַמאָל פאַרשניטענער און טיפער.
ער ליגט, דער גאָווערדיקער גולם־גיר, געלייִמט
אונטער די קופּאָלן, ווי מעשענע צעקרימטע פאַנען.
וועט עס דען אומקערן גור־אריהן זיין היים,
וואָס איז צעאַקערט שוין, פאַרוואַקסן מיט בוריאַנען?
אַ טרייסט גיט זיך אין האַרץ נאָך אַ צעבלי,
און ווי אַ קינד ער נעמט זי מיט געמורמל זיך פאַרוויגן:
וועט אויפוואַכן דען אויף דער טויטער שטילקייט פון בערלין
דער ידישער דער טויזנטיערעדיקער ניגון?

VI.

מיט בייגעלעך פּאַפּיר, צעוואָרפן ווער וואוהין,
האַלב אויף די קני און אויפגעלויכטן די געזיכטן,
געשריבן האָבן בריוו די רויטאַרמייער פון בערלין
אין שטעט אין רוסישע, אין דערפער, אין קאָלווירטן:
אַ גרוס פון דעם צעקנאָדערטן קורפירסטנדאַם,
אַ גרוס פון די פאַרבראָכענע „אונטער די לינדן”;
געפלויגן זיינען זיי, אין ערגעץ ניט געזאַמט,
מיט פרילינגדיקן צוויט — מאַיאָוון, בליענדן.
און אויפגעריכט־צעשטרייט, דעם ווי פאַרפרעסט,
געבלאָנקעט האָט גור־אריה מיטן בליק מיטן פאַרוויטן.
אַ קוק געטאָן ביי איינעם דעם אַדרעס,
דאָס כתב ס׳געפליגלטע אַ קוק געטאָן ביים צוויטן.
— וואָס שרייבסטו ניט, גור־אריה, עמעצן קיין בריוו? —
האָט אָנגעשטעלט אויף אים סאַדאָווסקי זיינע ברעמען.
און דורכגעשווינדלט פאַר גור־אריהן האָט דער ריוו:
— איך האָב ניט, חבר קאָמאַנדיר, צו וועמען!...

41. טאַטע!

I.

אַ קויל איבער דעם בראָך גיט וועקנדיק אַ לאָף,
אָן אָדערל אַ רויטס גיט פון דער פינצטערניש אַ שניַיד אויס.
דאָס חרובֿע בערלין פאַרזונקען איז אין שלאָף,
און ס׳קריכט די נאַכט דורך לעכער פון געביידעס.
ווי אויגן־גריבער קוקן פענצטער אויפן ברוק,
אַראָפּגעבויגענע, מיט אַש די חרפּה זיך פאַרשטעלן.
גנביש גיבן שטשורעס זיך פון זיי אַ רוק
און בלייבן שטיין ביי ניט־דערקאַנטע שוועלן.
דאָס קאַנצלער־הויז זיך רייכערט נאָך. דערברענט.
דער איינבונד פון די גאַסן — אויסגעהוילט און ליידיק.
ווי היפּטן שטיינערנע, ווייזן זיך איינס דעם צווייטן — ווענט,
און ס׳פאַלט אויף זיי אַ דאַך, ווי אַ צעקרימטער פרײַדיק.
פון קעלערס יעדע ווייל באַהאַלטענע אַ צאָל,
ווי ווערעם, לאָזן זיך אַרויס אין אַש זיך טאָן אַ נישטער;
ניט אומגעענדערט זיינען בלויז די אייגוואוינער פון צאָ,
פאַרוואונדערונג ביי זיי, און אומרו, און צעמישטקייט.

II.

זיי ציען דורך נעזלעכער אַריין דעם גרויל
און ווערן ווי פאַרגליווערט אין אַן אורשפּרינגלעכן ציטער.
עס בלאָנדזשעט אום אין זיי אַ פּיבערדיק געהויל,
ווי נאָך אָדער ווי ערבֿ אַ געוויטער,
דאָס איינציק אָרט, וואו די נאַטור האָט אויף איר שוועל
אַריבערטרעטן ניט געלאָזט דעם הויך פון דער אימפּעריע;
וואו ניט פאַרוואַנדלט האָבן ווערעם זיך אין וועלף
און וואו ס׳באַמיען ניט די וועלף פאַרוואַנדלען זיך אין ווערעם;
וואו אַ שאַקאַל איז אַ שאַקאַל דורך אַלץ, וואָס אים באַלאַנגט, —
אי דורך דעם גוסט, אי דורך דעם גייסט, אי דורך דעם גאַווער;
וואו ס׳פאַלט ניט איין זיך צלמען דער שלאַנג,
און ס׳גיט פאַר „פּרעפּל״ זיך ניט אויס דער מאַלפישער געהאַווע.
דורך זיי באַהעפט זיך איצט גערמאַניע צום באַשאַף,
איר אויבערמענטשלעכקייט דורך זיי באַדאַרף מען זען איצט.
נאָר ס׳הייבט דעם האַלדז אויף, ווי אַ שלאַגבוים, דער זשיראַף,
ווי פון דער שטאָט דעם צאָ וואָלט ער איצט אָפּגעגרענעצט.

III.

די קאַנטורן פון שטאָט האָבן באַגינען זיך אַנטבלויזט,
עס האָט געדוכט: אין שלאָף די חורבות זיך באַוועגן.
גור־אריה האָט זיך אומגעקערט פון וואַך — די ביקס פאַראויס
איבער צעפלאַנטערטע און כראָפּעבדיקע וועגן.
דער אויפגאַנג האָט ניט אויפגעוועקט די שטאָט פון שלאָף,
און ניט געפאַלן איז אויף איר קיין ליכט פון בלאַנדזשענדיקער שרפה,
געלעגן איז זי אַ געשמיסענע, ווי נאָך דער שטראָף,
די גאַסן — אָפּגעגאַרטלט, ווי געפּלאַצטע רייפן.
און ערגעץ ביי אַ סקווער — אַ ביימל אַ פאַרבראַכנס האָט געגרינט,
קיין בלעטער האָבן זיך אויף דעם ניט אַנגעזען נאָך.
אַט גיט אַ רוף אַרויס פון דעם אַ שאָרך דער ווינט,
אַט לאָזט זיך אַ געוויין אַ דינס אין דעם דערקענען...
צי ווירקלעך ריגעווען די בראַכשטיקער זיך אויפן ווינט?
צי דוכט זיך אים דאָס ביימל אויס? און צי דאָס ביימל גרין איז?
גור־אריה האָט זיך אָפּגעשטעלט. דערזען אַ קינד
אַרויסקריכן פון צווישן די רואינעס.

IV.

ס׳האָט ניט געוויינט. קיין שטעמפּל איז אויף דעם געווען פון שרעק.
די אויגן אַנגעשטעלט דעם צוגעקומענעם אַנטקעגן.
ניט ווייט פון דעם, פאַרהילט אין שטיקלעך זעק,
אַ פרוי איז אַ דערהרגעטע געלעגן.
דער אויפגאַנג אויפגעפלאַקערט העלער האָט ביים ראַנד,
די וואָלקנס אָפּגעגילדט, דעם רוים פאַרנומען.
פאַרוואָרפן צו דעם ברוק געבלייכט האָט זיך אַ טויטע האַנט
מיט אַ געשטעמפּלט־אויסגעברענטן נומער,
ווי זי וואָלט טויטערהייט געטײַטלט צום באַגין,
ווי זי וואָלט טויטערהייט געמאָנט ביי דעם, וואָס גייט פאַרביי דאָ,
ווי זי וואָלט טויטערהייט געוויזן אויפן קינד
און אויף דער וועלט דער גאָרער טויטערהייט געטײַטלט...
אַראָפּגעלאָזט האָט זיך גור־אריה אויף די קני,
זיך איינגעקוקט אין קינד, דעם ווי פאַרקלעמענד.
צי ס׳קער זיך אָן דער פרוי צי ניט,
ווי ס׳זאָל ניט זיין, וועט ער אַלצאיינס מיט זיך עס נעמען!

V.

אַן אָפּגעשונדענע געלעגן, ווי אַ פּגר, איז די שטאָט,
אַרויסגעמייקעט מיט דעם איינגעוויד דעם „דראַנג נאָך אָסטן".
געטאָרטשעט האָט פון איר פאַרקריפּלט שטאָל,
דער בראָך האָט מיט דער חרפה זיך געמאָסטן.

ווי איבער טרעפ געגאַנגען דער קאַיאַר איז איבער ווענט,
זיך אויסגעהויכט אין רוים האָט דאָס פּרימאַרגעדיקע הייטל.
גענומען האָט דאָס קינד גור־אריה אויף די הענט,
איבער די חורבות גיין געלאָזט זיך ווייטער...
ער האָט אַ סמאָקע מיט די ליפּן דעם געטאָן,
אין טאַש עפּעס פּאַר דעם אַ זוך געגעבן
און פאַרגעזעצט דעם גאַנג מיט דעם אויף טאָג,
און פאַרגעזעצט דעם גאַנג מיט דעם אין לעבן.
אַ צוויטשער, ווי אַ פייגעלע, געגעבן האָט דאָס קינד,
געדוכט האָט זיך גור־אריהן, אַז סע זאָגט אים „טאַטע!"
און מיטאַמאָל האָט ער דערזען דאָס ביימל, ווי סע גרינט,
און זיך פאַרטראַכט, ווען ס'האָבן בלעטעלעך אויף דעם געטאָן אַ פלאַטער.

VI.

ביים מענטש איז צווישן פרייד און פּיין קיין גרענעץ ניט פאַראַן,
ווי צווישן ליכט און שרפה ניט פאַראַן איז זי ביים פייער.
ער האָט זיך אין די קברים פון זיין היים דערמאָנט,
וואו ס'איז אין איטלעכער אַ טענה צו דער וועלט פאַרטײַעט...
אים האָט זיך אויסגעדוכט ביי דעם באַגינען־פלאַם,
אַז ס'יאָגט אים אָן דאָס קול פון קינד ביים ריוו און ס'שניידט אים:
„וואָס שיט מען מיר דאָ אין די אויגן זאַמד?"
נאָר ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. ער איז געגאַנגען ווייטער.
אַנטקעגן אים האָבן געקעפּטע זקנים זיך געשטעלט,
פאַרקוילטע קינדער זיינען דורכגעגאַן פאַרביי אים.
עס איז געווען פאַרטאָג. מיט ליכט האָט זיך פאַרפּולט די וועלט,
און ער איז מיטן קינד געגאַן איבער אַ ים פון אַש און פייער.
ער איז געגאַנגען מיטן קינד און האָט געטראַכט:
ווער ווייסט, צי קאָן די פרייד אַנטקעגנשטעלן זיך דעם טרויער?
נאָר ס'האָט אַ טרייסט אין אים געבליט מיט אַ באַגינענדיקער פראַכט,
געוואָלט האָט ער זי אויסשרייען און יעדן איינציקן פאַרטרויען:

VII.

דעם קיום קערט אויפסניי זיך אום דער תוך און דער באַטייט,
ס'שטעלט די נאַטור דעם אומבייט אויף פון בליען און פון וועלקן.
ניט חלומען וועט קיינמאָל זיך דאָס הענקער־לאַנד דער צייט,
און ניט דערמאָנען וועלן אין דער צוקונפט עס די פעלקער.
ווי בשורות קלינגען אָפּ די רויטאַרמייער־טריט,
צו זיי זיך שטרעקן, בענקענדיק, פון גאָרער ערד די ווענט.
עס וועלן קינדער שלאָפן רואיק און באַהיט,
און ס'וועט די וועלט אַ גליקלעכע זיי גיין אַנטקעגן,
און מענטש צו מענטש — אין ברודערשאַפט פאַרטרויט,

פאַראייניקט אין באַשאַף — אַן אומה צו אַן אומה.
סזועט קיינער מער ניט טרעטן אויף די פעלדער ס׳ברויט,
באַרופן אויף די בייטן בליען וועלן בלומען.
און בלענדן וועט אין רום די רויטאַרמייער־שווערד אויף ווייט —
די ריכטערין די גרויזאַמע פון הענקער־לאַנד גערמאַניע.
ניט חלומען וועט זיך עס קיינמאָל מער דער צייט,
און אויף דער ערד וועט מען עס קיינמאָל ניט דערמאָנען!

■ ■ ■